STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05935

# VEN POYLN IZ GEFALN

Joseph Opatoshu

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## י. אָפּאַטאָשו

# ווען פּוילן איז געפאַלן

פאַרלאַג „יידיש"

פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג

# פון פאַרלאַג „יידיש״

●

נאָך דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס פאַרלאַג „יידיש" האָט אָפּגעהאַלטן מיט זיינע ערשטע אויסגאַבעס, אַרויסרופנדיק די גרעסטע אַנערקענונג, נישט בלויז אין דעם אַרגענטינער יידישן ישוב, נייערט אויך אין דער גאַנצער יידישער וועלט, וואוהין עס איז נאָר דערגרייכט געוואָרן דאָס יידישע בוך, איז איצטער צוגעטראָטן אַרויסגעבן ביכער פון די ווערק פון גרויסן יידישן פּען קינסטלער, י. אָפּאַטאָשו.

די דאָזיקע אַרבעט פון אַרויסגעבן אָפּאַטאָשוס ליטעראַרישע קינסטלערישע שאַפונגען פאַלט גראַד צונויף מיט דעם סוף פון דער גרויסער וועלט־שריפה, נאָכדעם ווי פאַר אונזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט די טראַגישע ווירקלעכקייט פון דעם חורבן אין אונזערע אַלטע אייראָפּעאישע ישובים. מיט דעם אַרויסגעבן ווערק פון די מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור דערפילט דער פאַרלאַג „יידיש" דעם גרויסן חוב, וואָס דער יונגער שעפערישער ישוב אין אַרגענטינע נעמט אויף זיך, און היינט, ביים צוריק אויפבויען די ישובים אין אייראָפּע, ווערן אַזוי אַרום אויפגעפרישט די קינסטלערישע ווערק פון די מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

פאַרלאַג „יידיש", וואָס טוט אַ גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, נישט בלויז מיט אַרויסגעבן דאָס יידישע בוך, נאָר אויך מיט דעם פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, נוציקט זיך אין דער מיטהילף פון אַלע פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור, בכדי אַזוי אַרום צו קענען רעאַליזירן די ווייטערדיקע פּלענער, וואָס מיר האָבן זיך אַנגעצייכנט אויפן געביט פון יידישן פאַרלאַגס וועזן. מיר האָפן, אַז די בעסערע יידיש־לייענער וועלן אַרויסווייזן אויף להבא די פּאָזיטיווע באַציאונג אַזוי ווי פאַרלאַג „יידיש" פאַרדינט עס.

„ווען פוילן איז געפאַלן" געהער צו אָפּאַטאָשוס לעצטע ווערק. נאָכדעם ווי איבער די שטעט און פעלדער און וועלדער פון פוילן האָט זיך דורכגעטראָגן דער שטורעם פון אומקום און פאַרלענדונג דורך די ברוינע משחיתים, איז כדאי, אַז דער יידישער לייענער עולם, ביי אונז דאָ, זאָל זיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן מייסטערווערק אין וועלכן עס שפּרודלט מיט אַזוי פיל יידיש לעבן אויף דער פוילישער ערד און וואו עס שפּיגלט זיך גלייכצייטיק אָפּ די קאַמפן און שטרעבונגען פון דעם פאַרמלחמהדיקן שטאַרקן פוילישן יידנטום.

דאָס דאָזיקע ווערק „ווען פוילן איז געפאַלן", איז אין נאָרד־אַמעריקע שוין אויספאַרקויפט און דער מחבר האָט — ווי באַוואוסט — באַקומען פאַר דעם ווערק די לואיס למד פּרעמיע. עס איז דעריבער כדאי און געוואונטשן, אַז דאָס דאָזיקע בוך „ווען פוילן איז געפאַלן", צוזאַמען מיט אַנדערע ביכער פון אָפּאַטאָשוס פעדער, זאָל זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז.

בוענאָס איירעס, יולי 1945.

J. OPATOSHU

# VEN POILN IS GEFALN

(CUANDO POLONIA HA CAIDO)

EDITORIAL "IDISCH"
Bartolomé Mitre 2146

BUENOS AIRES
1945

# ווען פוילן
# איז
# געפאלן

פארלאג יידיש
בוענאס איירעס

PRINTED IN ARGENTINE

Hecho el depósito que
marca la ley 11.723

EDITORIAL "IDISCH"
Bartolomé Mitre 2146

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| אונטערוועגס | 13 |
| געסט | 23 |
| אין אַ שלעפּ־צוג | 28 |
| אין אַ שטעטל | 33 |
| אויפן גזשיבאָוו | 38 |
| קיוועקע גנב | 43 |
| דער דייטש קומט אָן | 48 |
| ווען דער שונא הוליעט | 53 |
| אין טשערוואָני באָר | 58 |
| אבלים | 63 |
| דער סראָצקער רבי | 69 |
| חורבן | 74 |
| נאָך ברויט קיין וואַרשע | 80 |
| אין קיינעמס לאַנד | 85 |
| אין פלאַמען | 90 |
| ווען וואַרשע האָט געברענט | 95 |
| דאָס אויסערן־מיניסטעריום | 100 |
| אַ וויזע | 105 |
| אין אַ זאַווערוכע | 110 |
| איין אתרוג | 116 |
| אין היינטיקער וואַרשע | 121 |
| צווישן חורבות | 126 |
| אויף סמאָטשע גאַס | 131 |
| לייטענאַנט פריץ עקערמאַן | 136 |
| צוואַנציק יאָר שפּעטער | 141 |
| בעטל־ברויט | 146 |
| הייסע ווינטן | 152 |
| אויף אַרבעט | 157 |
| אין אַ פערד־שטאַל | 163 |

זייט


פון דער געטאָ — 169
די געלע לאַטע — 174
אין געטאָ אַריין — 179
אויף די באַלעוועקעס — 184
דאָס חופה־וקדושין פינגערל — 189
גירוש וואָלקאָ — 195
גירוש קוצבארג — 201
ביי מלאַווער לאַנדסלייט — 206
צו קינות — 212
יאַשאַ פּאַרטיזאַן — 217
קאַליאַ — 224
אַ בראַסלאַווער חסיד — 231
אין חשוונדיקע רעגנס — 236
אַ שבת נאָכמיטאָג — 243
זון - פאַרגאַנג — 248
אין וואַלד — 253
גאַי שוין, גאַי — 259
שבת — 265
מסירת - נפש — 270
ווייטע ריחות — 275
„מזרח בלומען" — 280
אויגן — 286
ר' פינחס — 292
„ברידער, יידן" — 297
פּאַרטיזאַנער — 302
ווען פּוילן איז געפאַלן — 307

# רערציילונגען

# אונטערוועגס

## I

דער צוג פּאַריז-וואַרשע האָט זיך דערנענטערט קיין בערלין. ס'איז געווען אַרום האַלבע נאַכט. פון אַכען, דער דײַטשישער גרעניץ, האָבן פענער אין די הונדערטער, אין די טויזנטער, רויטע פענער מיט שוואַרצע סוואַסטיקעס, באַגלייט דעם צוג. און אַז די נאַכט האָט גענומען צופאַלן, גענומען שלינגען פעלדער, ביימער, פענער, האָבן איבער גאַנץ דײַטשלאַנד זיך אָנגעהויבן צינדן שטורקאַצן און פייערן. נישט ווייט פון בערלין האָבן די פייערן אַזאַ פלייץ געטאָן, אַז ס'איז געוואָרן אוים נאַכט. אַלץ איז געשטאַנען אין פלאַמען — וועלדער, פאַרשטעטלעך, בערלין — אַלץ האָט אויסגעזונגען די בשורה.

— דײַטשלאַנד האָט געזיגט!

אין די באַנען אַבער, וואו ס'זיינען געווען ווייניק אויסלענדער, האָט זיך די שמחה אינגאַנצן נישט געוואָרפן אין די אויגן. שוין יאָרן, ווי דײַטשן שמועסן נישט אין די באַנען מיט קיין אויסלענדער. צווישן זיך — אויך נישט. מען זיצט פאַרדאַגהטע, אָנגעכמורעטע, ווער איבער אַ צייטונג, ווער איבער אַ בוך. קומט אין וואַגאָן אַריין אַ נייער פּאַסאַזשיר, קוקט מען אויף אים, מען באַטאַפּט אים מיט די אויגן, מען באַטראַכט זיין געפּעק, מען וואַרפט פון דער זייט בליקן, וואָסערע צייטונגען ער לייענט, אין וואָסערע ביכער ער קוקט אַריין. מען הערט קיין וואָרט נישט וועגן די געשעענישן, וועגן דעם, אַז ס'איז נאָר-וואָס אויסגעקומען געוואָרן אַ וועלט-מלחמה. און עס

דאכט זיך, אז די אלע פארדאגהטע פארשווינגען זיצן דא אין וואגאן בלויז נאכצוקוקן און נאכצושפירן איינער דעם אנדערן.

אין עס-וואגאן איז געווען שיטערלעך. כ'האב זיך צוגעזעצט. אנטקעגן מיר איז געזעסן א יונגער, בלאנדער דייטש. ער האט גע-טרונקען שווארצע קאווע און געלייענט א בוך. דער דייטש האט מיך דורכגענומען מיט זיינע קאלטע שטאלענע אויגן, אז ס'איז מיר געווארן אומהיימלעך. צי דערפאר וואס כ'האב אים נישט באגריסט מיטן „הייל היטלער", צי דערפאר, וואס א ייד האט זיך לעבן אים צוגעזעצט. אין די אויגן ביי אים איז געווארן אזא רשעות, אז די שטול איז אונטער מיר געווארן היים און כ'האב מיט די אויגן גע-נומען זוכן אן אנדער פלאץ.

ס'איז אונטערגעקומען דער קעלנער מיטן באשטעלטן קעז-סאנדוויטש, מיטן טעפל קאווע. ס'ברויט האלב שווארץ און טרוקן, איז געווען נעכטיקס צי אייערנעכטיקס. פון דעם צוגעטיילטן שטיקל צוקער איז די קאווע געבליבן ביטער. כ'האב געפרעגט דעם קעלנער צי ער האט נישט קיין פרישער ברויט, צי מען קען נישט קריגן נאך א שטיקל צוקער. וועגן ברויט האט ער מיר גארנישט גע'ענט-פערט, וועגן צוקער:

— ווינשען זי נאך א „פ א ר צ י ע" צוקער? ביטע שיין, ביטע!

און אז דער קעלנער איז אוועק, האט מיין שכן נישט אויפ-געהויבן די אויגן פון בוך און א זאג געטאן אזוי, ווי ער וואלט ארויסגעלייענט די ווערטער, זיך נישט געווענדט צו מיר:

— אלט ברויט איז שפארעוודיקער, מען עסט עם ווייניקער.

כ'בין קריק געגאנגען אין מיין קופע. אין די וואגאנעס, וואו די ליכט זיינען געווען פארהאנגען, האבן די פאסאזשירן געדרעמלט. קעפ — פארווארפן, פיס — אויסגעצויגן. די באן איז געווען א גע-פאקטע. צווישן די דורכגענג זיינען פאסאזשירן געשטאנען מיט זייער געפעק, נישט געהאט קיין פלאץ צו זיצן. כ'בין אריין אין קופע און האב זיך געזעצט אויף מיין פלאץ לעבן פענצטער. די פינף מיטפארער האבן געדרעמלט. ס'איז געווען טונקל. אין דער וואגאן

סטעליע האָט געבלישטשעט אַ קליין בלוי לעמפל. רעדער האָבן מיט אַ גרויס געקלימפּער זיך געביסן אין די רעלסן, געשלונגען שטח, פאַרהילכט ס׳געמורמל פון די פּאַסאַזשירן אָן פלעצער. די אומצו-פרידנקייט איז געוואַקסן. די טירן פון די קופּעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין עפענען, און איין פאַרמאַכן. אַ געוויקסיקער דייטש מיט אַ וואַליז אין דער האַנט, האָט אַזאַ פּראַל-אויף געטאָן די טיר פון מיין קופּע, אַז מיינע מיטפּאַסאַזשירן האָבן אויפגעהערט דרימלען און זיך גענומען אַרומקוקן. דער דייטש האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און נישט געפרעגט, נישט געבעטן, נאָר אויסגערופן, ווי אַ מלחמה-רוף:

— אויב ס׳געפינט זיך אין קופּע אַ דייטשישער „יודע״, זאָל ער אַפּטרעטן ס׳פּלאַץ אָן אַריער!

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. מען האָט פאַרוואָרפן די קעפּ און ווייטער געדרעמלט. מיר אָבער האָט ס׳בלוט אַ שלאָג גע-טאָן אין די שלייפן. כ׳האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען. די ווענט פון דער קופּע האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען איינרוקן. מיינע ברייט-צעעפנטע אויגן, טרוקן ווי פייער, האָבן אויפגעכאַפּט יעדן פּאַסאַזשיר, האָבן דורכגעלעכערט די ווענט, ס׳פינצטערניש. די אוי-ערן, וואַכע, האָבן אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך, יעדן קלאַנג, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די ווייטע וואַגאָנעס, וואָס האָבן זיך געכפּלט:

„אויב ס׳געפינט זיך אין קופּע אַ דייטשישער יודע, זאָל ער אַפּטרעטן ס׳פּלאַץ אָן אַריער״.

כ׳האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן, מען זאָל דערהערן אין אַלע הימלען, זיינען די ליפּן ביי מיר געווען פאַרקוועטשט און צוזאַמענ-געדריקט, ווי מילשטיינער. כ׳בין געזעסן אין געהאַקטע צרות און שטאַרק מקנא געווען אונדזערע זיידעס און עלטער-זיידעס, ג אַ נ-צ ע יי ד ן, וואָס האָבן אויפגענומען ס׳רשעות פון דער גויאישער וועלט, ווי מען נעמט אויף פינצטערע נאַטור-כוחות, ווי מען נעמט אויף אַ געוויסער, ווי מען נעמט אויף אַ וואָלקנבראָך, צי גאָר ווי מ׳נעמט אויף אַ משוגענעם הונט. אַזאַ באַציאונג האָט אָוועקגע-שטעלט אונדזערע זיידעס מיילן העכער פונעם רשעות און דאָס האָט זיי געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

און איך האָב זיך געפרעגט:

וואָס פאַר אַ כוח האָבן מיר, היינטיקע יידן, אַנט-קעגנצושטעלן דעם רשעות פון דער וועלט? דער כוח פון רעליגיע? פון סאָציאַלער גערעכטיקייט? פון וועלטישקייט? פון יידישקייט?

און איך האָב זיך געפרעגט:

וועמעס יידישקייט? די נביאימס? דעם רמב"מס? ר' יהודה הלויס? צי גאָר משה העסעס? יצחק לייבוש פּרצעס?

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. געפּעק-טרעגערס זיינען באַ-פאַלן די וואַגאָנעס. געזוכט אויסלענדער, איידל געפרעגט:

— קיין וואַרשע, מיין הער?

— קיין ריגע?

— קיין קאָוונע?

כ'האָב אָפּגעענטפערט. וואָס כ'זעץ זיך איבער אין אַ פּוילישן צוג. דער שלעזישער וואָקזאַל — איין גרויסע אילומינאַציע. איינער פון מיינע קופּע-שכנים, וואָס האָט מיט מיר פאַר די צוועלף שעה פאָרן קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, איז אויפן וואָקזאַל אויסגע-וואַקסן לעבן מיר. כ'האָב אים געפרעגט:

— איר פאָרט קיין פּוילן?

— ניין, — האָט ער אַ נעם געטאָן מיין האַנט, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט געזעגנען מיט מיר און האָט מיר פאַטערלעך אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין — „יודע"?

ערשט איצט האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז ס'רעדט מיט מיר אַ דייטשישער ייד און איך האָב זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים. אים פאַרזיכערט אויף שטום-לשון, אַז ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות. יידישע פּקחות האָט אויפגעלויכטן אין דעם פאַרכמורעטן דייטשישן פּנים. דער ניגון האָט פאַרוואַנדלט די דייטשישע ווערטער אין יידי-שע. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו מיר:

— איר האָט געזען ווי דער „רשע" האָט מיך געזוכט, געזוכט אַ דייטשישן ייד? נאָך האָט חרוב געמאַכט נינוה, חרוב געמאַכט אשור, ר'וועט די רשעים אויך אומברענגען.

כ'האָב אים נאָכגעקוקט, ווי ער איילט זיך איבער דער פּלאַט-פאָרם, שלעפּט אַ שווערע וואַליז, לאָזט זיך אַראָפּ מיט די שטיגן

פון שלעזישן באנהויף. דער דייטשישער ייד איז מיר געוואָרן נאָענט. ס'איז מיר איינגעפאלן, אַז דאָס גייט ער גאָרנישט אַהיים, גייט מיט אַ שליחות, גייט טאָן אַ דבר-מצוה.

מיין געפעק-טרעגער איז אויסגעוואַקסן:

— איר קומט אָן די באַן קיין ווארשע.

אָקטאָבער, 1938.

## II

די דריי מיט אַ האלב מיליאָן פוילישע יידן לעבן איבער שווערע צייטן. ווייניק וואָס מען רייסט אַרויס ביים ייד דעם ביסן פון מויל, איז ער אויך נישט זיכער מיטן לעבן. אין ווארשע, צי אויף דער פּראָווינץ, ווי דער אָוונט פאלט צו, גייען נישט יידן אין גאַס אַריין. דאָס האלט שוין אַזוי אָן חדשים. און אַז מען מוז ערגעץ צוגיין אין אָוונט, לאָזט מען זיך אין צווייען, אין דרייען, ווי מען וואלט נישט געוואוינט אין דער „קולטורעלער" ווארשע, נאָר ערגעץ אין אַ העק צווישן גזלנים.

די פאשיסטישע פוילן האָט זיך פאַרנומען אויסצוראָטן די יידן. וואו מען גייט — אין גאַס, אין טראַמוויי, אויף די באַנען — הערט מען אָפענע דבורים: „מען דאַרף די יידן אויסשעכטן". אמת, נישט אַלע פּאָליאַקן זיינען פאַשיסטן. פוילישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, פוילישע ראַדיקאַלן האָבן מער ווי אַ גוט וואָרט פאַרן ייד. זיי שטעלן זיך איין פאַרן ייד. זיי כאַפּן און גיבן קלעפּ און שטעלן זיך איין. די „חסידי אומות העולם" זיינען אָבער אַ הייפעלע. זייער מסירת-נפש ווערט דערטרונקען אין אַ ים פון רשעות, וואָס די רעגירונג האלט אונטער.

כמעט יעדער פּאָליאַק, פון דעם פּראָפעסאָר ביז דעם סטרוזש, זיינען, ווי איבער נאַכט, געוואָרן „ביאַלאַגן", „אַנטראָפּאָלאָגן". אַלע זיינען באַהאַוונט אין העכערע און נידעריקע ראַסעס. אַלע ריידן וועגן בלוט-מישונג, וועגן דעם, אַז דער סלאַוו מיטן ייד זיינען קיין פּאָר נישט. און אַז צוויי שכנים קאָנען זיך נישט צוזאַמענלעבן, מוז

איינער אפטרעטן, מוז אוועקגיין. און וואס פאר א „פאליאק" איז דער ייד, אז ער האלט אין איין שיקן געלט קיין ארץ-ישראל, העלפט זיך בויען אן אייגן „פאטערלאנד"? און אז אן אנגעזעענער משומד, דער פוילישער דיכטער סלאנימסקי, חיים זעליג סלאנימסקיס אן אייניקל, האט אנגעוויזן, אז בלוטמישונג איז א ברכה פאר פעלקער, פון בלוטמישונג ווערן געבוירן גאונים, ווי מיצקעוויטש, ווי סלאווואצקי, ווי שאפען, — האט מען אים דערפאר עפנטלעך אויסגעפאטשט און צעשלאגן.

און דא רעדט זיך נישט וועגן די ארגאניזירטע „פיקעטס", וואס לאזן נישט אריין קיין קריסטלעכן קונה אין א יידיש געשעפט. דער יידישער סוחר רעאגירט שוין כמעט נישט דערויף. ער האט עס אויפגענומען ווי א פינצטערן גזר.

אין די ווארשעווער פארקן זיינען יידן הפקר. באוויזט זיך א ייד אין א לאנגער קאפאטע, באפאלן אים א כאפטע צען- צוועלף-יעריקע שולקינדער, רייסן פון אים שטיקער. און אז איך און אויך אן עלטערער פאליאק זיינען צוגעגאנגען צו א פאליציאנט און אים געפרעגט פארוואס ער דערלאזט עס, האט ער אונדז געהייסן זיך ווענדן צו א צווייטן פאליציאנט, ווייל ער שטייט אויף דער וואך, טאר נישט אפטרעטן פון זיין פאסטן. און דער היטער פון פוילישן געזעץ האט דערביי צוגעגעבן: „ווער הייסט אים, דעם „קאפאטשארזש", קומען אין גארטן אריין, ווען ער קאן זיך שפאצירן אויף דער זאמענהאף גאס?"

א יידישער זשורנאליסט האט מיר דערציילט, אז בשעת ער איז די טעג פארבייגעגאנגען דעם קבר פון דעם פוילישן אומבאקאנטן זעלנער, איז לעבן אים אויסגעוואקסן א פאליאק. די שרעק, אז מען קאן דיך באפאלן, איז אזוי גרויס, אז דער ייד האט אינסטינקטיוו ארויסגעכאפט זיין פאק שליסלען און איז גרייט געווען זיך צו פארטיידיקן. ארויסגעוויזן האט זיך, אז ס'האבן אים אפגעשטעלט צוויי לערער, א מאן מיט א פרוי, וואס קלייבן געלט פאר דער פוילישער פאלקסשול. אי דער ייד, אי די פאליאקן האבן זיך שטארק פארשעמט:

— ס'אמתע ווירטשאפט אין פוילן!

מיט דער נאכט באפאלט די ווארשעווער יידן אן אימה. פון מאל צו מאל א געלויף איבער די גאסן. מען פארהאקט די טויערן. ס'הערן זיך קולות, באנומענע קולות, אז ס'בלוט נעמט גליווערן:

— מען שלאגט!

— מען שלאגט יידן!

— מען שלאגט „ענדעקעס"!

אין אזוינע אוונטן איז די באציאונג צווישן די באלעבאסטעס און די פוילישע דינסטן אן אנגעצויגענע. די באלעבאסטעס באקלאגן זיך אין דער שטיל:

— אז מ'האלט א שונא אין שטוב.

אין די פרימארגנס, ווען יידן באגעגענען זיך אין גאס, דערציילט מען זיך נישט געשטויגענע זאכן. יעדע קלייניקייט צעוואקסט זיך, ווערט געכפלט. מען דערציילט, אז דא איז דערהרגעט געווארן איין ייד, דארט — צוויי. מען רופט אפילו אן נעמען. דערביי גיט מען צו:

— אין די צייטונגען וועט איר קיין ווארט דערפון נישט געפינען. מען טאר נישט שרייבן. ס'איז פארווערט.

אזוי האט עס אנגעהאלטן עטלעכע וואכן. און אז ביים יידישן ארבעטער, ביים יידישן טרעגער און פורמאן האט ס'געדולד געפלאצט, האט מען גענומען קריקשלאגן. ס'איז געווען צוויי טעג פאר יום-כיפור. אין פוילן — דער גרויסער יום-טוב פון טשעשין. ס'האט נישט געהאלפן, וואס „מה-יפית" יידלעך האט געשריבן, אז מ'דארף ביי טשעכאסלאוואקיע אפנעמען טשעשין, מען האט סיי-ווי-סיי געזאגט, אז די יידן זיינען פאררעטער. די פוילישע גרענעצן — אילומינירט. וואו א טראט — שטורקאצן, ציווילע און מיליטערישע קאפעליעס. קאן זיין א גרעסערער יום-טוב? פוילן וואקסט, צעוואקסט זיך פון ים-ברעג צו ים-ברעג. פוילן איז א גן עדן. יעדער גלח — גאטס שליח, יעדער ייד — א יודאש. און יעדער חראביע איז באשטימט פון גאט אליין צו רעגירן, צו טרעטן איבערן פויערס רוקן. קאן זיין א בעסערער שעת הכושר, ווי צו שלאגן יידן? האבן זיך א טאג פאר יום-כיפור אין אוונט באוויזן אויף די יידישע גאסן

„פאלאנגיסטן". אויף די ארבל — ווייסע ארעם-בענדער. מען איז געגאנגען גרופעסווייז. צו הונדערט, צו הונדערט-פופציק. אויף לעשנא, ארלא, פזשעיאזד, פזשעכאדניע, גראניטשנע, גזשיבאוו, דלוגע, זשאביע, רימארסקע — האבן די „פאלאנגיסטן" געשלאגן יידן, געהאקט שויבן, געשניטן יידישע לייבער מיט זשילעט-מע-סערלעך, געפייערט פוילנס זיג. ס'האט זיך זיי אפילו נישט גע-חלומט, אז אין אזא „הייליקן" טאג וועלן יידן זיך אנטקעגנשטעלן. און מיטאמאל האבן פון פארשיידענע הייף זיך גענומען ארויסשיטן יידישע ארבעטער, יידישע טרעגערס, יידישע פורמאנעס. מען איז געגאנגען ארגאניזירט צו פופציק אין א גרופע. יידן האבן זיך נישט פארטיידיקט, נאר אטאקירט, באפאלן דעם שונא מיט באנומענע קולות, אים געטריבן, געיאגט אין די הייף אריין. מען האט זיך גע-שלאגן מיט אייזערנע הענטשקעס, מיט מעסערס, מיט אייזערנע שטעקנס. און אז דער איבערגעשראקענער שונא איז געקומען צו זיך, איז עס געווארן א געשלעג אויף טויט און אויף לעבן. מען האט געדארפט טרייבן דעם שונא פון איין הויף אין צווייטן אריין, זיך שלאגן פאר יעדן שטיקל גאס. און אז מען האט שוין געהאט אנגע-ציילט, צוועלף צעשניטענע פאליאקן און אכט צעשניטענע יידן, ערשט דעמאלט האבן זיך גענומען באוויזן פאליציאנטן. מ'האט ארעסטירט נישט די אנפאלער, נאר די באפאלענע יידן. מען האט ארעסטירט דעם פארזיצער און דעם סעקרעטאר פון באקלייד-פאראיין. דער פאליציי איז געגאנגען אין לעבן אויסצוגעפינען ווער ס'האט ארגאניזירט דעם ווידערשטאנד.

דאס אנטקעגנשטעלן זיך האט געהאלפן. צומארגנס, ערב יום-כיפור, האט מען פארגרעסערט אויף די יידישע גאסן די פאליציי-פאטרולן. אין אלע ווארשעווער צייטונגען איז קיין ווארט נישט גע-ווען וועגן דעם געשלעג. אין ווארשע פרייט מען זיך נאך מיט דעם זיג איבער טשעכיע, מיט טשעשין. אין פוילן איז א גן-עדן.

און ביי די אלע נגישות, ביי די אלע רדיפות, האט דער פוילי-שער ייד נאך א סך לעבן אין זיך. מען רייסט ביי אים דעם ביסן פון מויל און מען איז געצוואונגען צו פירן מיט אים מסחר. מען איז נישט זיכער דורכצוגיין קיין גאס און מען בויט יידישע און העב-

רעאישע פאָלקס-שולן, מען בויט גימנאַזיעס און ישיבות. און צו „כל-נדרי" זיינען די שילן, די בתי-מדרשים און חסידים שטיבלעך געווען איבערגעפּאַקט. איך בין אוועק מיט אַ גרופּע יונגע שרייבער צו די בראַצלאַווער חסידים, וואָס זייער שטיבל איז אויף נאַוואָליפּיע 28. דאָס שטיבל איז געווען איבערגעפּאַקט. מען איז געשטאַנען אויף די טרעפּן, אין פּעדערהויז, אויפן הויף. דאָ דאַוונט מען גאַרנישט בציבור. איינער זאָגט, איינער קרעכצט און וויינט און ביי אַ דריטן זינגען אַלע ביינער. איבערן עמוד הענגט אַן אויפשריפט מיט גרויסע געכתיבנטע אותיות:

— געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש!

און הינטער די יידישע אותיות — אין העברעאיש:

„אין שום יאוש בעולם כלל!"

און אין מיטן דאַווענען, די פּלייצעס געבויגן, די טליתים איבער די קעפּ, האָט זיך אַ ייד צעשריען:

— געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש!

און די גאַנצע עדה האָט זיך צעשריען:

— געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מיאש!

וואַרשע, מוצאי יום כפור 1938.

# געסט

נאָוועמבער האָט ס׳פּויערים־פאָלק שוין גענומען ברענגען אין דער פּעפּלאָווקער וואַסער־מיל אַריין ווער אַ קערץ ווייץ, ווער אַ האַלבן, ווער אַ פערטל. דאָס האָט מען זיך געוואָלט באַצייטנס פאַרזאָרגן מיט מעל אויף די חגאות. די מיל האָט נישט גערוט. בייטאָג, ביינאַכט, ס׳וואַסער איז געפאַלן אויפן ראָד, וואָס איז שוין געווען באַדעקט מיט אײַז, געפאַלן מיט אַ רויש, כאָטש אַרום און אַרום איז געווען שטיל, די שטילקייט אַרום אַ מיל, ווען די לופט איז פול מיטן אָפּהילך פון ווייטע דונערן.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער, עסיקער פאַרנאַכט. דער מילנער, משה בידגאָשטש, איז שוין געשטאַנען אין דעם האַלבן שעפּסענעם פּעלצל, אין דעם פאַרגעלטן באַראַנקאָוועגעם היטל. ער האָט זיך שוין געקליבן אין שטוב אַריין, וואָס איז געשטאַנען אַ הונדערט איילן פון דער מיל. דער מילנער האָט בלויז געוואַרט אויפן זון זייַנעם, אויפן ניינצן יאָריקן הערשל, וואָס האָט געאַרבעט אין דער מיל ביינאַכט. און ווי די מיל האָט נישט גערוט, אַזוי האָט דער מילנער נישט גערוט. דאָ האָט ער געשאָטן מעל אין זעק, דאָ האָט ער לייכט געהויבן זעק תבואה, געזען ס׳זאָל זיין אַ גאַנצע נאַכט וואָס צו מאָלן.

די טיר האָט זיך געעפנט. אויף אַ פריער איז אַריין אַ ווייסער וואָלקן. נאָכן וואָלקן — הערשל. טאַטע־זון —ביידע הויך און ברייט. משה בידגאָשטש — אַ סך ייִנגער ווי זיינע פערציק יאָר. הערשל האָט זיך אַ בייג געטאָן צום פאָטער:

— הערסט גאָרנישט ווי מען שיסט ?

— שוין ווידער ?

— ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, טאַטע, האָט מען גענומען אַריי־בערשיסן פון דער דייטשישער גרענעץ און מען הערט נישט אויף.

טאַטע־זון האָבן געוואוסט, אַז דאָס „שוואַרצן" דייטשישע יידן די גרענעץ, פירן מיט זיך ווער אַ ביסל געלט, ווער אַ ביסל צירונג, וואָס מען האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה. אַנדערע, וואָס אַנטלויפן פון קאָנצענטראַציע לאַגער, קומען אַריבער אין איין העמד. דער גאַנצער מהלך איז אַ קנאַפּער וויאָרסט. ס'איז אַ צען, העכסטנס צוועלף מינוט גאַנג. און דאָ וואַלגערן זיך מענטשן אַ מעת־לעת, צוויי און דריי. מען ליגט אין ליידיקע קאַרטאָפל־גריבער, מען ליגט אין די זומפּן צווישן די דערשטעקלעך, ווי ווילדע חזירים. און ווי ס'פאַלט־צו די נאַכט נעמט מען זיך גנבענען פון די גריבער אין די זומפּן, פון די זומפּן צום לויפנדיקן וואַסער, וואָס פאַלט אַריין אין דער ווייסל. און דער שונא, דער דייטש, טשאַטעוועט, ווי דאָס וואָלטן נישט געווען קיין מענטשן, נאָר אַ געיעג אויף ווילדע חזירים.

דער מילנער האָט פאַרגעסן, אַז ס'ווייב וואַרט אויף אים מיט וויעטשערע. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן צום זון און נאָך שטילער גע־רעדט:

— אַנטעק וועט בלייבן אין דער מיל און מירביידע וועלן צוגיין.

אין איין כאַליעווע האָט דער מילנער אַריינגערוקט אַ פלאַטשיקע „מאַמע" בראַנפן, אין דער צווייטער — אַ רעוואָלווער.

טאַטע־זון זיינען אַרויס פון דער מיל. אַ קאַלטער, פייכטער ווינט האָט געבלאָזן פון דער ווייסל, געבלאָזן פון דעם לויפנדיקן וואַסער, וואו די מיל איז געשטאַנען. פלאַכטעס וואַסער האָבן זיך געהויבן, זיינען גע־פאַלן איבערן ראָד מיט אַ שוים און די לופט אַרום האָט געשפּריצט מיט טראָפּנס רעגן. די פייכטקייט איז פול געווען מיט פאַרשטיקטע קולות.

טאַטע־זון האָבן פעסטער פאַרצויגן די האַלב־שמוישענע פעלצלעך, טיפער אַראָפּגערוקט די באַראַנקאָווענע היטלעך. זיי האָבן דורכגעשניטן דאָס שטיקל אָלשינע וואַלד, וואו די דורכגעווייקטע ערד האָט געפּייפט אונטער די פיס, ווי אויפגעצוירן טייג. הונגעריקע קראָען האָבן זיך גע־טראָגן פון בוים צו בוים מיט אַ קראַקערײ. טאַטע־זון זיינען אַריבער די גרעבליע, וואו ס'לויפנדיקע וואַסער איז געווען אַזוי פלאַך, אַז ס'האָט

נישט דערגרייכט די קני. דאָ זיינען זיי געבליבן שטיין. זיי האָבן געוואָלט דורכרייסן די גדיכטע פינצטערניש, וואָס איז געשטאַנען עטלעכע טריט פון זיי, געשטאַנען ווי אַ וואַנט.

ביידע האָבן אָנגעשפיצט די אויערן. קולות, קולות, קולות. און צווישן די קולות — אַ ווייט שיסערייַ, אַ געפּליעסק, שטיקלעך געיאָמער. טאַטע־זון האָבן פאַרגעסן, אַז די דייטשישע יידן זיינען מגולחים, זיינען קעלבאַסניקעס, אַז זייער שוועל איז טריף, אַז זיי זיינען די ערשטע אָפּ־צולאָכן פון אַ פוילישן ייד מיט אַ באָרד.

טאַטע־זון, פון דורות דאָרפס־יידן, וואָס האָבן דריי מאָל אַ טאָג געדאַוונט, האָבן איצט קיין תרעומות נישט געהאַט צו די דייטשישע יידן. זיי האָבן געגנוי נישט געוואוסט וואָס ס'איז אַ „דבר־מצוה", וואָס איז פדיון שבויים, וואָס איז פקוח־נפש. וואָס זיי האָבן יאָ געוואוסט איז, אַז מען יאָגט יידן, מען נעמט ביי זיי אַלץ צו, מען טרייבט זיי איבער דער גרענעץ. דאַרף מען זיך מוסר־נפש זיין פאַר די געיאָגטע. און דאָס האָט משה מילנער געטאָן. צענדליקער דייטשישע יידן האָט ער אויסגעבאַ־האַלטן ביי זיך אין דער מיל. נישט בלויז האָבן זיי ביים מילנער געגעסן און געשלאָפן, מען האָט זיי אויך דאָ איבערגעטאָן, מען האָט פאַר זיי געקראָגן ביים „וואָיט" פּאַספּאָרטן און מען האָט זיי אַריבערגעפּעקלט צו דער רומענישער גרענעץ. האָט די דייטשישע גרענעץ־וואַך געשאָסן, איז געווען זיכער, אַז די וואַך יאָגט זיך נאָך יידן, וויל ביי זיי אַראָפּציען ס'לעצטע העמד פון לייב.

טאַטע־זון, געוויקסיקע, מיט עטוואָס געבויגענע קעפּ, זיינען גע־שטאַנען הינטער ביימער, געשטאַנען מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. און אַז ס'איז אַזוי פאַרביי אַ לענגערע צייט, האָט מען מיט אַמאָל דערהערט, ווי אַ קינד וויינט. דער מילנער מיטן זון האָבן זיך אַ שאַר געטאָן צום וואַסער. ס'געוויין האָט אויפגעהערט, ווידער זיך אָנגעהויבן, ווי מען וואָלט דעם קינד געוואָלט פאַרשטאָפן ס'מויל. אויפצוכאַפּן טריט איז געווען אוממעגלעך, ווייל ס'וואַסער האָט געשוואַנ־קען דעם ברעג מיט אַ פּליעסקערייַ, פאַרשוואַנקען די טריט.

הערשל האָט איינגערוימט דעם פאָטער:

— זיי שניידן ס'וואַסער. צוויי, פיר, זעקס פאַרשוין.

— אט איז די פרוי מיטן קינד! אט איז נאך איינע מיט א קינד!

— לויף, הערשל, זאג דער מאמען ס'זאל זיין גרייט הייסע קאווע.

און אז הערשל האט אפגעצויגן, איז משה מילנער אנטקעגנגע־גאנגען דער פארטיע. ער האט זיי געוואלט בארואיקן, אז זיי זיינען אין זיכערע הענט, אין יידישע הענט. ער האט זיך א שטעל געטאן אויפן ברעג אין זיין גאנצער הייך, א צענעם געטאן די הענט מיט אזא ציטער, ווי די הענט וואלטן געהאט צו זאגן: „ברוכים הבאים!"

די איבערגעשראקענע פליטים זיינען געבליבן שטיין אין וואסער, זיך געישובט — גיין, צי נישט גיין? אז ס'קינד האט זיך צעוויינט און נאכן קינד — די מוטער, האט דער מילנער זיך שוין צעשריגן:

— האט נישט מורא, האט נישט מורא, איר זענט צווישן יידן!

ס'איז געווארן א געפליעסקעריי. איינציקווייז זיינען די אנטלא־פענע ארויס פון וואסער, ארויס אן כוחות.

דער מילנער האט אין איין האנט געהאלטן ס'וויינענדיקע קינד, מיט דער צווייטער האנט האט ער א הייב געטאן דעם קינדס מוטער, ווי מען הייבט א זאק מעל און ער האט זיך געלאזט צום וועלדל:

— קומט, יידן!

ביים מילנער אין קיך האט געפלאקערט דער אויוון. אין די פייער־קעס — טעפ קאווע, טעפ גריטץ. דעם מילנערס ווייב האט געריסן זעק, גע־מאכט „אניצעס", ס'זאל זיין מיט וואס ארומצואוויקלען די נאסע פיס. אויפן געגרייטן טיש — ברויט, פוטער, קעז, א פלאש בראנפן.

דער ערשטער איז אריין משה מילנער מיטן קינד אויף דער האנט. ער איז געווען אויפגערוימט, ווי א דארפס־ייד, א מחותן, וואס האט ביי זיך א שמחה. ער האט ברייט אויפגעפראלט די טיר און א זאג געטאן צום ווייב:

— מיר האבן געסט, אסתר־רבקה!

— אנגעלייגטע געסט — איז די מילנערקע אנטקעגנגעגאנגען די פליטים.

און די פליטים?

אָפּגעריסענע, פּיטש־נאַסע, האָבן זיי זיך צעזעצט אַרום דעם פּלאַ־מיקן אויוון. מען האָט געשלעפּט די צעווייקטע שיך פון די אָנגעדראָלע־וועטע פיס, מען האָט זיך געלאָבט מיט הייסער קאַווע, מען האָט זיך געטרייסט, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

דער מילנער, זיין ווייב, זייער זון זיינען געזעסן צווישן די פּליטים. זיי האָבן זיך איינגעהערט, ווי דער עולם איז פאַרשוואַרצט געוואָרן, ווי דער עולם איז אויסגעריסן געוואָרן, ווי דאָס וואָלטן זיי נישט געקומען פונעם שכנישן דייטשלאַנד, אַ קנאַפּע וויאָרסט גאַנג, נאָר פון ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט — אַ צווייטער יציאת מצרים.

1938

# אין אַ שלעפּ־צוג

ס׳האָט געקלונגען טאָגן, ווען דער קוטנער רב איז אַראָפּ פון דער באַנק, וואו ער האָט אָפּגעדרימלט אַ נאַכט אין אַ געפּאַקטן וואַגאָן פון דריטן קלאַס. דאָס איז ער געפאָרן מיט אַ שלעפּ־צוג פון וואַרשע אַהיים. דער רב, אַ הויכער, עטוואָס אַ געבויגענער, האָט זיך אַ שטעל געטאָן, זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעזיפצט:

— ווידער איבערגעקומען אַ נאַכט.

ער האָט שוין געוואָלט זיין קריק אין קוטנע. אין וואַרשע איז דאָך גאָר אַ גיהנום. מיט דער נאַכט איז דער ייִד ניט זיכער מיטן לעבן. ס׳באַפאַלט אַן אימה. יעדע ווײַלע אַ געלויף איבער די גאַסן. מען פאַר־האַקט די טויערן. ס׳הערן זיך באַנומענע קולות:

— מען שלאָגט!

— מען שלאָגט ייִדן!

— לאָזט אייך נישט!

— שלאָגט צוריק!

דעם רבס אויסגעגלייכטע פּלייצעס האָבן זיך קריק אַ בייג געטאָן. בלויז דער קאָפּ מיטן רבנישן קאַפּעלוש האָבן זיך געריסן פון די אַקסלען. און אינעם דאַרן, באַוואַקסענעם פּנים איז געווען עקשנות און טרויער. דער קוטנער רב האָט אָפּגעפרעגט זיינע אייגענע תרעומות:

— און אַז קלעפּ, איז וואָס? און אַז הונגער, איז וואָס? און אַז ביטערע גזירות, איז וואָס? מען דאַרף ווערן האַרט ווי אַ שטיין. און אַז מען שלאָגט דעם שטיין גיט ער וואַסער.

דער רב איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער האָט אַ וויש געטאָן

ביידע הענט אן די פארלאפענע שויבן. הינטער די פענצטער האבן זיך געשארט פלאכע, נאקעטע פעלדער. דא — א כאטקע, דארט — א כאטקע. גרויסע שטיקער וואלקן האבן זיך געקנוילט אין די טאלן. צווישן צע־בלעטערטע הייפטלעך קרויט האבן זיך שוין געגראבן בארוויסע פויערטעס.

דער שלעפ־צוג האט זיך געטרייסלט, איבערגעוועקט דא א פאסא־זשיר, דארט א פאסאזשיר, וואס האבן באלד ווידער איינגעדרימלט מיט א שווער געמיט, מיט א קרעכץ.

דער רב איז אריין אין קארידאר, וואס איז געווען איבערגעפאקט מיט יידן. מען איז געשטאנען, ווער מיט א וואליז, ווער מיט א קאשיקל, ווער מיט א פעקל. טייל האבן זיך דערציילט מעשיות, טייל האבן זיך געוויצלט. אנדערע האבן געלייענט צייטונגען.

א געפוצט מענטשל איז אנגעלאפן מיט רוגזה:

— מיר יידן שטייען זיך אפ די פיס און דארט זיצט א פאליאק איינער אליין אין א גאנצער קופע!

— טאקע, וואס שטייען מיר אין קארידאר? — האט זיך א צוויי־טער אנגערופן. — קומט מיר וועלן אריין און מיר וועלן פארנעמען די פלעצער.

ס'האט זיך ארויסגערוקט אן עלטערער ייד מיט א קלוגער, גרויער בארד און נאך קלוגערע אויגן:

— דער ערל לאזט דאך ניט אריין. ער האט זיך אפגעשלאסן. פארפירן מיט אים א חתונה? ס'לוינט נישט. אסור צי ס'לוינט. אין א האלבער שעה ארום זיינען מיר אין קוטנע.

— און איך האלט, אז מען דארף אזא „הונצוואט" יא אנלערנען — האט ס'געפוצטע מענטשל גערעדט זיינס. — מיר האבן באצאלט, מיר האבן בילעטן, קומט אונדז פלעצער!

דאס געפוצטע מענטשל האט אנגעקלאפט אין קופע. ער האט גע־נומען רעדן פראנצויזיש, זיך געבייזערט, געפילדערט מען זאל גלייך עפענען די טיר. דער פאליאק האט זיך דערשראקן און געעפנט.

די יידן זיינען אריין אין קופע. אויף די פנימער א חוזק־שמייכל, א טיפער ביטול, וואס האט געהאט צו זאגן: מיר וועלן דאס רשעות אויך בייקומען.

דער צוג האט זיך געשלעפט. די פאסאזשירן האבן זיך געוועקט. דער קאנדוקטאר האט פארדרייט ס׳עלעקטרישע לעמפל. אין קאלטן וואגאן איז געווארן נאך פינצטערער. דער קוטנער רב האט זיך געכאפט, אז ביים צווייטן פענצטער שטייט א יונגער גלח אין א שווארצער קאפאטע.ביידע האבן זיך א רגע אנגעקוקט און גלייכצייטיק אוועקגעדרייט די פנימער. צוויי פאליאקן האבן גערעדט אויפן קול. איינער האט א זאג געטאן:

— וואו מען קערט זיך זיינען פאראן יידן.

— אן אומגליק פאר פוילן, אן אומגליק — האט דער צווייטער אונטערגעכאפט. — וואו מען גייט, וואו מען שטייט, אומעטום יידן, ווי זיי וואלטן ניט געווען פופצן פראצענט, נאר הונדערט און פופציק.

פון א ווייטער קופע האט זיך דערהערט א געשריי. דא און דארט האט זיך א הייב געטאן א פאסאזשיר, אין דעם כמעט פינצטערן וואגאן האבן זיך געהויבן שאטנס, זיך געשארט איבער די ווענט. דאס געשריי איז געווארן שפיציקער, נעענטער. ס׳האט זיך געקייקלט אין דעם קילן פארטאג מיט אן אימה:

— נעמט אים, חברה!

— ווארפט אים ארויס פון וואגאן!

— מיר וועלן זיך מיט זיי אפרעכענען, מיט די „זשידקעס״!

דער קוטנער רב האט זיך געקווענקלט: זאל ער זיך ווענדן צום גלח, צי ניין?

דער גלח, וואס האט אריינגעקוקט אין א צעעפנט „ט ע ס ט א מ ע נ ט ל״, האט זיך קיין ריר ניט געטאן. ער איז געשטאנען מיט די פלייצעס צום עולם און מיטן פנים צום פענצטער, ווי די געשרייען וואלטן ניט דערגאנגען צו אים.

א צעפלאמטער פארשוין, ענלעך אויף א קיילער ווען ער כאפט אריין אן איבעריק גלעזל בראנפן, איז מיט אמאל אריינגעפאלן אין וואגאן. דער ראק צעקנעפלט, ס׳וועסטל צעקנעפלט, די ארבל פארשארצט. די קאלטע גרינע אויגן — פעך און שוועבל — האבן געגנישטערט איבערן וואגאן. וואו א קער — יידן, יידן, יידן. אזויפיל יידן! א חיהשע פרייד האט זיך א גאס געטאן פון די פיס אין די הענט אריין. אט איז א יידישע

קאפאטע, א שווארצע קאפאטע. די גרינע אויגן האבן זיך א צינד געטאן. הענט, פיס — א צי געטאן. דער פארשוין האט אויפגעהויבן א האנט, ווי א שטאבע, און זי אראפגעלאזט איבער דער קאפאטע מיט אזא גבורה און מיט אזא אימפעט, אז דער געשלאגענער האט זיך דערהאלטן אויף די פיס. ער איז געפאלן און האט זיך גלייך קריק אויפגעשטעלט. א ייד האט אים אונטערגעטראגן דאס „טעסטאמענטל״, וואס האט זיך אוועק־געקייקלט אונטער א באנק.

אין וואגאן איז געווארן אומהיימלעך־שטיל. דער צעפלאמטער שלעגער איז איצט געשטאנען א בלייכער, ווי מען וואלט ביי אים דעם לעצטן טראפן בלוט אפגעצאפט. אזוי זעט־אויס א מענטש, ווען ער קומט אויף פון דער פאליקע, שארט מיט די אויסגעלאשענע אויגן ארום זיך און זעט, דאכט זיך, קיינעם ניט. דאס האט אנגעהאלטן א רגע, צוויי. די אויפגעהעצטע פאליאקן האבן ווי פארגעסן אן די יידן. זיי האבן זיך גענומען בונטעווען אויפן שלעגער:

— אזא כאם!

— אזא הינטישער זון!

— מען דארף אים אנלערנען!

— וועט ער וויסן ווי צו ווארפן זיך אויף א גלח!

ערשט איצט האט דער שלעגער זיך אראפגעלאזט אויף די קני און זיך א צי געטאן צום גלחס פיס:

— לאז דער „פאן פראבאשטש״ מיר מוחל זיין. כ׳בין געווען זיכער, אז כ׳הייב־אויף די האנט אויף א ייד, און דא — אזא שטראף פון גאט! לאז דער „פאן פראבאשטש״ מיר מוחל זיין!

— און אז א ייד, איז וואס? — האט דער גלח א הייב געטאן די האנט, וואו ס׳טעסטאמענטל איז געלעגן. — ווער האט דיר געזאגט, אז א ייד מעג מען יא שלאגן? וואס הייסט דו שלאגסט?

דער קוטנער רב, וואס איז געשטאנען די גאנצע צייט, האט קיין אויג נישט אראפגעלאזט, נישט פון שלעגער און נישט פון דעם געשלא־גענעם גלח, האט זיך איצט ארויסגערוקט און א זאג געטאן:

— און אז פאן יעזוס אליין וואלט דא געווען אין וואגאן, וואלט ער אים נישט געשלאגן?

אלעמענס אויגן האבן זיך א קער געטאן צום רב. די ווענט פון וואגאן האבן זיך מיט אמאל גענומען איינרוקן. די אויערן, וואכע, האבן אויפגעכאפט יעדן שארך, יעדן קלאנג, וואס האבן זיך געטראגן פון די ווייטערדיקע וואגאנען. אלע האבן געזען ווי דער שלעגער מיט אויסגע־לאשענע אויגן, מיט שלאבערדיקע הענט, האט זיך ארויסגעשארט פון וואגאן. מען האט אפגעאטעמט און דער המון האט ווי פארגעסן אן די יידן.

דער שלעפ־צוג האט זיך אפגעשטעלט. די קאנדוקטארן האבן צע־עפנט די טירן פון די וואגאנען:

— קוטנע! קוטנע!

עס איז געווארן א געשטופ, א געלויף. יעדער האט געכאפט זיין פעקל. מען איז ארויס פון וואגאן, מען איז פארשוואונדן אין דעם גרויסן פרימארגן. דער גלח און דער רב זיינען געווען פון די לעצטע ארויסצוגיין. דער גלח האט זיך געזעגנט מיטן רב, אים געדריקט די האנט און שטיל געזאגט:

— דער „ראבין" איז גערעכט. אזא פארשוין וואלט דעם פאן יעזוס אליין אנגעבראכן די ביינער.

# אין אַ שטעטל

די שמאָלע גאַסן זיינען נישט געווען דורכצוגיין. וואו אַ קער — וועגענער תבואה, וועגענער קאַרטאָפל, וועגענער אויבס און גרינסן. די וועגענער, די בריטשקעס, האָבן זיך געצויגן ביז הינטער דער שטאָט. דאָס זיינען פון די אַרומיקע דערפער אָנגעפאָרן און אָנגעקומען אויפן שטעטלדיקן יאַריד מחנות פויערים, סטאַדעס בהמות, פערד, חזירים. אין מיטן מאַרק, אַרום דעם „קאַשטשאָל", זיינען געזעסן פויערטעס. טייל — איבער „אָסלעס" פוטער געוויקלט אין קרויט־בלעטער, איבער קוישן אייער, איבער שטיקער לייוונט. אַנדערע — איבער קוישן הינער, קוישן קאַטשקעס, קוישן גענדז. אין די רינשטאָקעס האָבן בלינדע בעטלער באַגלייט זייערע צעצויגענע לידער, ווער מיט אַ באַנדורע, ווער מיט אַ פידל, ווער מיט אַ האַרמאָניע. אַן אמתער יאַריד און דאָך נישט קיין יאַריד. ווייל ביי דעם געפילדער, ביי דער גאַנצער „גראַטשקע", זיינען די גאַסן, וואָס האָבן געפירט אין מאַרק אַריין, און דער עיקר דער מאַרק, אַלץ איז געווען טויט. און פון דער וויטנס האָט עס אויסגעזען, ווי דאָס שטעטל וואָלט געווען באַלאַגערט פון אַ האַלב־ווילדן שונא, וואָס איז מיט אַמאָל אָנגעפאַלן מיט זיין האָב און גוטס, האָט פאַרשטעלט אַלע וועגן און זיך אַריינגעריסן אין שטאָט אַריין.

און דאָס שטעטל ?

דאָס שטעטל איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. ס'זיינען נישט געווען צו זען קיין פאַרשמייעטע מעקלערס, קיין תבואה־סוחרים, קיין אָקסן־און פערד־הענדלער, קיין קונים. און אַז ס'האָט זיך באַוויזן אַ ייד אין מאַרק, איז מיט אַ שטרוי אין מויל, ווי אין שטעטל וואָלט נישט געווען קיין יאַריד, נאָר אַ חגא. און אין אַ חגא האָט אַ ייד צייט. שטייט ער אין עק

מארק, קיט א שטרוי, קייט ס׳אייגענע בערדל, קוקט, דאכט זיך אריבער די שפיצן פון קאשטשאל, און דער מוח רוט נישט ביי אים:

— מלחמה איז מלחמה.

קומט אונטער נאך א ייד און נאך א ייד. שטייען זיי אין דרייען — אן אקסן־הענדלער, א שוסטער און א תבואה־סוחר. מען רעדט כמעט נישט. א ווארט, א האלב ווארט. אן עפן א האנט, א קוועטש מיטן אן אויג. די דאשקעס אן א זייט:

דערמיט האט מען געמיינט צו זאגן, אז די „ענדעקעס״ האבן טאקע אראפגעבראכט אין שטעטל אריין באצאלטע פיקעטס. שטייען די פיקעטס ארום די יידישע קראמען, זעען, אז קיין איינ קריסט זאל נישט אריבערטרעטן א יידישע שוועל. יידן, וואס האבן זיך געריכט אויף דער צרה, געוואוסט, אז דאס איז א מלחמה אויף טויט און אויף לעבן, האבן געמאכט יד־אחת — נישט קויפן ביים פויער, נישט קויפן ביים שררה, נישט באטייליקן זיך אין יאריד. די הינטישע זין, די היצלעס, פיקעטן, וועלן יידן שטרייקן. זיינען טאנדעטניקעס, קירזשנערס, שוסטערס נישט ארויס מיט זייערע געשטעלן אין מארק אריין. זיינען יידן נישט ארויס אין מארק מיט ברויט און זעמל „סטראגאנעס״, מיט צוקער־געבעקס, מיט פאדעשווע־לעדער, מיט סאדע־וואסער. האט דאס ליידיקע שטיק מארק, ארום די ניין געוועלבער, אויסגעזען, ווי א פליך, ווי א פארשאלטענער אויסשיט. די שניט־סוחרים, די מעל־שענקערס, די קרעמער פון די ניין געוועלבער, זיינען נישט געשטאנען אין די טירן, נישט גערופן קיין קונים. מען איז געזעסן הינטער די צאל־בענק, אפילו נישט געווארט ס׳זאל פאר־בלאנדזשען א פויער, א פויערטע, ווי ס׳וואלט נישט געווען קיין יאריד, נאר א תשעה־באב. און אז א געוועלבניק האט נישט ווילנדיק זיך א רוק געטאן צו דער אפענער שויבן־טיר, דערזען די פיקעטס, וואס לאזן נישט אריין קיין קונה, האט ער פון ביטול בלויז אויסגעשפיגן און איז קריק אריין צווישן דער סחורה און דער צאל־באנק. די אויגן האבן געגנישטערט אין א צייטונג, צי אין א ספרל און דער מוח האט געטענהט זיינס:

— מלחמה איז מלחמה.

א שטיק נאך מיטאג איז דער באלייבטער וויטעק מיט די גרויע וואנסן, ווי פראגע צייכנס, ארויס פון ראט־הויז מיט זיין באראבאן. ער

האט אוועקגעשטעלט די פויק אויף דר'ערד און גענומען פויקן וואס כוח נאר.

פון אלע זייטן האבן זיך גענומען שטין פויערים. דער מארק, ארום דעם ראטהויז, איז שווארץ געווארן פון מענטשן. וויטעק האט באטראכט דעם עולם און מעשה קאמאנדיר אויסגערופן:

— מאכט א ווארע!

דער עולם איז געווען זיכער, אז דער פאן „סטאראסטע" גייט רעדן. אויף די ראטהויז טרעפלעך איז אויסגעוואקסן א פארשוין מיט א שיקלדיק אויג. איבערן פארשוין — א פלאקאט. אויפן פלאקאט איז געווען אויסגעמאלט אן איבערגעוואקסענער ייד אין טלית און תפילין, ווי ער שטייט איבער א טישל סחורה און האנדלט מיט פויערים. קומען אונטער פיקעטס, כאפן דעם ייד פאר דער בארד, פאר די פאות און שרייען צו די פויערים:

— „סוואוי דא סוועגא!"

ארום דעם פארשוין האבן זיך געקליבן פיקעטס, האבן זיך געקליבן פארדעכטיקטע פנימער. מען האט געגלאצט אויפן פלאקאט, מען האט געשטשירעט מיט די ציין:

— אזוי דארף מען טאן מיט אלע יידן!

— די שווינדלער!

— ווער דארף זיי דא?

— וואס פארן זיי נישט קיין פאלעסטינע?

דער פארשוין מיטן שיקלדיקן אויג האט גערופן מיט א פינגער ס'פויערים-פאלק זיי זאלן צוקומען נעענטער. ער האט זיך צערעדט:

— ברידער, פאליאקן! פוילן איז גרויס, פוילן איז רייך. מעג אפילו זיין א נאס יאר, איז אויף אונדזערע פעלדער שטענדיק א גערעד־טעניש. און דאס וואס ס'דארף הונגערט, וואס דער פויער האט אויף קיין זאלץ נישט, איז אונדזער אייגענע שולד! קויפן ביים ייד איז דאס זעלבע, ווי שיקן די קאץ נאך דער פוטער! פרעגט זיך, ברידער פאליאקן, וואו קומט אהין אונדזער פוטער? זאלט איר וויסן, אז די יידן עסן זי אויף! מיר, פאליאקן, דארפן עסן טרוקן ברויט, זיי, די יידן, ברויט מיט פוטער! ווילט איר אייערע קינדער זאלן עסן ברויט מיט פוטער? טרייבט ארויס

די יידן און נעמט איבער דעם האַנדל! וואו אַ געשטעל, וואו אַ ביידל, וואו אַ „סטראַגאַן" — אַלץ מוז באַזעצט ווערן דורך פּאָליאַקן! „סוואוי דאַ סוועגאָ!"

— אַ גאַנצער חכם — האָט אַן עלטערער פּויער אויף אַ פריער אַרויסגעשטעלט זיין געפלאָכטענע בייטש, דערנאָך האָט ער זיך אַליין אַרויסגערוקט — אַ פּויער דאַרף ערד, נישט קיין „סטראַגאַן".

— גערעכט!

— אוודאי ערד!

— און מיט „שנורוואַדלעס" לאָז דער שיקלדיקער בונטאָווניק אַליין האַנדלען!

— בונטעוועט דעם עולם!

— אַזאַ פלאַקנשיסער!

— אַזאַ הילצערנער פּיסטאָלעט!

— געמאַכט פונעם יאַריד אַ צווינטער!

— וואָס אַרט עס אים, אַז מיר וועלן מוזן קריקפירן די וועגענער תבואה, ס'אויבס, די גרינסן?

— און די אייער?

— און די עופות!

— כ'האָב גאָרנישט פאַרקויפט!

— איך אויך נישט!

— איך אויך נישט!

— איז וואָס זאָגט איר, ברידער? — האָבן זיך פון אַלע זייטן געהערט קולות.

— איך וועל נישט קריקפירן!

— איך אויך נישט!

— אַ גוטער פּאָליאַק — האָט דער פּאַרשוין איבערגעשריגן דעם עולם — וועט גיכער קריקפירן די תבואה אין דאָרף אַריין, איידער זי פאַרקויפן אַ ייד!

דער פּויער מיט דער געפלאָכטענער בייטש האָט זיך צעלאַכט און גענומען באַקרימען דעם פּאַרשוין מיטן שיקלדיקן אויג:

— קויפט נישט ביי יידן, קויפט נישט... זיינען יידן אַזוי קלוג ווי

מיר און קויפן ביי אונדז נישט... ליגט אַ יאַריד, ווי אַ פּגר, און רירט זיך נישט פון אָרט, און שולדיק ביזט ד ו, אַגיטאַטאָר מיינער! ד ו און דיינע אַרויסהעלפערס! אייך, בונטאָוניקעס, דאַרף מען אַרויסטרייבן פון שטאָט! יאָ, אייך! — האָט דער פויער אַ ריס געטאָן דעם פּלאַקאַט, וואָס האָט זיך געהויבן איבערן פאַרשוין, און אים אַ שליידער געטאָן אין דער לופטן.

די פּיקעטס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן, געוואָלט אָפּראַטעווען דעם פּלאַקאַט. די פויערים האָבן צעריסן דעם פּלאַקאַט אויף שטיקלעך, גע־שליידערט די שטיקלעך ווי פּילקעס. די שטאָטישע פּיקעטס האָבן זיך צעשריען

— פויערישע הינטנס! כאַמעס!

ס'איז געוואָרן אַ געשלעג. פויערים האָבן געהויבן בייטשן, דרענ־גער, „קלאָניצעס”, געיאָגט די פּיקעטס, זיי געטריבן פון מאַרק. פון די וועגענער, פון די בריטשקעס האָבן זיך געטראָגן קולות:

— שלאָגט זיי, די הינטישע זין! שלאָגט זיי!

פון טיר און טויער האָבן זיך געטומען שאַרן יידן. מען האָט גע־טראָגן אין מאַרק אַריין שטויסן פויערישע רעק, פויערישע שטיוול, פויע־רישע היטלען, וווייבער זייגען באַפאַלן די קוישן עופות, די קוישן אייער. מען האָט געקוקט פערד אין די פּיסקעס, זיי אויסגעפּרובירט אין לויפן. צווישן די בלינדע בעטלער איז אויסגעוואַקסן דער לאַנגער בעריש מיט אַ קויש ציגערנע הענער. בעריש האָט אַ נעם געטאָן אַ ציגערנעם האָן אין מויל אַריין און זיך צעקרייט, אַנגעזאָגט, אַז ס'איז אַ יאַריד אין שטעטל.

# אויפן גזשיבאָוו

משה קלאַפּטער, דער אייגנטימער פון דריי לאַסטוועגענער, פון צען דראָזשקעס, האָט פאַרנומען דעם גאַנצן דריטן הויף ביי יאַקובן אויפן גזשיבאָוו.

די ערשטע צוויי הייף, טונקעלע, מיט געוועלבטע אַריינגאַנגען, האָבן זיך געצויגן ווי טונעלן. אַ הויף אין אַ הויף. אַז מען האָט פאַרריסן דעם קאָפּ — פענצטער און באַלקאָנען, וואָס האָבן זיך געהויבן ביז אַי־בערן פערטן שטאָק. די הייף האָבן נישט גערוט. מאַנסבילן — יונג און אַלט — האָבן פאַרענדיקט די אויף שנעל אויפגעקלאַפּטע סוכות, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די באַלקאָנען אין די הייף. ס'איז געווען אַ געגיי, אַ געאייל, אַ געלויף. פון די אָפענע פענצטער האָט זיך געטראָגן אַ זשר־מעריי, אַ גערעדעריי, אַ געקלאַפּעריי. די הייף זיינען פול געווען מיט יום־טובדיקע ריחות, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם, גערייצט דעם אַפּעטיט. ס'האָט געשמעקט מיט געהאַקטע פיש, מיט געפילטע פיש, מיט געקאָכטע פיש. ס'האָט געשמעקט מיט פאַרבראָקטע הינער־יויכן, מיט געבראָטענע קאַטשקעס און גענדז, מיט זיסע ציבלקעס געהאַקט מיט פרישע, קרוכלע גריוון. ס'האָט געשמעקט מיט איינגעקאָכטע, פאַרברוינטע צימעסלעך — מערן, פלוימען, שעפּטאָלן.

דער דריטער הויף, וואָס איז ענלעכער געווען אויף אַ שטיק פערד־מאַרק, ווי אויף אַ וואַרשעווער הויף, האָט קיין מגע ומשא נישט געהאַט מיט די ערשטע צוויי הייף. די פערד, די הינט, די יונגען — דאָס אַלץ האָט אָפּגעהאַלטן די שכנים צו גיין אַהין. איבער איין האַלבן הויף האָבן זיך געצויגן הילצערנע שאָפעס, וואו די וועגענער זיינען געשטאַנען. אַי־בערן צווייטן — געמויערטע פערד־שטאַלן. איבער די פערד־שטאַלן —

אַ דירה פון צען צימערן, וואו משה קלאַפּטער האָט געוואוינט מיט זיינע „קעסט־קינדער". אַזוי האָט ער גערופן די יונגען, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אים. פון די פערד־שטאַלן, פון די צוויי בערג מיסט, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אינעם שטייפן נאָכמיטאָג, האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער גע־רוך, דערמאָנט דעם גערוך פון געווייקט לעדער, געווייקטן דאַמבּ, וואָס האָט אויסגעוועפּט און פאַרשלונגען די ריחות פון די יום־טובדיקע מאַכלים.

דעם גאַנצן ערב־יום־טוב האָט משה קלאַפּטער געמייסטרעוועט אַרום דער סוכה. ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז זיין סוכה זאָל זיין שענער פון די באַלעבאַטישע און חסידישע סוכות, וואָס אין די שכנישע הייף. די פיר ווענט אַרום דעם הילצערנעם דיל האָבן זיך געהאַלטן אויף קייטלעך. די מזרח־וואַנט האָט ער באַהאַנגען מיטן ווייבס טערקישן שאַל־טוך. אויף די איבעריקע ווענט — לויוויטשער „קילמס", וואָס מען דעקט מיט זיי צו צוגאָווע פערד. אויפן געדעקטן טיש — זילבערנע לייכטערס, „גאַנשערס" ווייַן, אַ געפלאָכטן קאָשיקל בראָנפן. משה קלאַפּטער מיטן ווייב זיינען געזעסן אויבנאָן. פון ביידע זייטן — די קינדער. נאָך די קינדער — די „יונגען" לויט דער עלטער. צוויי יונגען האָבן געסאַרווירט. אַנדערע צוויי האָבן געהאַלטן אַן אויג, אַז קיין „יאָלד" פון די אַנדערע הייף זאָל אַהער נישט אַריינשמעקן. האָט זיך פאַראַיאָרן פאַרגנבעט אַ חסיד אַ „צלאָפּ", געוואָלט זען, ווי דער באַלעבאָס, משה קלאַפּטער, פּראַוועט טיש, האָט אים אַ יונג אַזאַ גלעט געטאָן איבער דער לעבער, אַז ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן אַהער נישט אַריינצושמעקן.

ס'איז שוין געווען נאָך די געפילטע פיש, נאָך דער שיסל לאָקשן מיט „רעסעלעך", נאָך דעם געבראָטענעם אינדיק. משה קלאַפּטער האָט צעעפנט דעם געשטרייפטן ריפּסענעם שלאַפראָק, די קאָלירטע ריפּסענע וועסט. ער האָט זיך אַ גלעט געטאָן איבערן בויך, ווי איבער אַ באַראַבאַן און זיך גענומען צו דער שיסל מייערן. די מייערן, געשניטן אין קיילעכ־דיקע פענעצלעך, געקאָכט אין האָניק, האָבן געבלישטשעט, ווי דוקאַטן. ער האָט גרויס הנאה געהאַט פון די מייערן, געגעסן מיט ביידע באַקן און אין מיטן עסן אַ זאָג געטאָן צו די יונגען:

— וואָס טרינקט איר נישט, חברה?

די יונגען, אויפגעלייגטע, האָבן זיך אַ שאַר געטאָן מיט די רעכטע אַקסלען. די העלדזער פון די „גאַנשערס" האָבן זיך אויסגעצויגן, אָנגעפילט די גלעזער מיט אַ געבולבעריי. „גראַדול" האָט נאָך דער ערשטער כוסה געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— אויפן „מקום" האָט מען געשלאָגן יידן.

— וואו, אויף אַלט־שטאָט?

— און אין זאַקסישן גאָרטן אויך.

— אויפן גזשיבאָוו וועלן זיי נישט קומען — האָט משה קלאַפּטער מיט די בלויזע ציין געקנאַקט די האַרטע קערן פון שעפּטאַלן און איבער אַלעמענס קעפּ ארויסגעשפּיגן די צעבראָכענע שאָלן דורך דער אָפענער טיר.

— אַז יידן לאָזן זיך שלאָגן אויף אַלט־שטאָט, לאָזן זיך שלאָגן אין זאַקסישן גאָרטן — האָט שלמה ביקל לויזער געמאַכט דעם פּאַסעק אויף אַ לעכל — וועלן זיי זיך אויפן גזשיבאָוו אויך לאָזן שלאָגן.

— אפשר דו, ביקל — האָט גראַדול אים אַ שאַר געטאָן מיט די פינף פינגער פון דער גאָמבע ביז צום שטערן — נישט איך, נישט שימעלע גראַדול. און די שלעגער זיינען גאָר קיין שלעגער נישט. די סטודענטן מיט די זשילעט־מעסערלעך אויף די שטעקנס. אַזאַ איינעם איז גענוג אַ גלעט צו טאָן איבער דער לעבער, איז ער פאַרטיק, איז ער אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

דער ווייַן האָט לויזער געמאַכט די שרייפלעך און די יונגען האָבן זיך צערעדט. און ווי זיי האָבן זיך צערעדט, האָט זיך אויף אַ פריער צעבילט איין הונט, דערנאָך אַ צווייטער.

— ס'קומט עמיצער? ווער קומט? — האָט משה קלאַפּטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די יונגען און בשעת־מעשה אַ רוק געטאָן פון זיך דעם לאַנגן טיש, ס'זאָל לייכטער זיין אַפּירצוגיין.

אַ יונג איז אַרויס פון דער סוכה. נאָך אים — אַ צווייטער. באַלד זיינען זיי צוריקגעקומען מיט אַ האַלבן מנין איבערגעשראָקענע שכנים.

משה קלאַפּטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ריפּסענעם שלאַפראָק און איז אַנטקעגן געגאַנגען די שכנים:

— וואָס, מען שלאָגט אויפן גזשיבאָוו?

— מען באַוואַרפט די סוכות מיט שטיינער, מען צינדט אונטער דעם סכך.

— אַ לופט זיי אין די אויגן!

— אַ בראַנד זיי אין די געדערים!

— קומט חברה! — האָט משה קלאַפּטער אַרויסגעכאַפּט אויף זיך אַ לעדערנע קורטקע.

— ווּעסט נישט גיין, — האָט ס׳ווייב זיך אים אַ שטעל געטאָן אין וועג אַריין.

— מאַכסט שוין שטיק, מלכהלע? — האָט קלאַפּטער אַוועקגע־שאַרט ס׳ווייב, — נעם די קינדער און גיי אַרויף אין שטוב אַריין.

ס׳איז געווען שטיל אויפן הויף. קלאַפּטער מיט די יונגען האָבן זיך אַ ווייל געפּאַרעט אינעם פערד־שטאַל. דערנאָך זיינען זיי אַרויס צו צוויי, צו דריי, זיך געלאָזט מיטן הויף אין גאַס אַריין.

ס׳איז געווען שטיל און פינצטער אויפן גזשיבאָוו. פון הייף האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע קולות. ס׳איז געווען שווער עפּעס אויפצוכאַפּן. מיטאַמאָל האָט זיך אַריינגעשניטן אַ געשריי:

— יידן, מען שלאָגט!

אַ צעשלאָגענער ייד האָט זיך געטראָגן פון איין טראָטואַר אויפן אַנדערן. נאָכן צעשלאָגענעם ייד — אַ צווייטער, נאָכן צווייטן — אַ דריטער.

— וואָס לויפט איר? לויפט נישט, יידן!

— אַז מען יאָגט זיך נאָך אונדז.

אַ מאָן צוואַנציק, מיט אויפגעהויבענע שטעקנס אין די הענט, האָבן זיך געטראָגן איבערן גזשיבאָוו, זיך געיאָגט נאָך די יידן, געהאַקט בשעת־מעשה שויבן און נישט באַמערקט משה קלאַפּטערן מיט דער חברה.

משה קלאַפּטער אויף אַ פריער. נאָך אים — ביקל און גראַדול — ווי צעשפּרייטע פליגל האָבן זיך אַריינגעשניטן צווישן די שלעגערס. מע־סער־קלינגלעך האָבן געבליצט. דאָ און דאָרט אַ לאַנגער, צעצויגענער קוויטש — „אָלאַ באָגאַ" — דאָ און דאָרט אַ פּאַל מיט דער נאָז אויפן אַספאַלט, אויף די שטיינער. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזוי שנעל

און מיט אזא אימפעט, אז מען האט בלויז געזען, ווי די גויים לויפן און די יידן יאגן. און געיאגט האט שוין נישט קלאפטער מיט זיינע יונגען, נאר סתם יידן. יידן מיט לאנגע קאפאטעס האבן געריסן פרענטעס, שטא־בעס, זיינען ארויס פון די הייף מיט שטיינער, מיט ציגל, געווען בייז אויף די יידן, וואס האבן אויסבאהאלטן גויאישע שלעגערס.

גזשיבאוו, פון דער גמינע ביז גראניטשנע, איז נישט געווען דורכ־צוגיין — קעפ אויף קעפ. אלע האבן גערעדט, אלע האבן געטענהט:

— צוריקשלאגן!

— דאס איז דער איינציקער וועג!

— צוריקשלאגן!

# קיווקע גנב

נאָכן לוסטגאָרטן, וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען אַ צערקווע און היינט איז פון דער צערקווע געבליבן בלויז דער ציגלנער פונדאַמענט, — דאָרט, צווישן שטיינער און ווילדע געוויקסן, איז געלעגן קיווקע גנב. לעבן אים — אַ רעקל. אויפן רעקל — אַ בלוי טוכן היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק. קיווקע האָט זיך געוואַרעמט. ס׳העמד אַרום האַלדז איז ביי אים געווען צעקנעפּלט. ער האָט הנאה געהאַט, וואָס די סעפּטעמבער־זון ברית נישט מער, וואָס אַרום איז אַזאַ בלויע רחבות. און אין דער רחבות, וואו עס טראָגן זיך אלול־פעדים, הערט זיך ס׳געקלימפּער פון טרוקענע בלע־טער, הערט זיך אַ ווייט געגודער פון ווילדע גענדז.

— וואוהין פליען די גענדז?

פון דער בלויער רחבות, ווי פון אַ גוטן טרונק־בראַנפן, האָט קיווקע דערפילט, ווי הענט און פיס גיסן זיך אָן מיט גבורה. דאָס ליגן אין פעלד האָט אים אָנגעהויבן צו דערעסן. די פוילקייט האָט געהאַלטן אין אויסוועפן. ער האָט גרויס חשק געהאַט זיך צו לאָזן מיט די בערג־לעך בלעטער, אַוועקצופּאַטשן פונעם שטעטל. און קיווקע האָט דאָ קיינעם נישט געהאַט, כאָטש ער איז געווען אַ געבירטיקער אַ מלאַווער.

פאַר אָט די אַכט יאָר, וואָס קיווקע איז נישט געווען אינעם שטעטל, האָט זיך אַלץ געענדערט, און צום ערגערן. אַז די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז קיווקע געזעסן אין אָדעס פאַר אויפהאַקן אַ קאַסע. און אַז מען האָט אים באַפרייט — איז שוין געווען נאָך דער מלחמה, ס׳איז געווען רעוואָלוציע. פיר יאָר האָט ער זיך געשלעפּט פון אָדעס קיין מלאַווע. ס׳האָט אים געצויגן אַהיים, וואו ער האָט געהאָפט צו טרעפן די אַלטע מאַמע, געהאָפט צו טרעפן מאַרילען, „ס׳גאָלדענע הענטל”, וואָס

איז מיט אים געפאָרן אויף יאַרמערק. די אַלטע מאַמע איז געשטאָרבן אין דער מלחמה, און מאַרילע, וואָס איז אים געווען געטרייער, ווי אַ לייבלעך ווייב, איז ווי אין וואַסער אַריין. דערצו אַזאַ דלות! פריער ביים רוס האָט די שטאָט געלעבט פון דער גרענעץ. מען האָט געמולכט פון פרייסן זיידנס, ציגאַרן, בלאָזן אַקעוויט, זייגערלעך. מען האָט „געשוואַרצט" קיין דייטשלאַנד פערד, פאַרשוינען, וואַגאָנען מעל. ביים פּאָליאַק האָט אַלץ אויסגעווירטשעפט. אויס מולכן, אויס שוואַרצן, אויס גרענעץ. דרייען זיך אַרום אַ שטאָט מיט מתים.

קיווקע וואָלט באַלד צומאָרגנס אַנטלאָפן פון מלאווע. האָט ער אָבער געוואָלט שטעלן דער מוטער אַ מצבה, געוואָלט בלייבן דאָ איבער די ימים נוראים.

פון לוסטגאָרטן האָבן זיך דערטראָגן קולות, פאַרשטיקטע קולות, ווי מען וואָלט עמיצן געשלאָגן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ ווייל און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט, אַ בייז בילן. נאָכן בילן — ווידער־קולות.

קיווקע האָט זיך אַ האַסטיקן זעץ־אויף געטאָן. די בלויקייט האָט ביי אים צוגענומען די ראיה. ער האָט זיך געריבן די אויגן און זיך איינגעהערט. ס'געניטע אויער האָט אויפגעכאַפּט שטיקלעך געוויין. ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מען שלאָגט עמיצן, מען שלאָגט אַ ייד.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך ס'רעקל, ס'היטל און זיך אַ לאָז געטאָן מיט די בערג בלעטער, וואָס זיינען געלעגן צווישן די קאַשטאַן־ביימער. מיטן לויפן איז אין אים געוואַקסן אַן אימפּעט. אָט איז ער שוין אין לוסטגאָרטן. ער קען דאָ יעדן בוים, יעדע אַלייע, יעדעס וועגל און אונטערוועגל. דאָ האָט מען זיין פאָטער, אליה „ווילנער", דערהרגעט. פויערים מיט דרענגער, מיט שטעקנס, האָבן זיך געיאָגט נאָך אים, זיך געיאָגט פון אַלטן פערד־מאַרק, אים אַריינגעטריבן צווישן די קאַרטשעס, ווי מען טרייבט אַריין אַ וואָלף, און מיט די דרענגער, מיט די שטעקנס, אים אָוועקגעלייגט. דעם פאָטערס קולות, באַנומענע קולות, שטייען נאָך איצט ביי אים אין די אויערן. ווען איז דאָס געווען? מיט אַ קנאַפּ פערטל יאָרהונדערט קריק. קיווקע איז נאָך געווען אַ קינד, קיין זיבן יאָר נישט אַלט געווען. פאַר דער צייט האָט ער שוין נישט איין מאָל פאַרזוכט דעם

טעם פון שטעקנס, פון דרענגער. אַ מאַרק פויערים יאָגן זיך נאָך דיר — כאַפּט אַ גנב, כאַפּט אַ גנב — און די ערד שפּאַלט זיך נישט אונטער דיר, וועגט צערוקן זיך נישט און ס׳נעמט רעגענען מיט שטעקנס, מיט דרענגער.

אויף אַ זייטיק וועגל איבער אַ באַנק איז געשטאַנען אַן איבערגע־שראָקענער ייד. אַ רויטער הונט, גרויס ווי אַ קאַלב, האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע איז ער געווען גרייט זיך אַ וואָרף צו טאָן אויפן ייד.

אָן אַ זייט איז געשטאַנען אַ געוויקסיקער פּאָליאַק מיט געלאָקטע וואָנסן, ווי פּייקעס. ער האָט גרויס נחת געהאַט וואָס דער כלב זיינער איז גרייט צו דורסן אַ ייד. אַ וואָרט, צי אַ וואונק — און דער הונט וועט אומוואָרפן דעם ייד, וועט צערייסן אים די קאַפּאָטע, וועט אים אויסרייסן די באָרד. ס׳האָט נישט געהאָלפן וואָס דער ייד האָט זיך גע־בעטן ביים גוי ער זאָל צונעמען דעם הונט. און אַז דער הונט האָט אָפּ־געדעקט די שאַרפע, שפּיציקע ציין און זיך צעבילט, ווי אַ מלחמה־רוף, האָט דער ייד זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות.

פּאַר קיווקען איז דאָס נישט געווען סתם קיין ייד. דאָס האָט ער מיטאַמאָל דערהערט דעם אייגענעם פאָטער שרייען. ער איז אַנגעלאָפן אויפן פּאָליאַק מיט אַזאַ רציחה, אַז דער גוי האָט זיך גענומען רוקן אויף קריק. קיווקע האָט געגוואָלדעוועט:

— דו הינטישער זון, אַ ווינט דיר אין די חזירשע אויגן! וואָס ווילסטו פון דעם מענטש, אַ שטילן מענטש, וואָס דו רייצסט אויף אים אַן דיין הונט? שטייסט, דו פאַרזשאַווערטער קנאָפּ, און פרעגלסט זיך פון נחת, וואָס דער ייד שרייט! וואָרט, איך וועל דיך אַזוי אַוועקשטעלן, דו הינטישער עק, וועסטו איין מאָל אויסטאַנצן אַ מאַזורקע!

— און וואָס פאַר אַ „גרויסער פּאַן” ביסטו דאָס מיר, וואָס האָסט זיך אַזוי צעפּיסקעוועט? — האָט דער פּאָליאַק גענומען גיין אויף קיווקען.

אין דעם באַלעבאָס בייזערן זיך האָט דער הונט זיך אָנגעשטויסן, אַז מען דאַרף זיך וואָרפן אויף דעם נייעם פאַרשוין. און איידער דער הונט איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיך, האָט דער גוי געוויזן אויף קיווקען און שטיל דורך די ציין אַ צישע געטאָן:

— נעם אים, צעזאַר, נעם אים!

קיוקע האט וואוילעריש א צי געטאן איבערן קאפ דאס טוכענע היטל, פארשפילעט ס׳געפאסטע רעקל אויף אלע קנעפלעך, ווי דאס וואלט אים צוגעגעבן גבורה, און איז געווען גרייט זיך צו פארמעסטן מיטן הונט, וואס האט שוין געהאט אפגעלאזט דעם ייד און זיך געקליבן א שפרונג טאן אויף קיוקען.

פון די צעווארפענע אלייעס האט זיך גענומען טראגן א נייגעריקער עולם, זיך איבערגעווארפן לויפנדיק:

— מען שלאגט ?

— ועמען שלאגט מען ?

דאס אלץ האט בלויז געדויערט א רגע. אין דער רגע האט קיוקע אפגעמאכט ביי זיך, אז ער טאר זיך נישט א ריר טאן פון ארט. טוט ער זיך א ריר — איז דער הונט אויף אים. ער האט געקוקט אויפן הונטס גרויסן בויך און ס׳איז אים אויך איינגעפאלן, אז ס׳איז נישט קיין יונגע סוקע. און ווי דער הונט האט אויפגעכאפט די טריט פונעם עולם און האט א דריי געטאן מיטן קאפ, איז קיוקע מיטן גאנצן כוח און אימפעט פארפארן מיטן נייעם שוך דער סוקע אין בויך אריין. פונעם קלאפ האט זיך ביים הונט אין בויך ווי עפעס אפגעריסן. דער הונט איז א פאל געטאן מיט פארווארפענע לאפעס.

דער פאליאק איז א ווילע געבליבן שטיין א געפלעפטער, ווי נישט דער פרעמדער וואלט דערהרגעט דעם הונט, נאר א דונער וואלט אים געטראפן. באלד האט זיך ארויסגערוקט א פארשוין.

— איך וואלט דעם ייד נישט געשוויגן.

— ס׳איז דען א ייד ?

— ס׳איז דאך קיוקע גנב.

ערשט איצט האט דער פאליאק זיך געווארפן אויף קיוקען, וואס האט פאר דער צייט אפגעבראכן א צווייגל פון א בוים און מיט א דין, לאנג מעסערל עס געשניצט. קיוקע מיט די איינגעפאלענע באקן, מיטן פארמעט־פנים, איז געווען אזוי רואיק, ווי נישט צוליב אים האט זיך דער עולם געבונטעוועט. און אז דער באלעבאס פונעם הונט האט זיך געווארפן אויף אים, איז ער אלץ געבליבן מיט די פלייצעס אנגעשפארט אן בוים, זיך קיין ריר נישט געטאן, בלויז ס׳קלינגל האט זיך געשניטן

אין פייכטן האלץ אריין, ווי אין ווייסן קעז. ער האט רואיק א זאג געטאן צום פאליאק:

— דעם הונט האב איך אפגעשלאגן די געדערים און דיר וועל איך זיי ארויסלאזן, אט מיט דעם מעסערל. נו, וואס ווארפסטו זיך נישט אויף מיר?

מען וועט זיך ווארפן, מען וועט זיך, — האבן זיך פון אלע זייטן געהערט קולות.

— וועסט האבן אן ערגערן סוף ווי דער הונט! ביסט געזעסן איבערן בלעכענעם עמער און וועסט ווייטער זיצן!

— אזא גנב!

— אזא ייד!

— ער האט דערהרגעט סטאשעווסקיס הונט!

דער רואיקער קיווקע איז מיטאמאל אומרואיק געווארן. ער האט פון דערוויטנס דערזען ווי מען ברענגט א פאליציאנט. ער האט זיך א שאר געטאן פון בוים, איז אריין אין די קארטשעס, געוואלט אפציען. פון דער זייט איז מען אים פארלאפן דעם וועג, מען האט אים אפגעמאסטן מיט א שטעקן איבערן האפ. ער האט זיך אפגעשאקלט ווי פון א ברי, און זיך געווארפן אויפן שייגעץ.ביידע זיינען א פאל געטאן אויף דער ערד. ס'האט גענומען רעגענען מיט שטעקנס, מיט שטיינער. אין די אויערן — באנומענע קולות, דעם פאטערס קולות, וואס איז אומגעקומען דא אין לוסטגארטן. די בלויע רחבות האט גענומען איינלויפן, מיטגעבראכט די אלטע מאמע, מיטגעבראכט מארילען, „ס'גאלדענע הענטל", זיך אראפגעלאזט אלץ נידעריקער און נידעריקער, אים איינגעדעקט.

.1937

# דער דייטש קומט אָן

ס׳איז געווען די נאַכט אויף דאָנערשטיק, דער ערשטער טאָג ראָש־השנה, ווען ס׳פּוילישע מיליטער האָט געגומען אָפּטרעטן פון מאָקאָווע. די נאַכט — אַ פינצטערע, אָן שטערן, אָן לבנה. די לופט — פייכט, בייסיק, ווי פאַר אַ האַרבסט־רעגן — איז פול געווען מיט געקלאַפּער, מיט פאַרשטיקטע קולות. דאָס האָבן רייטער, פיעכאָטע, אַרטילעריע זיך געטראָגן איבערן לאָמזשער שאָסיי, איבער די לאַנקעס און פעלדער, וואָס אַרום דעם שאָסיי.

ס׳איז נאָך געווען גוט פינצטער, ווען אַ זעלנער האָט אין מיטן מאַרשירן זיך אַרויסגעשאַרט פון זיין ראָטע און זיך געלאָזט מיט די „פּיאַסקעס״, וואו די מאָקאָווער שלאַכט־הייזער האָבן זיך ניט אַרויסגעווזן פונעם חושך. אַנטקעגן די שלאַכט־הייזער האָט געוואוינט שמואל דוד שוחט. דער זעלנער האָט פריער אָנגעקלאַפּט אין אַ האַלב־פאַרמאַכטן לאָדן, וואו די שויבן פון די פענצטער זיינען געווען אויסגעהאַקט. און אַז מען האָט אים נישט געענטפערט, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ס׳האָט זיך געהערט אַ יונג מיידליש קול:

— ווער איז? ווער קלאַפּט?

— איך, יוסל.

— ווער?

— יוסל שינדער.

ס׳איז קריק געוואָרן שטיל. באַלד האָט זיך דערהערט דעם שוחטס קול:

— דו ביסט עס? יוסל?

— יאָ, איך.

פריער האט א קלימפער געטאן א קייטל, דערנאך האט זיך גע־עפנט א טיר. דער זעלנער איז אריין אין קיך און האט גענומען זוכן אין דער פינצטער דעם שוחט. ס'האט זיך געהערט פון א צווייטן חדר:

— ווארט צו א רגע, יוסל, כ'וועל נאר ארויפכאפן אויף זיך די הויזן!

דער זעלנער האט אראפגענומען פון זיך די ביקס, דעם ראניעץ, ס'היטל. ער האט געווישט מיט די הענט דעם שווייס פון שטערן, פון פנים. פון דער פינצטער האט אויף אים א שלאג געטאן מיט ווארעם געלעגער, מיט שלאף, וואס איז געלעגן אין יעדן גליד זיינעם, מיט די קינדער־יארן, וואו יוסל האט געגעסן שבתים. און פון דער ווארעמקייט האט ארויסגעלויכטן מרימל, וואס האט נאר־וואס גערעדט מיט אים. אויף אזא גליק האט זיך יוסל גארנישט געריכט. אלע האבן געטענהט, אז יוסלס פאלק וועט זיין צווישן די, וואס וועלן דארפן אפהאלטן דעם שונא. און מיטאמאל א קאמאנדע — מארש! און אז ער האט זיך דערנענטערט צו די שלאכט־הייזער, האט ער פון פרייד אזש פארמאכט די אויגן. אויס זעלנער, אויס מלחמה. דאס געקלאפער טראגט זיך גאר פון דער קוזשניע, וואו מאטל שמיד מיט די בנים האמערן צעגליטע שטאבעס. דאס גערויש — פון דער מיל, וואו ס'וואסער פאלט טאג און נאכט אויפן ראד.

יוסל איז געווען א יתום. ער האט ניט געקענט זיין טאטע־מאמע. יוסל איז געוואקסן ארום די שטאטישע יאטקעס, געוואקסן, ווי די היימ־לאזע הינט, וואס כאפן דא א ביין, דארט א ביין. ביי דעם קצב האט יוסל געגעסן א טאג, ביי יענעם — א טאג. שבתים האט ער געגעסן ביי שמואל דוד שוחט. ער איז דאמאלט אלט געווען א יאר צוועלף, מרימל — א יאר זעקס. צו דרייצן יאר האט ער שוין געדרייט א קעלבל פארן עק, עס געפירט פון דארף אין שטאט אריין. יוסל, וואס האט ייגנגלווייז זעלטן געגעסן צו דער זעט, דער יוסל איז צו אכצן יאר געווען אזוי שטארק, אז ער האט איינער אליין אוועקגעלייגט אין שלאכטהויז א ביק. ער איז געזעסן אויפן ביק, אים געהאלטן פאר די הערנער און שמואל דוד האט געשחטן. דערנאך — א זעלנער. ווען די מלחמה האט אויסגע־בראכן, האט יוסל געדארפט אהיימקומען פון מיליטער. ער האט זיך געשלאגן מיטן דייטש הינטער מלאווע, הינטער כארזשעל, הינטער מא־

קאווע. אַז זיי האָבן צוריק אָפּגענומען פונעם דייטש קוצבאַרג, זיינען די מאַנסבילן פון די צען יידישע משפחות שוין געלעגן אין מיטן מאַרק דערשאָסענע. צווישן די דערהרגעטע — דער רב און אַ צוועלף־יאָריק יינגל. יענעם טאָג האָט יוסל גענומען פונעם דייטש נקמה. און איצט, ביים אָפּטרעטן פון שטאָט, האָט יוסל אַ טראַכט געטאָן, אַז דער דייטש קאָן אָפּטאָן מיט די מאַקאָווער יידן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט די קוצבאַרקער. און דאָ גייט ער צו די שלאַכט־הייזער. ס'האָט אים אַ צי געטאָן צום שוחט, צו דער שוחטקע, צו מרימלען.

דער שוחט, אַ האַלב־אַנגעטאָענער, האָט אָפּגעשטעקט יוסלען אַ שלום־עליכם. באַלד איז אַריין די שוחטקע אין איר שבתדיקער שלאָפּ־קאַפּקע. נאָך איר — מרימל מיט די צוויי צעפּ פאַרפלאָכטן ווי צום שלאָפן גיין. אַלע דריי זיינען געשטאַנען איבער יוסלען ווי איבער אַ געווינס, וואָס קאָן אויפּריכטן. די שוחטקע האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— אַ גאַסט! אַ גאַסט!

פון געוואוינהייט האָט יוסל זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעצויגן ס'רעקל, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר „נאַטשאַלסטווא". ער האָט אָפּגעהוסט און זיך צערעדט:

— אונדזער מיליטער טרעט אָפּ. אין אַ שעה אַרום וועלן שוין מן הסתם דאָ זיין דייטשן. און אַז די דייטשן, די היצלעס, קומען אין אַ שטאָט אַריין, ווערט ס'ערשטע אַ געיעג אויף יידן. פאַר אַ ביליע־וואָס — שיסן זיי. איז מיין עצה, ר' שמואל דוד, איר זאָלט מיטגיין מיט מיר.

— וואָס, אום יום־טוב? — האָט דער שוחט דערפילט, ווי ס'בלוט רינט ביי אים אָפּ פון פנים, רייסט מיט ס'לשון, וואָס איז געשטאַנען אים אין האַלדז.

— און מיר? — האָט די שוחטקע געוויזן אויף זיך און אויף דער טאָכטער — מיר זאָלן בלייבן דאָ?

— פרויען הרגענען זיי נישט, — האָט יוסל מיט איין האַנט אַ נעם געטאָן די ביקס, ווי ער וואָלט מער קיין צייט נישט געהאַט, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער פאַרזיכערט די שוחטקע — אייער שמואל דוד וועט גיין מיט מיר. כ'וועל זאָגן, ס'איז מיין פאָטער. און כ'פאַרזיכער אייך, אסתר, אַז כ'וועל זיך טיילן מיט אים מיטן ביסן.

ס'איז געוואָרן אַ ווייל שטיל. דאָס אָפּגענומענע לשון איז דערווייל

קריק געקומען צום שוחט. ער האט א שאר געטאן דעם קאפל צום שטערן, דערנאך — צום קארק. געהייסן האט עס — שמואל דוד, וואס ביסט צוואנציק יאר מאקאווער שוחט, ביסט שליח־ציבור און בעל־תוקע אין גערער שטיבל, דארפסט איבערלאזן ווייב און טאכטער און ווערן נע־ונד. און טאקע שוין, אין יום־טוב, אין ראש־השנה. ער האט זיך א נעם געטאן פאר דער שפארער בארד און שוין נישט געפרעגט ביי יוסל זעל־נער, נאר ביים ווייב:

— ווען ס׳וואלט כאטש נישט געווען ראש־השנה... וואס זאגסטו, אסתר? וואס שווייגסטו?

אסתר האט זיך געווישט די אויגן.

— וואס זאל איך זאגן? אז עס האט זיך אויסגעגאסן אויף אונדז, יידן, א גזר, אזא פינצטערער גזר.

ס׳איז ווידער שטיל געווארן, אומהיימלעך שטיל. ביים פענצטער, וואו א האלבער לאדן איז געווען אפן, האבן געציטערט פאסקעלעך ליכט. יוסל האט זיך געכאפט, אז ס׳ווערט שפעט. ער האט אריבערגעווארפן איבערן אקסל דעם ראניעץ און א מאך געטאן מיט די הענט, ווי ער וואלט געזאגט:

— אויף וואס ווארטן מיר?

יוסל האט זיך א רוק געטאן צום פענצטער. די ביקס, דער ראניעץ, דער זעלנער — די שרעק, אז מען קאן באלד אנווערן דעם לעצטן אנשפאר, האט זיך געלייגט אויפן שוחט, אויף דער שוחטקע, אויף זייער טאכטער, מרימל האט זיך אפגערופן.

— לאז דער טאטעשי גיין מיט יוסלען.

— און טאקע גלייך! — האט יוסל זיך אנגעטאן ס׳היטל.

ערשט איצט האט די שוחטקע זיך א כאפ געטאן, אז זי שטייט מיט פארלייגטע הענט, ווען ס׳הענגט איבער איר אן עול, א בארג. דער שוחט, ס׳ווייב, די טאכטער — אלע האבן זיך געדרייט אין דער פינצטער. מען האט געשלעפט פון א זאק דעם שוחטס איינגעפעקלט פוטער. ס׳גייט נישט צו זומער, ס׳גייט צו ווינטער.

— נישט קיין פוטער, נישט קיין פוטער, — האט יוסל צענומען די הענט, ווי ער וואלט אוועקגעשארט ס׳פוטער מיט די אונטערוועש, —

נעמט מיט ס׳האלבע פעלצל, דאס שעפסענע, וואס איר פלעגט טראגן ווינטער אין שלאכטהויז.

און אז דער שוחט איז שוין געשטאנען אן אנגעטאנענער גרייט אוועקצוגיין מיטן זעלנער, האט ער מיט אימפעט ארויפגעלייגט אויף יוסלען די הענט, זיך געבעטן ביי אים, ניט ווי א טאטע, נאר ווי א זיידע:

— יוסל, נאך עטלעכע מינוט און כ׳גיי מיט דיר. ס׳איז מלחמה אויף דער וועלט, ס׳איז אבער אויך ראש־השנה אויף דער וועלט. א ייד איז מחויב צו הערן שופר בלאזן אין ראש־השנה.

דער שוחט האט ארויסגענומען פון ספרים־שאנק א שופר. ער האט זיך א שטעל געטאן אין פענצטער אריין, וואו ס׳האט שוין געשפראצט אויף טאג. שמואל־דוד האט זיך צעוויגט. דערנאך האט ער מיט אן אנגעשפאלטן קול פארענדיקט די ברכה מיט א ניגון:

„— — — אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע קול שו־פר!״

און ווי שמואל־דוד איז פארטיק געווארן מיט דער „שהחינו״, האט ער א נעם געטאן דעם שופר צווישן די ליפן. א תקיעה האט אויפגעריסן דעם פינצטערן פארטאג. דערנאך — שברים. דערנאך — א תרועה, ווי א ווייטער דונער, ווי א מלחמה־רוף — „יום תרועה י ה י ה לכם״. און אז ס׳איז געקומען צו דער „תקיעה גדולה״, וואס האט זיך געצויגן אן א סוף, האבן די ווייבער געוויינט אויפן קול און יוסל האט זיך איינגעביסן מיט די ציין אין דער אונטערשטער ליפ ביז צום בלוט, געקוועטשט די ביקס מיט ביידע הענט, געוואלט נקמה נעמען פאר די קוצבארקער יידן, וואס האבן זיך געוואלגערט דערשאסענע אויפן מארק.

# ווען דער שונא הוליעט

די זעכצן־יעריקע מרים איז שוין געשלאָפן ווען איר מוטער, אסתר, האָט זיך נאָך אַלץ געפּאָרעט אין קיך ביי אַ קליין נאַפט־לעמפּל. דאָס איז געווען אַ טאָג נאָך ראש־השנה, מוצאי־שבת. דער האַיאַריקער ראש־השנה איז פאַר אסתרן געווען אַ ביטערער, אַ צו לאַנגער. דאָנערשטאָג, פרייטאָג, דערנאָך שבת. דער ערשטער טאָג יום־טוב — אַ גיהינום. אין דער נאַכט אויף דאָנערשטאָג איז אסתרס מאַן, שמואל־דוד שוחט, אַוועק פון מאַקאָווע מיטן פּוילישן מיליטער. באַגינען האָט דער שונא גענומען באַשיסן די שטאָט מיט האַרמאַטן, מיט צינד־באָמבעס. וואו אַ גאָס — שרפות. געברענט האָבן הייזער, שטאַלן, שפּייכלערס. קיינער האָט נישט געלאָשן. מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן, מען איז געלעגן אין באַהעלטענישן — אין קעלערס, אין קאַרטאָפל־גריבער. פון דריי זייטן האָט דער דייטש געשטורעמט די שטאָט, געשטופּט ס׳פּוילישע מיליטער צום לאָמזשער שאָסיי. ערשט פאַרנאַכט־צו האָט דער שונא פאַרנומען מאַקאָווע. מען האָט געטריבן פון די באַהעלטענישן יונג און אַלט, מענער און פרויען. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געלאָשן די פייערן, איינגעשטילט די שרפות. פרייטאָג פאַרטאָג, ווען יידן האָבן נאָך אַ גאַנצער נאַכט שווערע אַרבעט זיך געאיילט אין שיל אַריין, אין די בתי־מדרשים, אין די שטיבלעך, האָט דאָ און דאָרט נאָך אַלץ געטליעט אַ הויז, אָפּגעברענט ביז צום פונדאַמענט. מען האָט זיך פרי, גאָר פרי געשטעלט דאַווענען. ביים „אויסהייבנס״, ווען דער ארון־קודש איז געשטאַנען אָפן, די ספרי־תורה העמדלעך — פלור־שענע, זיידענע, סאַמעטענע — האָבן געבלענדט די אויגן, דעמאָלט איז אין שיל אַריינגעקומען אַ דייטשישער פּאַטרול. דער אויבער, אַ יונגער לייטענאַנט, איז צוגעקומען צום אָפענעם ארון־קודש און האָט אויפגעהויבן

א האַנט. און אַז עס איז געוואָרן שטיל, קעפּ האָבן זיך אַרויסגעגראָבן פון די טליתים, אין די צעווייטיקטע אויגן טויט־שרעק, דעמאָלט האָט דער יונגער לייטענאַנט געוויזן אויפן ארון־קודש און זיך געפרעגט:

— און איר גלייבט נאָך אַלץ, אַז אייער גאָט, דער יידישער גאָט, וועט אייך העלפן?

ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער, געשאָסן אין ארון־קודש אַריין איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל און זיך גדלותדיק צעלאַכט, ווי ער וואָלט געווען באַזאָפן:

— נו, וואו איז ער, אייער גאָט, דער יידישער גאָט?

און אויפן פּלאַץ האָט דעם יונגן לייטענאַנט, מיטן פּאַרוואַקסענעם שניט אויף דער רעכטער באַק, קיין שלאַק ניט געטראָפן. ער איז געוואָרן ביי זיך נאָך העזהדיקער. מיט אַ שפּרונג איז ער געווען אויפן דריטן טרעפּל, וואָס האָט געפירט צום ארון־קודש. ער האָט מער נישט גערעדט, נאָר באַפוילן:

— דער ראַבינער, די דאַזאָרן און די אַנגעזעענסטע שטאָט־באַלע־באַטים, זאָלן זיך גלייך מעלדן אין דער קאָמענדאַנטור.

אַ טויט־שרעק איז באַפאַלן די מתפּללים. קיין וואָרט, קיין קרעכץ. איבער טויזנט אויגן, פּאַרווייטיקטע, צעפּייניקטע האָבן נאָכגעקוקט דעם שונא, וואָס איז אַריין אין קדשי־קדשים און האָט דורכגעשטאָכן ס׳פּרוכת. די עדה איז אַפּגעגאַנגען אין בלוט.

דער פּאַטרול איז אַרויס פון שיל. דער לייטענאַנט אויף אַפריער. די זעלנער — נאָך אים. איינס־צוויי, איינס־צוויי. זיי האָבן דורכגעשניטן ס׳שיל־געסל, ס׳טעפּער־געסל, און ווי זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום מאַרק, האָט אַ פּאַליאַק, וואָס איז געשטאַנען הינטער אַ פּלויט, מיט איין שאָס אַוועקגעלייגט דעם לייטענאַנט.

ס׳איז געוואָרן אַ בהלה, ס׳איז געוואָרן אַ שיסעריי. פון אַלע עקן מאַרק זיינען אַנגעלאָפן זעלנער. מען האָט גלייך אַרומגערינגלט ס׳הויז פון וואַנען דער שאָס איז געקומען. איידער וואָס־ווען איז ס׳הויז שוין געשטאַנען אין פלאַמען. די מאַנצבילן פון הויז, זעקס פּאַליאַקן און פיר יידן, האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט אין מאַרק אַריין, זיי דערשאָסן און זיי דאָרטן געלאָזט ליגן.

מען האט פארהאקט טיר, טויער און פענצטער. דער מארק, די גאסן, די געסלעך — אלץ איז מיט אמאל אפגעשטארבן, ווי ס׳וואלט נישט געבליבן קיין לעבעדיק נפש אין שטאט. בלויז הינט האבן זיך געשארט און געשנאפט, זיך געטראגן אין מארק אריין מיט א פארשטיקט בילעריי.

אזוי דעם גאנצן פרייטאג, דעם צווייטן טאג ראש־השנה, איז קיינער ניט ארויס פון שטוב. אזוי שבת, אזוי מוצאי־שבת אין דער נאכט אריין.

אסתר האט אויסגעלאשן ס׳קליינע נאפטלעמפל און אין דער פינצטער, ביים אויסטאן זיך, גענומען זאגן „המפיל״. אסתר האט געוויינט פאר די הרוגים וואס זיינען געלעגן אין מיטן מארק, און אין וויינען האט זיך געשפירט, אז ס׳לעבן איז נישט הפקר, ס׳איז דא א גאט, אן אל רחום וחנון, וואס האט געהאט אייגזעעניש מיט איר מאן, מיט שמואל־דודן. זי האט געזען אין דעם א גאט־זאך, וואס איר שמואל־דוד איז אוועק פון מאקאווע איידער דער שונא איז אריין אין דער שטאט. זי האט געזען אין דעם א גאט־זאך, וואס דער לייטענאנט, נאכדעם ווי ער האט פארשוועכט ס׳ארון־קודש, איז אומגעקומען פון א קויל. און ווי אסתר איז שוין געשטאנען אין שלאפהעמד, געווען גרייט זיך אריינצוואווארפן שלאפן, האט זיך דערטראגן פון גאס א טומל. אסתר איז צו צום פענצטער, האט זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבן. זי האט געוואוינט ביי ווישניעסקי קיילער אינעם פליגל, וואס האט זיך געצויגן א פופציק פוס פונעם שאסיי. דער טומל איז געקומען פון ווישנעסקיס דירה. געשריגן האט ווישנעסקי, ס׳ווייב זיינס, די פיר טעכטער. געשריגן און געלאכט האבן די דייטשן:

— וואו איז פריטק?

— וואו איז אדאלף?

— זי — איין באקפיש?

— איין שוב־קאר!

און אז די געשרייען זיינען איבערגעגאנגען אין א געקוויטש, איבערגעגאנגען אין א פארשפיצט מיידליש געוויין, האט אסתר געעפנט דעם ריגל, דעם קייטל און קוים אן עפן געטאן די טיר. איר שכנטע, די

אַלטע מיגאַצקין, איז געשטאַנען אין פּאַדערהויז. אסתר האָט שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַרא קולות?

— ביי ווישנעסקין שלעפּט מען די טעכטער.

— די דייטשן?

— יאָ, די אומגלויביקע, זיי גייען, די שיכורים, פון הויז צו הויז, וואו אַ מיידל, וואו אַ יונגע פרוי, שלעפּן זיי אַוועק. און אַז זיי שלעפּן אַוועק קומט מען פון דאָרט שוין ניט צוריק. זיי וועלן באַלד דאָ אויך זיין. פאַלגט מיך, עסטעראַ, נעמט אייער מיידל און טראָגט אייך אָפּ אי־נעם וועלדל, וואָס הינטער די שלאַכטהייזער. און טאָקע שוין.

פון שרעק האָט אסתר אָנגעוואָרן ס׳לשון. זי האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן, איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. וועט מען טאָקע ביי איר צונעמען מרימען? פונעם בלויזן געדאַנק האָבן די פיס ביי איר געציטערט, די ציין — געקלאַפּט. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ וויילע שטיל. אַ שרייאיקע שטילקייט. און מיט אַמאָל:

— פּריטע?

— אַדאָלף?

— גייען מיר?

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט. איינס־צוויי, איינס־צוויי. אַ דייטש האָט זיך צעלאַכט, אַ צווייטער האָט זיך שיכורלעך צעזונגען:

„— — — אַך יידין, ליבסטע יידין,
דאָס קען פּירוואַר ניכט זיין!
דאָס וועהר מיר איינע שאַנדע
אינעם גאַנצן הינטערלאַנד...“

אסתר איז אַריין אין שטוב. זי האָט גענומען וועקן די טאָכטער:

— מרימל! מרימל!

— וואָס, מאַמעשי? ס׳ברענט?

מאַמע־טאָכטער, באָרוועסע, אין שלאָפהעמדער, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער לאָנקע. ס׳פענצ־טער איז געווען אַזוי נידעריק, אַז אַ הונט, וואָס האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס, האָט לייכט געקאָנט אַריינקוקן אין שטוב.

פריער איז אַרויס דורכן פענצטער די מוטער, דערנאָך — די טאָכ־טער. די טריט פון די דייטשישע זעלנער, זייערע קולות, זייער געלעכטער זיינען אַהער נישט דערגאַנגען. דאָס האָט צוגעגעבן קוראַזש. מאַמע־טאָכ־טער האָבן זיך געשאַרט מיטן בידעריקן, שטיינערנעם פלויט, וואָס האָט זיך געצויגן צום וועלדל. ביים אַלשענעם וועלדל צו איז די פייכטקייט איבערגעגאַנגען אין אַ נעץ, וואָס האָט זיך געהויבן איבער אסתרס פיס, איבער מרימס פיס, איינגעזאַפט ס׳פייכטקייט ווי אין לעש־פּאַפּיר. אסתר האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן. זי האָט געלייענט „קריאת שמע״, גע־לייענט פאַר זיך, געלייענט פאַר דער טאָכטער, ווי דאָס זאָגן וואָלט גע־ווען אַ סגולה אָפּצוטרייבן אַלע שלעק, אַלע נישט־גוטע, ס׳גאַנצע רשעות וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר. און אַז זי איז אַריין מיט דער טאָכטער אין פינצטערן וועלדל איז איר לייכטער געוואָרן. זי האָט זיך צעוויינט פון פרייד, וואָס ס׳איז דאָ אַ גרויסער יידישער גאָט, וואָס האָט איינזעעניש מיט שמואל־דוד שוחט, מיט זיין ווייב אסתר, מיט זייער איינציקער טאָכטער, מיט מרימלען.

# אין „טשערוואָני באָר“

אין די קאַרלינער וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן גרענעץ, איז געלעגן ס'דערפל „טשערוואָני באָר“. אין דערפל אַריין איז שווער געווען צוצוקומען. דער וועג, אַ שמאָלער, אַ געדיכטער, האָט זיך אָנגעהויבן צווישן סאָסנעס און זאַמדן, זיך פּאַרדרייט צווישן דעמבעס און געניִדערט אין טאָל אַריין, וואו די ערד איז געווען פייכט און זומפּיק און די אָלשינעביימער אַזוי צעקרימט און געדיכט, אַז ס'איז שווער געווען דורכצוגיין.

דאָ אויף די זומפּן האָבן געוואוינט אַ דרייסיק משפחות, געוואוינט אָפּגעזונדערט. צווישן איין הויז און דעם צווייטן — אַן אַרומגעצוימטער הויף פון רויע קלעצער איבער צוויי קלאַפטער הויך. די הייף האָבן אויסגעזען ווי פעסטונגען. די טויערן כמעט שטענדיק פאַרמאַכט, מען זאָל נישט קוקן, וואָס ס'טוט זיך ביים צווייטן אויפן הויף. און מען האָט נישט געקוקט.

ווינטער האָבן די מאַנסבילן געהאַקט וואַלד און זיינען געגאַנגען אויף געיעג. אין די איבעריקע חדשים פון יאָר האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט מולכעריי. מען האָט געמולכט פון פרייסן זיידנס, ציגאַרן, בראָנפן. מען האָט „געשוואַרצט“ קיין פּרייסן פאַרשוינען און פערד. דאָס זיינען געווען גויים שלעגער, וואָס האָבן פיינט געהאַט מלכות, אויסגעמיטן דעם קלויסטער און זיך קיינמאָל פאַר קיין גלח נישט מתוודה געווען.

אין די פאַרנאַכטן, ווען דרויסן איז געווען שיין, האָט ס'ווייבערפאָלק מיטן קליינוואַרג זיך צעזעצט אויפן באַרג, וואָס איבער די זומפּן און געקוקט איבער די ביימער, וואו די זון זעצט זיך. ווער פון די ווייבער האָט געוואַרט אויפן מאַן, ווער — אויפן זון, ווער — אויפן פאָטער.

פון מערב־זייט האָבן די מאַנסבילן געדאַרפט אָנקומען פון פּרייסן מיט קאָנטראַבאַנדע. די ווייבער האָבן געהאַט צו דערציילן פון זיידעס, פון טאַטעס, פון זין, וואָס זיינען נישט קריקגעקומען.

גרינלעכע אויגן האָבן זיך געשפּאַרט פון פנימער צעשמיסן פון ווינט, בלאַנדע פּאַסמעס האָר האָבן זיך אַפּירגערוקט פון די דריי־עקיקע קאָפּ־טיכלעך. טרויער אין די אויגן, טרויער אין האַרץ — ווען די מאַנסבילן קומען, צי וועלן זיי נישט קומען? און די צוועלף־דרייצן יאָריקע יינגלעך — אוי, האָבן זיי געוואָלט זיין עלטער מיט צוויי יאָר, געוואָלט זיך אָוועקלאָזן מיט זון־אויפגאַנג, געוואָלט מיטגיין מיט די טאַטעס קיין פּרייסן.

דאָס בענקעניש איז איבערגעגאַנגען פון זיידן צום טאַטן, צום זון.

אין דאָרף האָט אויך געוואוינט אַ יידישע משפּחה — מנשה פּאַכטער מיט אויסגעגעבענע זין. און כאָטש מנשה פּאַכטער איז שוין איבער דרייסיק יאָר קיין מילך־פּאַכטער נישט געווען, האָט מען אים אַלץ אַזוי גערופן. געהייסן האָט עס, אַז מנשה מיט די אויסגעגעבענע זין דערנערן זיך פונעם שטיקל געוועלב, וואָס זיי האָבן געהאַט אין שטוב. אין דער אמתן האָבן די דרייסיק וואַלד־משפּחות זיך נישט געקאָנט אַ ריר־טאָן אָן מנשהן, אָן זיינע זין. די געמולכטע שטיקער זיידנס, די קעסטלעך ציגאַרן, די בלאָזן בראָנפן — מנשה מיט די זין האָבן צוגעשטעלט קונים. די פאַרשוינען און פערד צו „שוואַרצן" קיין פּרייסן האָבן זיי אויך צוגעשטעלט. פאַר מנשהס אויגן זיינען די וואַלד־גוים רייך געוואָרן. מנשה האָט אויך נישט דערלייגט. די צוויי זין האָט ער אויסגעגעבן און זיי אַריינגענומען אין געשעפט. און אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט אין „טשערוואָני באָר" איבער דרייסיק יאָר. בלויז אויף ראָש־השנה און יום־כיפור האָט ער פאַרשלאָסן די שטוב מיטן געוועלב און איז געפאָרן מיט דער משפּחה אין שטאָט אַריין. אַזוי האָט מנשה געוואוינט אין דאָרף ביז 1939.

אין „טשערוואָני באָר" האָט מען אַזוי גוט ווי נישט געוואוסט, אַז ס'איז מלחמה. מיליטער — אי פּויליש, אי דייטש — איז אַהער נישט דערגאַנגען. די גרענעץ איז געווען אָפּגעשלאָסן. אַ צוויי־דריי אַנטלאָפענע זעלנער פון פוילן זיינען פאַרקראָכן אַהער. איז מען אין די אָוונטן געזעסן און זיך צוגעהערט, וואָס די אַנטלאָפענע זעלנער האָבן צו דערציילן.

און דאָ האָבן אָנגערוקט די ימים נוראים. מנשה האָט אָנגעלאָדנט אויף איין וואָגן בעטגעוואַנט, אויפן צווייטן האָבן זיך די מאַנסבילן מיט די ווייבער געזעצט און די וואַלד־יידן האָבן זיך געלאָזט אין דער שכנישער שטאָט אַריין אויף ימים נוראים. זיי זיינען אָבער דאָס מאָל נישט דער־פאָרן. ווי זיי האָבן געהאַלטן ביים אַרויספאָרן פון וואַלד, זיינען אָנגעלאָפן אַ צוויי מיניינים שטאָטישע יידן — מאַנסבילן, ווייבער, קינדער — מען איז געלאָפן, ווי מען גייט און שטייט. די איבערגעשראָקענע יידן האָבן אַרומגערינגלט מנשהן מיט די זין:

— אַזוי און אַזוי, מנשה, אַזוי און אַזוי... פריער האָט דער דייטש אַרויסגעיאָגט דעם פּאָליאַק, דערנאָך — דער פּאָליאַק דעם דייטש. פון נעכטן אָן איז אַ גיהנום אין שטאָט. דער שונא באָמבאַרדירט, גיסט פייער פון הימל און די שטאָט — ברענט. „אונדזערע", די פּאָליאַקן, זיינען נאָך פאַרטאָג אָפּגעטראָטן. און ווי זיי זיינען אָפּגעטראָטן איז „ס'פּעוול" אַרויס פון די באַהעלטענישן און גענומען ראַבירן יידיש האָב און גוטס. די גאַסן זיינען פול מיט הרוגים. יידן אַנטלויפן פון שטאָט, לויפן, וואו די אויגן טראָגן.

— דאַרף מען, הייסט עס, אויסדרייען די וועגענער — איז מנשה אַראָפּ פון וואָגן און נאָך אים די צוויי זין.

— האָט זיך אויף אונדז יידן אויסגעגאָסן אַ גזר, אַ ביטערער גזר פון הימל — האָט אַ ווייבל פריער אַרויסגעזעצט איר דריי־יאָריק מיידעלע אויפן וואָגן, דערנאָך איז זי אַליין אויך אַרויף.

מנשה איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט, געוויזן אויף ביידע וועגענער, געהייסן די אויסגעמאַטערטע ווייבער און קינדער אַרויפקריכן. און אַז די ווייבער מיט די קינדער זיינען שוין געזעסן אויף די וועגענער, האָט מנשה אַ זאָג געטאָן צו די צוויי מיניינים יידן:

— אַ גאַנץ לעבן פאָר איך אויף ימים נוראים צו אייך אין שטאָט אַריין. וועט איר כאָטש איין מאָל זיין ביי מיר ימים נוראים אין דאָרף. מן־הסתם וויל אַזוי גאָט — און ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו די זין — הערשל, בערל, מיר פאָרן!

אויף אָפּריער — די וועגענער, נאָך די וועגענער — דער עולם. מנשה האָט פאַרזיכערט די יידן, אַז ער האָט ליידיקע חדרים, אַז יעדער

וועט האבן זיין נאכטלעגער. אין שייער, גאס צו דאנק, איז דא פון כל־טוב. וועט מען באקן ברויט און חלות, מען וועט קאכן קארטאפל מיט בארשט און א שטיקל עוף וועט אויך זיין.

די וואלד־גויים האבן זיך געחידושט, וואס מנשה איז שוין דא צוריק, וואס ער פירט מיט זיך אזוי פיל יידן. פרעגן אבער האט קיינער נישט געפרעגט. זאלן דאס זיין „העכט״? ווי נאך וועט מען זיי „שווארצן״, אז די גרענעץ איז פארמאכט? מנשה מיט די זין האבן דערווייל געעפנט דאס טויער, אריינגעלאזט די יידן אין דעם פארצוימטן הויף און עס איז ווידער שטיל געווארן.

עס איז שוין געווען א שטיק נאך מיטאג, ווען די וואלד־גויים האבן געשיקט נאך מנשהן, ער זאל קומען פאר זיי איבערלייענען א בריוו. קיי־נער פון זיי האט נישט געקענט לייענען.

מנשה איז אוועק מיט די זין צו דוכנען, דעם רייכסטן מולכער, וואס איז אויך געווען דעם „וואויט״ פון דארף. ביי דוכנען אויפן הויף איז שוין געזעסן דאס גאנצע דארף פויערים. מען האט גערייכערט ציגארן, מען האט געשפיגן און געשוויגן.

מנשה האט דערציילט, אז דער דייטש האט חרוב געמאכט די שטאט. נישט בלויז הייזער ברענען, נאר גאנצע גאסן. די איינוואוינער זיינען זיך צעלאפן, האבן איבערגעלאזט דאס פארמעגן אויף הפקר און ווער ס׳האט נישט קיין גאט אין הארצן, דער ראבירט. אט באהאלטן זיך ביי אים אויס א צוויי צענדליק מענטשן.

אויפן הויף איז געווארן נאך שטילער. עס האט זיך געהערט, ווי דער עולם נאגט די ציגארן, שפייט, און איבער די קעפ האבן זיך געהויבן קוימענס רויך. דוכנע האט ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע א צונויפ־געלייגט שטיק פאפיר און עס געגעבן דעם ייד:

— לייען, מנשה.

ווי מנשה האט צעעפנט דאס פאפיר, האט ער זיך געכאפט, אז עס איז נישט קיין בריוו, עס איז א געדרוקטע זאך, א באפעל פון מלכות, צי וואס? דאס פויערים־פאלק האט אנגעשפיצט די אויערן. מנשה האט א בליק געטאן איבערן פאפיר, געכאפט אז עס רעדט זיך וועגן יידן. זאל ער לייענען? זאל ער צוטראכטן עפעס אנדערש? ער האט ארויסגענומען פון קעשענע די בריל, אנגעטאן און א רואיקער גענומען לייענען:

„...ברידער, פאליאקן, פוילן איז גרויס, פוילן איז רייך, מעג אפילו זיין א נאס יאר, איז אויף אונדזערע פעלדער שטענדיק א גערעטעניש. ווי קומט אהין די תבואה? פארוואס עסן אייערע קינדער קארטאפל־ברויט און קריגן אנגעלאפענע בייכער? איז דער ענטפער: יידן פירן אלץ ארויס פון פוילן, פירן עס אריבער צום דייטש, וואס טראגט זיך איבער פוילישע שטעט און דערפער, ווי א פייערדיקער הייזשעריק, ברענט און מארדעוועט פאליאקן. ווילט איר זיך באפרייען פון דייטש, באפרייט זיך פריער פונעם ייד...״

מנשה האט איבערגעלייענט די פראקלאמאציע, איבערגעלייענט רואיק, ווי ס׳וואלט זיך נישט געהאנדלט וועגן יידן, נאר וועגן ווילד־פרעמדע. ער האט אויסגעטאן די בריל, באטראכט פריער מיט איין אויג, דערנאך מיטביידע, דעם עולם, וואס האט שווער געשוויגן. מנשה האט זיך אנגערופן:

— וואס שוויגט איר, שכנים? איך בין אויך א ייד, מיין הערשל, מיין בערל, זיינען אויך יידן. וואס האט איר דערלייגט צו אונדז? וואס שווייגט איר, שכן דוכנע? און איר, שכנים?

דוכנע האט גענומען פון מנשהן די פראקלאמאציע און זי צעריסן אויף פיק־פיצלעך, זי צעשאטן איבערן הויף:

— פלוידערזעק!

— און די שטאטישע ווארילע יונגען, אט די, וואס ראבירן, דארף מען אונטערהאקן די זייטן! — האט זיך א צווייטער אנגערופן.

— א ווינט זיי אין די אויגן!

— ווען כ׳האב א צוויי־דריי חברה מיט מיר, גיי איך אין שטאט אריין — האט זיך א יונג ארויסגערוקט.

— זיץ, זיץ אין וואלד — האט דוכנע מיט א מאך פון דער האנט איינגעשטילט דעם יונג און גלייכצייטיק זיך א קער געטאן צו מנשהן — און די יידן זיינען נישט בלויז דיינע, מנשה, זיי זיינען אויך אונדזערע. מען דארף זען זיי צוריקשטעלן אויף די פיס. איך גיב די ערשטע הונדערט גילדן.

— איך אויך.

— איך אויך.

# אבלים

דאָקטאָר ברודניצקי, וואָס האָט געצויגן חיונה פון יידישע חולאים, איז געווען דער אָנפירער פון די מלאָווער „נאַראָדאָווע" דעמאָקראַטן. גע־וואוינט האָט ער אויפן אַלטן מאַרק, ביי מינצן אין מויער. ביז מיטאָג האָט ער ביי זיך אין קאַבינעט אויפגענומען פּאַציענטן. און פּאַציענטן האָט ער געהאַט נישט בלויז פון מלאָווע, נאָר אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך. יידן, קריסטן זיינען געפאָרן צו אים מיט אַלע חולאתן, געפאָרן ווי צו אַ הייליקן. נאָך מיטאָג האָט ער אויסגעמאָסטן די שטאָט, איז געגאַנגען פון איין חולה צום צווייטן און אַזוי ביז אַ שטיק אין אָוונט אַריין.

דאָקטאָר ברודניצקי האָט קיינמאָל נישט געקוקט וויפל מען שטעקט אים איין פאַר אַ וויזיט. און אַז אַ ייד האָט זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט אים אויף פּויליש, האָט ער גערעדט מיט אים יידיש. אַריינגעוואָרפן אַ העברעאיש וואָרט, אַפילו אַ ווערטל.

באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען ברודניצקי איז אַריבערגעקומען קיין מלאָווע, האָט די שטאָט אים געהאַלטן פאַר אַן אוהב־ישראל. איז אַ ייד אָוועקגעפאַלן ביינאַכט, צי אין אַ זונטיק, צי אין אַ חגא — ברוד־ניצקי איז שטענדיק געגאַנגען. מען האָט אויך געשמועסט, אַז דער דאָק־טאָר איז אַ שותף צו מינצעס פּאַראָווער מיל, צו דער שטאָטישער עלעקטראָווניע, וואָס מינץ האָט געהאַלטן אין אַרענדע. צי דאָס איז געווען אמת, האָט זיך קיינער נישט דערוואוסט. מיט יאָרן שפּעטער, ווען מען האָט אין דער שטיל גענומען רעדן, אַז ברודניצקי איז אַ שונא־ישראל, האָט כמעט קיינער אין שטאָט ניט געגלייבט. און אַז ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון די שטאָטישע נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן, האָט מען אים מוחל געווען, ווייל אויבן־אויף האָט זיך קיין זאַך נישט געביטן. ער איז

ווייטער געגאַנגען צו יידישע חולאים ווען מען האָט אים גערופן, ווייטער נישט געקוקט וויפל מען האָט אים אַריינגעשטעקט אין האַנט אַריין.

דאָקטאָר ברודניצקי, וואָס איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו מינצן, האָט די לעצטע דריי יאָר אין גאַנצן איבערגעריסן מיט אים, ווי זיי וואָלטן זיך צעקריגט און זיי האָבן זיך טאַקע צעווערטלט. מינץ, אַ ייד אַ גביר, אַ ייד אַ משכיל, וואָס האָט געלייענט העברעאיש, פויליש, דייטש, מיט דעם מינצן האָט ברודניצקי אין אַ פרייער שעה געשפילט שאָך. אין נײַנצן הונדערט זעקס און דרייסיק, ווען די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין מלאווע „פּיקעטס", זיי צעשטעלט אַרום יידישע געוועלבער קיין קריסט זאָל אַהין נישט אַריין, דעמאָלט האָט מינץ זיך צעווערטלט מיט דעם דאָקטאָר.

ס'איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג. די שכנים האָבן געשפילט שאָך. מינץ האָט אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף די „פּיקעטס". ברודניצקי האָט געהאַט איין טענה:

— לוט איז ניט בלויז געווען אברהמס אַ שכן, נאָר אויך אַ ברודערנזון, און אַז ס'לאַנד איז זיי ענג געוואָרן, איז מען זיך צעגאַנגען... יידן זיינען אַן אַלט און אַ פּעאיק פאָלק, אפשר ס'עלטסטע און דאָס פּעאיקסטע פאָלק אין אייראָפּע. ווי קומען מיר, פּאָליאַקן, אַ יונג אָרעם פאָלק, צו אייך יידן? ס'איז קיין שידוך נישט! און אַז שכנים ווערט ענג, דאַרף איינער אָפּטרעטן, דאַרף זיך אָוועקציען, ווי אַברהם האָט זיך אָוועקגעצויגן פון לוטן.

מינץ איז דעם דאָקטאָר גאָרנישט שולדיק געבליבן. ער האָט אַ שאָר געטאָן פון זיך דאָס שאָך־ברעט אַז די פיגורן האָבן זיך צעשאָטן און ווערטער זיינען געפאַלן ווי קוילן:

— מיר האָבן פּונקט אַזאַ רעכט צו דער פּוילישער ערד, ווי פּאָליאַקן, ווייל יידן זיצן אַרום דעם ווייסל אַזוי לאַנג ווי פּאָליאַקן. און דאָס, וואָס פּאָליאַקן יאָגן און מאָרדעווען די פערטהאַלבן מיליאָן יידן מיט מער רציחה, ווי די פּאָליאַקן זיינען געמאָרדעוועט געוואָרן פון די רוסישע צאַרן, פון די דייטשישע ביסמאַרקס, דאָס קאָן פירן צו פּוילנס אונטערגאַנג.

— פאַר אַזוינע רייד זעצט מען איין אין פּוילן — האָט ברודניצקי זיך אויפגעשטעלט.

— איר קאנט עס טאן, דאקטאר — האט מינץ זיך אויך אויפ־געשטעלט — „ענדעקעס" איז שטענדיק ליב געווען פוילנס אונטערגאנג.

דער דאקטאר, וואס איז געשטאנען מיטן קאפ געבויגן איבערן שאך־טישל, האט א הייב געטאן אויף מינצן א פאר פארוואלקנטע אויגן, וואס האבן געהאט צו זאגן:

— ס'איז א ליגן!

מינץ האט אין גרויס געאייל געעפנט א ביכער־שאנק. ער האט ארויסגענומען א בראשורע, זי געבלעטערט און צוגעטראגן די בראשורע דעם דאקטאר:

— דאס האט דער טאטע פון די „ענדעקעס", ראמאן דמאווסקי, נאך געשריבן אין 1908. אט לייענט — „דעם אויפשטאנד פון 1863 האבן געמאכט יידן, מאסאנען און דייטשן". פון דער געקרייציקטער פוילן, פון דער פוילישער גאלגאטע, האט ראמאן דמאווסקי נאך אין 1908 גע־מאכט א ביליקן קאבארעט. פרייט אייך, דאקטאר ברודניצקי! אין משך פון צוואנציק יאר האבן פאליאקן פערטהאלבן מיליאן יידן עקאנאמיש צעבראכן, באשפיגן, פארוואנדלט אין פאריער. און דערמיט האט איר אויך באשפיגן און געקרייציקט דאס גרויסע פוילישע ווארט, וואס האט אייך געגעבן כוח אויסצוהאלטן די הונדערט און פופציק יאר גלות.

נאך דעם שמועס האבן די שכנים נישט בלויז אויפגעהערט צו רעדן צווישן זיך, נאר זיי האבן אויך אויפגעהערט זיך צו באגריסן. דירה־געלט האט ארייגעבראכט ברודניצקיס דינסט. און אז מען האט געדארפט ביי די מינצעס א דאקטאר, האט מען געשיקט נאך מאקאווסקין, נישט גערופן ברודניצקין.

אזוי האט דער ברוגז זיך געצויגן ביז נאך דער מלחמה.

די ערשטע וואך פון דער מלחמה האט מלאווע געהאלטן אין אי־בערגיין פון האנט צו האנט. דא האט דער שונא פארנומען די שטאט און דא האבן די פאליאקן פארטריבן דעם שונא. אזוי פיר מאל אין איין וואך. מלאווע האט געברענט. נישט געווען קיין מענטשן און קיין וואסער צו לעשן די פייערן. מען איז געלעגן אין די קעלערס און מען האט זיך צוגע־הערט ווי דער שונא באמבארדירט די שטאט, ווי הייזער קראכן, פאלן איין, הינט וואיען און מענטשן שרייען מיט אומגעהערישע, באנומענע

קולות. אַזוי האָט זיך אַרום מלאָווע געצויגן די מלחמה איבער אַ וואָך.
און אַז דאָס שיסערײַ האָט אויפגעהערט, האָבן מענטשן גענומען אַרויס־קריכן פון די קעלערס, פון די לעכער, וואו זיי זײַנען געלעגן באַהאַלטן.
דער באַלעבאָס פון שטאָט איז געווען דער דײַטש. דאָ איז מען געגאַנגען פון הויז צו הויז, רעקווירירט וואו אַ קופּערנעם קעסל, אַ קופּערנעם ראָנדל, וואו מעשענע לײַכטער, וואו אַ מעשענע האַנטאָבע. מען איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב רעקווירירט לײַלעכער, טישטוכער, נאַכט־העמדער, בעט־געצײַג, געמאַכט דערפון באַנדאַזשן פאַר די פאַרוואונדעטע זעלנער.
עס האָט קיין צווײ וואָכן ניט גענומען און דער דײַטש האָט געוואוסט, וואָס יעדער מלאָווער פאַרמאָגט — פון אַ פערד, פון אַ קו ביז אַ קערץ קאַרטאָפל אין קעלער, ביז אַן אײַנגעלייגט פעסל קרויט. יעדער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אַרבעט־קאַרטע, מיט אַ ברויט־קאַרטע.

אָנהייב אָקטאָבער, אין אַ פאַרנאַכט, איז פאַרפאָרן צו מינצן אַ מי־ליטערישער לאַסט־אויטאָמאָביל מיט זעלנער. צוויי געשטאַפּאָ־אַגענטן האָבן זיך געמאָלדן:

— מיר זײַנען געקומען נאָך אײַער ביבליאָטעק, הער מינץ.

— ביטע.

מינץ האָט זיי אַרײַנגעפירט צו זיך אין קאַבינעט. אַרום די ווענט — ביכער־שענק מיט געזימסן. ער האָט געעפנט די שענק, געוויזן אויף די געלייִשטע רוקנס — געטע, לעסינג, היינע.

היינען האָבן זיי אַרויסגענומען. לעסינגען האָבן זיי זיך געישובט און אים אויך אַרויסגענומען. זיי האָבן צוגענומען אַלע רבנישע ספרים, אַלע השכלה ספרים, אַלע יידישע און פּוילישע ביכער. פון דער גאַנצער ביבליאָטעק איז בײַ מינצן געבליבן געטע. און אַז זיי האָבן אים שוין געגעבן אַ קוויטירונג אויף די ביכער, האָבן זיי אים געפרעגט:

— דער דאָקטאָר ברודניצקי וואוינט שוין לאַנג בײַ אײַך?

— צוואַנציק יאָר.

— קענט איר דאָך אים גוט.

— כ׳קען אים.

— ווי קומט עס, וואָס בײַ אים אין ביבליאָטעק האָבן מיר נישט געפונען קיין איין דײַטשיש בוך? האָט ער טאָקע אַזוי פײַנט דײַטשן?

— דאָקטאָר ברודניצקי קען בלויז איין אויסלענדישע שפּראַך — פראַנצויזיש.

— מיט אַן אמת?

— אמת, מיינע הערן.

אַז די זעלנער האָבן צוגענומען די ביכער, האָבן די צוויי אַגענטן זיך פאַרנייגט און זיינען אַרויס פון קאַבינעט. מינץ, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי פאַר מלכות — די הענט אַראָפּגעלאָזט, דעם קאָפּ פאַרריסן — האָט ערשט איצט זיך אַ וואַקל געטאָן. אַרום אים אַ פּוסט־קייט. דאָס וואָס ער האָט געזאַמלט און געקליבן אַ גאַנץ לעבן — זיין ביבליאָטעק — האָט מען אים מיט אַמאָל אָוועקגערויבט. ער האָט גע־גלאָצט אין דער ליידיקייט, געוואָרט עס זאָל זיך באַווייזן — ווער? — ער האָט אַליין נישט געוואוסט. ער האָט אָבער געוואָרט מען זאָל ביי אים שניידן „קריעה". אין שטוב איז שוין געווען פינצטער. די עלעקטרישע לאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון אַ קלאַץ אויפן אַלטן מאַרק, און וואָס די דייטשן האָבן געהאַט פאַרריכט, האָט שוין געברענט. לעבן מינצן איז אויסגעוואַקסן ברודניצקי, אַ געבויגענער, אַ פאַרעלטערטער. ער האָט זיך נישט באַגריסט, ווי ער וואָלט נישט געווען קיין פאַליאַק, נאָר אַ ייד, וואָס קומט מנחם־אבל זיין אַ צווייטן. אַזוי זיינען זיי ביידע געשטאַנען איבער אַן אָפּגעהויבענעם מת. עס איז געוואָרן פינצטער. ברודניצקי האָט זיך צערעדט:

„...פוילן איז געפאַלן. היטלער מאַרשירט היינט קיין וואַרשע. פון גרויס שמחה וועלן די הונען אין אַלע פאַרנומענע שטעט און שטעטלעך היינט ברענען פּוילישע און יידישע ביכער. זיי האָבן צוגענומען מיין ביבליאָטעק. איר זייט געדעכט געווען, פּאַניע מינץ — ס'גרויסע פּוילישע וואָרט, דאָס מענטשלעכע וואָרט פון אַ נאָרוויד, פון אַ מיצקעוויטש, האָבן מיר פּאַליאַקן גיך פאַרגעסן. אין משך פון די הונדערט און פופציק יאָר גלות האָבן מיר, פּאַליאַקן, זיך אויסגעלערנט ווי צו פייניקן אונדזערע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. דאָס שטראָפט מען אונדז פאַרן באָיקאָט, פאַר די פּיקעטס, פאַר די פאַגראָמירטע יידישע „סטראַגאַנעס". כ'ווייס נישט ביי וועמען פריער צו בעטן מחילה, צי ביי אייך, צי ביים געפאַלענעם פוילן.

מינץ האָט גאָרנישט געענטפערט.

פונעם אַלטן מאַרק האָט זיך מיט אַמאָל אַ צי געטאָן אַ פלאַם גלייך אין פענצטער אַריין. עס איז אַזוי ליכטיק געוואָרן אין קאַבינעט, אַז מינץ און ברודניצקי האָבן אַ רגע פאַרזשמורעט די אויגן.

זיי זיינען צו צום פענצטער.

ביכער אַנגעשאָטן אין אַ באַרג האָבן געברענט. אַרום פייער זיינען געשטאַנען זעלנער אין אַ ראָד, געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ צו די פלאַמען, ווילד געזונגען, אַז אַ ביי מינצן אי ביי ברודניצקין האָט דאָס בלוט געגליווערט. און ווען דאָס פייער האָט זיך גענומען זעצן, האָבן זעלנער מיט שפּיזן צוגעוואָרפן ביכער אין די פלאַמען, אַז דער מאַרק איז פול געוואָרן מיט פונקען. פון פרייד האָבן די זעלנער גענומען טאַנצן אַרום פייער. דערנאָך האָבן זיי זיך צוגעזעצט אויף די „קיטשקעס" און דאָס געזאַנג איז געוואָרן נאָך ווילדער.

# דער סראַצקער רב

ס׳איז געווען די פּערטע וואָך מלחמה.

דער סראַצקער רב האָט אין שלאָף דערהערט, ווי מען קלאַפּט ביי־אים אין טיר. ער האָט זיך געבעטן ביים ווייב: „עפן, אסתר־ברכה". ער האָט זיך געבעטן ביים שמש: „עפן, משה־לייב". און אַז ביידע האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט דער רב זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער. ער האָט זיך אויפגעזעצט און זיך דערמאָנט, אַז דאָס ווייב און דער שמש זיינען צעריסן געוואָרן פון דייטשישע באָמבעס.

דער רב האָט אָנגעשטעלט די אויערן — שטיל. אַרום אים — אַ געדיכטע פינצטערניש. זאָל עס אים האָבן זיך אויסגעדאַכט? פון דער שטילקייט אָבער האָט זיך געהערט אַ ווייט, פאַרשטיקט קלאַפּן, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ זייגערל, וואָס ליגט אונטער אַ קישן. דעם רבס האַנט האָט פון זיך אַליין גענומען נישטערן אונטערן קישן, אָנגעטאַפּט ס׳זייגערל מיטן ציפּערבלאַט, וואָס האָט געלויכטן אין דער פינצטער. ס׳איז נאָך נישט געווען קיין פיר.

דער רב, וואָס איז געשלאָפן אין די קליידער אויף אַ סאָפקע אין בית־דין שטוב, איז אַראָפּ פון געלעגער. שוין איבער צוויי וואָכן, ווי דער רב האָט זיך נישט געהאָט אויסגעטאָן ביינאַכט. ער איז געלעגן אין די זאַכן אויף דער סאָפקע, דאַכט זיך געשלאָפן, געדרימלט און ביים קלענסטן שאָרך איז ער גרייט געווען זיך צו באַהאַלטן אין דעם געמויערטן קעלער, וואָס האָט זיך געצויגן אונטערן הויז.

דער רב האָט זיך אָפּגעגאָסן די נעגל און איז אַרויס פון בית־דין שטוב. דאָ, אין בית־דין שטוב, וואו די פענצטער זיינען אַרויס אויף דער גאַס, האָט מען נישט געטאָרט אָנצינדן קיין ליכט. און עס איז טאַקע

געווען געפּערלעך. דער רב איז אַריין אין אַלקער, אַן פענצטער, און פאַר־מאַכט הינטער זיך די טיר. ער האָט אין דער פינצטער אויפגעזוכט אַ שטיקל צעשמאָלצן ליכט און עס אָנגעצונדן. די צוויי בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען ווי אַ דלד, די בייכיקע קאָמאָדע — האָבן פאַרנומען דריי פערטל פונעם אַלקער. אויף אַ קליין נאַכט־טישל איז געלעגן אַן אָפענע גמרא. אויף דער גמרא — אַ שבט יהודה, דורכגעווייקט מיט טרערן און מיט שמעלץ פון חלבנע ליכט. דער רב האָט צוגעטריפט דאָס שטיקל ליכט צום נאַכט־טישל און אַ בלעטער געטאָן דעם „שבט יהודה":

„...אַנטלאָפענע פון שפּאַניע האָבן דערציילט: אויף א שיף האָט אויסגעבראָכן אַ מגפה. דער קאַפּיטאַן האָט די פּאַסאַזשירן אַראָפּגעזעצט אויף אַ וויסטעניש. אויף דער וויסטעניש זיינען כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן פון הונגער. עס איז געבליבן אַ קליינע משפחה — אַ טאַטע, אַ מאַמע און צוויי יינגלעך. אויפן וועג איז די מאַמע פון הונגער געשטאָרבן. דער טאַטע האָט גענומען די יינגלעך און איז ווייטער געגאַנגען. פון הונגער האָבן אַלע דריי אָוועקגעחלשט. אַז דער פאָטער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ביידע קינדער זיינען שוין אויך טויט. פון גרויס ווייטיק האָט ער זיך צעשריען:

„רבונו של עולם, ווי כ'זע, ווילסטו, אַז איך זאָל זיך שמדן! האָסט אָוועקגעהרגעט מיר ס'ווייב, האָסט אָוועקגעהרגעט מיר די קינדער! דיר אָבער אויף צו להכעיס, וועל איך זיך נישט שמדן! כ'בין אַ ייד און כ'וועל בלייבן אַ ייד! קיין זאַך וועט דיר נישט העלפן, גאָט!"

דער רב האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך דאָס ספרל, עס געלאָזט ליגן אויף דער גמרא. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעזיפצט. אינעם לענגלעכן, אָפּגעצערטן פנים איז געווען טרויער און רחמנות. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט און גערעדט צו זיך:

— מען דאַרף נישט פאַלן ביי זיך, סראָצקער רב. האָט דאָך גאָט אויך ביי דיר צוגענומען דאָס ווייב, צוגענומען דעם שמש, פאַרברענט די סראָצקער שיל. הרוגים וואַלגערן זיך אין די גאַסן, אויף די וועגן, קומען נישט צו קבר ישראל. און די קינדער דיינע, סראָצקער רב? די זין ווייסן נישט וואו די ווייבער זיינען און די טעכטער ווייסן נישט, וואו זייערע

מענער זיינען. און די סראַצקער קהילה? די רייכע, וואָס זיינען זיך צע־לאָפן, זיינען אומגעקומען אויף די וועגן. און די, וואָס זיינען געבליבן אין שטאָט, גייען אויס פון הונגער, גייען אויס פון חולאתן. און דער שונא מאָרדעוועט, באַשיסט די שטאָט פון אַלע וועגן, אַפילו פון הימל, קלייבט זיך אָפּצומעקן יעדן שפור, קיינער זאָל נישט גלייבן, אַז סראַצק איז אַמאָל געווען אַ ישוב.

וואָס פאַר אַן איבערקערעניש אין די קנאָפּע פיר וואָכן? יידישע יונגעלייט, באַפרייטע פון מיליטער־דינסט, האָבן זיך פרייוויליק פאַר־שריבן אין דער פוילישער אַרמיי. יידן, קריסטן, יונג און אַלט, מאַנסבילן, ווייבער — אַלע האָבן געגראָבן „אָקאָפּעס", געגראָבן פיר און צוואַנציק שעה א מעת־לעת, צוגעגרייט אַ „ליניע" פאַרן מיליטער, וואָס וועט דאַרפן אָפּטרעטן פון „אָסט־פּרייסן". די נייע „ליניע" האָט געדאַרפט צוריק־האַלטן דעם שונא פון וואַרשע.

דער סראַצקער רב, שוין אין די הויכע פופציקער, איז געווען פון די ערשטע, וואָס איז געגאַנגען גראָבן „אָקאָפּעס", איז געגאַנגען מיט פרייד, ווי צו אַ דבר מצוה, און אַז ער האָט אַ טאָג נישט געגראָבן, איז ער געלאָפן פון שטוב צו שטוב, האָט צונויפגענומען קוישן עסנוואַרג, צע־טיילט צווישן די יידן, צווישן די קריסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד.

אַזוי טעג, אַזוי נעכט, אַזוי וואָכן.

און אַז די פוילישע אַרמיי פון אָסט־פּרייסן האָט פאַרנומען די „ליניע" אַרום סראַצק, ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן ס'אמתע גיהנום.

האַרמאַטן האָבן געהאַמערט, סראַצק האָט געברענט, באַמבעס האָבן אויסגעריסן הייזער מיט די פונדאַמענטן, מיט די געמויערטע קעלערס, געשליידערט הרוגים אויף דעכער, אויףביימער. מענטשן זיינען געלעגן אין די קעלערס, אין די קאַרטאָפל־גריבער. בלויז דער הונגער האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די נאָרעס, פון די לעכער.

צווישן די, וואָס האָבן זיך כמעט ווי נישט געהיט, איז געווען דער סראַצקער רב. נאָכן ווייבס טויט, נאָכן שמשעס טויט, האָט ער זיך אין גאַנצן אויפגעהערט צו היטן. וואו אַ חולה אין שטאָט, דער רב איז ביי אים געווען, געבראַכט אַ לעפל געקעכץ. פון ווייניק עסן, פון ווייניק

שלאפן, האבן די מלבושים גענומען הענגען אויפן רב. ס׳לענגלעכע פּנים איז געוואָרן שאַרפער, די בלוילעכע אויגן — קרענקלעך, און אין בליק — עפּעס וואָלפישעס.

פאַר די זעלנער, וואָס זיינען געקומען פון די „אָקאָפּעס" אין שטאָט אריין זיך אָפּרוען, האָט דער רב געזאָרגט. יעדן זעלנער האָט מען אָפּגע־וואָשן די פיס מיט הייס וואַסער, יעדן זעלנער האָט מען געגעבן פרישע „אָניצעס", געגעבן אָפּצועסן און צו פאַררייכערן.

אזוי זיינען פאַרביי פיר טעג.

אויפן פינפטן טאָג פאַרנאַכט איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן, אזוי שטיל אַז עס האָט געזשומעט אין די אויערן. געהייסן האָט עס —ביידע צדדים האָבן געמאַכט אַ שטילשטאַנד, מען זאָל באַגראָבן די געפאַלענע.

די שטילקייט האָט אָראָפּגעיאָגט דעם סראַצקער רב פון דער סאָפקע. ער האָט זיך געדרייט אין די פיר איילן אַלקער, געבעטן גאָט, אַז מיט דער שטילקייט זאָל שוין אַ סוף נעמען צו דער מלחמה. און מיט אַמאָל — אַ קלאַפּ אין טיר. דער רב איז געבליבן שטיין. זיין שאַרף פּנים האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער טיר. מען האָט העכער אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. דער רב איז אַרויס פון אַלקער:

— ווער איז?

— איך, דער סראַצקער „סטאַראָסטאַ".

דער רב האָט געעפנט. דער סטאַראָסטאַ איז אַריין. ס׳איז נאָך פאַר אַ רגע פינצטערער געוואָרן. דער סטאַראָסטאַ האָט אַ קוועטש געטאָן אַ שיין־וואָרפער. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. טרויער אין די אויגן, אַרום די מיילער. איבער פינף־און־דרייסיק יאָר ווי דער רב און דער סטאַ־ראָסטאַ האָבן געאַרבעט אין סראַצק. פריער ביים רוס, איז שוקלאָסקי געווען בורגמייסטער. ביים פּאָליאַק איז ער געוואָרן סטאַראָסטאַ. און איצט?

ביידע האָבן זיך צוגעזעצט אויף דער סאָפקע. דער שיין־וואָרפער, אַן אָנגעצונדענער, האָט געטריבן ס׳חושך, אָפּגעדעקט אין בית־דין־שטוב פּאָליצעס מיט ספרים. דער סטאַראָסטאַ האָט זיך צערעדט:

— נישט פריילעך, פּאַניע ראַבין, גאָרנישט פריילעך. כ׳האָב זיך געכטן אויף דער נאַכט דערוואוסט, אַז אונדזער „מלוכה", וואָס איז מיט

צען טעג צוריק אוועק פון ווארשע, געפינט זיך שוין מער נישט אין פוילן. די מלוכה מיטן פרעזידענט, מיטן מלחמה־פירער רידז־סמיגלי זיינען אריבער די גרענעץ, געפינען זיך אין רומעניע. די היגטישע זין האבן אונדז אפגענארט, מיאוס אפגענארט. און אז מיר וועלן זיך שלאגן נאך א טאג, נאך א טאג — סראצק מוז זיך אונטערגעבן. און אז דער דייטש וועט אריין אין שטאט, וועט ער ס'ערשטע מיך דערשיסן, אייך, סראצקער רב, דערשיסן. דער דייטש האט גענוג שפיאנען, וויים אלץ וואס ס'טוט זיך אין יעדן פוילישן שטעטל, אין יעדן דארף.

ווי דער סטאראסטא האט גערעדט צום רב, גערעדט שטיל, האבן די שויבן אין די פענצטער גענומען ציטערן, די ווענט האבן זיך א טרייסל געטאן, ווי דאס שיסן וואלט נים געווען דריי קילאמעטער פון שטאט, נאר פענצטער צו פענצטער.

דער רב האט געפרעגט מיט די הענט:

— וואס איז דאס?

— דאס מאכן אונדזערע אן אטאקע אויפן שונא — האט דער סטאראסטא זיך אויפגעשטעלט — אין דעם געקלאפער, אין דער מהומה וועט דער שונא זיך נישט כאפן ווי סראצק עוואקואירט. ס'שטייען שוין גרייט עראפלאנען. צווישן די, וואס דארפן אוועק פון שטאט, זייט איר, סראצקער ראבין, אויך פארערכנט. טוט אן די קאפאטע און קומט.

— איך? — האט דער רב צענומען די הענט ווי ער וואלט געהאט א שווערע שאלה — ווי קען מען איבערלאזן די שטאט אויף הפקר? אזוי פיל חולאים, אזוי פיל ארעמעלייט. און דערפאר, פאניע סטאראסטא, וואס איך בין סראצקער רב, זאל איך זיך ראטעווען און די שטאט זאל אונטערגיין? ניין, איך וועל בלייבן.

דער רב האט ארויסבאגלייט דעם סטאראסטא. אין דער אפענער טיר האט דער סטאראסטא א זאג געטאן צום רב מיט א פארשטיקט קול:

— פאניע ראבין, גיט מיר מיט א ברכה.

ביידע האבן זיך צעקושט.

# חורבן

פיר מעת־לעת האָט דער פּאַסאַזשיר־צוג זיך געשלעפּט פון וואַרשע קיין ווילנע. בייטאָג איז מען כמעט ווי נישט געפאָרן. ווי נאָר ס׳האָט זיך באַוויזן אַ דייטשישער עראָפּלאַן, איז דער צוג געבליבן שטיין אין מיטן פעלד. די פּאַסאַזשירן זיינען אַרויס פון די וואַגאָנען, האָבן זיך צע־שאָטן, זיך באַהאַלטן ווער אין אַ וועלדל, ווער אין די ליידיקע קאַרטאָפל־גריבער. און אַז דער שונא איז פאַרשוואונדן, האָט דער לאָקאָמאָטיוו זיך צעפּייפט. די פּאַסאַזשירן האָבן גענומען קריכן פון די באַהעלטענישן. און אַזוי עטלעכע מאָל אַ טאָג.

מען האָט געוואַרט ס׳זאָל נאַכט ווערן. און אַז ס׳איז נאַכט געוואָרן, האָט דער צוג, אַ פינצטערער, זיך גענומען גנבענען. די וואַגאָנען זיינען געווען געפּאַקט, קעפּ איבער קעפּ. די אויגן, די אויערן אָנגעשטרענגט. מען האָט אויפגעכאַפּט יעדן קלאַנג, געזען אין יעדן שאָטן אַ געהיימען צייכן. די פּנימער, פאַרחושכטע, צעוויטיקטע, האָבן יעדע ווײַלע אויפ־געציטערט, געפיבערט מיט אומרו, מיט שרעק.

פון מאָל צו מאָל האָט מען אין אַ פאַרקאָפּטשעטער לאַמטערנע אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט. די לאַמטערנע איז געווען פאַרהאַנגען, די שיין פון ליכט זאָל פאַלן אויפן דיל, נישט אין די פענצטער. דאָס האָט נאָך בולטער געמאַכט ס׳פינצטערניש, וואָס האָט זיך געפּאַקט דורך די פענצ־טערלעך, פון די וועלדער. פון אַ ווינקל האָט זיך פון מאָל צו מאָל געטראָגן אַ קינדיש קרענקלעך געוויין.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט, זיך געהויבן באַרג אַרויף, זיך אַראָפּ־געלאָזט אין טאָל. די פּאַסאַזשירן, אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע, האָבן אַפילו איצט, ווען מען איז געלאָפן פונעם שונא, זיך געטיילט אין

גרופעס — יידן באזונדער, פאליאקן באזונדער. קיינער האט נישט גע־בלייבט, אז מען וועט א מאל אנקומען קיין ווילנע. דער צוג האט זיך מיט אמאל אפגעשטעלט. די האלב־פארשלאפענע פאסאזשירן האבן זיך א ריס געטאן, ווער פון א באנק, ווער פונעם דיל. מען האט געווישט מיט די הענט די פארלאפענע שויבן. מען האט געקוקט אין דער קאלטער, פינצטערער נאכט אריין און די אומבאהאלפנקייט איז געוואקסן:

— וואו זיינען מיר?

א גלח, וואס איז געזעסן מיט א לאנגער, בלאנדער דאמע, האט אפגעשטעלט דעם קאנדוקטאר, וואס איז פארבייגעגאנגען:

— וואו זיינען מיר?

— א שעה, אנדערהאלבן, פון ווילנע.

— גוט, גוט — האט דער גלח א נעם געטאן אין דער האנט אריין א שפארן, גאלדענעם צלם, וואס איז געהאנגען ביי אים הינטער דער שווארצער קאפאטע — זיינען מיר שוין באלד אין ווילנע.

דער קאנדוקטאר האט מיט גרויס דרך־ארץ זיך א וויג געטאן צום גלח און אים איינגערוימט:

— מען זאגט, אז דער וועג קיין ווילנע איז אפגעשניטן.

— אפגעשניטן? פון דייטש?

— ניין, פאניע קשענדזו, פון די באלשעוויקעס — האט דער קאנדוקטאר נאך שטילער גערעדט.

— פוילן האט זיך דערוואַרט — האט דער גלח געזאגט צו דער דאמע, און אליין האט ער זיך איבערגעצלמט — פון איין זייט דער דייטש, פון דער צווייטער דער מאסקאל. די שונאים נעמען אונדז ארום ווי מיט נוס־קנאקער!

— טא וואוהין פארן מיר? — האט עמיצער זיך אפגערופן.

— טאקע, וואוהין?

— וואס שטייען מיר?

— ס'איז דען א סטאנציע?

— טאקע, וואס שטייען מיר?

— דער צוג פארט דאך — האט זיך א ייד אפגערופן.

די פאסאזשירן, פארווירטע, האבן זיך מיט אמאל געכאפט, אז

דער צוג פארט, ווי דאס פארן וואלט געווען אן אומגליק. שטומע האבן די פאסאזשירן זיך צעזעצט. די חושים — פארשארפט. צווישן די יידן, וואס זיינען געזעסן אויף בענק, אויף דעם דיל, איז פון דעם שושקען זיך געווארן א גערויש. די פאליאקן האבן אנגעשפיצט די אויערן, זיך איינגעהערט, נישט געקאנט כאפן וואס די יידן רעדן צווישן זיך, און א מרה־שחורה האט זיך צעלייגט איבער אלעמענס קעפ:

— וואוהין פארט מען?

ס׳איז געווען שווער צו זאגן צי יידן זיינען צופרידן, צי זיי זיינען אומצופרידן, וואס אין ווילנע געפינען זיך שוין די באלשעוויקעס. דעם אונטערגעהערטן שמועס צווישן דעם קאנדוקטאר מיטן גלח האט מען איבער די ליפן נישט געבראכט. ס׳איז אבער מער נישט געווען די שרעק אריינצופאלן צו די דייטשן. די שרעק פון פאליאק איז אויך איז אויסגערונען. דערצו האבן יידן זיך געטרייסט, וואס אין וואגאן געפינט זיך א גלח. און דער גלח האט שטיל אריינגערעדט אין דער בלאנדער דאמע:

— וואו מען טוט זיך א ריר — אומעטום יידן. נעמט אונדזער וואגאן — איר האט דאך דא מער יידן ווי פאליאקן. ווי יידן וואלטן ניט געווען קיין פופצן פראצענט אין פוילן, נאר גאנצע הונדערט און פופציק.

— ביז דער מלחמה האב איך אויך אזוי געמיינט — האט א גע־וויקסיקער פאסאזשיר, וואס איז געזעסן אנטקעגן דעם גלח, זיך אנגערופן — ווען מיר באהאנדלען בעסער דעם ייד, ווער ווייסט צי מיר וואלטן היינט אזוי געלאפן פונעם דייטש? קעגן יידן האבן מיר געזינדיקט, שטארק געזינדיקט.

— ווער זענט איר? א פאליאק? — האט דער גלח זיך איינגע־קוקט אינעם שכן.

— יא, פאניע קשענדזו, כ׳בין א פאליאק.

אין דעם כמעט פינצטערן וואגאן האבן זיך גענומען שארן שאטנס. דערנאך האט זיך דערהערט א געראנגל, ס׳האבן זיך געהערט אפגע־האקטע קולות:

— טא לאז ער עפענען די וואליז זיינע!

— ער איז דאך א ייד!

— יעדער ייד איז א שפיאן!

— נישט יעדער, נישט יעדער — האט דער געוויקסיקער פאַ־ליאַק, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער דעם גלח, זיך אָנגערופן — און אַז אַ פּאָליאַק באַפאַלט אַ ייד, איז ער קיין פּאָליאַק נישט, נאָר אַ דייטש־שער שפּיאָן.

— און ווער איז דער, וואָס האט זיך אַזוי „צעפּיסקעוועט״?

— מן הסתם אויך אַ ייד!

— ניין, גראַד אַ פּאָליאַק!

עס האט זיך דערהערט אַ געשריי. דאָס געשריי, אַ שפּיציקס האט זיך געקייקלט דורך דער פינצטערניש. פון אַלע זייטן קולות:

— טאָ לאָז ער עפענען די וואַליז!

— ער וויל נישט?

— נעמט ביי אים צו די וואַליז און וואַרפט אים אַרויס פון וואַגאָן!

— נעמט אים, חברה!

דאָס געשריי האט נישט געלאָזט איינזיצן, געשטאָכן די אויערן. די בלאָנדע דאַמע האט זיך געבעטן ביים גלח:

— זיי קאָנען דאָך טאָקע דעם ייד אַרויסוואַרפן.

דאָס געשריי איז געוואָרן גרעסער. די דאַמע האט אַריינגעכאַפּט ס׳פּנים אין ביידע הענט אַריין, זיך שיר נישט צעוויינט:

— כ׳קען נישט הערן.

דער גלח האט זיך אַ הייב געטאָן. ער איז אַריין צווישן עולם, זיך געפרעגט:

— וואָס איז דאָ?

— דער ייד באַהאַלט עפּעס פון אונדז — האט דער הויפּט־טומ־לער געמאַכט פּלאַץ פאַרן גלח — פירט עפּעס אַרויס פון וואַרשע.

— וואָס פירט ער?

— דאָס ווילן מיר וויסן.

עמיצער האט אָנגעצונדן ס׳שטיקל ליכט אין דער לאַמטערנע. אויגן — פאַרשלאָפענע, איבערגעשראָקענע. בלויז דער טומלער, אַ געלער, גע־פּאַקטער גוי, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ קיילער, צי אויף אַ חזיר־הענדלער, בלויז ער האט איינגעלייגט וועלטן. אַן עלטערער ייד, אַן אויס־

געמאָגערטער, אין די אויגן טרויער, האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געוויזן דעם גלח אויף דער אָפּגעריבענער, צעראַטענער וואַליז און זי געעפנט:

— „פּאַניע קשענדזו", איר זעט וואָס כ'פיר: דעם אַלטן טעס־טאַמענט און אַנדערע הייליקע ספרים. כ'האָב איבערגעלאָזט אין וואַרשע אַ הויז, אַ געוועלב. פון מיין גאַנץ פאַרמעגן האָב איך בלויז דאָס געראַ־טעוועט. און דער פאַרשוין — האָט ער אָנגעוויזן אויפן געלן פּאַליאַק — האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, אַז כ'פיר... כ'ווייס וואָס? פרעגט אים! ער וויל מיך דווקא אַרויסוואַרפן מיט דער וואַליז פון וואַגאָן, מיינט, אַז אַ ייד איז אַ כישוף־מאַכער, וועט נישט דערהרגעט ווערן.

ס'געעלכטער ביים עולם איז געבליבן שטעקן אין האַלדז. מען האָט זיך געשעמט פאַרן אייגענעם חורבן. ס'האָט געפעלט בלויז אַ וואָרט און דער עולם וואָלט זיך געוואָרפן אויפן טומלער, אים אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן. עמיצער האָט פאַרלאָשן ס'ליכט אין דער לאַמטערנע. ס'איז גע־וואָרן שטאָק־פינצטער. מען האָט געטאַפּט אין דעם חושך, געזוכט די פלעצער. דער געוויקסיקער פּאַליאַק האָט אַ זאָג געטאָן צום גלח:

— איר האָט געזען, וואָס אַ ייד האָט געראַטעוועט פון חורבן?

דער גלח האָט נישט געענטפערט. די שטילקייט איז געוואָרן בולטער. ס'האָט זיך געהערט, ווי די רעדער בייסן זיך אינעם שטאָל פון די רעלסן, ווילן אַרויס פון דער נאַכט, פון דער פינצטערניש. אַ קינד האָט זיך ווידער צעוויינט. אַזוי איז מען אָפּגעפאָרן אַ האַלבע שעה און דער צוג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. די קאָנדוקטאָרן האָבן געעפנט די טירן פון די וואַגאָנען, אויסגערופן:

— שטייגט אויס!

— אַלע!

עס איז געוואָרן אַ טומל. אויס יידן, אויס פּאַליאַקן. יעדער האָט געכאַפּט זיינע פּעקלעך, איז אַרויס פון וואַגאָן, נישט געוווּסט וואו זיך אַהינצוטאָן אין דער פינצטער. די בלאָנדע דאַמע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה טאָן מיט אירע צוויי שווערע וואַליזעס. דער גלח האָט זי באַ־רואיקט, צוגענומען ביי איר ס'געפּעק:

— ביטע, גיט מיר די וואַליזעס.

דער צוג, אַ ליידיקער, האָט גענומען גיין אויף קריק. צו דער בלאָנדער דאַמע איז צוגעקומען אַן עלטערע פרוי, זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר:

— און איך, טאָכטער, זוך דיך אַרום אַ גאַנצע נאַכט!

ביידע האָבן זיך צעקושט. דער גלח האָט זיך געכאַפּט, אַז די בלאָנדע דאַמע איז גאָר אַ יידישע. די אויגן זיינען ביי אים געוואָרן גרע־סער. ער האָט זיך געקוועטשט — וואָס טוט מען מיט די וואַליזעס? ער האָט זיך געחידושט — וואָס טראָגט ער זיך אַרום מיט יידיש געפּעק? ער איז געשטאַנען מיט ביידע וואַליזעס אין די הענט, געשטאַנען, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, און געקוקט, ווי מאַמע־טאָכטער קושן זיך און וויינען.

# נאָך ברויט קיין וואַרשע

ווי דער דייטש האָט זיך גענומען רוקן אויף וואַרשע, זיינען אינעם קליינעם גרענעץ שטעטל זשעלין געבליבן בלויז אַכט יידישע משפחות. מען איז געלאָפן קיין מאַקאָווע, קיין גראַיעווע, קיין לאָמזשע. אין שטעטל זיינען געבליבן די אָרעמסטע, די אומבאַהאָלפנסטע — דער שמש, דער קברן, דער וואַסער־טרעגער, דער דרדקי־מלמד. עס זיינען אויך געבליבן — אַ דאָרף־גייער, וועמעס ווייב איז געלעגן אין קימפעט, צוויי פּאָרלעך, זקנים, וואָס זיינען מער געלעגן צו בעט, ווי אַרומגעגאַנגען, הערשקע דער שוסטער, אַ ייד אַן עקשן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז אויב יאָ שטאַרבן, איז שוין בעסער אין זשעלין, וואו אַלע קענען אים, איידער ערגעץ אונטערוועגנס און די צוויי שטאָט־משוגעים — בעריש שפּיצקאָפּ און די פאַרזעסענע רייזל — ביידע שווייגערס, וואָס האָבן שוין יאָרן קיין וואָרט נישט געהאָט אויסגערעדט.

הינטער זשעלין האָבן פּוילישע חילות זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם דייטש. ס'איז געוואָרן אַ גיהנום. פון אַלע וועגן, פון הימל זיינען געפאַלן באָמבעס מיט אַ פייפעריי, מיט אַ דונעריי. ס'שטעטל האָט געברענט. און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג איז דער דייטש אַריין אין זשעלין. קיינער האָט זיך אים מער נישט אַנטקעגנגעשטעלט. טעג און נעכט האָט זיך דורך דער וואַרשעווער גאַס געצויגן ס'דייטשישע מיליטער. פון די שווערע האַר־מאַטן, נאָך שווערערע טאַנקען, זיינען די שלעכט־ברוקירטע שטיינער געוואָרן לויז, זיך מיטגעקייקלט, ווי די גאַס וואָלט קיינמאָל נישט געווען געפלאַסטערט.

און אַז ס'מיליטער איז דורך, איז דאָס שטעטל געוואָרן אויסגע־ליידיקט, ווי נאָך אַ היישעריק. וואו אַ שפּייז־געוועלבל, וואו אַ מעל־

שענק — דער שונא האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זעקל מעל, קיין זעקל קאַרטאָפל, קיין הייפּטל קרויט.

אויף די פעלדער, אויף די לאַנקעס, וואָס אַרום שטעטל, זיינען געלעגן געהרגטע זעלנער, געהרגטע פערד, אין די הונדערטער. איבער די הרוגים האָבן זיך געטראָגן מיט אַ קראַקעריי מחנות קראָען.

און צונעמען די מתים איז געווען אוממעגלעך. קאַלטע האַרבסט־רעגנס האָבן געגאָסן, צעווייקט פעלד און לאַנקע, אַז מען איז געזונקען אין בלאָטע. ווינטן האָבן זיך אָפּגעריסן, געפּייפט און געוואָיעט אין די קוי־מענס. אויף די בוידעמער, געריסן די נאַקעטעביימער פאַר די „טשופּריי־נעס". דאָס האָט דער טויט געשפּונען זיין קלאָג־ליד, געטריבן קינדער אין באַהעלטענישן, געוויקלט אַרום די יונגע הערצער טרויער, פּיין און בענ־קעניש.

אויפן שטעטל איז אָנגעפאַלן פריער בויך־טיפוס, דערנאָך—פלעק־טיפוס. דער טיפוס האָט קיינעם נישט געשוינט — יונג, אַלט — ווי אַ באַוואָפנטער שונא האָט די מגפה זיך געריסן פון איין הויז אין אַנ־דערן. עס איז נישט געווען קיין שטוב, וואו עס זאָל נישט זיין קיין חולה. ס'איז נישט געווען דער טאָג, עס זאָל נישט זיין קיין מת. דער קברן איז געפאַלן פון די פיס.

סוף דעצעמבער, ווען ס'האָט זיך שוין געהאַט אָנגעשטעלט אַ שווערער ווינטער, האָט די מגפה אויפגעהערט. פריער — שנייען. די שנייען, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע מעת־לעת, האָבן זיך אויסגע־גלייכט מיט די דעכער פון די צעקרימטע שטיבלעך. דערנאָך — אַזוינע פרעסט, אַז פייגל זיינען געפרוירן געוואָרן אויף די פלויטן. די שטאָט־משוגעים, וואָס האָבן קיינמאָל צווישן זיך נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט מען געפונען געאָרעמט הינטער אַ בוים. ביידע זיינען געווען גע־פרוירן.

אין שטעטל זיינען געבליבן — דער שוסטער, דער קברן, דער מלמד, די מאַנסבילן, די ווייבער, די דערוואַקסענע קינדער — אַלע האָבן זיך יעדן פרימאָרגן אָנגעקלאָזט אויף בעטל־ברויט. פון הונגער האָבן די יאַסלעס געבלוטיקט, די ציין ביי טאַטע־מאַמע האָבן זיך געהאַלטן אין שאָקלען. די דריי משפחות האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין הקדש, וואוהין עס האָט פון מאָל צו מאָל פאַרבלאָנדזשעט אַן אורח. פאַרנאַכט, ווען

מ׳האט אפגעגעסן ס׳ביסל פארבריטע קארטאפל־שאלעכץ, האט דער עולם זיך פארקליבן ארום דעם אויוון, וואו מען האט געברענט ס׳געהילץ פון די איינגעפאלענע הייזער. די ביינער — דורכגעפרוירן, מיד. די פיס — אנגעזאפטע קלעצער. אלע האבן געווארט וואלף קברן זאל דערציילן א מעשה. און דער זעכציק־יאריקער קברן האט געקענט דערציילן. אויס מתים, אויס קברים. דאס בית־עלמין איז פארוואנדלט געווארן אין א לע־בעדיק שטעטל. און אז ס׳איז געווען א דורכגייער האט ער דערציילט, ווי די קהילה אין ווארשע טיילט אומזיסטע מיטאגס. ברויט, האבער־גריץ, א שטיקל פלייש. און אז דער הונגער איז געווארן גרעסער, ס׳איז שוין קיין קארטאפל־שאלעכץ אויך נישט געווען, האט הערשל דעם מלמדס, א דרייצן־יאריק בחורל, אריינגעטענהט אינעם קברנס בן־זקונים, דעם צוועלף־יאריקן פישל:

— הערסט, פישל, כ׳האב א פלאן.

— וואס פאר א פלאן האסטו?

— מיר וועלן זיךביידע אוועקלאזן קיין ווארשע.

— צו־פוס?

— איז וואס?

— ס׳איז גוטע צוויי טעג גאנג, הערשל.

— פון ווארשע קיין ווילנע — איז דער איבערגעוואקסענער הערשל געווארן אויפגעהייטערט — איז פיר מאל אזוי וויט, ווי פון זשעלין קיין ווארשע. ווען דער דייטש האט זיך דערנענטערט קיין ווארשע, האבן נישט בלויז טויזנטער דערוואקסענע זיך געלאזט צו־פוס קיין ווילנע, נאר אויך אכט און צען יאריקע יינגלעך. דא, אין זשעלין, וועלן מיר אלע אויסגיין פון הונגער. כ׳ווייס נישט ווי דיין מאמע, פישל, נאר מיינע — האט ס׳קול ביי הערשלען געציטערט — האט פון הונגער געקראגן גע־שוואלענע פיס. זי בעט זיך א שטיקל ברויט. וועל איך מיטנעמען א זעקל. יא — א זעקל, און מיר וועלן אהיימברענגען פון ווארשע ברויט.

— און אין ווארשע הונגערט מען נישט?

— אין ווארשע טיילט מען אומזיסט מיטאגס.

אין א שטילן, קאלטן פארטאג האבן ביידע פוסגייער, דער דרייצן־יאריקער הערשל און דער צוועלף־יאריקער פישל, פארלאזט זשעלין. זיי האבן א ווייל א קוק געטאן אויפן שעטטל, וואו דא און דארט האט פון

אַ פּאַרשנייטן קוימען זיך שוין געהויבן אַ דיקער, גלייכער רויך. דאָס גאַנצע שטעטל איז טיף געלעגן אין שניי. ביידע ייִנגלעך האָבן אָפּגע־זיפצט און זיך אויסגעדרייט צו די פעלדער, וואו דער שניי האָט זיך געבלויט אינעם באַגינען.

די אויסגעוואַקסענע מאַנטלען, וואָס די ייִנגלעך האָבן געטראָגן, זיינען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק. די שטיוול אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, די אויערן — מיט טיכלעך. דער איינגעטראָטענער שניי האָט געקרעכצט, די טעלעגראַפישע דראָטן — געזשומעט. פון די מיילער, פון די נאָזלעכער האָט זיך מיטן אָטעמען געטראָגן אַ ווייסלעכע פּאַרע.

דער טראַקט האָט זיך געהויבן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. דער שניי האָט געבלענדט די אויגן, צוגענומען די ראיה. און איבער דער ווייסקייט האָבן זיך געטראָגן קראָען אין אַ שוואַרצן דריי־עק, זיך געטראָגן מיט אַ קראַקערייַ.

אַזוי זיינען ביידע פוסגייער אָפּגעגאַנגען אַ שעה, צוויי, דריי. עס איז געוואָרן גרויסער טאָג, ווייסער טאָג. וואו אַ קוק מיט די אויגן — שניי. דער הימל — ווייס, די לופט — ווייס, די זון האָט זיך געדרייט צווישן ווייסע וואָלקנס. פון וואַלד איז אַנגעפאָרן אַן עלטערער פויער אין אַ שליטן. די ייִנגלעך האָבן אים באַגריסט. ער האָט געענטפערט און איז ווייטער געפאָרן. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. און אַז די ייִנגלעך זיינען אונטערגעקומען, האָט ער זיי געפרעגט:

— וואו גייט איר, ייִדעלעך?

— קיין וואַרשע גייען מיר.

— קיין וואַרשע? — האָט דער פויער זיי ערשט מיט אַן אמת באַטראַכט — אַזאַ מהלך צו־פוס? און וואָס עפּעס קיין וואַרשע?

— נאָך ברויט. ביי אונדז הונגערט מען, מען פאַלט פון הונגער.

— און ווער וועט אייך געבן אין וואַרשע ברויט?

— אין וואַרשע — האָבן די ייִנגלעך זיך אָנגערופן — טיילט מען ברויט אומזיסט.

דער פויער האָט געשמייכלט. ער האָט געוויזן אויפן שליטן.

— זיצט אויף.

די ייִנגלעך זיינען אַרויף אויפן שליטן. אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דער פויער איז גאָר אַ געבירטיקער

אַ זשעלינער. ער האָט געקענט פישלס טאַטע, וואָלף גרעבער. און אַז מען איז שוין געהאַט אָפּגעפאָרן אַנדערהאַלבן שעה, האָט דער פויער זיי געפרעגט:

— איר האָט היינט עפּעס איבערגעביסן?

— ניין.

אַרום צוועלף זיינען די ייִנגלעך געזעסן ביים פויער אין שטוב און האָבן געגעסן מיטאָג. זיי האָבן געגעסן, ווי נאָך אַ קרענק, געגעסן ברויט מיט פּוטער, געשלונגען הייסע, פּאַריקע קאַרטאָפל, פאַרטרונקען מיט שפּאָרע טעפּלעך מילך.

אָפּגעגעסן, האָבן זיי באַדאַנקט דעם פויער און אויפגעהייטערטע זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און ווי זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ וויאָרסט, צוויי, האָט פישל באַקומען ס׳יאַגעניש. דער בויך־ווייטיק איז אַריבער אין די געדערים. ער האָט זיך יעדע ווילע אָפּגעשטעלט, זיך געקאָרטשעט אין דרייען, איז געבליבן אָן כוחות. און וואו הערשל האָט נישט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, זיך געבעטן — „גוטע מענטשן, דער חבר מיינער איז קראַנק, ער דאַרף אַ הייס גלאָז טיי, ער דאַרף אַ וואַרעם געלעגער" — האָט מען אים אָפּגעזאָגט, מען האָט אים געהייסן גיין ווייטער. און זיי זיינען געגאַנגען. און אַז פישל איז געפאַלן פון די פיס און הערשל איז געבליבן אָן כוחות, מער נישט געקענט שלעפּן פישלען, האָט גענומען צופאַלן דער אָוונט. אין מערב, וואו די זון האָט זיך געזעצט, איז דער שניי פון בלוי געוואָרן לילע. דער צוועלף־יאָריקער פישל האָט זיך געוואָלט צוזעצן. דער דרייצן־יאָריקער הערשל האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי אים.

— זעסט, פישל, אָט דאָרט ביים וועלדל שטייט אַ שטיבל. מיר וועלן זיך ווי עס איז צושלעפּן אַהין.

— און אַז זיי וועלן אונדז נישט אַריינלאָזן? — האָבן די פיס זיך געבויגן אונטער פישלען.

— זיי וועלן אַריינלאָזן.

הערשל האָט מיט די לעצטע כוחות אַ הייב געטאָן פישלען. ער האָט געשפּרייזט איבער די שאָטנס, וואָס זיינען אַנגעלאָפן פון די פעלדער, זיך געטראָגן מיט פישלען צום שטיבל, זיך געבעטן:

— גוטע מענטשן, גוטע מענטשן...

און דאָס שטיבל האָט זיך געהאַלטן איז איין רוקן פון זיי...

# אין קיינעמס לאַנד

ס׳איז שוין געווען האַלבע נאַכט, ווען דער זעכצנטער וואַרשעווער פּאָלק, וואָס האָט געדאַרפט צוריקהאַלטן דעם שונא, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט איינגעגראָבן אין אָקאָפּעס. איבער די אָקאָפּעס — אַ נידעריקער, פאַרוואָלקנטער הימל. און צווישן די וואָלקנס האָט פון מאָל צו מאָל אַ שיין געטאָן אַ שטיקל לבנה, געצייכנט דעם פּרושקאָווער וואַלד. די ביימער האָט מען אָנגענומען פאַר דעם שונאס אַרמיי, וואָס רוקט זיך אַלץ נעענטער און אַז דאָס שטיקל לבנה האָט זיך צוריק באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן איז די נאַכט נאָך פינצטערער געוואָרן ווי פריער.

פון די אָפענע פעלדער, וואו פייכטע סעפּטעמבער ווינטן האָבן געבלאָזן, האָט זיך געטראָגן אַ שטום בענקעניש, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין שרעק. יעדער זעלנער האָט געוואוסט, אַז דער שונא טראָגט זיך אויף וואַרשע מיט פיר פאַרשיידענע וועגן, טראָגט זיך אויף דער קרויך־שטאָט, ווי אַ ריזיקער צעעפנטער ניס־קנאַקער, וואָס דאַרף זיך צומאַכן.

ס׳איז געווען די נאַכט אויף דינסטיק, אויפן פינפטן סעפּטעמבער. מאָנטיק באַגינען האָט אַ פּוילישע דיוויזיע זיך געוואָרפן אויפן דייטש. און אַז פון דער דיוויזיע זיינען געבליבן בלויז די רעשטלעך, איז אַ צווייטע דיוויזיע געקומען צו הילף די רעשטלעך. פאַרנאַכט־צו האָבן די פּאָליאַקן דורכגעריסן דעם שונאס פראָנט. דער זעכצנטער וואַרשעווער פּאָלק, ס׳שיינדל פון דער פּוילישער פּיעכאָטע, האָט צען שעה זיך געריסן דורך זומפּיקע לאָנקעס, דורך וועלדער. מען האָט נישט געגעסן, מען האָט נישט געטרונקען. מען איז אָבער אָנגעקומען אין צייט הינטער פּרושקאָוו. די זעלנער האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער פייכטער ערד, איבערגעכאַפּט די הערצער און מיט שרעק געוואַרט אויפן שונא.

ס׳איז פארביי א האלבע שעה, ס׳איז פארביי א שעה. ארום איז געווען שטיל, א שווערע שטילקייט. און אין יעדן זעלנער א באהאלטענע שרעק פאר דער פינצטערער נאכט, פארן שונא, וואס מען קען נישט און מען ווייסט נישט פארוואס ער קאן יעדע רגע באפאלן. און מיט אמאל האט זיך דא א הייב געטאן א פארוטשניק, דארט א פארוטשניק:

— העי, כלאפצי, מען דארף זען, וואו דער שונא געפינט זיך. מען דארף אים אויסשפירן. ווער גייט פרייוויליק?

— איך.

— איך.

צען זעלנער זיינען ארויסגעקראכן פון די אקאפעס אויף אלע פיר. צווישן די זעלנער איז געווען מרדכי לידזבארג. ער האט גארנישט געהאט אין מויל פון באגינען אן. און ס׳האט אים נישט געהונגערט. ווען ער האט זיך איינגעגראבן אין דער אקאפע, איז ער געלעגן אויפן בויך, גע־קוקט אין דער פינצטערער נאכט אריין, וואס איז געשטאנען לעבן אים, ווי א וואנט. פאר די אויגן — טאטע־מאמע, ברידער, שוועסטער, די דירה אויף נאוואליפקי זעקס, וואו ער איז געבוירן געווארן. ארום הארץ — א הוילקייט, א בענקעניש — וועט ער נאך זען די אייגענע? ער האט נישט רחמנות געהאט אויף זיינע דריי און צוואנציק יאר. איידער באַ־ליידיקט ווערן, דערנידעריקט ווערן פון א דייטש, בעסער אומקומען דא אין פעלד. אבער נישט אליין — „תמות נפשי עם פלשתים" — אבער נישט אליין! און ווי מרדכי האט דערהערט דעם פארוטשניקס קול, האט ער זיך דער ערשטער א שאר געטאן פון דער אקאפע:

— איך גיי!

וואו א קער — חברישע הענט. מען האט זיך געזעגנט אן ווער־טער. דער פארוטשניק האט שטיל איינגערוימט:

— לאזט זיך מיטן וואלד. אויב דער שונא איז נאך נישטא אין וואלד, דארף ער פון דארטן אנקומען. אבער שטיל, כלאפצי — קיין פיפס, קיין שארך... געגאנגען און געקומען.

די צען זעלנער האבן זיך איינציקווייז גענומען שארן צום וואלד. זיי האבן זיך אויסגעשטעלט אין א לאנגער שורה און גענומען גיין אויף די שפיץ פינגער. און ווי מען איז אפגעגאנגען א פופצן מינוט, האט זיך

דערהערט אַ פאַרשטיקט וואָיען. דאָס וואָיען האָט זיך דערנענטערט, אָנ־געיאָגט אַ פחד און זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן. דער וואַלד איז פול געווען מיט וואָיען.

— אַ וואָלף וואָיעט — האָט אַ זעלנער זיך איבערגעצלמט.

קיינער האָט נישט געענטפערט. וואו אַ טראָט, וואו אַ קער — הרוגים. מן הסתם איז דאָ, אין פּרושקאָווער וואַלד, אומגעקומען די פּוי־לישע דיוויזיע. די פינצטערניש איז געוואָרן געדיכטער, אַז איינער האָט נישט דערקענט דעם צווייטנס פּנים. פון זיך אַליין האָט איין זעלנער אַ נעם געטאָן די רער פון אַ צווייטנס ביקס, מען זאָל זיך אינעם חושך נישט פאַרלירן.

דער פּאַטרול איז אַלץ טיפער פאַרקראָכן אין וואַלד אַריין, וואו די נאַכט איז געלעגן הינטער יעדן בוים, הינטער יעדן קוסט. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, וואו ס׳איז ערד, און וואו — הימל. און אינעם חושך זיינען מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן מענטשן. אין צווייען, אין דרייען האָבן זיי גענומען אָנקומען פון אַלע זייטן. די זעלנער זיינען געבליבן שטיין, האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן:

— מען גייט? דאַכט זיך מ׳גייט?

— קיינער גייט נישט — האָט מרדכי געענטפערט און געפּילט ווי די ביקס וויגט זיך אין זיינע הענט.

מרדכי האָט זיך געשעמט פאַר זיין אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט געוואָלט בייקומען דעם ציטער אין די קני, געוואָלט ס׳זאָל שוין אָנטקעגנ־קומען דער דייטשישער פּאַטרול.

— ברויט צי טויט?

צי אין חדר צי אין שקאָלע, צי אויף נאָוואָליפּקי אין הויף, אַזוי האָט זיך שטענדיק אָנגעהויבן אַ געשלעג.

— און דאָ? אין פּרושקאָווער וואַלד?

פאַר מרדכין האָט זיך געשפּרייט אַ פאַרוואַקסענער בית־עלמין, וואו די מתים זיינען אַרויס פון די קברים, האָבן זיך צעלייגט צווישן דיביימער.

אַזוי האָט מען זיך געשאַרט צוויי שעה, פיר שעה. ביים קלענסטן שאָרך איז מען געלעגן אויף אַלע פיר. די אויערן — אָנגעשפּיצט, די

אויגן — צוגעוואוינט צום חושך, זיינען געקראָכן פון קאָפּ. און אַז אַרום איז געוואָרן שטיל, האָט מען זיך אַ הייב געטאָן און ווידער גענומען גיין.

מרדכי איז געגאַנגען און געציילט די אייגענע טריט, צו הונדערט, צו הונדערט. ער האָט יעדעס מאָל איבערגעהיפּט אַ צענדליק טריט, ווי־דער אָנגעהויבן פון אָנהייב און אַליין נישט געוואוסט, ווי לאַנג ער גייט שוין און צי דער וועג אין וואַלד וועט זיך אַמאָל ענדיקן. און מיט אַמאָל — פאַרשטיקטע אָפּגעריסענע קולות.

— ס׳זאָל זיין דער שונא ?

די זעלנער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר, זיך צעוואָרפן יעדער הינטער אַן אַנדער בוים. מרדכי האָט אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אָן דער „קאָלבע" פון דער ביקס. אַזוי איז ער געלעגן אַ ווייל. די אָפּגע־האַקטע קולות האָבן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן. ער איז געקראָכן אויף אַלע פיר פון בוים צו בוים. די ביקס אויף אַ פריער. דיביימער האָבן אָנגעהויבן ווערן שיטערער. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן צו זען גריבער, וואָס האַרמאַטן־באָמבעס האָבן אויסגעריסן. פאַר די אויגן האָט זיך גע־עפנט אַ שמאָלער, אויסגעהאַקטער פּאַס־וואַלד, געגלאָצט מיט דער אומ־היימלעכקייט פון אַ לאַנגן געוועלבטן קעלער. און דאָרט, וואו דער פּאַס וואַלד איז ברייטער געוואָרן, האָט שוין געשפּראָצט אויף טאָג, כאָטש אַרום און אַרום איז נאָך געווען טיפע נאַכט.

ווי אַ חיה האָט מרדכי זיך געשאַרט פון בוים צו בוים. נאָך אים — די איבעריקע ניין זעלנער. און וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צום אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד, אַלץ בולטער זיינען געוואָרן די קולות. ער איז געווען זיכער, אַז דער שונא איז אויף יענער זייט וואַלד. און דאָרט, וואו די ביימער זיינען אויסגעהאַקט, איז קיינעמס לאַנד. ער איז אויפן שפּור פון דעם שונא. און ווי ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די קני, גע־וואָלט מיט די פינגער געבן די חברים דעם וואָר-צייכן צוריקצוגיין, איז ער געבליבן זיצן ווי אַ געליימטער.

פונעם וואַלד האָבן זיך אַרויסגעשאַרט אויסטערלישע ברואים, זיך אַרויסגעשאַרט פריער ביחידות, דערנאָך צו צוויי, צו דריי. יעדער — מיט זיין געזאַנג, מיט זיין טאַנץ — אַ ווילד געזאַנג, אַ ווילדער טאַנץ. די בלויזע קעפּ פאַרריסן, די באָרוועסע פיס — צעפלויגענע קלאַפּטער. און

אַלץ האָט זיך געהויבן, אַלץ האָט זיך געריסן צום שפּראָץ אויף טאָג, צום זון־אויפגאַנג.

אַ זעלנער איז צוגעפאַלן צו מרדכין, פון היימלעכקייט וועגן אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, אים איינגערוימט:

— זאָל עס זיין פון פּרושקאָווער משוגעים־הויז?

— נישט ווייט איז דאָס טוואָרקער משוגעים־הויז — האָט אַ צווייטער זעלנער איינגערוימט — זיי זיינען זיך מן הסתם צעלאָפן.

די חבריא אין „קיינעמס לאַנד" איז געוואַקסן. פאַרשוויגנען מיט באָרוועסע, צעבלוטיקטע פיס, נאַקעטע הענט, צעקלאַפּטע קעפּ. מאַנס־בילן, ווייבער. די ווייבער האָבן געטוליעט צו זיך אָפּגעהאַקטע הענט, אָפּ־געהאַקטע פיס, ווי מען טוליעט קינדער. אַ פאַרזעעניש, הויך און דאַר ווי דער מלאך המות, האָט זיך צעשריגן:

דער מענטש וועט אונדז מער נישט האַלטן אין משוגעים־הויז, ער האָט מורא פאַר אונדז, ווייל מיר טראָגן דעם אמת... זיין סוף אין נאָענט... דאָרט — דער דייטש, דאָ — דער פּאָליאַק און מיר, די באַפרייער, דאַרפן אַלע משוגעים־הייזער אויפרייסן! און איצט, און טאַקע באַלד!

דאָס פאַרזעעניש האָט אַ כאַפּ געטאָן אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון אַ מענטש און זיך געלאָזט מיט אים אין אַ טאַנץ. ער אויף אַ פריער, צענדליקער משוגעים נאָך אים. און דער פרימאָרגן איז פול געוואָרן מיט באַנומענע קולות, מיט אומגעהייערע געשרייען, וואָס האָבן געצונדן ביי די צען זעלנער די חוט־השדרות, זיי נישט געלאָזט זיך אָפּרייסן פון אָרט, נישט געלאָזט אַהיימלויפן, נישט געלאָזט אָנזאָגן, וואו דער שונא איז.

# אין פלאַמען

די צעשלאָגענע פוילישע אַרמיי פון הינטער דאַנציק איז געלאָפן קיין וואַרשע. ס'איז שוין נישט געווען קיין אַרמיי. דאָס זיינען געווען רעשטלעך, וואָס האָבן געחלומט אַרומצוגיין דעם שונא, וואָס האָבן גע־חלומט זיך אַנצושליסן אָן דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געקליבן פאַרטיידיקן וואַרשע.

בייטאָג האָבן די רעשטלעך זיך אויסבאַהאַלטן. זיי זיינען געלעגן אין די וועלדער. און ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן האָבן זיי זיך גענומען שלעפן מיט זייטיקע וועגלעך, וואו פון בלאָטעס און זומפן איז זיי אַנט־קעגן געקומען דער טויט.

די נאַכט אַ פינצטערע, אַ קאַלטע, איז פול געווען מיט שיסעריי. זעלנער צו צוויי, צו דריי אין אַ שורה, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון אומ־ביסקער וולאַד. ס'איז געווען אַזוי פינצטער, אַז איין זעלנער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים צווייטנס ביקס, מען זאָל זיך נישט פאַרלירן. בלויז פון מאָל צו מאָל האָט אַ פייערדיקע ראַקעט דורכגעריסן די נאַכט, איבערגע־שראָקן דאָ אַ פערד, דאָ אַ מענטש, און ס'איז נאָך פינצטערער געוואָרן ווי פריער. מען איז געגאַנגען, מען האָט זיך אָפּגעשטעלט און מען איז ווייטער געגאַנגען.

אַזוי איז מען אָפּגעגאַנגען אַ שעה, צוויי, דריי. און מיטאַמאָל האָט מען דערהערט פון אַלע זייטן:

— האַלט!

— וואָס, שוין ווידער? — האָט אַ זעלנער איבערגעלייגט די ביקס פון איין אַקסל אויפן צווייטן.

— ווער וויס זיי.

— אַ נאַכט!

— דער שונא, דער דייטש, זאָל נאָר נישט באַפאַלן.

— נעמט ער אונדז אַלע געפאַנגען.

— שוין דער דריטער טאָג ווי איך האָב נישט געהאַט קיין לעפל געקעכץ.

— איך אויך נישט.

— קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס, ברודער.

— שטעל אַ ווייל אַוועק די ביקס וועט דיר זיין לייכטער.

מען איז געשטאַנען פינף, צען מינוט. די אייגענע ביינער האָבן געשוועדט, ווי זיי וואָלטן נישט באַלאַנגט צום גוף.

— וואָס שטייען מיר?

— ווער ווייס?

דאָס שיסעריי האָט זיך דערנענטערט, האָט געריסן די אויערן. אַן איבערגעשראָקן פערד האָט זיך צעהירזשעט מיט אַ געוויין. דאָס פערדישע געוויין איז לאַנג געבליבן שטיין אין דער נאַכט. די ערד האָט געקרעכצט, איז פול געווען מיט ווידער־קולות.

— ווער רייט?

ס׳איז אָנגעריטן קאַפּיטאַן ראַטבאַר. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן איבערן פערדס קאָפּ, געטייטלט מיט שייך־וואָרפער אויף אַ שטיקל מאָפּע. ער האָט נישט באַפוילן, ער האָט גערעדט ווי צו חברים:

— איר הערט? דאָס באַשיסן אונדזערע פינף דייטשישע טאַנקען. אויב מיר וועלן קומען צו הילף, איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַפּצושלאָגן ביים שונא די טאַנקען, אָדער זיי צו צעשמעטערן. ווער פון אייך וואָלונטירט? דער שונא באַשטייט פון אַ פופציק זעלנער.

ערשט איצט, ווען די זעלנער האָבן זיך צעשאָטן אין דער ברייט, זיינען גרייט געווען צו וואַרפן זיך אויפן שונא, וואָס איז נישט געווען צו זען, ערשט איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט אַז דער וועג — דאָס זיינען זומפּן און בלאָטעס.

אַ פעכער־פייער האָט באַלויכטן דאָס שטיק זומפּ, וואָס האָט פאַרנומען אַ דריטל־וויאָרסט. דאָס האָט אַ שרענגע פּאַליאַקן געשיקט אויף אַ פריער פייער. אַ פעכער נאָך אַ פעכער. און הינטערן פייער האָבן זיי

זיך געדוקט, זיך געשאַרט ווער אויף די „קיטשקעס״, ווער אויפן בויך. דאָס שיסערײַ פון די טאַנקען האָט פאַרהילכט די ביקסן.

און אַז דאָס פײַער פון דעם שונא איז געוואָרן שטאַרקער, געקומען רעכטס און לינקס, האָט קאַפּיטאַן ראַטבאַר א געשריי געטאָן:

— הוראַ, כלאָפּצי!

דער קאַפּיטאַן איז אַראָפּ פון פערד און איז דער ערשטער אַריין אין די זומפּן, וואָס האָבן געשמעקט מיט אָפּפאַל, מיט פאַסקודסטווע, נאָך אים — די זעלנער. די בלאָטע, אַ שיטערע, אַ קלעפּיקע, האָט זיך געהויבן מיט אַ קילקייט איבער די שטיוול, איבער די „נאָגעוויצעס״, געצויגן די פיס אַלץ טיפער און טיפער.

און אַז די בלאָטע האָט אַ צי געטאָן, איז זי אַנטלאָפן פון אונטער די פיס. די שוואַרצע, פעטע בלאָטע האָט אייַנגעשלונגען די קנעכלעך, אײַנגעשלונגען די פיס ביז איבער די לענדן. די מורא און שרעק, אַז אַלץ צעשווימט אונטער די פיס, האָט ביי די זעלנער געטריבן די אויגן פון קאָפּ, האָט אָנגעגאָסן דעם קאָרק מיט גבורה. פון די זומפּן האָט זיך גע־הויבן דער טויט. אַ זעלנער האָט זיך צעשריגן:

— כ׳גיי ווייטער נישט! מעג עס די ערשטע כאָליערע נעמען!

— בעסער אַ קויל פון דעם שונא! — האָט אַ צווייטער אונטער־געכאַפּט — איידער אומצוקומען דאָ אין דער בלאָטע!

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געכאַפּט, אַז דער שטח צווישן אים און די זעלנער וואַקסט. ער האָט אַ הייב געטאָן דעם רעוואָלווער, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף צוריק, און די ציין זיינע האָבן זיך געבלעזלט ווי ביי אַ חיה, ווען זי דערשמעקט אַ געפאַר. ער האָט זיך צעשריגן:

— כ׳וועל דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וועט גיין צוריק!

— דאָס וועט מען נאָך זען.

— האַלט ס׳מויל!

— נישט איך! כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַלטן ס׳מויל פאַר קיין ייד, מעג ער אַפילו זיין אַ קאַפּיטאַן!

ס׳איז געוואָרן אַ ווייל שטיל. עס האָט אויסגעזען, אַז נאָך אַ רגע וועלן די איבערגעשראָקענע זעלנער, ווי די בהמות פאַר דער שחיטה, בע־מען לויפן אויף צוריק. דער קאַפּיטאַן, דער ייד, האָט פון כעס אינגאַנצן

געציטערט. און כאטש די אויגן האבן ביי אים געברענט, איז אים דורך א קעלט:

— וואס טוט ער דא?

— פאר וועמען שלאגט ער זיך?

— פאר דעם כאם, וואס האט נאך קיינמאל נישט געהאלטן ס׳מויל פאר קיין ייד?

ער האט זיך נישט צוגעהערט צו די אייגענע טענות, זיי געטריבן פון זיך. ער האט א הייב געטאן דעם רעוואלווער און געציילט די ווער־טער, ווי ער וואלט קאמאנדעוועט א באטאליאן:

— ווער ס׳וועט אוועק פון דאנען, א קויל אין קאפ!

ס׳איז אנגעלאפן א שטיק פייער מיט א געפייף און א געברום. די בלאטע ארום די זעלנער איז געווארן הייס, האט גענומען קאכן, זיך גענומען שוימען, זיך א הייב געטאן מיט א סווישטש ווי א ראקעטע, וואס האט ביי איינעם צוגענומען דעם אטעם, ביי אן אנדערן די ראיה.

זעלנער האבן זיך געקארטשעט אין די בלאטעס, זיינען אומגעקו־מען. די זומפן האבן געקרעכצט, געשראקן מיט טויט. דער קאפיטאן האט זיך געבעטן ביי די זעלנער:

— געדענקט, ברידער, אין אונדזערע הענט ליגט דער גורל פון פוילנס ארמיי, ליגט דער גורל פון גאנץ פוילן! ווער ס׳וויל פרייוויליק נישט גיין שלאגן דעם שונא, קאן זיך אומקערן! און אויב ס׳איז אונדז באשערט צו שטארבן פאר פוילן, לאמיר כאטש שטארבן שיין! הורא־א, כלאפצי! לאמיר כאטש שטארבן שיין!

די זעלנער האבן זיך א לאז געטאן נאכן קאפיטאן. ער אויף א פריער, אין איין האנט האט ער געהאלטן דעם רעוואלווער, אין דער צווייטער — ס׳פערד פארן ציימל. ס׳פערד האט געסאפעט, געוויינט, געבלאזן מיט די זייטן. עס האט זיך נאך מער געשראקן ווי דער מענטש פאר די בלאטעס, פארן טויט.

איבער הונדערט זעלנער, דורכגעווייקטע, אויסגעשמירטע, ווי די שדים, האבן דורכגעשניטן די זומפן און זיך צעשאטן צווישן די ביימער פון דעם אלשענעם וואלד. א שטיקל לאנקע האט א בלישטש געטאן. פון אלע זייטן האט זיך געהערט:

— אונדזערע!

— פויליש מיליטער!

ס׳איז מיטאמאל געוואָרן ליכטיק. אַ טאַנק האָט געברענט. די שרעק פאַר די זומפן, פאַרן טויט, איז ווי אויסגערונען. די ערד האָט זיך גענומען ציטערן אונטער די פיס און אין די אויערן איז געוואָרן שטיל, כאָטש די טאַנקען האָבן נישט אויפגעהערט צו שיסן — פליי, פליי — זיינען געקומען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען זיי צו ציילן.

דער קאַפּיטאַן, אַן אויסגעשמירטער, אַ באַק צעבלוטיקט, איז אונטערגעקומען מיט פלעשער נאַפט. ער האָט געפרעגט:

— ווער וואָלונטירט?

אַלע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן אויפגעהויבן די הענט.

צען זעלנער האָבן זיך אָוועקגעשאַרט אויף די בייכער מיט די פלעשער נאַפט. די איבעריקע האָבן זיך צעשאָטן הינטער די ביימער, אַ שרענגע נאָך אַ שרענגע, געשיקט אויף אַ פריער פעכערס פייער, צו פאַרשטעלן די צען מיט די פלעשער.

איבערן וואַלד, איבער די זומפן זיינען געשטאַנען קנוילן רויך. עס האָט זיך דערהערט איין אויפרייס, באַלד אַ צווייטער. בשורות האָבן געוואַנדערט פון איין קופּקע זעלנער צו דער אַנדערער:

— דריי טאַנקען ברענען שוין!

— הוראַ, כלאָפּצי!

— הוראַ!

קאַפּיטאַן ראַטבאַר האָט זיך געטראָגן אויף אַ פריער. אַנשטאָט דעם רעוואָלווער האָט ער איצט געהאַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. ער איז געלאָפן מיט דער אייגענער הוילקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אין אים. נאָך אים — אַ הונדערט אויסגעשמירטע זעלנער מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטן. דאָס האָבן זיי זיך געטראָגן אַנטקעגן די עטלעכע צענדליק דייטשן, זיי געוואָלט אָפּשניידן דעם וועג אין וואַלד אַריין.

דער וואַלד, די זומפן זיינען געשטאַנען אין פלאַמען.

# ווען וואַרשע האָט געבּרענט

דער שונא האָט נישט געלאָזט אָטעמען. יעדע שעה, יעדע צוויי שעה. ווען די שטאָט־סיגנאַלן האָבן זיך אומגעהאַריש צערעוועט, אָנגעזאָגט, אַז דייטשישע עראָפּלאַנען טראָגן זיך איבער וואַרשע, איז אין דער זיבן־שטאָקיקער מויער, וואָס אויף פּלאַרי גאַס, נישט געבליבן קיין לעבעדיק נפש. די איינוואוינער פונעם הויז האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם טיפן, פייכטן קעלער, וואָס האָט זיך געצויגן אונטער דער גאַנצער לענג פון דער מויער.

דעם אויבן־אָן אין קעלער האָבן פאַרנומען דער אינזשעניר פּיאַסעצקי און דער פילאָלאָג בערסאָן. דער אינזשעניר, וואָס איז מיט אַ יאָר קריק געווען אין ניו־יאָרק, האָט זיך פון דאָרטן אַהיימגעבראַכט אַ קליינע האַנט־ראַדיאָ. ווי נאָר אַן אַלאַרם — דער אינזשעניר מיט דער ראַדיאָ אין דער האַנט האָט נישט געוואַרט אויף דער ווינדע. פון פינפטן שטאָק האָט ער זיך געטראָגן מיט די טרעפּן אין קעלער אַריין. נאָך אים האָט זיך געטראָגן בערסאָן, וואָס האָט געוואוינט אויפן זיבעטן שטאָק אין אַ דאַך־שטיבל. און אַז די שכנים האָבן אַרומגערינגלט דעם אינזשעניר, געוואָלט וויסן צי פראַנקרייך, צי ענגלאַנד שיקן הילף, האָט פּיאַסעצקי זיך נישט גערירט אָן בערסאָנען, וואָס האָט איבערגעזעצט אויף פויליש יעדעס שטיקל נייעס, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד, פון פראַנקרייך, פון ענגלאַנד.

און די קליינע האַנט־ראַדיאָ האָט געבראַכט נייעס פון אויסלאַנד. בערסאָן האָט איבערגעזעצט. און אָנשטאָט צו דערציילן, אַז מען שיקט הילף קיין וואַרשע, האָט די ראַדיאָ, ווי חוזק געמאַכט, דערציילט דאָ אין פראַנצויזיש, דאָ אין ענגליש, אַז מען באָמבאַרדירט וואַרשע, ווען זיי,

די פּאַרשפּאַרטע אין קעלער, האָבן געהערט דאָס פּלאַצן פון צינד-באָמ־בעס, דעם קלימפּער פון אויסגעהאַקטע שויבן, דאָס קראַכן פון הייזער און מויערן. דאָס אַלץ האָט זיך דערטראָגן אין קעלער אַריין ווי ווייטע דונערן.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן איבער אַ וואָך. נישט געווען קיין טאָג, נישט געווען קיין נאַכט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט שוין יעדער געטראָפן אין פינצטערן קעלער אַריין. און אַרום דעם קעלער — וואַרשע אין פלאַ־מען, וואַרשע אין חורבות. און אין דער קעלער־פינצטערניש איז מען גע־שטאַנען געבויגענע אַרום דעם קליינעם קעסטל, ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין האַנט־ראַדיאָ, נאָר אַן „אורים־ותומים״. בערסאָן, שלמה בערסאָן, האָט אויפגעכאַפּט פּרעמדע לשונות, זיי איבערגעזעצט אין פּויליש, פאַר־בונדן דעם מענטש מיט ווייטע וועלטן, פאַרבונדן דעם מענטש מיט גאָט, וואָס קאָן און וועט שיקן הילף.

שוין יאָרן ווי דער פילאָלאָג שלמה בערסאָן האָט געאַרבעט אויפן „שמואל־בוך״. ער האָט צוגעגרייט אַ נייע אויסגאַבע מיט אַן אַריינפיר, וואָס האָט געזאָלט פאַרנעמען איבער צוויי הונדערט זייטן, מיט אַ ווער־טער־בוך, מיט נייע דאַטעס, וואָס האָבן געדאַרפט באַווייזן, אַז דאָס „שמואל־בוך״ איז געשריבן געוואָרן אין דעם צוועלפטן יאָרהונדערט. ער האָט געציטערט איבערן מאַנוסקריפּט, זיך אַרומגעטראָגן מיט אים ווי אַ מוטער מיט אַ יונג קינד, וואָס מ׳לאָזט עס אַליין נישט איבער אין שטוב. און אַז די מהומה האָט אויסגעבראָכן האָט ער אויסגעבעט מיטן מאַנוסקריפּט דאָס וועסטל, עס געטראָגן אויף זיך בייטאָג, ביינאַכט. ביים קלענסטן אַלאַרם — בערסאָן איז אַרויס פון שטוב. די ווינדע איז בלויז געגאַנגען ביזן זעקסטן שטאָק. בערסאָן האָט געוואוינט אויפן זי־בעטן, וואָס איז ענלעכער געווען אויף אַ בוידעם, ווי אויף אַ שטאָק. ער איז קיינמאָל נישט געפאָרן מיט דער ווינדע, האָט זיך שטענדיק געטראָגן אין קעלער אַריין מיט די טרעפּן און געהאַט איין פאַרלאַנג, אַז אויב אומקומען, איז צוזאַמען מיטן מאַנוסקריפּט.

אַזוי זיינען פאַרביי צוועלף טעג. דער הימל איז שוין צוויי מעת־לעת געשטאַנען אין פלאַמען, דערציילט, אַז וואַרשע ברענט, אַז דער שונא רייסט זיך דורך מאַנקאַטאָוו אין שטאָט אַריין. און ווי ער וועט זיך דורכרייסן וועט ער באַפאַלן דאָס קליינע געסל פלאַרי, וואו בערסאָן וואוינט.

ווי אַ פאַרשפּאַרטע חיה האָט זיך בערסאָן געדרייט אין דער דירה, — אַ צימער מיט אַ קיך. דאָס צימער האָט בלויז געהאַט דריי ווענט. די פערטע וואַנט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן סופיט, וואו עס האָט שטענ־דיק געררוישט ווי פון אַ טעלעגראַף־סלופּ. אַרום די ווענט פּאָליצעס ביכער. די ביכער האָט בערסאָן געזאַמלט אַ גאַנץ לעבן. צווישן די ביכער האָבן זיך געפונען „פאַרסיפאַל" און „טריסטאַן און איזאָלדע", — די איינציקע צוויי מאַנוסקריפּטן אין יידיש, וואָס זיינען פאַרבליבן פון צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט.

די מאַנוסקריפּטן האָט בערסאָן אויך גענומען טראָגן מיט זיך. און נישט בלויז די. בערסאָן, וואָס האָט שוין טעג נישט דערעסן, איז שוין נעכט נישט דערשלאָפן, — האָט מיטאַמאָל גענומען אויסזען ברייטער און דיקער. אין די הויזן־קעשענעס, אין די בוזעם־קעשענעס — אומעטום ביכער. בלויז דאָס פּנים, אונטער אַ קאָפּ ברוינע האָר, איז איינגעלאָפן. אין די גרויע אויגן — פיבער, און פון דער זייט האָט דאָס פּנים אויס־געזען ווי אַ שאַרפער דרייעק.

די שכנים, אַלע פּאָליאַקן, האָבן גענומען קוקן מיט חשד אויף בערסאָנען. דער ראָק, די הויזן, — ווי בערסאָן וואָלט זיי אויסגעוואַקסן. אַ שכן האָט אים געפרעגט:

— פּאַניע בערסאָן, איר האָט זיך אָנגעטאָן אַ שטאָלענע וועסט?

— אַ פּאַפּירענע, — האָט בערסאָן צעקנעפּלט די וועסט, געוויזן אויף די מאַנוסקריפּטן, און דער בליק איז ביי אים געוואָרן שאַרף ווי אַ האַק.

אַ צווייטער שכן האָט זיך צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, גע־וויזן אויף בערסאָנען. געהייסן האָט עס, אַז פון צרות האָט דער ייד גע־קראָגן אַ מיש אין קאָפּ. און אַ דריטער שכן האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס טראָגט דער פּאַן בערסאָן מן־הסתם דאָס פאַרמעגן מיט זיך.

און ווי בערסאָן האָט זיך געקליבן ענטפערן איז אָנגעלאָפן איינ־זשעניר פּיאָסעצקי מיט דער האַנט־ראַדיאָ. ער האָט געוויזן אויפן הימל, וואו אַ דייטשישער עראָפּלאַן איז נידעריק געפלויגן און געשטעפּט די לופט. דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם ייד פאַר אַ האַנט:

— אין קעלער אַריין, פּאַניע בערסאָן!

און ווי דער אינזשעניר האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט זיך אַ דינער פלאַם, ווי אַ צוויי־שאַרפיקע שווערד, אָ הייב געטאָן פון הויף און צוגענומען ביי אַלעמען די ראיה. נאָכן פלאַם — אַ קנאַל, ווי מען וואָלט שטיינערנע בערג צעריסן, און נאָכן קנאַל — אַן אומגעהאַריש געשריי.

בערסאָן האָט געפילט, ווי מ׳רייסט ביי אים פון אונטער די פיס אַפיר די ערד. ער פאַלט. און אַז ער איז געקומען צו זיך, איז אויפן הויף קיינער נישט געווען. אַ דריי איילן פון אים איז געלעגן דער אינזשעניר אין אַ טייך בלוט. אַ ביסל ווייטער — די האַנט־ראַדיאָ.

בערסאָן האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דר׳ערד. ער האָט זיך אַ רגע געישובט, — זאָל ער נעמען די ראַדיאָ ? ער האָט געזען, ווי הענט הייבן זיך צו אים פון קעלער אַרויס, געהערט ווי מען רופט אים :

— פּאַניע בערסאָן !

— פּאַניע בערסאָן !

— דער ייד האָט אַ ריץ אין קאָפּ !

— דער מענטש איז פון זינען אַראָפּ !

שלמה בערסאָן האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך גענומען הייבן מיט די שטיגן. איין שטאָק, צוויי, דריי. און אַז ער איז דערגאַנגען צום זיבעטן שטאָק איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ רואיקייט, — „יעדע באָמבע, יעדער שראַפּנעל האָט זיך זיין באַשטימטן, אָנגעצייכנטן וועג. עס איז אַלץ איינס וואו מען זיצט, — צי אין קעלער, צי אויפן זיבעטן שטאָק“.

שלמה בערסאָן האָט אַרויסגענומען די מאַנוסקריפּטן פון די קעשענעס, פון דער וועסט. ער האָט זיי צעלייגט אויפן טיש. דערנאָך האָט ער געעפנט איין פענצטער, אַ צווייטס. ער האָט אַראָפּגענומען פון אַ פּאָ־ליצע דעם „שבט יהודה“. ער האָט געלייענט :

„...לאָמיר נישט מיינען, אַז דער ביטערער גזר איז אויסגעגאָסן געוואָרן בלויז אויף אונדזער דור. צי מיר ווילן, צי נישט, — דאָס איז אונדזער געשיכטע ! “

וואָס איז אונדזער געשיכטע ? טאָקע אַ שטיק פּייער, וואָס לייכט און וואַרעמט אַנדערע, ווען עס האַלט זיך אַליין אין לעשן ?

פון די צעעפנטע פענצטער האָט זיך געזען דער קעניגלעכער פּאַלאַץ, דער בעלוועדער, וואָס דער לעצטער פּוילישער קעניג האָט אויסגעבויט. עס האָט זיך געזען ווילאַנואוו, וואוהין סאָביעסקי איז אַנגעריטן פון ווין, וואו ער האָט צעשלאָגן דעם טערק.

ביידע פּאַלאַצן האָבן געברענט.

און פון דעם פייער האָט זיך געהויבן דער פויגל, וואָס לעבט אייביק. בלויז יעדע טויזנט יאָר וואַרפט דער פויגל אַראָפּ פון זיך די פעדערן, ווערט פאַרברענט, און פון דעם אייגענעם אש ווערט ער ווידער געבוירן.

# דאָס אויסערן־מיניסטעריום

ס׳האָט גערעגנט און ס׳איז נאָך געווען גוט פינצטער, ווען די פוילישע רעגירונג איז פינף פאַרטאָג אָנגעקומען אויף צוואַנציק אויטאָמאָבילן קיין קרעמעניץ.

פון שטאָט איז אַקעגנגעריטן אַ מיליטערישע וואָך אויף פערד מיט ביקסן אין די הענט. דאָס סאַלוטירן, דאָס אַרויסגעבן באַפעלן, אַלץ איז צוגעגאַנגען שטיל, ווי אויף שטום־לשון.

הינטער דער שטאָט איז דער קאַלטער רעגן געוואָרן בייסיקער, האָט געשמיסן ווי מיט בייטשן איבער די אויטאָמאָביל־דעכער און די פעלדער, שוואַרץ און גלאַנציק, ווי שטייענדיקע וואַסערן, זיינען פאַרלאָפן דעם וועג.

אַ שטיק בענקעניש האָט זיך געטראָגן פון די פעלדער, געוואָרן איינס מיט דער פינצטערניש, וואָס האָט אַרומגענומען קרעמעניץ, וואָס איז נאָך געשלאָפן, אַרומגענומען די „פוילישע רעגירונג״, וואָס איז געלעגן צונויפגעפּאַקט אין די צוואַנציק אויטאָמאָבילן און האָט נישט געוואוסט צי זי בלייבט אין קרעמעניץ, צי זי פאָרט ווייטער. און אויב ווייטער — וואוהין?

די מיליטערישע וואָך האָט באַגלייט איין מלוכהשן דעפּאַרטאַמענט נאָכן אַנדערן, זיי צעשטעלט אַזוי, ס׳זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, און אויב דער שונא וועט באַפאַלן, זאָל לייכטער זיין צו אַנטלויפן.

דאָס אויסערן מיניסטעריום, וואָס האָט פאַרנומען בלויז צוויי אויטאָמאָבילן, איז נישט אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין. ס׳האָט זיך פאַרקערעוועט אויף אַ „באָטשנעם״ וועג, אַ בלאָטיקן, אויסגעזוימט מיט נאַקעטע ביימער. אויף אַ פריער איז געריטן די וואָך. נאָך דער וואָך —

די צוויי אויטאמאבילן. אזוי איז מען אפגעפארן א מינוט צוואנציק. מען האט זיך אפגעשטעלט אין א שרדהיש הייפל, וואס איז באשטאנען פון א הילצערן הויז און פון צוויי געמויערטע שייערן. די אויטאמאבילן, די פערד האט מען אריינגעפירט אין די שייערן. און ס׳איז קריק געווארן נאכט. ארום און ארום — רעגן, ווינטן און חושך.

די טיר, וואס אויפן גאניקל, האט זיך געעפנט. דער דירעקטאר איבער אויסלענדישע ענינים, דאקטאר כוויסטעק, זיינע געהילפן און סעק־רעטארן זיינען אריין אין הויז און די טיר האט זיך נאך זיי פארמאכט. אין שטוב איז געווען ווארעם און ליכטיק, אזוי ליכטיק, אז די אריינגעקומענע האבן אזש פארמאכט די אויגן. און אז זיי האבן די אויגן קריק געעפנט, האבן זיי דערזען פון איין זייט דעם שרדה, פון דער אנדערער — די שרדהעסטע. אין דער מיט — דעם שרדהס טאכטער. זי האט געהאלטן א פוילישן אדלער אויסגעשטיקט פון זילבער און גאלד. ס׳מיידל האט א הייב געטאן דעם אדלער און איר קול האט געציטערט, איז פול געווען מיט טרויער:

— זייט געגריסט, געהויבענע געסט. מיט דעם זעלבן אדלער בין איך אנטקעגנגעגאנגען פילסודסקים לעגיאנערן, די בויער פון דער פוילישער מלוכה, און מיטן זעלבן אדלער באגריס איך אייך, און כ׳האף און גלייב, אז מיט גאטס הילף וועלן מיר צעשלאגן דעם שונא.

— אזוי גלייבט יעדער פאליאק — האט דאקטאר כוויסטעק לאנג געדריקט דער מיידלס האנט און געטראכט ביי זיך: „ווי אלט קאן זי זיין, אז זי האט נאך באגריסט פילסודסקים לעגיאנערן?"

ער האט זיך געכאפט, אז דאס מיידל מיטן קינדערשן פנים איז א הויקער. מען האט עס אבער באלד פארגעסן. דער שרדה, ס׳ווייב, די טאכטער — אלע האבן „אואווירט" (אפשר אויפגענומען? — רעד.) די געהויבענע געסט. אויפן טיש — פליישן, קעזן, ברויט, פוטער, קאנפי־טורן. אויפן טיש — שנאפסן, הייסער טיי, הייסע קאווע.

און אז די געסט האבן זיך איבערגעכאפט די הערצער, האט דאק־טאר כוויסטעק געפרעגט דעם באלעבאס:

— און ווי איז אין שטאט?

— דערוייל, דאנקען גאט, רואיק, פאניע דירעקטארזשע.

דאָקטאָר כוויסטעק האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגערל, וואָס איז געווען צוגעשנאָלט צום האַנט־געלענק:

— שוין באַלד זעקס. אַכט אַ זייגער האָבן מיר אַ זיצונג. וועלן מיר שלאָפֿן אַ צוויי שעה.

די געלעגערס זיינען געבעט — האָט דער שרה געעפֿנט אַ טיר, וואָס האָט געפֿירט אויפֿן ערשטן שטאָק אַרויף.

און ווי די געסט האָבן זיך גענומען געזעגענען מיט דער שרה־עסטע, מיט איר טאָכטער, האָט זיך דערהערט איין אויפֿרייס נאָכן אַנ־דערן. נישט בלויז די שויבן האָבן געציטערט אין די טאָפּלטע פֿענצטער, נאָר די ווענט האָבן מיטגעציטערט.

ס'איז געוואָרן אַ ווייל שטיל. דאָקטאָר כוויסטעק, אָן מראה אין פּנים, האָט אַ זאָג געטאָן:

— דער דייטש באַשיסט קרעמעניץ פֿון דער לופֿטן.

קיינער פֿון דער סוויטע האָט נישט געענטפֿערט, ווי מען וואָלט ביי אַלעמען אָפּגענומען ס'לשון. דאָקטאָר כוויסטעק האָט געפֿרעגט דעם באַלעבאָס:

— ס'איז אַ הילצערן הויז?

— יאָ, פּאַניע דירעקטאָרזשע.

— און אַ געמויערטן קעלער האָט איר?

— מיר האָבן דריי, פּאַניע דירעקטאָרזשע.

— פֿירט אונדז אין קעלער אַריין.

דער קעלער, טיף און לאַנג, ווי אַ הייל, האָט געשמעקט מיט קאַר־טאָפֿל, מיט בוראַקעס, מיט מערן, געשמעקט מיט טוכלע פּלאַנצן.

דער קעלער איז גלייך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיניסטעריום־געביידע. צום דירעקטאָר פֿון אויסערלעכע ענינים, צום דאָקטאָר כוויס־טעק, איז אוממעגלעך געווען אָנצוקומען. ער איז געזעסן איינער אַליין ביי אַ טישל. אַרום אים — נייע, לעדערנע וואַליזעס. פֿאַר אים — די געהילפֿן. פֿאַר די געהילפֿן — די סעקרעטאַרן. אַרום קעלער — אַ מילי־טערישע וואַך.

שטאָפּעטן אויף פֿערד, אויף מאָטאָרציקלס האָבן זיך געטראָגן קיין קרעמעניץ, האָבן זיך געטראָגן קריק צו טאָקטאָר כוויסטעקן, אים אָנגע־

זאָגט צו זיין גרייט. די פוילישע רעגירונג וועט נישט בלייבן אין קרע־מעניץ, זי פאָרט ווייטער.

דאָקטאָר כוויסטעק האָט אָוועקגעלייגט זיין רעוואָלווער אויף דער מאַפּע פון פוילן. ער האָט געשאָלטן אין טאַטנס־טאַטע אַריין, וואָס צווישן אייגענע, צווישן פּאָליאַקן דאַרפן זיין היצלעס און שפּיאָנען, אַנדערש וואָלט דער שונא נישט געוואוסט, וואו די פוילישע רעגירונג באַהאַלט זיך אויס. ער האָט אַ רוף געטאָן זיין הויפּט־סעקרעטאַר:

— הערסט, יולעק, כ׳הייב שוין אָן צו גלייבן, אַז איך אַליין בין אַ שפּיאָן, צי אפשר דו, יולעק? ווי מיר קלייבן אָפּ אַ באַהעלטעניש, צי איידער מיר קלייבן נאָך אָפּ, ווייס שוין דערפון דער שונא! דריי ביינאַכט האָב איך נאָך אַליין נישט געוואוסט, אַז מיר קלייבן זיך קיין קרעמעניץ, און ווי מיר זיינען אָנגעקומען — דער שונא איז דאָ! ס׳איז דאָך אַ קללה! נישט אַנדערש ווי אין יעדן פּוילישן הויז געפינט זיך אַ דייטש, וואָס שפּיאָנירט, וואָס גיט צייכנס דעם שונא, נישט אַנדערש. וואָס זאָגסטו, יולעק — טאַקע אויס? אויס פוילן? וואו אַנטלויפט מען ווייטער?

דער דירעקטאָר מיטן הויפּט־סעקרעטאַר האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, וואָס האָבן זיך געצונדן פון גרויס טריקעניש. אַ רגע, צוויי, דריי. צוואַנציק יאָר האָבן אויפגעבליצט, זיך אַ צינד געטאָן און פאַר די אויגן האָט זיך געשאָטן אַש, אַ שנירל אַש — איז דאָס אַלץ?

אַ זעלנער פון דער וואך האָט געלאָזט וויסן:

— לייטענאַנט פּאַיאַנס וויל זיך זען מיטן דירעקטאָר.

אַ סעקרעטאַר האָט געלאָזט וויסן דעם הויפּט פון די געהילפן:

— לייטענאַנט פּאַיאַנס וויל זיך זען מיטן דירעקטאָר.

דער הויפּט־געהילף איז געשטאַנען פאַרן דאָקטאָר כוויסטעק ווי פאַר מלכות:

— לייטענאַנט פּאַיאַנס וויל זיך זען מיטן פאַן דירעקטאָר.

דער דירעקטאָר האָט זיך צוגעזעצט אויף אַן איבערגעדרייט קעסטל, זיך צוגעזעצט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט געזעסן אין אַ גרוב פון קאַרטאָפל, נאָר אין אַ וואַרשעווער פּאַלאַץ, וואו די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט אַלטע פוילישע גאָבעלענען. דער לייטענאַנט פּאַיאַנס מעג צוואַרטן. דאָס איז ער שוין ווידער געקומען בעטן אַ פּאַס, אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַס

פארן פאטער זיינעם, דעם אלטן פאיאנס, דעם ווארשעווער דאזאר. ער וועט אים דאס מאל געבן דעם פאס, אבער מיט א באדינג.

דירעקטאר כוויסטעק האט א הייב געטאן די האנט:

— שיקט אים אריין.

לייטענאנט סטאניסלאוו פאיאנס, וואס האט אויסגעזען אי ווי א פאליאק, אי ווי א ייד, האט זיך געטראגן גלייך ווי א מיליטער־מאן. די אויגן, וואס זיינען פול געווען מיט עקשנות און אויסדויער, האבן זיך געשארט איבערן פינצטערן קעלער, וואס די לאמטערנעס האבן נישט געקאנט באלייכטן. דאקטאר כוויסטעק איז אים אנטקעגן געגאנגען, אים חבריש ארומגענומען:

— דער פאס פאר דיין „אלטן" וועט באלד זיין גרייט. כ'וויל אבער, סטאניסלאוו, דיין „אלטער", ווי א גוטער פאליאק, זאל געדענקען צוויי זאכן. אזוי ווי יידן האבן א גאר גרויסע דעה אין דער ענגלישער רעגירונג, וויל איך, אז דער טאטע דיינער זאל פועלן אין לאנדאן, אז מען זאל גלייך שיקן קיין פוילן אמוניציע. דאס איז איינס. כ'וויל אויך, אז דער טאטע דיינער זאל לאזן וויסן די ענגלישע רעגירונג, אז פוילן האט צופיל יידן, אז יידן דארפן עמיגרירן פון פוילן.

סטאניסלאוו פאיאנס האט מער נישט געהערט וואס דאקטאר כוויסטעק רעדט אין אים אריין. ער האט געקוקט אויף די בערג קארטאפל, אויף די בוראקעס, אויף די מערן, געקוקט אויפן פוילישן דעפארטאמענט פון אויסלענדישע ענינים, געקוקט אויפן דירעקטאר, וואס דארף אליין עוקר־מדינה זיין און זיך געחידושט, ווי נאך פוילן האט אפילו צוואנציק יאר געקאנט עקזיסטירן.

און אז פאיאנס האט שוין געהאט דעם דיפלאמאטישן פאס אין קעשענע, האט דער דירעקטאר אים ארויסבאגלייט, זיך געזעגנט מיט אים:

— זאגסטו מיר צו, סטאניסלאוו?

דער רעגן אין דרויסן האט געצעבערט און דער ווינט האט זיך געריסן איבער די נאקעטע, פארפלייצטע פעלדער מיט א וואלפיש־געוויין.

# אַ וויזע

די משפחה פּאַיאַנס — טאַטע, מאַמע און זייער איינציקער זון סטאַניסלאַוו — זיינען סוף דעצעמבער אָנגעקומען פון דעם נישט־פּאַר־נומענעם פראַנקרייך קיין ליסאַבאָן.

סטאַניסלאַוו, אַן אינזשעניר און אַ געוועזענער לייטענאַנט אין דער פּוילישער אַרמיי, האָט געהאַט אַ וויזע און אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר פון אַ באָסטאָנער לופטשיף־פירמע. סוף יאַנואַר האָט ער שוין געדאַרפט זיין אין באָסטאָן. מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דער פּוילישער גלות־רע־גירונג האָט סטאַניסלאַוו אָנגעשפּאַרט צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר. ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צו קריגן אַ וויזע פאַר די עלטערן זיי זאָלן קאָנען מיט אים מיטפאָרן. ס׳איז דורך אַ וואָך אין מיעניש, אין לויפעניש, אין גרויס קאָפּ־דרייעניש. און אַז סטאַניסלאַוו האָט זיך צו גאָרנישט דער־שלאָגן, קיין וויזע נישט געקראָגן, האָט ער אַרויסגערוקט ס׳קליינע טישל אין מיטן האָטעל־צימער. ער האָט זיך געזעצט אויבנאָן און פון ביידע זייטן — טאַטע־מאַמע.

סטאַניסלאַוו האָט אַ שאָר געטאָן צו זיך אַ בייגעלע ווייס פּאַפּיר. ער האָט אַרויסגענומען פון דער אויבערשטער קעשענע אַ קונציק־פאַר־שניצטע בלייפעדער, וואָס מען זעט בלויז ביי צייכענער־אינזשענירן, און האָט אָוועקגעשטעלט אין מיטן בייגעלע אַ פּינטל. ס׳האָט געהייסן — די זיצונג איז געעפנט. ער האָט מיט גרויס געלענק אַ ציי געטאָן מיט דער בלייפעדער, ווי מיט אַ צירקל, און אַרום דעם פּינטל האָט זיך אויסגע־שניטן אַ קרייז. טאַטע, מאַמע, זון — אַלע דריי האָבן אַ רגע געקוקט מיט חידוש, געקוקט אויפן בייגעלע פּאַפּיר, וואו אָנשטאָט אַ טאָג־אָרדע־נונג איז געשטאַנען אַ פּינטל און אַרום פּינטל אַ קרייז, אַן אַ בויג, אַן

אַ קנייטש. אין אַ ווײַלע אַרום האָט סטאַניסלאַוו זיך געווענדעט צום פּאַטער אין פּויליש:

— טאַטע, איצט דאַרף עס באַשלאָסן ווערן.

דער פּאַטער, נישט קיין הויכער, ברייט אין די פּלייצעס, די גע־דיכטע, גרויע וואָנסן, ווי באַקנבערד, האָט אויסגעזען ווי אַ באַיערטער שלאַכטשיץ. מיט צוויי פינגער האָט ער דאָ אַ הייב געטאָן איין וואָנצע, דאָ — די צווייטע. אין דעם פּאַטערס שווייגן איז געווען קענטיק, אַז ער האָט שוין אַלץ געהאַט באַשלאָסן. בלויז די מוטער, אַ זקנה, מיט פאַר־חידושטע אויגן, ווי ביי אַ קינד, האָט געזוכט שוץ ביי אירע ביידע מאַנצ־בילן. דער זון האָט ווידער אָוועקגעשטעלט אויפן בייגעלע פּאַפּיר אַ פּינטל, ווי ער וואָלט די אייגענע ווערטער פאַרזיגלט מיט טריפּוואָקס:

— ס'איז געבליבן, טאַטע, איין וועג.

— נאָך בראַזיל? — האָט דער פּאַטער אַ הייב געטאָן אַ פּאָר מידע אויגן און זיינע וואָנצן האָבן פאַרדעקט די אונטערשטע ליפּ — נאָך בראַזיל?

— יאָ, נאָך בראַזיל.

— איך און די מאַמע וועלן שוין בעסער דאָ בלייבן, אין ליסאַבאָן.

— אויב איר בלייבט דאָ, בלייב איך אויך!

— ניין, מיין זון, דו ביסט יונג. דו דאַרפסט און וועסט פאָרן, — האָט דער פּאַטער זיך אַ רוק געטאָן מיט דער שטול צום זון. — איך ווער שוין זעקס און זעכציק יאָר, די מאַמע — פינף און זעכציק. ווי לאַנג האָבן מיר נאָך צו לעבן? נאָך פיר, נאָך פינף יאָר? ס'איז נישט קיין געשעפט, סטאַניסלאַוו. איך און די מאַמע זאָלן זיך צוליב אַ וויזע לאָזן שמדן.

— ס'איז בלויז אויבנאויף, טאַטע — האָט דער זון נישט געקאָנט קוקן דעם פּאַטער אין די אויגן אריין און געהאַלטן אין איין מאַכן פּינט־לעך אויפן פּאַפּיר — ווי איר וועט אָנקומען קיין ריאָ-דע־זשאַנייראָ, ווערט איר צוריק יידן.

— נישט איך, סטאַניסלאַוו, נישט איך — האָט דער פּאַטער זיך צוריקגערוקט מיט דער שטול פונעם זון. — איגנאַץ פּאַיאַנס, וואָס איז געווען יאָרן דאָזאָר אין וואַרשע, וועט זיך נישט שמדן צוליב אַ וויזע.

— דאָס הייסט נישט געשמדט — איז די עקשנות אינעם זון געוואַקסן.

— וואָס דען הייסט עס ? — האָט דער פאָטער זיך אויפגעשטעלט.

— דאָס איז אַ כאַבאַר־מיטל ווי נאָך אַרויסצוררייסן ביי אַ ייד נאָך פינף און צוואַנציק דאָלאַר — האָט דער זון זיך אויך אַ שטעל געטאָן. — מען לערנט דיך נישט קיין דאָגמעס, קיין קאַטוילישן קאַטעכיזם, מען לערנט דיך גאָרנישט. מען פרעגט דיך אַפילו נישט צי דו גלייבסט, מען נעמט ביי דיר צו די פינף און צוואַנציק דאָלער און מען גיט דיר אַ שמד־שיין. די ליסאַבאָנער קאַטוילישע קירך, די אמתע פאַלשמינצערס, האָבן געעפנט אַ פאַבריקל פון פאַלשן שמד ! און דו, טאַטע, ישובסט און וואַקלסט זיך ! ווער ווייס צי מען וועט נישט מאָרגן טרייבן פון דאַנען די אַנגעקומענע יידן ? און אין טרייבן יידן האָט פּאָרטוגאַל אַן אַלטע חזקה. ווען רוים האָט נאָר געהאַט איין געטאָ, האָט ליסאַבאָן געהאַט דריי געטאָס, דריי „כודאַריעס״! און ווער ווייס צי מאָרגן וועט דאָ קיין מלחמה נישט אויסברעכן ? אַז איר וועט דאָ בלייבן וועל איך נישט פאָרן, ווייל אַז איר וועט דאָ בלייבן וועל איך אין באָסטאָן קיין רו נישט האָבן. איז וואָס שוויגסטו, טאַטע ?

— סטאַניסלאַוו איז גערעכט — האָט די מוטער זיך צעוויינט.

— אין בראַזיל וועלן מיר צוריק ווערן יידן.

דער וואַרשעווער דאָזאָר, ברייט אין די פּלייצעס, איז געשטאַנען מיט עטוואָס צעשפּרייטע פיס, געשטאַנען ווי אַן אַלטע, אויסגעגראָבענע קאָרטשע. דעם זונס ווערטער האָבן צעקלאַפּט זיין עקשנות. דערצו האָט ער נישט געקאָנט הערן ווי ס׳וויב וויינט. ער האָט גענומען שפּרייזן אי־בערן האָטעל־צימער, געשפּרייזט אַזוי ווי אימיצער וואָלט אים געיאָגט. מיט צוויי פינגער האָט ער זיך געקניפּט די וואָנצן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שפּרייזן און טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט נישט גערעדט. ער האָט אָנגעטאָן דעם ווינטער־מאַנטל און האָט אַ מאַך געטאָן צום זון מיט דער האַנט. ס׳האָט געהייסן :

— קומט.

דער זון האָט געפירט די מוטער. דער פאָטער איז נאָכגעגאַנגען

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. גאָסן, געסלעך. קאַלטע דעצעמבער ווינטן האָבן געריסן די פּאָלעס, געריסן די קאַפּעליושן פון די קעפּ. דער וואַרשעווער דאַזאַר, איגנאַץ פּאַיאַנס. האָט זיך געשלעפּט אַזוי, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו דער אייגענער לוויה. די דעצעמבער ווינטן האָבן אים געקלאַפּט אין די פּלייצעס, אים געפרעגט, ווי דער מלאך הדומה פרעגט אַ מת:

— ווי הייסטו?

— נישט איגנאַץ.

— ווי דען?

— יצחק.

— און דעם „פּסוק” דיינעם געדענקסטו?

— ה׳ אדני עז ישועתי סכותה לראשי ביום נשק.

ער האָט אויפגעציטערט און זיך אָפּגעשטעלט. די אויגן זיינע האָבן געגנישטערט פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער:

— וואו איז דער קלויסטער?

— ס׳איז דאָ, טאַטע — האָט דער זון געוויזן אויף אַ צוויי־שטאָקיקער מויער.

זיי זיינען אַריין. אין וואַרט־זאַל זיינען געזעסן יידן, יידענעס מיט חושכדיקע פּנימער, געזעסן ווי פּאַציענטן ביי אַ דאָקטאָר. יעדע פיר־פינף מינוט האָט זיך געעפנט אַ זייטיקע טיר. אַ מיטליאַריקער גלח, אַנגעטאָן אין דער „טענדע־ווערענדע”, האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, גערופן:

— נעקסט.

ס׳איז געוואָרן ליידיקער אין וואַרט־זאַל. סטאַניסלאַוו האָט זיך אַ הייב געטאָן. ער האָט אַריינגעפירט טאַטע־מאַמע. אַ נאָנע, וואָס האָט פאַרשריבן די נעמען, האָט זיך געפרעגט:

— אַלע דריי?

— ניין — האָט דער זון געוויזן אויף טאַטע־מאַמע, און איינגע־צאָלט פופציק דאָלער.

טאַטע-מאַמע זיינען אַריין אין אַ זייטיק צימערל, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ קלויסטערל. ווי זיי זיינען אַריין זיינען זיי גלייך צוריק אַרויס, יעדער מיט זיין שמד־צעטל אין דער האַנט. אויפן וועג אַהיים

איז מען געגאַנגען ווי פון אַ לוויה. מען האָט כמעט ווי נישט גערעדט צווישן זיך. און ווי זיי זיינען אַריין אין שטוב האָט איגנאַץ פּאַיאַנס, דער וואַרשעווער דאָזאָר, אָנגעשפּאַרט די הענט אויף דער וואַנט, דעם קאָפּ אויף די הענט און זיך צעשריגן:

— גאָט האָט געוואָלט איך זאָל זיך שמדן! זאָג איך דיר, ווייב, זאָג איך דיר, זון, אַז איך וועל זיך, גאָט אויף צו־להכעיס, נישט שמדן! ווי איך וועל אָנקומען אין בראַזיל ווער איך צוריק אַ ייד, אַ פרומער ייד!

טאַטע־זון האָבן זיך צעקושט.

# אין אַ זאַווערוכע

ביי־יאָר, נאָך האַלבער נאַכט, זיינען פון דער סלאָמקער מיל אַרויס צוויי פֿאַרשוין מיט זעק מעל אויף די פּלייצעס. די פינף־פּודיקע זעק האָט מען געלייגט אויף אַ „דראָנגאָוון״ וואָגן אונטער ראָגאָזשעס. און אַז מען האָט אָנגעלאָדנט דעם וואָגן מעל, פֿאַרצויגן די ראָגאָזשעס מיט שטריק, האָבן די צוויי פֿאַרשוין, אַ פֿאָטער מיט אַ זון, אַרויסגענומען פון זייטיקע קעשענעס פלאַטשיקע „מאַמעס״ בראָנפן און מ׳האָט אַ שפּאָרן צו געטאָן.

טאַטע־זון זיינען געווען אויפגעלייגט. די נאַכט, אַ קאַלטע, אַ פינצ־טערע, האָט זיי צוגעשפּילט. דערצו האָט פון בייטאָג אָן זיך געטראָגן אַ שטעכיקער שניי. דער שניי האָט געשמיסן די פּנימער, צוגענומען די ריאה, פֿאַרווישט די וועגן.

טאַטע־זון זיינען אַרויף אויף דער קעלניע. דער פֿאָטער האָט אַ נעם געטאָן די לעדערנע לייצעס. די פערד האָבן פֿאַרריסן די קעפּ. און ווי זיי האָבן פון געוואוינהייט געוואָלט זיך אַ קירעווע טאָן צום שטאָטישן טראַקט, האָט דער אָנטרייבער זיך פֿאַרנומען מיטן סאָסנאָוון וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער דער מיל.

דער וועג דורכן וואַלד איז געווען אַ זיכערער, נאָך ביים רוס, פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען מיט דעם וועג געמולכט פערד קיין פּרייסן, „געשוואַרצט״ מענטשן קיין דייטשלאַנד. ביים פּאַליאַק האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט. דער פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער זלמן, וואָס האָט ביים רוס געמולכט פערד קיין פּרייסן, איז ביים פּאַליאַק געוואָרן אַ בעל־עגלה. ער האָט צוגעשטעלט אין די שטעטלעך, וואָס אַרום מלאַווע, פּעסער נאַפּט, פּעסער הערינג, זעק צוקער, זעק מעל. זיינען געקומען וואָגאָנען

סחורה פון דייטשלאַנד, פון טיף רוסלאַנד — ביי דער מלאַווער „ראַמפּע״ האָט זלמן געהאַט די חזקה. אויפן וואַרשעווער טראַקט, אויפן פּלאָצקער טראַקט — אומעטום האָבן זיך געטראָגן זלמנס געשפּאַנען. און געאַר־בעט האָט מען מיט די אייגענע הענט. ער זלמן, זיינע פיר זין — אַלע זיינען געווען בעל־עגלות. דער פאָטער צו פינף־און־פערציק יאָר האָט אונ־טערגעהויבן אַן אַנגעלאָדנטן וואָגן פאַר די הינטערשטע רעדער. דער עלטסטער זון איז אַלט געווען פינף־און־צוואַנציק יאָר, דער יינגסטער — ניינצן, אַלע באַווייבטע. אינעם הויז מיט די פּליגל האָבן געוואוינט טאַטע־מאַמע, די פיר זין מיט די ווייבער, מיט די אייניקלעך, מיט די דינסטן. אויפן הויף, אין אַ געמויערט פערד־שטאַל, האָבן שבת גערוט אַ צוואַנציק פערד. זלמן איז געווען רייך. ס׳איז נישט געווען קיין מויער אין מאַרק, זלמן זאָל נישט האָבן קיין „היפּאָטעק״ אויף איר. און זלמן האָט זיך געלאָזט קאָסטן. צוויי מאָל אַ יאָר, אויף פּסח, אויף סוכות, האָט ער די אָרעמע תלמוד־תורה קינדער געקויפט שיך און קאַפּאָטקעלעך. און אַז מען האָט געדאַרפט שטעלן אַ יורד אויף די פיס, איז זלמן נישט בלויז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געגעבן, און מיט אַ ברייטער האַנט, נאָר ער איז געגאַנגען פון בעל־הבית צו בעל־הבית, האָט געשלעפּט און געמאָנט. ער האָט אויך נישט איין געפאַלענעם פּאַליאַק געשטעלט אויף די פיס.

אַזוי האָט זלמן בעל־עגלה געלעבט אין מלאַווע אין גרויס רחבת. און מיטאַמאָל אַזאַ איבערקערעניש. און אַזוי שנעל. אויף אַזאַ פאַרכאַ־פּעניש האָט ער זיך נישט געריכט. ס׳איז קיין צייט נישט געווען זיך אויסצואווישן די אויגן, זיך אַרומצוקוקן וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

ווי די דייטשן זיינען אַריין קיין מלאַווע, האָבן זיי אים דערשאָסן דריי זין, פאַרנומען די וועגענער, פאַרנומען וויפל פערד ס׳זיינען בשעת מעשה געווען אין שטאַל. זיי האָבן אויך אויסגעליידיקט דעם קעלער, נישט געלאָזט קיין קאַרטאָפל, קיין הייפּטל קרויט. זיי האָבן אויך אויס־געליידיקט דעם שפּייכלער, נישט געלאָזט קיין קריש פיטער פאַר די פערד.

ווען נישט דער עלטסטער זון שלמה, ווען נישט ס׳ווייב מיט די שנירן, מיט די אייניקלעך, וואָלט זלמן זיך אַ מעשה אָנגעטאָן. די קלעפּ זיינען געווען אַזוי גרויס, אַזוי אומדערוואַרט, אַז אַפילו זלמנס פעסט צו־נויפגעקלאַפּטע פּלייצעס האָבן זיי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ווען נישט

גוטע באקאנטע — יידן, פאליאקן, אפילו דייטשן — וואלט אין דער „שבעה" שוין נישט געווען וואס צו עסן. דער האט געבראכט א ברייטל, דער קארטאפל, דער מילך פאר די קינדער. קיינער פון די שטוביקע האט אפילו נישט דערמאנט, אז זלמן האט ליגן אין דער סלאמקער מיל א וואגאן מעל. שמיד — א דייטש האט געהאלטן די מיל אין ארענדע. נישט איין טובה האט אים זלמן געטאן. איצט אבער, נאך דער שחיטה, איז אים דער דייטש געווארן פרעמד, געווארן מיאוס. און אז דער מילנער איז אין וואכן ארום, אין א שפעטן אויפדערנאכט, צו אים געקומען, האט זלמן זיך געקווענקלט, צי ער זאל אים זען.

זיי האבן גערעדט אויג אויף אויג, גערעדט יידיש. אפגעמאכט, אז זלמן זאל ביסלעכווייז איבערפירן פון דער מיל דעם וואגאן מעל.

ס'איז געווען א ריזיקאליש שטיקל ארבעט. די וועגן זיינען פול געווען מיט דייטשישע זשאנדארן, מיט געשטאפא אגענטן. און אזוי ביי־טאג, און אזוי ביינאכט. פארפארן נאכן מעל מיט א וואגן איז געווען א געפאר. האבן טאטע־זון אין א פינצטערער נאכט, אין רעגנס, אין שנייען, פארוואָרפן יעדער איינער א זאק מעל איבער די פלייצעס און זיך געגנבעט אין סאסנאוון וואלד. פארקראכן אויפן אלטן בית־עלמין. פון דארט האט מען די זעק מעל צוגעשטעלט צו חיים בעקער. אזוי האט זיך דאס „שווארצעריי" געשלעפט ביז ניי־יאר.

ערב ניי־יאר זיינען אנגעלאפן בייסיקע ווינטן, וואס האבן מיטגעבראכט א טרוקענעם שטעכיקן שניי. זלמן מיטן זון זיינען אריבער קיין סלאמקע. ס'וואסער — געפרוירן. דאס וואסער־ראד — א שטיק אייז. די מיל איז געשטאנען. דא, צווישן וואסער און וואלד, האט זיך געדרייט א זאווערוכע, זיך געדרייט און געקערט מיט א קרעכצעריי, מיט א פייפעריי.

זלמן מיטן זון האבן געשטעלט בראנפן. מען האט געטרונקען לחיים, מען האט פארביסן מיט קעז, מיט הארטע אייער.

זלמן האט געבעטן ביים מילנער א פאר פערד. אין אזא נאכט ווען אלע שלעק און נישט־גוטע קריכן ארויס פון די באהעלטענישן, ס'צע־שפילט זיך א זאווערוכע, אין אזא נאכט וועט זלמן מיטן זון ארויספירן די פופצן זעק מעל, וואס זיינען געבליבן אין דער מיל. ווי ער וועט אפלייגן ס'מעל, וועט ער קריק ברענגען די פערד.

דער מילנער, וואס האט געהאט גענומען עטלעכע שנאפסן, איז געווען אויפגעהייטערט. ער האט אויסגערעכנט אלע טובות, וואס זלמן האט אים אמאל געטאן. ער האט באוויינט זלמנס אומגעקומענע זין. און אז ער האט זיך גוט ארומגעקוקט, צי קיינער באהאלט זיך אמאל נישט אין דער מיל, איז ס׳קול ביי אים איבערגעגאנגען אין א שושקעריי. ער האט גערעדט בלויז שלעכטס וועגן די נאציס.

און אז דעם מילנערס פערד זיינען געווען געשפאנט אינעם „דראנג-נאוון" וואגן, טאטע־זין האבן געשלעפט די זעק מעל, האט דער מילנער זיך מער נישט באוויזן.

דער וואגן איז אריין אין וואלד. פון צווישן דיביימער זיינען אנגעלאפן שנייאיקע ווינטן. נישט בלויז די אויערן, נאר אלע גלידער זיינען פול געווארן מיט קולות, וואס פארווישן יעדע מחיצה צווישן װאר און חלום. אזוי זיינען טאטע־זון אפגעפארן א פערטל שעה, האבן טיפער זיך אריינגעדרייט אין וואלד, וואו דער וועג איז געווארן אלץ שמעלער, די באקעטע, פארשנייטע צווייגן אלץ געדיכטער.

די פערד האבן זיך מיטאמאל אפגעשטעלט, ווי די זאווערוכע וואלט א שטיק ערד פון אונטער זייערע פיס ארויסגעריסן. טאטע־זון האבן דער־זען פאר די אויגן פלעמלעך און זיך קוים דערהאלטן אויף דער קעלניע. צווישן די ביימער האבן זיך געדרייט פלאכטעס שניי, זיך געדרייט מיט א רעווע.

— א זאווערוכע — האט שלמה געפילט ווי ארום די וואנסן פרירן ביי אים שנייעלעך.

— א הינטיש וועטער — האט דער פאטער צוגעגעבן. — אין אזא נאכט וועט קיין הונט נישט קיין ביל טאן.

מען איז ווייטער געפארן. טאטע־זון האבן עס נישט געבראכט אי־בער די ליפן. דער גדאנק אבער, אז מ׳קאן זיי כאפן, האט געפיקעט אונטערן הארץ, ארום די שלייפן.

דער וואגן איז ארויס פון וואלד. דער זייטיקער וועג האט זיך געצויגן בארג־אראפ. שניי־פלאכטעס האבן זיך געהויבן, זיך געדרייט אין א ראד. און דער ווינט האט געפייפט. און ווי דער בארג-אראפ איז געווארן שיפער, האט זיך דערהערט א געשריי:

— האלט!

טאטע־זון האבן זיך געשובט: יא אפשטעלן זיך, צי נישט אפ־שטעלן זיך? ס׳האט גענומען א ווייל. זיי האבן זיך אפגעשטעלט. פון דער פארשנייטער לאנקע זיינען אנגעלאפן צוויי פארשוין. געלאפן ביז איבער די קנעכלעך אין שניי. זלמן האט ווי צו זיך גערעדט:

בלויז צוויי?

— צוויי.

— לאמיר זיי קאלט מאכן.

דער זון האט געציטערט. ער האט זיך א טאפ געטאן פאר דער כאלעווע, וואו ס׳איז געלעגן א רעוואלווער. צוויי זשאנדארן זיינען אנט־קעגנגעקומען. זיי האבן זיך געשטעלט פוןביידע זייטן וואגן. איינער האט זיך געפרעגט:

— וואוהין פארט איר?

— קיין מלאווע.

— וואס פירט איר?

— מעל.

— א דערלויבעניש?

— מען דארף א דערלויבעניש? — האט זלמן א הייב געטאן די פלייצעס.

— און דו, שמוציקער יודע, ווייסט נישט? — האט א זשאנדאר מיט א שטילעט א שטאך געטאן אין דער ראגאזשע אריין.

טאטע־זון האבן נישט געענטפערט. ס׳בלוט האט זיך ביי זיי א שפאר געטאן אין די שלייפן. די זשאנדארן זיינען ארויף אויפן וואגן. איינער האט זיך אוועקגעזעצט לעבן זלמנען, אויף שלמהס פלאץ. דער צווייטער — לעבן שלמהן אויף די זעק מעל. דער וואס לעבן זלמנען האט א קאמאנדעווע געטאן:

— פאר, יודע!

זלמן האט א טרייב געטאן די פערד. און ווי זיי זיינען זיך צע־פארן, איז אין אים אויפגעגאנגען דער ווייטיק פון די אומגעקומענע זין. ס׳לעבן — הפקר. און ווי די זאווערוכע האט זיך צעשפילט — האט זיך אין זלמנען צעשפילט די נקמה, האט זיך אין שלמהן צעשפילט די נקמה.

אַ ראָד איז אַריין אין אַ גרוב. און ווי דער וואָגן האָט זיך אויס־געבויגן, זיך געהאַלטן ביים איבערקערן, איז שלמה אויפגעשפרונגען און מיטן גאַנצן כוח דערלאַנגט דעם זשאַנדאַר מיט דער פויסט אין האַרץ אַריין. דער זשאַנדאַר האָט זיך איבערגעקייקלט, איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ זאַק. דער וואָגן איבער אים. ערשט איצט האָבן טאַטע־זון זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן צווייטן. די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דריי פּאָר הענט, דריי פּאָר פיס האָבן זיך געקנוילט, האָבן זיך געקנעטן, זיך אַראָפּגעקייקלט פון די זעק אין שניי אַריין. און אַרום זיי האָט די זאַווערוכע אָנגעשאָטן בערג שניי, זיי אויפן אָרט צעוואָרפן, און דער קאַלטער ווינט האָט גע־מאָסטן איבער די פּלייצעס, געמאָסטן איבער הענט און פיס, ווי מיט דרענגער.

# איין אתרוג

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נאָכן דאַווענען, ווען די בראַסלאַווער חסידים זיינען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען פונעם רבינס בית־המדרש, איז וואָלף וואַרשעווער נאָך אַלץ געשטאַנען און געדאַוונט. די האַריקע הענט, וואָס זיינען אַרויסגעקראָכן פון די אַרבל, האָט ער צעלייגט אויף דער מזרח־וואַנט. אויף די נאַקעטע הענט איז געלעגן דער קאָפּ איינגעהילט אין דעם טלית. אין בית־המדרש איז געווען שטיל, ווי די ווערטער וואָלטן זיך נישט געריסן דורכן מויל, נאָר דורך וואָלפס פלייצעס, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט.

דורך דעם אָפענעם פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויפן רבינס קבר, האָבן זיך געשפּאַרט צעקרומטע צווייגן פון אַן אויסגעבוי־גענעם עפּל־בוים. די בלעטער האָבן זיך געגעלט. די ווינטער־עפּל — גע־רויטלט. אַ בין האָט זיך געזשומעט פון שויב אויף שויב מיט אַזאַ עקשנות און מיט אַזאַ זשומען, ווי זי וואָלט געוואָלט דורכברעכן ס׳גלאָז און אין דעם זשומען אַזאַ פּיין:

— איך וועל בלייבן צווישן אייך און איר וועט קומען אויף מיין קבר.

דאָס איז געווען ס׳צוואַנציקסטע מאָל, ווי וואָלף וואַרשעווער האָט „געשוואַרצט” די גרענעץ. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ טויב־שטומען קאַצאַפּ און אויף יעדן ראש השנה איז ער געפאָרן קיין אומאַן צום רבין אויפן קבר. ער איז געפאָרן אָן אַ פּאַספּאָרט, אָן אַ וויזע. אינעם זעקל, וואו ס׳איז געלעגן ברויט מיט האָניק, איז אויך געלעגן — לקוטי מהר״ן, די מעשה וועגן זיבן בעטלער. און אין האַרצן — אַזויפיל בטחון, אַזויפיל זיכערקייט, אַז דער רבי איז נישט געשטאָרבן. דער רבי איז דאָך מיט אים

מיטגעפארן. מען דארף אים בלויז א רוף טאן און ער וועט דערהערן, און ער וועט ראטעווען פון יעדער צרה.

דען די נסיעה פון ווארשע קיין אומאן איז געווען א שווערע, ס'איז געווען חבוט הקבר. מען האט געשליידערט אין מיטן פארן פון די וואגאנען, מען האט געשלאגן, מען האט איינגעזעצט, מען איז נישט זיכער געווען מיטן לעבן. אי אויף דער פוילישער זייט, אי אויף דער סאוועטישער. און פונדעסטוועגן האט פאר די ניינצן יאר נאך קיין איין מאל נישט געטראפן, אז ער, וואלף, זאל נישט אנקומען אין צייט אויפן רבינס קבר. היי־יאר איז געווען די שווערסטע נסיעה. דערצו האט ער זיך אויפן וועג דערוואוסט, אז ווארשע ברענט, אז דער שונא שיסט, טרייבט יידן פון די שטעט, נעמט־צו ס'פארמעגן מיט דעם נפש.

— אוי, טאטע, טאטע... פאטער אין הימל... העלף!

האי־יאר וועט וואלף זיך נישט לאנג זאמען ביים רבין. באלד נאך דער יארצייט וועט ער זיך לאזן אין וועג אריין. ס'האט זיך אים נישט געגלייבט, אז די יידישע גאסן אין ווארשע האט דער שונא אפגעווישט. אויס נאלעווקעס, אויס פראנציסקאנער, אויס גזשיבאוו, אויס קראכמאלנע. און נאוואליפיע ניין און צוואנציק? ער איז געווען זיכער, אז דאס בראסלאווער שטיבל אויף נאוואליפיע שטייט. מיט וואס איז ער אזוי זיכער? און אז גאט האט אויסגעגאסן א שגעון אויף דער וועלט? ירושלים האט געמעגט חרוב ווערן? ס'בית־המקדש האט געמעגט חרוב ווערן? וואס נעמט ער זיך אזוי איבער מיטן בראסלאווער שטיבל?

וואלף האט זיך אויסגעגלייכט. מיט די הענט־פלאכן האט ער געגומען פאטשן די אפגעריבענע ציגל, ווי ער וואלט זיך געקליבן איינלייגן די מזרח־וואנט:

— טאטע! טאטע־פאטער, העלף!

וואלף איז געווען הויך און ברייט. די רויטע בארד — קיילעכדיק פארשוירן, ווי ביי א קאצאפ. די בלויע, קינדישע אויגן זיינען פול געווען מיט תמימות, פשטות. ער האט זיך ארומגעקוקט אין ליידיקן בית־המדרש, דערהערט טריט און האט זיך א פרעג געטאן:

— ווער איז?

פון פענצטער האט זיך א הייב געטאן א געשטאלט. קרוע־בלוע, בארוועס און אן א היטל. אזוי האט אויסגעזען ר' נחמן אין סטאמבול

אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. פון ערגעץ ווייט האט זיך דערטראגן א ווי־דער־קול:

— ווער רעדט?

— נא, וואלף, נעם דעם אתרוג און פאר אהיים. ווארשע האט קיין אתרוג נישט אויף סוכות. לאז דיך טאקע נאך היינט ביינאכט אין וועג אריין. ס'איז א שווערע נסיעה, וואלף. און אז ס'וועט דיר אויסקומען צו טאן זאכן, וואס זעען־אויס ווי שיגעון, ווי קייקלען זיך אין אלע מיני בלאטעס, אבי דערמיט א שטופ צו טאן די וועלט אויף דער זייט פון זכות, טו עס, וואלף.

און די נסיעה איז געווען א לאנגע, א שווערע. וואלף ווארשעווער, פארשטעלט ווי א טויב־שטומער קאצאפ, האט זיך געשלעפט צופוס, האט זיך געשלעפט מיט בעלי־עגלות, האט זיך געגנבעט אויף פראכט־צוגן. ער האט „געשווארצט" די רוסישע גרענעץ, די דייטשישע גרענעץ און איז ערב סוכות אנגעקומען קיין ווארשע.

ווארשע איז געלעגן אין חורבות. פארטיעס יידן, פארטיעס פא־ליאקן האבן צוגענומען די בערג ציגל, ס'געהילץ פון די איינגעפאלענע הייזער. אויף די שטילע, טויטע גאסן — דייטשישע פאטרולן. מען האט זיי דערקענט אן די טריט, שווערע זעלנערשע טריט, וואס האבן אפגע־הילכט אויף די טראטוארן, אויף די ברוקירטע גאסן. אויף יעדער עק גאס — מודעות אין דייטש, אין פויליש. מען טאר זיך נישט קלייבן אין קיין רעדלעך, מען טאר נישט גיין אין דרייען איבערן טראטואר. זעקס אין אוונט מוזן אלע זיין אין די הייזער. ס'איז געווען דריי נאך מיטאג און מען האט זעלטן געזען א דורכגייער. און אז עס איז אימיצער ארויס פון א הויף האט ער זיך געגנבעט אדער ער איז געלאפן ווי פון א הריגה.

טיף אין די הייף האבן יידן בגנבה געשטעלט סוכות און געוויינט, וואס גאנץ ווארשע האט קיין איין אתרוג נישט.

וואס האט מען זיך געקאנט העלפן? איבער דריי וואכן האט זיך געגאסן איבער ווארשע א העליש פייער, ס'האט זיך געגאסן פעך און שוועבל, ווי איבער סדום. באמבעס האבן געהאלטן אין איין אויפרייסן. זעקס שטאקיקע מויערן זיינען איינגעפאלן ווי קארטן־שטיבלעך. אונטער די חורבות ליגן נאך מענטשן. און ארום ווארשע, פון אלע זייטן, האט

דער שונא געשטורעמט די שטאט. א חידוש בלויז, וואס ס׳זיינען נאך געבליבן איןווארשע הייזער. פון וואנען זאל זיין אן אתרוג ?

ערב סוכות ביי מנחה האבן די יידן אין די שילן, אין די בתי־מדרשים, ביי די מנינים שוין געוואוסט, אז ווארשע האט אן אתרוג. דער אתרוג האט זיך געפונען אין בראסלאווער שטיבל אויף נאוואליפיע.

דעם ערשטן טאג סוכות האבן די ווארשעווער יידן פארגעסן, אז ס׳איז סכנות נפשות ארויסצוגיין אין גאס, מען כאפט אויף ארבעט און דייטשישע פאטרולן האבן טאקע געכאפט. דאס כאפן האט אבער קיינעם נישט אפגעשראקן.

פון דער פרי אן האבן זיך געצויגן שטראמען יידן, זיך געצויגן אויף נאוואליפיע אינעם בראסלאווער שטיבל אריין. די פאטרולן האבן זיך קיין עצה נישט געקאנט טאן. ס׳איז אנגעקומען א לייטענאנט. מען האט גענומען טרייבן :

— פאנאנדערגיין זיך ! פאנאנדערגיין !

מען האט געשלאגן, ארעסטירט, געשליידערט פון די טראטוארן. קיין זאך האט נישט געהאלפן. דער המון איז געוואקסן. פון די נאלעווקעס, פון דער פראנצישקאנער, פון קראכמאלנע, פון גזשיבאוו, פון יעדער גאס און געסל זיינען יידן געקומען אויף נאוואליפיע בענטשן אתרוג.

אויף אזא שיגעון האט זיך דער לייטענאנט נישט געריכט. ס׳איז אנגעקומען דער קאמענדאנט :

— וואס איז דאס ?

— אזוי און אזוי, הער קאמענדאנט ! אזוי און אזוי.

ס׳האט גענומען א לענגערע צייט ביז מען האט דעם קאמענדאנט קלאר געמאכט, אז יידן בונטעווען זיך נישט, אז דאס גייען זיי אהער בענטשן אתרוג, אז אין גאנץ ווארשע איז דא בלויז איין אתרוג.

און אז דער דייטש האט שוין פארשטאנען, האט ער נאך אלץ גע־הויבן מיט די אויסגעבויגענע פלייצעס פונעם געפאסטן מונדיר, זיך גע־חידושט אויף די „פאנאטישע יידן״, וואס זיינען זיך מוסר נפש פאר אן „אבערגלויבן״, און די טרויעריקע אויגן זייערע פיבערן מיט פיין און פרייד.

און אַז דער המון איז אויסגעוואַקסן אויף נאַוואַליפּיע ווי אַ וואַנט, האָט זיך אויפן בראַסלאַווער שטיבל־באַלקאָן באַוויזן וואָלף וואַרשעווער, קרוע־בלוע. די צוגעשוירענע רויטע באָרד האָט געפּלאַמט, די אויגן — געלויכטן. ער האָט אַ הייב געטאָן איבערן המונס קעפּ דעם לולב מיטן אתרוג און זיך צעזונגען:

— ברוך אתה ה׳, אלהינו מלך העולם, אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת לולב!

און אַז ער האָט זיך צעוויגט מיטן לולב קיין מזרח, קיין דרום, קיין מערב, קיין צפון, אַרויף, אַראָפּ, האָט דער טויזנט־קעפּיקער עולם אויפגעציטערט און גענומען זאָגן „הלל".

# אין הייניקער וואַרשע

די פּאַרטיע יידישע אַרבעטער, וואָס די גמינע האָט אַריבערגע־שיקט אויף קאַטאָלינסקי נומער זיבן, האָט דאָרט אָפּגעאַרבעט אַ קנאַפּע וואָך. די ווענט, די סופיטן — געווייסט, די פענצטער, די דילן — גע־פּאַרבט. און אַז ס׳מעבל איז געווען צעשטעלט, די בילדער אויף די ווענט צעהאַנגען, האָט אַ געשטאַפּאָ־אַגענט גענומען לייענען פון אַ שמאָלער רשימה די נעמען פון די אַרבעטער, וואָס האָבן איינער נאָכן אַנדערן גע־ענטפערט: „יאָ, יאָ". ער האָט אָוועקגעלייגט אויף די נעמען־רשימה אַ שטעמפּל, צוגעשריבן עטלעכע ווערטער, איבערגעגעבן די רשימה דעם יידישן אויפּפּאַסער און אַ זאָג געטאָן, ווי אַ באַפעל:

— איר קאָנט גיין! אַלע קאָנט איר גיין!

די אַרבעטער, יונגעלייט אין די צוואַנציקער, האָבן אַ כאַפּ געטאָן, ווער אַ ראָק, ווער אַ שטיקל מאַנטל און צו צווייִ, צו דרייִ האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער טיר. מען איז אַראָפּ איין שטאָק, אַ צווייטן. אין קאָרי־דאָר, וואָס האָט געפירט אין גאַס אַריין, זיינען אויסגעוואַקסן יונגע געשטאַפּאָ־אַגענטן, וואָס האָבן זיך צעשטעלט צו צווייִ ביי יעדער זייט אַרויסגאַנג.

די יידישע אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז מען דאַרף גיין „סקוואַז־סטראָי". דאָס זיינען די דייטשישע שכירות פאַר די זעקס טעג שווערע אַרבעט. די יידן האָבן נישט גערעדט צווישן זיך. זיי האָבן זיך בלויז איבערגעקוקט. מען האָט געהויבן די אַקסלען, איינגעצויגן די קעפּ און זיך געטראָגן ווי דורך פלאַמען. ווי אַן אַרבעטער איז אַרויס, האָבן די אַגענטן אים מכבד געווען מיט די פויסטן אין פּנים אַריין, אין די זייטן. און אַז אַן אַגענט האָט נישט געטראָפן, האָט ער פון רציחה זיך פאַרמאָסטן מיטן

שטיוול. די געשלאָגענע האָבן נישט געשריגן. מען איז דורך דעם „סקוואָז־סטראַי", אָפּגעשאָקלט פון זיך די קלעפּ און אַוועק.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַן אומגעהאַריש געשריי. אַן אַגענטס אַ האַנט, אויסגעביילט אין אַ פויסט, איז פאַרפאָרן מיט אַזאַ אימפּעט אַן אַרבעטער אין די אויגן אריין, אַז איין אויג איז אויפן אָרט אויפגעלאָפן ווי אַ לאַמטערנע.

אויף דעם געשריי איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס פון דער דירה, דאָקטאָר קאַרל פּוסבאַך, אַ ביאַלאָג, וואָס האָט געהאָט צו זאָגן איבערן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. ער האָט געקוקט אויפן שלעגער, אויפן צע־שלאָגענעם און אַ פרעג געטאָןביים אַגענט:

— פאַרוואָס שלאָגסטו אים?

דער אַגענט האָט אָפּגעצויגן דאָס מיליטערישע רעקל און זיך אַ שטעל געטאָן אין זיין גאַנצער הייך:

— דאָס טרייבן מיר שפּאַס מיט די יודען, הער דאָקטאָר.

— דאָס צאָלט מען אונדז פאַר די זעקס טעג אַרבעט, הער דאָק־טאָר — האָט איין אַרבעטער זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיך אָנ־גערופן.

דאָקטאָר פּוסבאַך האָט אים אַ רגע באַטראַכט. אַ געוויקסיקער בחור, אַ בלאָנדער, מיט אַ פאַרריסענער נאָז. דער דאָקטאָר וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ייד. אין דייטשלאַנד באַגעגנט מען זעלטן יידן מיט אַזאַ אויסזען. דער דאָקטאָר האָט אים געפרעגט:

— ווער ביסטו?

דער בחור האָט אים אַן ווערטער איבערגעגעבן די רשימה, וואו עס איז געווען אויסגערעכנט וויפל טעג די יידן האָבן געאַרבעט, ווי זיי הייסן, וואו זיי וואוינען. דער דאָקטאָר האָט איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן געוויקסיקן בחור, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פאַרגעדענקען, און ברייט געעפנט די קאָרידאָר־טיר:

— ביטע.

און אַז די יידישע אַרבעטער זיינען אַוועק, האָט ער זיי נאָך אַלץ נאָכגעקוקט. די פיר געשטאַפּאָ־אַגענטן זיינען געשטאַנען ווי פאַר מלכות, האָבן געוואַרט אויף אַ באַפעל. דער דאָקטאָר איז זיי פאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך גענומען הייבן מיט די טרעפּן.

די אויפגעפרישטע צימערן, דאס מעבל, די בילדער אויף די ווענט, אלץ האט דעם דאקטאר אזוי אויפגעהייטערט, אז ער האט פארגעסן דעם אינצידענט מיט די יידן. ער וועט נאך היינט רעדן טעלעפאניש מיטן ווייב, וואס געפינט זיך אין האנאווער ביי אירע עלטערן. ער וועט איר זאגן, אז זעקס צימערן, שיין מעבלירט, ווארטן אויף איר. זי קאן נאך די וואך ארויספארן מיט די קינדער. דאס מעבל, די בילדער, די טעפיכער — דאס אלץ האט ער אליין אפגעקליבן פון די רעקווירירטע דירות. ער האט אפילו אפגעראטעוועט דעם „אהאסווער”, וואס איז שוין געלעגן גרייט צו פארברענען. דאס בילד פון דעם אייביקן ייד איז דעם דאקטאר שטארק געפעלן. דאס בילד הענגט אויף דער וואנט. ס'איז געמאלן פון א יידן — מאריצי גאטליב. ער האט דעם נאמען קיינמאל נישט געהאט געהערט.

דער דאקטאר האט זיך צוגעזעצט. ער האט זיך געכאפט, אז ער האלט נאך אלץ אין דער האנט די רשימה פון די יידן, וואס האבן ביי אים געארבעט. ער האט געעפנט די רשימה, געלייענט די נעמען.

צווישן די נעמען איז געווען מענדל גראבארד. דער דאקטאר האט עטלעכע מאל איבערגעלייענט דעם נאמען, ער האט געהאט א קאלעגע אין ניו־יארק מיטן נאמען גראבארד. זיי האבן צוזאמען געארבעט אין קאלאמביע אוניווערסיטעט, געארבעט אויף קראליקעס, אויף מייז, אויף פליגן, געזוכט ארויסצוברענגען א נייע ראסע פליג. ווען איז דאס געווען? אין ניינצן הונדערט איין און דרייסיק, צוויי און דרייסיק, דריי און דרייסיק. דאקטאר פוסבאך האט געהאט א „בעקא” אויף דריי יאר. נאך די דריי יאר האט ער נישט געוואלט צוריקפארן, אוי, האט ער נישט גע־וואלט. און זיין יונג ווייב האט זיך אויסגעוויינט די אויגן.ביידע זיינען געווען סאציאליסטן. און דא האט היטלער איבערגענומען די מאכט. די פוסבאכס, שפארזאמע דייטשן, האבן פאר דריי יאר געהאט אוועקגעלייגט דריי טויזנט דאלער. צוויי טויזנט האבן זיי איבערגעלאזט ביים חבר, ביים דר. גראבארד, עס זאל זיין אויף וואס צוריקצוקומען. און מיט טויזנט דאלער איז דאס פארפאלק אהיים געפארן.

די ערשטע צייט איז דאס לעבן אין האנאווער געווען א גיהנום. עס איז געשטאנען אויסצוקלייבן — אדער קאנצענטראציע־לאגער אדער די נאצי־פארטיי. ער מיט טאמאסן, צוויי חברים סאציאליסטן, זיינען אריין אין דער נאצי־פארטיי, האבן אפגעמאכט צו גראבן פון אינעווייניק.

ביידע זיינען געווארן לייטענאנטן. אנשטאט צו ארבעטן אין דער לאבא־ראטאריע, האט מען זיך געפוצט אין די מונדירן, אין די שווערדלעך, אין די רעוואלווערן, געהאלטן אין איין מארשירן און פאראדירן. נאך יעדן פאראד זיינען די צוויי חברים זיך צונויפגעקומען. מען איז געזעסן גאנצע אויפדערנאכטן, געזעסן אין דער פינצטער און געשוויגן. פון מאל צו מאל האט זיך דא ביי איינעם, דא ביים צווייטן חבר ארויסגעריסן:

— אבער ס'איז דאך א ליגן!

די אויסגעשרייען האבן געגעבן כוח ווייטער צו שוויגן, ווייטער צו מארשירן און פאראדירן. אזוי א יאר, אזוי צוויי, דריי. טאמאסן האט מען איבערגעפירט קיין ווין, קארלען — קיין בערלין. ביידע האבן גע־שטיגן. פוסבאכס פארן קיין אמעריקע איז געווארן אלץ שוואכער. די בריוו צו דאקטאר גראבארד — אלץ זעלטענער. די לעצטע צוויי יאר האט ער צו גראבארדן אינגאנצן נישט געשריבן, געוואלט פארגעסן, אז ער האט ביי אים צוויי טויזנט דאלער. און מיט אמאל — פוילן. פראפע־סאר קארל פוסבאך האט צו זאגן איבערן ווארשעווער אוניווערסיטעט. די מערדערייען קעגן יידן, קעגן פאליאקן — דער פראפעסאר וויל וועגן דעם נישט טראכטן. ער איז קעגן די מערדערייען, ער מוז אבער שווייגן. און דאקטאר גראבארד האט אים געזאגט, אז ער שטאמט פון פוילן. מעגלעך, אז דער מענדל גראבארד, וואס האט געשמירט ביי אים די דילן, די ווענט, איז יענעמס א ברודער, צי א שוועסטער־קינד. וואו וואוינט דער מענדל גראבארד? אויף דזשיקע?

אין אוונט איז פוסבאך פארפארן מיט אן אויטאמאביל אויף דזשי־קע גאס. דער סטרוזש האט אים ארויפגעפירט צו מענדל גראבארד. ער האט אנגעקלונגען. דער געוויקסיקער יונגערמאן מיט דער פאררויסענער נאז איז אים אנטקעגן געקומען. דער יונגערמאן, א צעשראקענער, האט ברייט געעפנט די טיר, געקוקט אויפן דאקטאר, אויפן פאק, וואס ער האט געהאלטן אין האנט. דערנאך האט ער א זאג געטאן:

— ביטע, הער דאקטאר.

פוסבאכן האט באנג געטאן צו וואס ער איז געקומען. ער האט זיך אנטשולדיקט, אז ער האט נישט קיין צייט און אזוי שטייענדיק זיך געפרעגט ביים יונגנמאן:

— איז דא אין אייער משפחה א דאקטאר גראבארד?

## װען פּױלן איז געפֿאַלן

— דאַכט זיך, אַז נישט — האָט דער יונגערמאַן געהאַט אַ מינע, װי ער װאָלט זיך געשװאָבט װאָס צו ענטפֿערן.

— האָט איר קרובים אין אַמעריקע ?

— דאַכט זיך, אַז נישט.

ביידע האָבן זיך אַ װײַלע אָנגעקוקט. פּוסבאַך האָט גענומען דערציילן װעגן אַ חבר זײַנעם, אַ ביאָלאָג גראַבאַרד, װאָס װױנט אין ניו־יאָרק. אין מיטן דערציילן האָט ער װי חרטה געהאַט, אַרײַנגעשטעקט דעם יונגנמאַן דאָס פּעקל און זיך גענומען זעגענען.

אַז דאָקטאָר פּוסבאַך איז אַרױס, האָט מענדל גראַבאַרד געעפֿנט דאָס פּעקל. ער האָט אַרױסגענומען צװײ ברױטן, אַרױסגענומען קעסט־לעך קאָנסערװן און דאָס יונגע פּנים האָט אױפֿגעלױכטן. די ליפּן האָבן געפּרעפּלט :

— נישט אַלע דײַטשן זײַנען מערדער, נישט אַלע !

# צווישן חורבות

דאָס שטיק גענשע גאַס, וואָס אַנטקעגן דעם בית־עולם, איז געלעגן אין חורבות פון נאָך דער מלחמה אָן. פריער זיינען דאָרט געשטאַנען צוויי פיר־שטאָקיקע מויערן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איין געוועלבטן הויף אין צווייטן אריין. פון די מויערן זיינען געבליבן — דאָ אַ שטיק וואַנט, דאָרט אַ שטיק וואַנט ,דאָ אַ קעלער, דאָרט אַ קעלער.

דעם ערשטן ווינטער נאָך דער מלחמה האָבן די חורבות געפּוס־טעוועט. דערנאָך האָבן אַנגעפּאַרענע יידן פון דער פּראָווינץ פאַרכאַפּט דעם קעלער מיט די אייזערנע שטאַכעטן־פענצטערלעך צו דער גאַס אַרויס. דאָרט האָבן זיי זיך באַזעצט. פונעם קעלער איז געוואָרן אַ קעלער־שטוב. אינעם צווייטן קעלער אָן פענצטער, נאָר מיט קיילעכדיקע לעכער צום בית־עולם אַרויס, וואו ס׳האָבן זיך געקליבן פאַרוואָרלאָזטע קעץ — דאָרט האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ חברה גאַסן־יינגלעך. דער קעלער איז געוואָרן פאַר זיי אַן אַפּלאַג. דאָרט האָט מען זיך געטיילט מיט אַ גנבה, דאָרט האָט מען געשפּילט אין קאָרטן, דאָרט זיינען שטענדיק אַנגעגאַנגען גע־שלעגן. די בעלי־בתים פון קעלער האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָ האָבן די גאַסן־יינגלעך פון קראָכמאַלנע געהאַט די אויבערהאַנט, דאָ — די גאַסן־יינגלעך פון סמאַטשע. אַזוי האָט אַנגעהאַלטן אַ גאַנצן זומער. די איינוואוינער פון דער קעלער־שטוב זיינען אויסגעשטאַנען פון די חברה־לייט געבערענטע צרות.

נאָך די ימים־טובים, ווען ס׳האָבן זיך אָוועקגעשטעלט קאַלטע נעכט און פרעסטלדיקע פרימאָרגנס, האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן אויף דעם גענשער בית־עולם אַ חברה פון דער פּראָווינץ — פּערצן־פופצן־יאָ־ריקע יינגלעך, אָן טאַטע־מאַמע, אָן קרובים, אפילו אָן נעמען. די יינגלעך

זיינען געקומען פון גאנץ קרויז־פוילן. טייל האבן זיך געשלעפט קיין ווארשע חדשים, אנדערע — א גאנץ יאר. מען האט זיך אפגעוואלגערט אין שטעטלעך, אין דערפער, אין וועלדער. אנדערע האבן נישט בלויז די נעמען אנגעווארן, נאר אויך ס׳לשון. און אז מען האט זיך גערופן, איז לויט די שטעט — דער לובלינער, דער בענדינער, דער מלאווער, דער שרענסקער, דער קאצקער, דער וולאצלאווקער, דער טשעכאנאווער.

צענדליקער פון די היימלאזע יינגלעך זיינען אומגעקומען אויף די וועגן, אומגעקומען פון הונגער, פון דריגנעניש, פון בויך־טיפוס. די זיבן, וואס זיינען בייגעקומען הונגער, טיפוס, בייגעקומען דעם טויט, זיי האבן אין א רעגנדיקן חשון־פארטאג פארנומען דעם קעלער. און אז די קעלער באלעבאטים, די סמאטשער גאסן־יינגלעך, האבן זיך דערנענטערט צו זייער אפלאג, האט א ביינערדיקער יונג פון א יאר פופצן זיי פארשטעלט דעם אריינגאנג. דאס איז געווען דער קאצקער, דער אנפירער פון די נייע באלעבאטים. אויפן קוק האט ער אויסגעזען א סך עלטער. ס׳איינגעפאלענע פנים — לענגלעך, מיט שארפע באקנביינער. אויגן — פארכמורעטע, טרויעריקע. און איבער די אויגן — רויטלעכע ברעמען, רויטלעכע האר. הענט און פיס — לאנגע, באוועגלעכע — זיינען נישט איינגעשטאנען, האבן אנגעפילט דעם אריינגאנג מיט גבורה. דער קאצקער האט א קוק געטאן אויף די ווארשעווער וואוילע יונגען און א זאג געטאן מיט גוטן:

— אונדז ווילן מיר זיין חבר.

— דאס וואס עך פראווענצער, ווילט, איז נאך נישט גענוג.

— איז וואס ווילט עך? — האט דער קאצקער זיך א שטעל גע־טאן מיט די פלייצעס לעבן שטיקל וואנט.

— מיר ווילן עך זאלט נעמען אייערע טרייפענע פיס אונטער די אורעמס און זינגען „לפיכך״ פון דאנען, אז נישט וועט מען ענק איינס באאיינס ארויסנעמען פון קעלער אין פלאכטעס.

— דאס וועלן מיר נאך זען.

ווי דער קאצקער האט דאס געזאגט, האבן זיך גענומען ארויסרוקן פריער דער לובלינער, דער שרענסקער, דער וולאצלאווקער, דערנאך — דער מלאווער, דער בענדינער, דער טשעכאנאווער, פנימער — פארכמא־רעטע, אומהיימלעכע. אין די אויגן — ווינטן און זאווערוכעס.

די וואַרשעווער „וואוילע יונגען", וואָס זיינען נישט געווען צוגע־גרייט צו אַזאַ געשלעג, האָבן זיך אַ רוק געטאָן אויף קריק. מען האָט זיך איבערגעוואונקען מיטן אַנפירער. און אַז ס'איז געוואָרן אַ ווייל שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס פּייקלען פונעם דראַבנעם רעגן, דאָס קלאַפּן פון די טראָפּנס אין די גריבלעך וואַסער, האָט דער שרענס־קער, אַ פּערצך־יאַריקער חברה־מאַן, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט אַ וואַרשעווער חברה־מאַן איבערן פּנים פון אונטן אַרויף און געפרעגט:

— ברויט צי טויט?

דאָס איז געגנוג געווען.

די פּראָווינצער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די וואַרשעווער, זיי פאַרטריבן צו דער קעלער־שטוב מיט די אייזערנע שטאַכעטן־פּענצטער־לעך. פון דער קעלער־שטוב האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פריער קינדער, דער־נאָך — פאַרחושכטע ווייבער.

די פאַרחושכטע יידענעס, אויך פּראָווינצער, האָבן אין דעם אויס־זען, אין דעם הילוך נישט אַזוי דערקענט, ווי דערשמעקט דאָס זייעריקע. אין דעם דערשמעקן איז געווען עפּעס חיהשעס. מיט נאַסע בעזימער, מיט שאַרפע דראַפּעקעס האָבן זיי זיך אַ יאָג געטאָן נאָך די וואַרשעווער:

— אַזוינע, נישט אויפגעוואַקסענע, באַנדיטן! אַזוינע נבוזראדנס! זיי מיינען טאַקע אַז ס'איז זייער וואַרשע! אַז וואַרשע איז אויף זייער באַרג־מיסט געוואַקסן! אַ בלינדע מכה אין זייערע געשמדטע העלדזער אַריין!

די חברה־לייט פוןביידע צדדים האָבן געכאַפּט, וואָס ס'איז זיי געקומען אונטער די הענט. מען האָט זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן. הענט, פיס האָבן זיך פאַרוויקלט, האָבן זיך אויפגעוויקלט. ס'איז אויס־געוואַקסן אַ קאַלטן. דער קאַלטן האָט זיך געקנוילט אינעם רעגן, געברומט מיט פאַרשטיקטע קולות:

— טויט! טויט!

אין דעם געשלעג האָט אַ מעוברתדיקע יידענע זיך פאַרטשעפּעט אַ פוס און איז טעמפּ, ווי אַ זאַק מעל, אַ פאַל געטאָן אין רעגן אַריין. די ווייבער האָבן פאַרגעסן אַן געשלעג. זיי האָבן זיך אַ בייג געטאָן אי־

בער דער טראַגנדיקער יידענע און אינאייגעם האָבן זיי זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות:

— זי מפּילט!

— זי גייט דאָך אָפּ אין בלוט!

— זי דאַרף רחמים!

ס׳איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל, אומהיימלעך שטיל. ס׳האָט זיך געהערט ווי ס׳רעגנט, ווי דער רעגן סוויסטשעט אין צעריסענע, צעפּאָ־רענע שיך.

די ווייבער האָבן אומגעלומפּערט אַ הייב געטאָן די מעוברתדיקע יידענע און זיינען מיט איר אַריין אין קעלער־שטוב.

אַ שעה שפּעטער, ווען די פּראָווינצער חברה־לייט זיינען שוין גע־ווען די בעלי־בתים פונעם קעלער, האָבן זיי זיך שולדיקע געדרייט אַרום דער קעלער־שטוב. די זיבן יונגען האָבן זיך די אויגן אויסגעקוקט, געוואַרט מען זאָל זיי שיקן אַ שליחות, געוואַרט מען זאָל הייסן ברענגען נישט בלויז קיין הייבאַם, נישט בלויז קיין דאָקטאָר... זיי זיינען געווען גרייט צו ברענגען ס׳טעלערל פונעם הימל.

די יונגען האָבן צעלייגט אַ פייער, האָבן צוגעשטעלט אייזערנע טעפּ וואַסער. זיי האָבן זיך געחידושט פאַרוואָס מען שיקט זיי נישט נאָך חדר־ייגגלעך זיי זאָלן זאָגן תהילים?

וואָס שווייגט מען?

וואָס שווייגט מען?

זיי האָבן דאָס אַלץ איבער די ליפּן נישט געבראַכט. ביי יעדן אָבער האָט זיך דאָס אַלץ געקנוידערט אויף זיין שטייגער, ווי נישט קיין פרעמדע יידענע וואָלט געגאַנגען צו קינד, נאָר אַ לייבלעכע מאַמע. דאָס שטומע שווייגן, די טעפּ הייסע וואַסער, דער אומבאַהאָלפענער טאַטע — אַלץ איז געבליבן אַזוי פריש אין זכרון.

און מיט אַמאָל האָט זיך אַ טיר אויפגעפּראַלט. אַ יידענע האָט זיך באַוויזן. איר חושכדיק פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— מזל-טוב!

— וואָס, אַ יינגל?

— אַ יינגל, אַ יינגל.

די יונגען האָבן אָפּגעאָטעמט, געזוכט מיט די אויגן:

— וואו איז דער קאַצקער?

— טאַקע, וואו איז דער קאַצקער?

דער אָנפירער, דער קאַצקער, איז אָנגעקומען פון בית־עולם מיט אַ לעבעדיק הינדל.

— ס'וועט זיין אַ פריש שטיקל עוף פאַר דער קימפּעטאָרין.

די יונגען האָבן אָוועקגעטענצלט איבערן הויף מיטן מזל־טוב. אויס רעגן, אויס חורבות, אויס הונגער. די היטלעך — „נאָ באַקער", די הענט געהויבן ווי צום טאַנץ.

# אויף סמאַטשע גאַס

אין קעלער־שטוב, אויף סמאַטשע גאַס, האָט זיך דער פאַרנאַכט אַנגעהויבן מיט אַ פּאָר שעה פריער. דער פירעקיקער הויף מיט די אָפּגעשיילטע, חושכדיקע ווענט, האָבן אַ פּעליק יאָר נישט דורכגעלאָזט אין קעלער־שטוב אַריין קיין קריש זון. ווינטער איז דער אָוונט דאָ צוגעפאַלן אַרום איינס נאָכמיטאָג.

פאַר דער וועלט־מלחמה האָבן טרעגער און גאַסנהענדלער באַוואוינט דעם קעלער. היינט איז דאָרט אַ דור־הפלגה — אַן אַנלויף פון גאַנץ פּוילן. דערצו פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס דער טאָג הייבט זיך ערשט ביי זיי אָן מיט דער נאַכט.

פון די אַמאָליקע איינוואוינער איז דאָ פאַרבליבן איין הערשל שוסטער, וואָס האָט שוין איבער צוויי יאָר נישט געמאַכט קיין גאַנץ שטיקל אַרבעט. פון אַ שוסטער איז ער געוואָרן אַ לאָטוטניק. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן מיט זיין פּערצן־יאָריקן בכור, מיט פישלען, און געלאָטעוועט צעפּאַרענע שטיוול, צעפּאַרענע שיך. פון דער שווערער האָרעוואַניע איז קוים געווען אַ קאַרטאָפל און אַ שטיקל גריזן־ברויט צו דער זעט.

און אַז דער ווינטער האָט זיך אָוועקגעשטעלט, אַ שווערער ווינטער, האָט ס׳קליינוואַרג גענומען קרענקען. פריער קאַקלעש־הוסט, דערנאָך טיפוס. פאַר טיפוס האָבן יידן זיך געשראָקן. האָט מען צוגענומען אַ טיפוס־קראַנקן אין שפּיטאָל אַריין, איז ער מער נישט קריק־געקומען. די דייטשן האָבן שוין אַכטונג געטאָן ער זאָל נישט קריק־קומען.

הערשל שוסטער האָט מיט אַ סטעליע פון ברעטער צעטיילט זיין קעלער־שטוב אין צווייען. אונטן — דער שוסטער־וואַרשטאַט, די קיך,

ס׳עס־צימער, ס׳שלאפצימער, וואו די קינדער, וואס האבן געקרענקט אויף קאקליש־הוסט, האבן זיך געוואלגערט אין די בעטן. אויבן, אינעם „שפי־טאל", האט מען אויפגעהאלטן דעם טיפוס־קראנקען. פון שרעק, מען זאל זיך נישט דערוויסן, האט מען אפילו קיין דאקטאר נישט גערופן. מען האט דעם חולה, א צען־יאריק מיידל, געהיילט מיט באבסקע־רפואות.

די שויבן פון די פענצטער, וואס האבן א גאנצן זומער געציטערטביים קלענסטן טראט איבערן דיל, ווייל דער קיט איז געווען אויסגע־קרישלט, די שויבן זיינען איצט, ווינטער, געווען פארקאוועט מיט אייז. און ס׳איז נישט געווען וואס צו חידושן זיך. קיין עמער שטיינקוילן, קיין זעקל טארף, קיין שטיקל האלץ — ס׳איז קיין זאך נישט געווען מיט וואס איינצוהייצן. אין דער פרי איז אפילו ס׳וואסער אין די רערן געווען גע־פרוירן. און דא ליגט די צען־יאריקע שרהטשע אין היץ. זי פיבערט און ס׳מויל פארמאכט זיך ביי איר נישט:

— מאמעשי, א פריש פלעצל.

— מאמעשי, א שטיקל שמאלץ־הערינג.

— מאמעשי, א לעבערל.

און די מוטער, געבויגן און צעקנייטשט, כאטש זי איז אינגאנצן אלט געווען פינף־און־דרייסיק יאר, האט פון זיך לעבעדיקערהייט פאסן געשניטן, וואס זי האט שוין איר קינד חדשים לאנג קיין פלעצל נישט געקויפט, קיין קריש הערינג נישט געגעבן. פון א לעבערל — איז דאך אפגערעדט. און שרהטשע רעדט דאך גארנישט פון היץ, מישט נישט, דערציילט די ביטערע „ווארעט".

און אז די קרירה איז ביינאכט צוגעפאלן, דאס ווייסע געפריר איז געלעגן אויף די ווענט, האט די מוטער זיך א ריס געטאן פונעם דיל, וואו זי איז געשלאפן, זיך צוגעלייגט צו שרהטשען, געווארעמט די קראנקע מיט איר אייגן לייב, זי געווארעמט מיט הייסע טרערן.

און די מאמע האט שרהטשען אויסגעווײנט ביי גאט.

אויף דער פערטער וואך האט שרהטשע זיך גענומען בעסערן. פו־נעם מיידעלע איז נאך דער קערנק גארנישט געבליבן. הענט און פיס — שפענדלעך. ס׳פנים — נאז און אויגן, א דין, לענגלעך נעזל און פיבער־דיקע אויגן.

די מוטער האָט ווידער פון זיך געריסן לעבעדיקע פּאַסן. נאָך אַזאַ שווערער קרענק דאַרף אַ קינד האָבן גרויסע „פּלעיגע" — אַ פרישׂ איי, אַ פרישׂ גלאָז מילך, אַ קריש הינדל.

און דאָ ?

זי איז אַראָפּ צום מאַן, וואָס איז געזעסן ביים וואַרשטאַט אַן איינגעסמאַליעטער. ער האָט געהאַלטן אויף די קני אַן אויסגעגעסן ברעט און האָט מיטן שוסטער־מעסער צוגעשניטן פון אַן אַלטער כאַליעווע אַן אונטערגעניי.

— הערשל, — האָט ס׳ווייב זיך געקלאָגט, — ס׳קינד גייט מיר איין.

הערשל האָט אויף איר אָנגעשטעלט אַ פּאָר שולדיקע אויגן און אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן געהאַט צו זאָגן:

— וואָס הייבט מען טאָקע אָן צו טאָן ?

— זי דאַרף בייטיק יעדן טאָג כאָטש אַן איי...

— און קיין שטיקל עוף דאַרף זי נישט ?

— אוי, דאַרף זי ! נאָך אַזאַ קרענק דאַרף מען אַ קינד דערהאַלטן ביי די „קריפּטן".

— וואו נעמט מען היינטיקע צייטן אַ שטיקל עוף ? — האָט הערשל געלאָזט ליגן ס׳ברעט אויף די קני און מיט פינף צונויפגעלייגטע פינגער זיך אַ נעם געטאָן פאַרן סמאַלע־בערדל. — כ׳רייד שוין נישט, אַז ס׳איז איבער אונדזערע כוחות, נאָר וואו קריגט מען עס ?

דער פּערצניאַריקער פישל, וואָס האָט געקלאַפּט שטיפטן אין אַ צעפאַרענעם אָפּצאַס, איז געזעסן אויפן פלאַטשיקן, דרייפוסיקן שוסטער־בענקל און אַזוי גאַנצע טעג איינגעטענהט מיטן בעקער, מיטן קצב, מיטן קוילן־הענדלער. ער האָט זיי דערציילט, אַז אַ הויזגעזינד פון זעקס מיי־לער עסן שוין חדשים נישט צו דער זעט. דער פראָסט ליגט נישט בלויז אויף די צוויי פענצטער, נאָר אויף די ווענט. און אין די בעטן — קראַנקע קינדער, הונגעריקע קינדער. ער קלאַפּט שטיפטן אין זוילן, אין אָפּצאַסן, און צווישן די קלעפּ קייקלען זיך זיינע טענות. קיינער הערט זיך צו אים אָבער נישט איין.

אַנומלטן האָט ער אָפּגעטראָגן דעם אַלטן שמחה גרעבער, וואָס אויפן גענשער בית־עולם. אַ פּאָר פאַרריכטע שטיוול. ביים גרעבער האָט

זיך געהייצט דער אויוון, געקנאַקט פון היץ. פישל האָט אים געפרעגט:

— ר׳ שמחה, וואו נעמט איר האָלץ?

— קנאָפּ ביימער וואַקסן אויפן גוטן־אָרט.

— און דער דייטש?

ווען דער גרעבער האָט זיך אָנגעטאָן די שטיוול, האָט זיך פישל אַרומגעקוקט. לעבן אויוון האָט זיך אַרומגעדרייט אַ הון מיט אַ צוגעשוי־רענעם עק. די הון האָט געקוואָקעט.

— וואָס קוואָקעט זי, ר׳ שמחה?

— דאָס קלייבט זי זיך לייגן אַן איי.

פישל האָט באַקומען לשון. ער האָט דערציילט דעם גרעבער, אַז שרהטשע איז נאָר וואָס נאָך אַ טיפוס. זי איז שוואַך, זי דאַרף אַ לאַ־בונג, זי דאַרף אַ פריש געלייגט איי, אַ יונג שטיקל עוף. דער גרעבער הערט נישט. די היץ פונעם אָפענעם אויוון שפּאַרט אַזוי, אַז דער גרעבער מוז עפענען אַ שטיקל טיר. פישל וויל אים אַ כאַפּ טאָן פאַר דער געפליגל־טער באָרד, פאַרן גערדיק:

— אַלטער תרח, מיין צען־יאָריק שוועסטערל איז נאָך אַ קרענק. זי דאַרף נייטיק אַן איי, זי דאַרף נייטיק אַ שטיקל עוף.

דער גרעבער הערט זיך אַ ווייל איין ווי דער פראָסט פייפט צווישן די קברים און פאַרמאַכט קריק די טיר.

און דאָ?

דאָ שטייט די מאַמע, טענהט איין אין טאָטן, חזרט איבער פישלס ווערטער:

— הערסט, הערשל, ס׳קינד גייט מיר אין גאַנצן איין.

פישל, וואָס איז בטבע געווען אַ שווייגער, האָט זיך אַ פרעג גע־טאָן ביי דער מוטער:

— מאַמע, און אַז כ׳וועל פאַר שרהטשען קריגן אַ שטיקל הון?

— וואָס הייסט קריגן? — איז די מוטער אַריין פישלען אין די רייד און געקוקט אויף אים מיט חידוש — וואו קריגט מען דאָס הון?

— טאַקע, פישל, — האָט דער פאָטער אַ צענעם געטאָן די הענט.

— וואו קריגט מען דאָס היינטיקע צייטן אַ שטיקל עוף?

פישל האָט גענומען דעם שטיוול פאַרן אָפּצאָס און אים אַ שיק געטאָן אונטערן וואַרשטאַט. אַן אויפגעהייטערטער האָט ער זיך אַ שטעל

געטאָן. ער האָט נישט געהערט וואָס טאַטע־מאַמע ריידן צו אים, וואָס זיי שרייען אים נאָך, ווען ער איז אַרויס פון שטוב. ער האָט געשפּריצט מיט סמאָטשע גאַס און געקנעפּלט אויף זיך דאָס האַלבע פּעלצל, וואו די שמוישן זיינען שוין לאַנג געווען אויסגעקראַכן. פון סמאָטשע גאַס האָט ער זיך אַריינגעדרייט אין דער גענשע. ער האָט געשניטן צום בית־עולם.

דער פאַרנאַכט האָט גענומען צופאַלן. פוןביידע זייטן טראָטואַר זיינען געלעגן קופּעס שניי, ווי איינגעפאַלענע ווענט. אינעם פאַרנאַכט איז דער שניי פון ווייס געוואָרן פיאַלעט, דער הימל — אָפּגעשאַבענע שטיקער אייז, און דער פּראָסטיקער אָרום האָט געסקריפּעט.

פונעם שנעלן שפּאַנען האָט פישל געדעכעט. פונעם אָפענעם מויל האָט זיך געוויקלט אַ ווייסע פּאַרע — אַ קנופּ און אַ שלייף — אַריינגע־קריצט אין דער פּראָסטיקער לופט פישלס טענות:

„...ר׳ שמחה... מיין שוועסטערל איז נאָך אַ טיפוס. זי נייטיקט זיך אין אַ שטיקל עוף... אין פרייז, ר׳ שמחה איז קיין מניעה נישט. אויף מיין וואָרט, ר׳ שמחה, כ׳וועל אייך אָפּצאָלן, בתשואות־חן אָפּצאָלן... צי מיט אַרבעט, צי מזומן, ווי איר וועט אַליין פאַרלאַנגען...“

וואָס נענטער צום בית־עלמין זיינען די בערג שניי געוואָרן גרע־סער און טיפער. פישל איז שוין געשטאַנען ביים געמויערטן טויער. די אייזערנע טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן. מען האָט געדאַרפט אָנקלינגען. זיין אויפגעהויבענע האַנט מיטן אויסגעשטרעקטן פינגער איז געבליבן הענגען אין דער לופטן:

— וואָס וועט ער זאָגן דעם גרעבער?

— טאַקע וואָס וועט ער זאָגן?

דאָס היטל, וואָס איז געזעסן איבער די אויערן, ס׳פאַרקנעפּלטע פּעלצל — אַלץ האָט אים איצט געשטערט. ער האָט אַ שאַר געטאָן ס׳היטל איבערן שטערן, צעקנעפּלט ס׳פּעלצל און זיך געלאָזט מיטן פאַר־שנייטן וועגל, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דעם בית־עלמין מויער. צווישן דעם סקריפּ פון די אייגענע טריט און דעם געפּידל פון דעם איינגעפרוי־רענעם שניי האָבן זיך געוויקלט פישלס טענות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין איינחזרן:

„..ר׳ שמחה... מיין צען־יאָריק שוועסטערל איז נאָך אַ טיפוס... זי איז שוואַך... זי דאַרף אַ פרישׁ שטיקל עוף...“

# לייטענאַנט פריץ עקערמאַן

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג, ווען אינזשעניר קראַנשטאַט איז אַריין אין אַ דראָזשקע און איז קריקגעפאָרן אין דער גמינע, פון אינדערפרי אָן האָט ער זיך געטראָגן איבער די וואַרשעווער יידישע קוואַרטאַלן. קראַנשטאַט האָט נאָכגעקאָנטראָלירט די פּאַרטיעס יידן, וואָס די גמינע האָט יעדן פרימאָרגן אַרויסגעשיקט אויף אַרבעט.

אַנשטאָט די דייטשן זאָלן כאַפּן סתם יידן פון דער גאַס — אַלטע, שוואַכע, קראַנקע — כאַפּן ווער ס׳קומט אונטער דער האַנט און אים שטעלן אַרבעטן, האָט די גמינע געשטעלט אַ תנאי מען זאָל איר אַליין דערלויבן צוצושטעלן יידישע אַרבעטער. שכירות, עסן, — דאָס אַלץ וועט באַזאָרגן די גמינע. די דייטשן זיינען דערויף איינגעגאַנגען. די ספּעציעלע געשטאַפּאָ, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער די וואַרשעווער יידן, האָט געעפנט איר ביוראָ אין דער גמינע. איין טיר האָט געפירט צום דאָזאַר קראַנשטאַט, די צווייטע, די שכנישע — צום לייטענאַנט פריץ עקערמאַן. קראַנשטאַט האָט גענומען פונעם לייטענאַנט באַפעלן און זיי דורכגעפירט.

יעדן פרימאָרגן האָט מען זיך אָפיציעל באַגריסט. עקערמאַן, אַ געוויקסיקער דייטש אין ברילן, האָט דערלאַנגט קראַנשטאַטן אַ צעטל, וואו ס׳איז געווען אויסגערעכנט דער טאָג אַרבעט. אויף נאַלעווקעס שיקן אַזויפיל אַרבעטער. אויף קראָכמאַלנע, אויף לעשנע, אויפן אייזערנעם טויער — אַזוי און אַזויפיל. קראַנשטאַט האָט זיך באַמיט די באַפעלן זאָלן פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן. יעדן נאָכמיטאָג האָט ער אָפּגעגעבן דעם דייטש אַ גענויען באַריכט פון דער אָפּגעטאָענער אַרבעט. אין די נאָכמיטאָגן איז דער לייטענאַנט געווען צוגעלאָזענער. און אַז ער האָט ביי קראַנשטאַטן

אויפן שרייב־טיש דערזען אַ בוך: „געשפּרעכע געטע מיט עקערמאַנען״, האָט ער זיך עטוואָס פאַרלוירן, די שטייפקייט פון פּנים איז פאַרשוואונדן און ער האָט איינגערוימט קראַנשטאַטן, אַז דער שרייבער עקערמאַן איז זיינס, דעם לייטענאַנטס, אַן עלטער־עלטער זיידע. דאָס האָט געדויערט אַ קליינע ווייל. דער לייטענאַנט האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט אונטערגעהערט זייער געשפּרעך, און די שטענדיקע שטייפקייט האָט זיך ווי אַ מאַסקע ווידער פאַרצויגן איבער זיין פּנים.

אַזוי האָט אינזשעניר קראַנשטאַט געאַרבעט מיטן לייטענאַנט עקערמאַן איבער צוויי וואָכן.

די דראָזשקע מיטן אויפגעשטעלטן דאַך, מען זאָל קראַנשטאַטן נישט אַרויסזען, איז דורכגעפאָרן דעם לייזיקן פּשעיאַזד און ווען זי האָט זיך גענומען אַריינדרייען אויף לעשנע האָט זיך געהערט פון ביידע זייטן דראָזשקע אַ רוף, ווי אַ באַפעל:

— אַרבעט! אַרבעט!

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון ביידע זייטן דראָזשקע האָבן זיך אַ ציי געטאָן צו קראַנשטאַטן צוויי הענט. די הענט, ווי קלעשטשעס, האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר ביידע לאַצן פונעם ראָק און אים גענומען שלעפּן פון דער דראָזשקע מיט קולות:

— אַר—בייט אַר—בייט!

ס׳גאַנצע בלוט האָט קראַנשטאַטן אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, אין די שלייפן, אין מוח. באַלד איז ס׳בלוט קריק אָפּגעלאָפן און ער איז געבליבן זיצן אָן מראה, אָן לשון. איבער אים צוויי דייטשן מיט רציחה אין די אויגן, אין די וואָנסן, אין די מויל־ווינקלען.

קראַנשטאַט האָט זיי דערלאַנגט זיינע פּאַפּירן. ביידע פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים אין זייער גאַנצער הייך. די רציחה אויף די פּנימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הינטישער הכנעה:

— פערצייען זי מאַל.

די דראָזשקע איז ווייטער געפאָרן. דאָס האַרץ ביי קראַנשטאַטן, וואָס האָט פון שרעק און באַליידיקונג זיך אַ הייב געטאָן פון פלאַץ, האָט נישט געקאָנט קריק זיך איינפּאַסן, נישט געקאָנט געפינען ס׳אָרט. ס׳האַרץ האָט געפלאַטערט.

דער דראזשקארזש האט א דריי געטאן דעם קאפ, ווי ער וואלט זיך אן עפעס דערמאנט, און זיך צעשאלטן:

— אז די ערשטע כאלערא זאל זיי נעמען!

ער האט א הייב געטאן די בייטש און ס'פערד האט זיך ארייגגע־דרייט אויפן גזשיבאוו.

קראנשטאט האט פארקוועטשט די פויסטן, פארקוועטשט די אויגן. ער האט זיך געוואלט עפעס קלאר מאכן. ס'איז אים געגאנגען אין לעבן צו באווייזן פאר זיך אליין, אז נישט אלע דייטשן זיינען רוצחים. אפילו דער לייטענאנט פריץ עקערמאן, איז אן אנדערער. ווי ער האט זיך איי־בערגענומען מיטן עלטער־זיידע, וואס האט זיך געחברט מיט געטען. אויפן פנים האט זיך צעשפרייט א קינדישע צופרידנקייט. ס'האט טאקע לאנג נישט אנגעהאלטן. א רגע, צוויי. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט קראנשטאט פארפירן מיטן לייטענאנט א שמועס וועגן זיין עלטער־זיידע, וועגן געטען, וועגן יידן.

די דראזשקע האט זיך אפגעשטעלט. קראנשטאט איז אריין אין דער גמינע, וואס איז געווען איבערגעפאקט מיט הונגעריקע יידן, מיט קראנקע יידן, מיט צעשלאגענע יידן. ער איז אריין צו זיך אין קאבינעט און האט גלייך גענומען דיקטירן דעם מיידל, וואס איז געזעסן ביי דער שרייב־מאשינקע, א באריכט פאר עקערמאנען. מיטן באריכט אין דער האנט האט ער אנגעקלאפט אין לייטענאנטס טיר:

— אריין!

פריץ עקערמאן האט אויסגעהערט דעם באריכט און זיך צערעדט וועגן דעם מארגנדיקן טאג ארבעט. אין דעם שמועס האט זיך נישט גע־פילט קיין באפעל. פארקערט, עקערמאן האט זיך שואל עצה געווען מיט קראנשטאטן און זיך צוגעהערט וואס דער ייד זאגט אים. ס'האט גע־רעדט א גלייכער מיט א גלייכן. און אז דער דייטש האט אפגערעדט, האט ער א זאג געטאן צום ייד:

— איר קאנט אהיימגיין, הער קראנשטאט.

קראנשטאט האט ארויסגענומען פון וועסטל־קעשענע א דין, גאר א דין זייגערל. ס'איז געווען א פערטל צו פינף. דער דייטש האט זיך

איינגעקוקט אינעם זייגערל, ווי ער וואָלט געוואָלט וויסן די צייט, און זיך געפרעגט:

— אַ גאָלדנס?

— ניין — האָט דער ייִד אָראָפּגענומען ס׳זייגערל פונעם קייטעלע און עס דערלאַנגט דעם דייטש. — ס׳איז אַ זילבערנס. ס׳איז אַ מתנה פון מיין פאָטער.

דער דייטש האָט עס באַטראַכט. און אַז ער האָט עס קריקגעגעבן דעם ייִד איז ס׳פּנים ביי אים געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין:

— אַ שאָד וואָס ס׳איז נישט קיין גאָלדנס. ווען ס׳וואָלט געווען אַ גאָלדנס, וואָלט איך עס ביי אייך צוגענומען.

— צוגענומען?

ס׳האַרץ ביי קראַנשטאַטן האָט ווידער אַ צאַפּל געטאָן, איז ווידער אַרויס פון פלאַץ. זיי האָבן זיך אַ רגע אָנגעקוקט. שוין איבער צוויי וואָכן ווי ביידע אַרבעטן אין איין הויז, כמעט אין איין קאַבינעט. דער דייטש איז דער באַזיגער, דער ייִד — דער באַזיגטער. געהערט אַלץ, וואָס דער ייִד האָט, צום דייטש. באַגעגנט אַ דייטש אַ ייִד, ס׳איז קאַלט, ס׳איז אַ פראָסט, ציט דער דייטש ביים ייִד אַראָפּ די קאַלאָשן, די שטיוול, דעם מאַנטל, אַפילו די הויזן. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס ס׳זייגערל איז נישט קיין גאָלדנס.

דער לייטענאַנט פריץ עקערמאַן האָט מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן די האַנט צום קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט:

— כ׳האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געוואָלט פרעגן, צי איר האָט נישט אַמאָל אַ האַנט־ראַדיאָ?

— כ׳האָב.

— איר וואוינט ווייט פון דאַנען?

— אויף דער נייער־וועלט.

— וועט איר אַזוי גוט זיין און אַריבערשיקן דעם „וואָזשני" — נאָך דער ראַדיאָ.

קראַנשטאַט האָט נישט געענטפערט. דער דייטש האָט געוואַרט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געציילט פון איינס ביז צען און אַז קראַנשטאַט

האט נאך אלץ געשוויגן האט דער דייטש אריינגערופן דעם „וואזשני", גערעדט צום פאליאק מער דייטש ווי פויליש:

— סטאך, דו ווייסט וואו קראנשטאט וואוינט?

— כ׳ווייס.

— פאר גלייך אריבער צו אים און זאג, אז דער פאן־אינזשעניר האט געשיקט נאך דער ראדיא.

— דער פאליאק איז געשטאנען א פארלוירענער. ער האט מיט די פינגער געקנייטשט ס׳היטל און געפינטלט מיט די אויגן. קראנשטאט האט א הייב געטאן א האנט:

— גיי, סטאך.

דער שמועס, ווי קליינמאל גארנישט, איז ווידער אוועק וועגן יידישע קווארטאלן, וועגן פארטיעס ארבעטער, וועגן אפרוימען האלב־איינגעפאלענע הייזער. ס׳זיינען פארביי פופצן מינוט, צוואנציק מינוט. סטאך איז א פארסאפעטער אריין מיט דער קליינער האנט־ראדיא.

דער לייטענאנט האט א כאפ געטאן די ראדיא, ווי א קינד כאפט א שפילצייג. און אז ער האט זיך אפגעפריידט מיט איר, האט ער א רוק געטאן די ראדיא צום אינזשעניר:

— פאקט מיר איין די ראדיא!

— איך פאק איבערהויפט נישט — איז ס׳קולביים אינזשעניר ארויס מיט א פגימה.

— סטאך! — האט פריץ עקערמאן א געשריי געטאן:

— פאק איין!

פריץ איז ארויס פון קאבינעט. אן ווערטער האט סטאך אים נאכגעשיקט קללות. און דער ייד? אינזשעניר קראנשטאט האט זיך מער נישט געחידושט. ער האט בלויז געווארט, אז עקערמאנס אייניקל, לייטענאנט פריץ, זאל ביי אים ארויסציען די שיך, דעם ראק, אפילו די הויזן.

# צוואַנציק יאָר שפּעטער

רעניע קופּעלט האָט נישט גערוט.

וואו אַ ייד אין דער אָטוואָצקער געטאָ, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן דייטש — רעניע האָט ביי אים געזוכט פּראָטעקציע, געוואָלט זיך אַליין דערשלאָגן צום שעף פון דער אָטוואָצקער פּאָליציי.

זי האָט געגלייבט, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג ווי נאָך צו ראַטעווען איר בן־יחיד, וואָס פּאָליציי האָט אַ כאַפּ געטאָן פון גאַס און ס׳איז שוין באַלד אַ וואָך ווי ער איז נישט אין דערהיים.

רעניע קופּעלט האָט זיך דערשלאָגן אירס — מען האָט זי גערופן צום שעף.

ס׳איז געווען ניין אינדערפרי.

רעניע איז פאַרבייגעגאַנגען איין פּאָליציי־וואַך נאָך דער אַנדע־רער. ביי דער לעצטער וואַך האָט דער דעזשורנער פּאָליציי־לייטענאַנט אַ קוק געטאָן אויף דעם קאַרטל, וואָס רעניע האָט אים דערלאַנגט. ער האָט איר געוויזן וואו צו גיין און אַ פאַרגאַפטער איר נאָכגעקוקט.

רעניע איז געווען שיין, גאָר שיין. קיינער וואָלט נישט געגלייבט, אַז זי איז אַ מאַמע פון אַן אַכצן־יאָריקן זון. העכסטנס האָט זי אויסגעזען ווי אין די הויכע צוואַנציקער. די האָר — ליכטיקע. די אויגן — ליכטיקע. אַרום דעם קליינעם מויל און דער געטאָקטער נאָז — די רייפקייט פון זאַפּ־טיקע עפּל. און אין יעדן טראָט, אין יעדן קער — געזאַנג, וואָס לאָזט נישט איינזיצן, וואָס הייטערט־אויף.

אינעם וואַרט־צימער זיינען געזעסן אַ צענדליק פרויען, צו מייגסטן פאַרוויינטע מאַמעס, געזעסן ווי פּאַציענטן אין אַ שפּיטאָל, ווען זיי קו־מען ס׳ערשטע מאָל צום דאָקטאָר. מען האָט נישט גערעדט צווישן זיך.

איבערגעשראָקענע אויגן האָבן געבליקט אין אַ פאַרמאַכטער טיר — וועט זי זיך אַמאָל עפענען?

די ברייטע טיר האָט זיך מיט אַמאָל געעפנט. ביי אַלעמען אין וואַרט־זאַל האָבן זיך די הערצער אַ הייב געטאָן פון די פלעצער. אַ פּאָ־ליציאַנט האָט אויסגערופן:

— רעניע קופּעלט.

רעניע האָט זיך געלאָזט אין דער אָפענער טיר. זי האָט קיין זאַך נישט געזען, בלויז געהערט ווי די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער איר. אַזוי אַ רגע, אַזוי צוויי. און אַז זי איז געבליבן שטיין האָט זי דערזען אַ ביי־כיקן שרייבטיש אַנגעלייגט מיט פּאַפּירן. פון דער וואַנט, וואָס הינטערן שרייבטיש, האָט אויף איר אַראָפּגעקוקט היטלער. אין צימער איז קיינער נישט געווען.

רעניע האָט זיך ארומגעקוקט.

פון די אָפענע באַלקאָן־טירן, וואָס זיינען ארויס אין אַ פּאַרק, האָבן זיך געפּאַקט שטיקער זון, זיך צעלייגט איבערן פוטרירטן דיל, פאַרקראָכן הינטערן שרייבטיש.

רעניע האָט אינגאַנצן געפלעמלט. פאַר די פאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך געדרייט רעדער, פאַרגרעסערט נישט בלויז זאַכן, נאָר אויך שטיקלעך געדאַנקען. זי האָט דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳נאַקעטע אויג זעט נישט, וואָס די רואיקע מחשבה באַגרייפט נישט. ס׳אייגענע לעבן, וואָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן ווי אַ קאַרוזעלע, האָט אין מיטן דרייען זיך אַראָפּ־געוואָרפן יאָרן — צען, פופצן, צוואַנציק. צו ניינצן יאָר האָט זיך רעניע געמאָלדן אין דער פּאָליציי, אַז זי איז וויקטאָרס כלה. דער פּלאַצקער שוסטער וויקטאָר, וואָס האָט געהאַט אָרגאַניזירט די וואַרשעווער לעדער־אַרבעטער, איז געווען אַרעסטירט אויף אַ פרעמדן נאָמען. אַזוי ווי דער פרעמדער נאָמען האָט קיין חטאים אויף זיך נישט געהאַט, וואָלט וויק־טאָר אָפּגעזעסן אַ וואָך, צוויי און מען וואָלט אים אַרויסגעלאָזט. האָט זיך אונטערגערוקט רעניע. זי האָט מיט וויקטאָרן געלערנט פּויליש. זי האָט געשטיצט די שטרייקן און נישט אויפגעהערט צו אַגיטירן איר רייכן פאָ־טער, ער זאָל צעטיילן זיין עשירות, איידער די קאָמוניסטן וועלן עס ביי אים צונעמען. און די זעלבע רעניע האָט יעדן אַנדערן טאָג זיך געלאָזט מאַניקירן די נעגל, מאַסאַזשירן ס׳פּנים, די הענט, פריזירן די האָר, און

ביים אנטאן זיך האט איר שטענדיק געמוזט ארויסהעלפן דאס שטוב-מיידל.

צוויי, דריי מאל א וואך האט זי זיך געזען מיט וויקטארן. אויף דער דריטער וואך — מען רופט זי צום שעף. דער שעף, א שיינער, א גע-וויקסיקער, מיט בלאנדע וואנסן — האט מעשה מבין באטראכט אירע פיס. זיין קול האט געקלונגען מיליטעריש-באפעלעריש:

— מיר ווייסן, מיר ווייסן אלץ! איר האט אנגעגעבן א פרעמדן נאמען, א פרעמדן אדרעס! און דער „וויקטאר" איז דאך אינגאנצן אייער חתן נישט!

מען האט זי פארשפארט אין א טוכלער, טונקעלער קאמער.

רעניע איז געווען זיכער, אז אין א שעה, אין צוויי ארום וועט דער פאטער אנקומען אין דער פאליציי, וועט זאגן, אז זיינס א טאכטער, אזא און אזא, איז נישט אהיימגעקומען. דער פאליציי-שעף, א פארפוי-לישטער דייטש, וועט אוועקלייגן א פארציע מוסר, וועט אנזאגן די על-טערן אכטונג צו טאן אויף זייער טאכטער, וואס איז אוועק אויף שלעכטע וועגן. און וויקטאר? ער וועט זיך שוין פון זייערע הענט נישט ארויס-דרייען. ס'איז דאך געווען א משוגעת — רעניע וויקטארס א כלה? טאקע א משוגעת. הערט — מאניקירטע נעגל, סאמעט און זייד, די הענט, די פיס, ס'פנים, יעדעס גליד — אויב נישט געבאדן אין האניק, אין מילך, איז עס דאך פון געבוירן-אן אפגעהויכט און אויסגעווארעמט... און צוגע-גרייט אין בעט אריין פאר א גבירישן זון... און מיט אמאל — דער שוס-טער וויקטאר — א נישט-דערוואקסענער, מיט שווערע, אפגעארבעטע הענט.

רעניע האט געפיבערט, געפלאמט, זיך באשולדיקט, אז נאר זי האט וויקטארן פארשאטן.

אין א שעה ארום האט מען זי קריק געפירט צום פאליציי-שעף. ער איז געווען אויפגעלייגטער. ער האט איר אונטערגעטראגן א גאלדע-נעם פאפיראסניק:

— ביטע.

זי האט נישט געענטפערט. ס'האט נישט אויסגעזען, אז אין דעם גרויסן, האלב-טונקעלן זאל זיצט דער שעף פון געהיים-פאליציי מיט אן

אַרעסטירטער. דאָ האָט אַן עלעגאַנטער מאַנסביל געהאַלטן אין איבער־בעטן אַ יונג, שיין מיידל, וואָס איז געשטאַנען אַן אַנגעברוגזטע.

זי איז געשטאַנען מיטן שעף אויג אויף אויג. זיינע גרויע אויגן האָבן אויסגעזען ווייכער, ס'פּנים — מילדער, די רייד מענטשלעכער. ער האָט ציטירט גאָרקין, ראָלאַנדן, זשעראָמסקין. ער האָט דערציילט וועגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואו ער האָט יאָרן געאַרבעט אומלעגאַל, איז געווען אַ פירער. ס'איז מער נישט געזעסן קיין שעף פון דער געהיים־פּאָליציי. ס'איז געזעסן אַ פּאַרטיי־חבר מיט אַזויפיל דערפאַרונג און עלע־גאַנץ, וואָס אימפּאָנירט.

זיי זיינען צוזאַמען אַרויס אויף דער גאַס. ביים געזעגענען האָט מען אָפּגעמאַכט, פון זיך אַליין, צו טרעפן זיך. זיי האָבן זיך געזען אייב־מאָל, אַ צווייטס. נאָך יעדער באַגעגעניש האָט רעניע חרטה געהאַט, גע־פילט, אַז זי פאַרפּלאָנטערט זיך אַלץ טיפער, אַז זי דאַרף איבעררייסן און וואָס גיכער, ווייל דער שעף וועט וויקטאָרן קיינמאָל נישט באַפרייען.

רעניע איז אין ניינצן צוואַנציק אַוועק קיין פּאַריז. הייַנט איז ניינצן פערציק.

אַ זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט.

הייסע כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן איבער רעניעס חוט־השדרה, געשלאָגן אין מוח אַריין.

זי איז געשטאַנען אויג אויף אויג מיטן געוועזענעם שעף פון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי. ער האָט אויסגעזען אַ סך עלטער. די פּלייצעס אָבער זיינען נאָך אַלץ ביי אים גלייך געווען ווי אַ ווירע. ס'פּנים — שטרענג. אַרום די קריגערישע וואָנסן, וואָס זיינען געווען געפּאַרבט אויף בלאָנד, האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל. דער שעף האָט זי געפרעגט:

— ווי הייסט איר ?

— רעניע קופּעלט.

— און איר קענט אַ רעניע קופּער ?

— דאָס איז מיין מיידלשער נאָמען.

— די רעניע קופּער האָט מיט צוואַנציק יאָר קריק זיך געדאַרפט טרעפן מיט מיר אין ווילאַנאָוו פּאַרק, ביי סאָביעסקיס שלאָס.

— יאָ, הער מאַיאָר.

דער מאַיאָר איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. דערנאָך איז

ער אַזוי נאָענט צוגעגאַנגען צו רעניען, אַז זי האָט דערפילט אויף זיך זיין אָטעם:

— ווייסטו כאָטש, רעניע, אַז איך האָב דיך געקאָנט אַראָפּנעמען פון דער באַן, ווען דו ביסט אין 1920 אַנטלאָפן פון פוילן אויף אַ פרעמדן פאַס?

טרוקענע טרערן, הייס ווי פייער, וואָס זיינען אַ גאַנצן פרימאָרגן געשטאַנען ביי רעניען אונטערן האַרץ, האָבן זיך איצט אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַריין. זי האָט נישט געענטפערט. דער מאַיאָר האָט ווייטער גערעדט:

— ווילסט טאַקע כ׳זאָל באַפרייען דיין זון?

— יאָ, הער מאַיאָר — האָבן די אויגן ביי רעניען אויפגעלויכטן.

דער מאַיאָר — פון פאָטערס זייט אַ דייטש, פון דער מוטערס אַ פּאָליאַק — איז געזעסן מיט רעניען, ווי מיט צוואַנציק יאָר קריק. ער האָט דערציילט מעשיות, דערציילט ווי ער איז באַפאַלן צאַרישע רעגי־רונגס־קאַסעס, האָט אַפּגעשטעלט אין מיטן לויפן צוגן. דערנאָך פאַרליבטע בליקן, וואַרעמע הענט — אַלץ אַזוי מענטשלעך. דאָס האָט דער פּאָליאַק אינעם מאַיאָר צוגערעדט רעניען זי זאָל אַנטלויפן מיטן זון פון פוילן. און נאָך היינט ביינאַכט. ווייל אויף יידן רוקן זיך פינצטערע צייטן. און אומ־דערוואַרט האָט זיך אינעם מאַיאָר דערוועקט דער דייטש. ער האָט אַ שטעל געטאָן אַ זייטיקע פראַגע, וואָס האָט מיט די וואַרעמע בליקן גאָר־נישט געהאַט צו טאָן. אַלץ האָט גענומען אָטעמען מיט געשטאַפּאָ, מיט קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו מענטשן גייען־אויס פון פיין. די זייטיקע פראַגע איז געווען אַ ווענדקע אַריינצוכאַפּן רעניען מיטן זון.

און אַז רעניע איז אַרויס מיטן זון פון דער פּאָליציי־געביידע האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט.

# בעטל־ברויט

ווי ס'האָט געגומען טאָגן, האָט לייזער מילנער זיך אָוועקגע־שטעלט אין אַ ווינקל דאַווענען. ער האָט דאָס מאָל אַזוי אַראָפּגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, אַז מען האָט ס'פּנים נישט אַרויסגעזען. אַזוי פלעגט ער טאָן יום־כיפור צו כל־נדרי. ער האָט געציילט די ווערטער און ווי ווייט מעגלעך געטריבן פון זיך דאָס טאָג־טעגלעכע, געטריבן די דאגות־פּרנסה, און דער עיקר—דעם הונגער. און געהונגערט האָט לייזער אַ גאַנצן ווינטער.

זאָגן אַז דעם מילנער איז געווען ביטער אויפן האַרצן, הייסט גאָר נישט געזאָגט. עס זיינען שוין פאַרביי אַנדערהאַלבן יאָר, ווי לייזער האָט אין דער מלחמה געהאַט פאַרלוירן דעם איינציקן זון, פאַרלוירן די וואַסער־מיל, פאַרלוירן ס'הויז. די קי און די פערד האָט דער דייטש צוגע־נומען. נאָך גוט, וואָס סטאַך, לייזערס פאַראַבעק, האָט אים אָפּגעטראָטן אַן אַלקערל.

ס'ערשטע יאָר האָט לייזער, ווי עס איז, דורכגעשלעפּט. דאָ האָט ער פאַרקויפט אַ שטיקל צירונג, דאָ — אַ בגד, דאָ — אַ שטיקל וועש. דעם צווייטן ווינטער האָט מען צוגעהונגערט. און ווען נישט סטאַך, וואָס האָט צוגעוואָרפן דאָ אַ געפרוירענע קאַרטאָפל, דאָ — אַ שטיקל ראַזאָווע ברויט, וואָלטן לייזער מיטן ווייב אויסגעגאַנגען פון הונגער.

פורים־צייט האָט זיך דאָס אויך אויסגעלאָזט. סטאַך מיטן ווייב מיט די צוויי קינדער האָבן אַליין געהונגערט. די קינדער, צוויי מיידלעך, זיינען געלעגן מיט געשוואָלענע בייכער. דאָס האָבן זיי געקראָגן פון דעם ברויט, געבאַקן פון פאַרלעגערטע, פאַרדומפּעצטע קלייען.

און אַז סטאַך מיטן ווייב האָבן זיך אויפגעגנייט טאַרבעס און זיינען

אַוועק איבער די שכנישע דערפער בעטלען, ערשט דעמאָלט איז לייזערן איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף זיך אויך לאָזן איבער דער מדינה.

לייזער מילנער, וואָס האָט שוין געהאַט צוויי געשאָנקענע יאָר, ער איז אַלט געווען צוויי און זיבעציק, האָט אין דער אַרומיקער געגנט גע־קענט יעדן פויער. פון צוואַנציק־דרייסיק וויאָרסט איז מען געקומען צו לייזערן אין דער מיל אַריין מיט קאָרן, מיט ווייץ. ער זאָל בלויז קריגן איין קאַרטאָפל ביי אַ באַקאַנטן פויער, וועט ער אין צוויי־דריי טעג אַהיימ־ברענגען אַ קערץ. ס׳וועט זיין פאַר אים מיטן ווייב, ס׳וועט זיין פאַר סטאַכן מיט די קינדער.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן מיט אַנדערהאַלבן יאָר קריק אויף אַזאַ איבערקערעניש, אויף אַזאַ בראָך? די וואַסער־מיל האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. לייזער איז נישט בלויז געווען אַ מילנער. ער איז געווען אַ גוט־באַזיצער. גאָט האָט אים געהאָלפן. ער האָט געהאַט הונ־דערט מאָרג לאַנד, און גוט לאַנד. ער האָט געהאַט פערד, קי. דער הויף איז פול געווען מיט עופות. און אַז לייזער איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן דער נשמה. ווי לאַנג איז דער שיעור? נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר. דאַרף דער איינציקער זון, פנחס, זיך מאַטערן אין וואַרשע, זיין אַ „מענטש" ביי אַן אָקסן־הענדלער, זיין ווייט פון טאַטע־מאַמע? צו וואָס זאָל דער זון וואַרטן אויפן טאַטנס טויט? נאַ, פנחס, ווער דו דער באַלעבאָס. אָט איז אַ וואַסער־מיל, אָט זיינען הונדערט מאָרג לאַנד, וואָס דיין טאַטע האָט אויסגעשטיינערט, צעגראָבן יעדן שפּאַן. ס׳פאַרמעגן וועט בלייבן ביי פנחסן, ביי די אייניקלעך. פאַר זיך וועט לייזער איבערלאָזן בלויז איין מאָרג לאַנד. ס׳וועט זיין גענוג פאַר אים מיט אסתר־רבקהן. ער וועט האָבן צייט אַריינצוקוקן אין ספרימ־לעך אויף עברי־טייטש.

דאָס אָפּשרייבן זיך האָט געדאַרפט זיין נאָך די יום־טובים. און מיט אַמאָל — פנחס, ס׳ווייב, די קינדער — אַלע זיינען אומגעקומען פון אַ באָמבע. די וואַסער־מיל האָט אָפּגעברענט, ס׳הויז אָפּגעברענט, און לייזער מיטן ווייב זיינען געקומען צו בעטל־ברויט.

— הערסט, אסתר־רבקה, — האָט לייזער זיך פאַרטרויט דעם ווייב — בלי נדר, מאָרגן לאָז איך זיך איבער דער מדינה.

— איך וועל מיט דיר מיטגיין, לייזער.

— ווער וועט בלייבן מיט די קראנקע קינדער ?

טאקע, ווער וועט בלייבן ? וועגן דעם האט די צערונצלטע, אפ־געארבעטע אסתר־רבקה נישט געטראכט. זי האט איבערגעחזרט אויפן קול, אז סטאך מיטן ווייב זיינען אוועק בעטלען; אז אפקאכן פאר די קינדער א לעפל געקעכץ קען זי טאקע נישט, זי האט נישט פון וואס. דערפאר קאכט זי פאר זיי אויף א ראנדעלע הייס וואסער, צוקערט עס אפ מיט לאקריץ, און אז דער הונגער באפאלט די קינדער און זיי צע־וויינען זיך, נעמט זי זיי איין מיטן לאקריץ־וואסער.

לייזער מילנער האט אפגעדאוונט. דאס שטיקל שווארץ ברויט האט ער פארטרונקען מיט א טעפל הייסן לאקריץ. ער האט זיך ארומ־געגארטלט מיט א שטריק, גענומען אויף דער האנט א זעקל און זיך געזעגנט מיטן ווייב :

— בלייב געזונט, אסתר־רבקה.

— וואוהין גייסטו דען ?

— נאך לאמניע.

— און פון דארטן ?

— פון דארטן ? — האט לייזער זיך אליין געשובט — אויב כ׳וועל ארײַן מיט א מזלדיקן פוס קיין לאמניע, וועל איך נאך היינט זיין קריק. אז נישט, וועל איך זיך אריבערכאפן קיין טורזשע און כ׳וועל אהיימקומען ערשט מארגן.

— זיי מצליח, לייזער. יא, טלית און תפילין האסטו מיטגענומען?

— כ׳האב זיי אין זעקל.

ס׳איז געווען אנהייב אפריל. דער פרימארגן האט זיך נאך גע־פרעסטלט, איז געלעגן ווי געפריר אויף דעכער און ביימער. דאס זעקל מיטן טלית און תפילין האט לייזער געטראגן אונטער דער האנט. דעם סענקעוואטן שטעקן האט ער געשטעלט אויף א פריער, און אזוי איז ער פארביי די זשאלדעווקע, וואו זיין מיל איז אמאל געשטאנען. פון דער מיל איז בלויז געבליבן דער פונדאמענט און א האלבע שטיינערנע וואנט. לייזער האט זיך אויף א רגע אפגעשטעלט. ער האט געקוקט אויפן פאר־סמאליעטן פונדאמענט, געקוקט אויפן שטיקל וואנט, געקוקט ווי ס׳וואַ־סער רינט, שטעלט זיך אויף קיין רגע נישט אפ. ער האט זיך געפרעגט : „וואוהין רינט עס ?" נישט געקראגן קיין ענטפער, און זיך געלאזן מיט

אַ זאַמדיקן וועג. אַזוי איז ער אָפּגעגאַנגען איבער אַ וויאָרסט. ס׳איז גע־וואָרן וואַרעמער. פרילינג ווינטלעך האָבן געגלעט, איינגערוימט, אַז אין צען טעג אַרום איז שוין פּסח, און דאָ איז נישטאָ קיין מעל אויף מצות. ס׳איז קיין איי נישטאָ, ס׳איז קיין קאַרטאָפל נישטאָ, ס׳איז גאָרנישטאָ. און דער זון זיינער, פּנחס? וואו איז טאַקע פּנחס? וואו איז די שנור? וואו — די אייניקלעך?

לייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַראָפּגענומען ס׳היטל, זיך געווישט מיט דער דענקע דעם שטערן, די אויגן און געזאָגט אויפן קול:

— אַז איך האָב איבערגעלעבט פּנחסן, איז נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט.

לייזער האָט זיך אַרומגעקוקט. פאַר די אויגן האָבן זיך געצויגן פעלדער און איבער די צעאַקערטע פעלדער איז געשטאַנען אַ הויז מיט אַ רויטן דאַך. פון די פעלדער איז אָנגעקומען אַ פערד. נאָכן פערד — אַן אַקער־אייזן. נאָכן אַקער־אייזן — שטובאַק. לייזער האָט אים באַגריסט:

— גאָט העלף, שטובאַק.

— אויף אימער און אייביק — האָט שטובאַק, אַ צעקנאָדערטער פּויער, ווי אַ קאָרטש, אָפּגעשטעלט ס׳פערד — וואָס הערט זיך ביי דיר, לייזער?

— נישט גוט, שטובאַק.

— און וועמען איז יאָ גוט? וואו אַ קאַרטאָפל, וואו אַ הייפּטל קרויט, וועגן עופות רעד איך שוין נישט, נעמט דער הונט, דער דייטש אַלץ צו.

— און ביי מיר האָט ער שוין אַלץ צוגענומען. איך און מיין ווייב... מיר הונגערן.

— דאָס איז נישט גוט, לייזער — האָט שטובאַק אַריינגערוקט פינף אויסגעשמירטע, צעדרייטע פינגער אונטערן היטל — נעם ביי מיר אַ ביסל קאַרטאָפל. נאָר נישט פון שטוב, לייזער. כ׳וויל נישט די קינדער זאָלן דערפון וויסן. דאָ ביי דער אַלשינע האָב איך אַ קאַרטאָפל־גרוב. קום.

ס׳פערד איינגעשפּאַנט אין אַקער־אייזן, האָט נאָכגעקוקט די זקנים, וואָס האָבן געטאָפּטשעט איבערן פעלד, זיינען געגאַנגען צום קאַרטאָפל־גרוב. איבערן גרוב איז געלעגן אַ בונט שטרוי. אויפן שטרוי — שטיינער.

די זקנים האבן אראפגעקייקלט די שטיינער, ארויסגענומען דאס שטרוי און זיינען אריין אינעם קאלטן, פינצטערן קעלער.

— לייזער, — האט שטובאק זיך געפרעגט, — האסט אין וואס אריין, כ׳מיין א זעקל?

לייזער האט ארויסגענומען טלית און תפילין און אים געגעבן דאס זעקל. שטובאק האט אנגעשיט א האלב זעקל. די זקנים האבן קריק גע־לייגט דאס שטרוי, די שטיינער. שטובאק האט שטיל א זאג געטאן:

— נו, גיי, לייזער, גיי. כ׳וויל נישט, אז מיינע זאלן דיך דא זען.

— אסור צי א ברודער וואלט מיך היינטיקע צייטן בעסער באַ־האנדלט. א גרויסן דאנק דיר שטובאק.

— נו, גיי, גיי געזונט.

לייזער האט נישט געפילט, ווי די קארטאפל שווערן די פלייצעס. ער האט געשניטן מיטן פעלד, זיך געקאפעט אין דער פריש־צעאקערטער ערד, געשפרייזט צום שליאך. א הונט האט זיך צעבילט. לייזער האט גע־נומען גיכער שפאנען. דאס בילן האט זיך דערנעענטערט. ס׳איז געקומען מיט רוגזה, ווי דער הונט וואלט זיך געקליבן ארויסצויאגן א פערד, וואס איז פארקראכן אין שאדן אריין. לייזער האט זיך אויף א רגע אומגעקוקט. ווי ווייט ס׳אויג האט געקאנט כאפן, האבן זיך געצויגן פעלדער, פריש צעאקערטע פעלדער, שווארצע, גלאנציקע, ווי שטילע וואסערן. און אי־בער די פעלדער א גרויסער הונט, גרויס ווי א וואלף. לייזער איז געלאפן. די פעלדער נאך אים, דער הונט — נאך אים. ער איז אפגעגאנגען אין שווייס. ער האט געוואלט אויסמיידן דעם הונט און זיך געדרייט אין א ראד. דער קאפ איז געווארן שווערער, די געדאנקען — מטושטושער. א גרויקייט איז אנגעלאפן פון די פעלדער, פארשטעלט דעם וועג. מיט־אמאל האט זיך אלץ אפגעשטעלט. די פעלדער מיטן הונט האבן אנגער־הויבן אנטקעגנצוקומען. שנעלער, שנעלער. דער גוף איז געווארן יונגער, דער מוח — ליכטיקער. אין די אויגן האבן זיך געטוקט פלעמלעך.

די ברייט און ווייט האבן זיך געשפארט אין מוח אריין. דער מוח האט מער נישט געקאנט איינהאלטן קיין איין געדאנק. די געדאנקען האבן זיך צעשאטן אין אלע זייטן, ווי ס׳שיטן זיך פונקען פון א צעגליטער שטאבע.

די צוויי און זיבעציק יאָר לעבן האָבן זיך איצט געריסן פון דעם אַלטן גוף, געוואָלט אַריין אין אַן אַנדער לעבן, וואָס איז אַנגעקומען מיט די פעלדער.

לייזער מילנער האָט אַ צי געטאָן די הענט. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן. אין די אויערן זייַנען געשטאַנען קולות — יונגע, גאָר יונגע. טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער, — אַ גאַנצע וועלט. און אָט איז פּנחס מיטן ווייב, מיט די קינדער. און צווישן די קולות האָט זיך געדרייט אַ מחשבה.

— הערסט, פּנחס, אַז מען איז יאָ פּטור געוואָרן פון דעם רשע, פון היטלערן, דאַרף מען זיך שטעלן בויען די מיל. הערסט, פּנחס, לויף און זאָג אַן דער מאַמען, אַז מיר האָבן אויף פּסח קאַרטאָפל.

ס'איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, — די שטילקייט פון אַ מיל, ווען ס'וואַסער פעכערט זיך איבערן ראָד.

שטובאַקס הונט האָט אַרומגעשמעקט לייזערן, וואָס איז אַ פּאַל געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט און פיס, איז געלעגן אויפן פרישן, צעראַקערטן פעלד, איז געלעגן אַ טויטער. לעבן אים — דאָס צעשאָטענע זעקל קאַרטאָפל. לעבן אים — טלית און תפילין.

דער הונט האָט אַרומגעשמעקט לייזערן, אַרומגעשמעקט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען רוקן אויף צוריק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, פאַרריסן די מאָרדע און זיך צעוואָיעט אין דער זון אַריין, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הימל.

# הייסע ווינטן

ס'דאָרף לעוויטשין איז געלעגן אַ צוויי הונדערט פוס פון דער פּרייסישער גרענעץ. דער עולם אין דאָרף — אַן אַנגעלאָפּענער, אַ פּאַר־דעכטיקטער — האָט זיך געשעמט מיטן נאָמען פּויער. און זיי זיינען טאַקע נישט געווען קיין פּויערים. די ערד — אַ זאַמדיקע, אַ לויזע — האָט מען נישט באַאַרבעט. געלעבט האָט מען פון דער גרענעץ.

דער עולם אין דאָרף איז געווען אַ געמישטער — פּאָליאַקן, יידן, דייטשן. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם הילוך. רעקלעך — שררה'שע. די רייט־הויזן אַריינגעמאַכט אין די געפּאַסטע שטיוול. אויף די קעפּ — קליינע יעגער־קאַפּעליושן מיט פּאַווע־פעדערלעך. אין די מיילער — ציגאַרן. און גערעדט האָט מען צווישן זיך אַן אייגן לשון, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ דריטל פּויליש, אַ דריטל יידיש און אַ דריטל דייטש.

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אויסגעמיטן די לעוויטשינער, זיי געהאַלטן פאַר גזלנים, וואָס שטעלן זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ. פאַר דער קלענסטער קלייניקייט סמט מען פערד, לאָזט מען אַוועק דערפער מיטן פייער, ברענגט מען אום מענטשן. דערצו זיינען זיי אומגלייביקע, ווייסן נישט פון קיין „קאָשטשאָל", פון קיין שיל, פון קיין קירך. מען לעבט פון גנבה, פון גזילה.

דער אָנפירער פון דעם דאָרף איז געווען דער רויטער לייב, אַ פאַרשוין אין די פופציקער, וואָס האָט געהאַט זין, טעכטער, איידעמס און שנירן. דעם רויטן לייבס פאָטער האָט נאָך געפירט אין לעוויטשין דעם שמוגל. נאָכן פאָטער — דער זון, וואָס איז רייך געוואָרן. געהייסן האָט עס, אַז דער רויטער לייב האָט די וואַסער־מיל, האַלט אין אַרענדע דעם לעוויטשינער טייך, וואו מען כאַפּט פיש אַ פעליק יאָר, קויפט־אויף ביי

פריצים „פארלעך״ תבואה, שטיקלעך וואלד. דאס אלץ איז בלויז געווען אן אויסרייד. אין דער אמתן אבער האט מען דעם גאנצן שמוגל, אלץ וואס מען האט געשווארצט איבער דער גרענעץ — מענטשן, פערד, סחו־רות, — אלץ האט מען אפגעשטעקט ביים רויטן לייב אין דער מיל.

אין די יינגערע יארן, ווען דער רויטער לייב איז נאך געווען אן איינרייסער, די אויגן זיינע — הייסע ווינטן, קאלטע ווינטן — דעמאלט האט ער אליין אנגעפירט מיטן שמוגל בייטאג, ביינאכט. און אזוי א פערטל יארהונדערט. און אז ער איז געווארן א פופציקער, האט ער אי־בערגעגעבן דעם שמוגל די קינדער און אליין איז ער געבליבן ביי דער מיל. די חטאים זיינע האט ער אויסגעקויפט מיט א בית־מדרש, וואס ער האט געלאזט מויערן אין א שכניש שטעטל, אין קוצבארג. ס׳איז אריבער נאך א יאר, נאך א יאר און דער רויטער לייב האט אנגעהויבן צו שמ׳ען פאר א שיינעם יידן. וואו א געמיינער מאן, וואו א יורד — לייב האט געשטיצט. ער האט געהאט פאר אלעמען אן אפענע קעשענע, געשטעלט אויף די פיס אי יידן, אי פאליאקן, אי דייטשן.

דער רויטער לייב איז אלט געווארן פינף־און־פופציק יאר. א וואך פאר ראש־השנה האט ער איבערגעגעבן די זין, די איידעמס די געשעפטן און אליין האט ער זיך געקליבן מיטן ווייב אויף די ימים־נוראים אין שטאט אריין.

ס׳איז געווען נאכמיטאג. ביי לייבן אויפן הויף איז געשטאנען די בריטשקע געשפאנט אין די צוויי שענסטע פערד. ארום לייבן — די זין, די טעכטער, די איידעמס און שנירן. איצט אייניקלעך. לייבס ווייב, פייגע־חיה, האט זיך געפארעט ארום די וואליזקעס, וואס מען האט אריינ־געלייגט אין דעם צעעפנטן בריטשקע־געזעס.

לייבס משפחה איז געווען אויפגעהייטערט, וואס טאטע־מאמע פארן אין שטאט אריין, וועלן באזארגן דירות, און ערב יום־טוב וועלן אלע, אפילו די זויג־קינדער, צופארן צו טאטע־מאמע. גערעדט האבן אלע. פון די רייד האט זיך אין דעם שטילן נאכמיטאג געהויבן א גערודער ווי פון גענדז, וואס קלייבן זיך אפצופליען אין ווארעמע לענדער.

און ווי דער רויטער לייב, א צוזאקסענער פארשוין, האט ארויס־גענומען פון די טיפע הויזן־קעשענעס פולע הענט קליינגעלט און גענומען

טײלן די אײניקלעך לעצט געלט, האָט זיך פון ערגעץ װײט דערטראָגן אַ גערויש.

אין טיפן, בלױען הימל האָבן זיך באַװיזן פינקלדיקע עראָפּלאַנען. אײנער, צװײ, דרײ, פינף, און מיטאַמאָל האָבן די עראָפּלאַנען זיך גענומען אַרונטערלאָזן מיט אַזאַ מוראדיק פײפערײ, אַז דעם רויטן לײבס הויזגעזינד, אַנשטאָט צו אַנטלויפן האָבן זיך אַלע גענומען דרײען אין אַ ראָד, װי איבערגעשראָקענע שעפּסן בײ אַ פײער.

דער שטילער, בלױער הימל איז פול געװאָרן מיט בליצן. דער הויף, די מיל, די גאַנצע װעלט האָט זיך גענומען װיקלען אין רויך, אין װאָלקנס שטויב, אין אויפגעריסענער ערד.

פון דער מיל, װאו דער דאַך און אַ האַלבע װאַנט זײנען אָפּגעריסן געװאָרן, האָבן זיך צעשאָטן ציגל. די שטאַלן האָבן געברענט. פון הויף, װאו די בריטשקע מיט די פערד זײנען געשטאַנען, האָט זיך געטראָגן אַ געשרײ פון אַ פאַרװאונדעטער חיה. די בריטשקע, אָן איבערגעדרײטע, איז געלעגן מיט די רעדער אַרויף. אײן פערד, אָן אַ קאָפּ, איז געלעגן מיט פאַרװאָרפענע קאָפּיטעס. ס׳צװײטע פערד, אַ רויטס, איז געשטאַנען אויף דרײ פיס. דער פערטער פוס איז געװען אָפּגעשאָסן ביז איבערן קנעכל. ס׳פערד האָט אַרומגעשמעקט דעם חבר זײנעם אָן דעם קאָפּ. ס׳האָט גע־ציטערט און געװײנט, װי פערד װײנען בײ אַ שריפה. דערנאָך האָט עס אַ הײב געטאָן דעם קאָפּ און די אויגן האָבן געקוקט אין דער בלויקײט אַרײן, װאו ס׳האָבן זיך נאָך געדרעדלט די עראָפּלאַנען. דער צעשאָסענער פוס האָט אַנגערירט די ערד. דאָס פערד האָט זיך אַזוי צערעװעט, אַז דער גאַנצער הויף האָט אויפגעציטערט.

נישט װײט פון די פערד איז געלעגן דעם רויטן לײבס עלטסטער זון. ער איז געלעגן מיטן פנים אַראָפּ, װי ער װאָלט געקאָפּיעט מיט דער נאָר די ערד. איבער אים איז געלעגן ס׳װײב זײנס און האָט אײנגעריסן װעלטן:

— קינדער, איר האָט שוין נישט קײן טאַטע!

דערנאָך האָט זיך באַװיזן דער דײטש. מעת־לעתן גאַנצע האָט די אַרמײ זיך פאַרבײגעטראָגן. פערד און מענטש, פערד און מענטש. דער־נאָך האָבן זיך געדרעדלט טאַנקען. אַזוי בײטאָג, אַזוי בײנאַכט. די אַרו־מיקע פעלדער אויף מײלן זײנען געװען שװאַרץ פון מענטשן, געװען

שוואַרץ פון פערד און וועגענער, וואָס זיינען נישט איינגעשטאַנען, האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן. די לופט האָט אויפגעציטערט פון די הונדערטער קאַפּעליעס, פויק, טראָמפּייט און פלייט. און אַזוי צוויי טעג און אַזוי פיר טעג און אַזוי ביז ערב ראש־השנה.

פאַר די עטלעכע טעג האָט מען דעם רויטן לייבס הויז אויסגעליידיקט. ווער פון די זין, פון די איידעמס האָט נאָר געקאָנט איז געלאָפן קיין וואַרשע, איז געלאָפן קיין לאָמזשע. און נישט בלויז לייבס קינדער, אויך די שמוגלערס זיינען זיך צעלאָפן. אין לעוויטשין זיינען געבליבן בלויז געציילטע חברה, וואָס האָבן נישט אַרויסגעשמעקט פון די שטיבער.

ערב ראש־השנה האָט דער רויטער לייב זיך אויפגעהויבן פון דער „שבעה" נאָכן זון. שוין דער צווייטער טאָג ווי ס'האָט געגאָסן אַ רעגן. פאַר דער וואָך, וואָס דער שונא האָט אים באַגזלט, אים דערהרגעט דעם עלטסטן זון, איז לייב אינגאַנצן איינגעלאָפן. ער איז פון צרות עלטער געוואָרן. בלויז די אויגן — קאַלטע ווינטן — האָבן זיך געפּלעמלט, ווי אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט געשוואַרצט גאַנצע פּאַרטיעס פאַרשווינגען איבער דער גרענעץ.

פאַרנאַכט־צו, ווען ס'איז צייט געווען זיך צו שטעלן דאַווענען, האָט דער רויטער לייב אַריינגערוקט ס'ראש־השנה מחזורל אין קעשענע און געזאָגט צום בני־בית:

— קינדער, כ'וועל זיך צוכאַפּן אין שטאָט אַריין אויף ראש־השנה.

— אַזוי שפּעט ?

— מיטן וועלדל וועל איך זיין אין שטאָט אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום.

דאָס, וואָס ס'גיסט אַ רעגן, וואָס ס'איז אַ געפאַר אַרויסצוגיין פון שטוב אין אָוונט, וועגן דעם האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט. צו דעם איז מען ביים רויטן לייב אין הויז געוואוינט געווען.

אין וועלדל האָט אויף לייבן געוואַרט זיין יינגסטער זון, שלמה. מען איז אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צען און געשוויגן. ס'האָט זיך געהערט, ווי דער רעגן פּייקלט איבער די בלעטער. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַ בלאָט, ווי אַ שיסעלע וואַסער, אָפּגעריסן פון אַ צווייג און איז אַ פאַל געטאָן צווישן די ביימער מיט אַ טעמפּן קלימפּער, ווי אַן איבערגעשראָקענע זשאַבע וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. דער פאַ־

טער האט מיטן עלנבויגן א ריר געטאן דעם זון פאר דער האנט. געהייסן האט עס:

— דער רעגן האט אונדז צוגעשפילט.

— יא, טאטע.

— איצט דארף מען בעטן גאט ס׳זאל זיין א פאסאזשיר־צוג.

— די פראכטצוגן זיינען אויך איבערגעפאקט מיט זעלנער.

לייב האט זיך נישט געפרעגט, צי שלמה האט אפגעשרויפט די „מוטערקעס", צי ער האט מיט א פלאם־זעגל איבערגעשניטן די רעלסן. ער האט זיך אויף שלמהן געקאנט פארלאזן.

טאטע־זון האבן אינמיטן גיין זיך מיטאמאל אפגעשטעלט. זיי האבן זיך איינגעהערט. צווישן דעם פויקן פון רעגן האט זיך געטראגן דאס סאפען פון א לאקאמאטיוו. ס׳איז א רגע געווארן שטיל. אלץ האט זיך אפגעשטעלט — דער רעגן, דאס סאפען, אפילו דאס קלאפן פון די אייגענע הערצער. און מיטאמאל — די ביימער האבן אויפגעציטערט. עפעס האט זיך א הייב געטאן. ס׳האט גענומען קנאלן, ווי מען וואלט געריסן שטיינערנע בערג.

לייבס אויגן — הייסע ווינטן — זיינען א פאל געטאן אויפן זון:

— מען דארף אפציען.

טאטע־זון האבן זיך געגנבעט מיט די ביימער, געשפאנט מיטן וועלדל אין שטעטל אריין, וואו יידן זיינען שוין געווען ביים דאווענען.

# אויף אַרבעט

בערדיקע יידן, אין די בלויזע העמדער, זיינען געשטאַנען מיט שאַרפע העק און אויסגעהאַקט קרייזן אַרום אַראָפּגעלאָזטע דעמבעס. דער־נאָך האָבן זיי אַריינגעזעצט קלינעס אונטער דער קאָרע, זי אָפּגעריסן און די שטיקער געלייגט אין קופּעס.

האַלב נאַקעטע יונגען, מיט שטריק און דרענגער, האָבן געקייקלט די אָפּגעשיילטע דעמבעס איבערן אויסגעהאַקטן וואַלד, זיי געלייגט אי־בער לאַנגע, פיר־עקיקע גריבער, וואו מען האָט די ביימער געשניטן אין ברעטער.

צוויי פּאַרשוין האָבן געזעגט יעדן דעמב. איינער איז קונציק גע־שטאַנען אויפן דעמב, דער צווייטער — אין גרוב. די בייגעוודיקע זעגן האָבן זיך געביסן מיט אַ געוואַלד־ריס אינעם האַרטן האָלץ אַריין, גע־פינקלט אויף דער זון און די אַרומיקע לופט איז פול געווען מיט זעגעכץ.

דאָס האָבן דרייסיק פּאַרשוין — יונגע, מיטליאַריקע און עלטערע יידן — געאַרבעט אין לאַמניער וואַלד. אַזוי ווינטער, אַזוי זומער. זיי האָבן געאַרבעט ביים געהילץ פון באַגינען ביז פאַרנאַכט. פּרייטיק פאַר־נאַכט האָט דער פאַרוואַלטער, דער דייטש הערמאַן היטצקער, זיי אויס־געצאָלט די שכירות. די עלטערע יידן האָבן געקראָגן צו זעקס מאַרק אַ וואָך, די ייִנגערע, די איינרייסער, צו אַכט. אויף שבת האָבן די יידן זיך געלאָזט אין שטעטל אַריין, קיין לאַמניע, וואו ס'האָבן אויף זיי גע־וואַרט ווייבער, מאַמעס, קינדער. אין דערוואַכנס האָבן די יידן זיך אויפ־געהאַלטן אין הילצערנע „באַראַקעס", אָן פענצטער. יעדן טאָג זיינען אין די באַראַקעס געבליבן אַנדערע דריי אירע, וואָס האָבן געדרימט, צוגעבעט די געלעגערס און געקאָכט פאַרן עולם עסן.

ס׳איז געווען אָנהייב אויגוסט. איבערן אָפּענעם, אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד האָבן זיך געהויבן צען זעגן. די שטאָלענע זעגן האָבן זיך געבלויט אין דעם צייטיקן, זוניקן נאָכמיטאָג, פאַרהילכט דאָס זשומען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואַלד. די באָרוויסע, האַלב־נאַקעטע, יונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די קלעצער, געהויבן די זעגן אַרויף, אַראָפּ, האָבן דערפילט אַ ברעכערניש אין אַלע גלידער. דער טאָג איז געווען אַ לאַנגער, אַ הייסער, די גלידער האָבן ווי געטאָן. מען איז אָבער געווען יונג און אונטער דער הויט האָט זיך געבערגלט אַ באַהאַלטענע פרייד, אַז נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה און די אַרבעט וועט זיך ענדיקן. דערצו האָט בערל נאָך אין דער פרי געהאַט צוגעזאָגט, אַז אויף וועטשערע וועלן זיין שלייען און קאַרפּן. און אַז בערל האָט צוגעזאָגט, האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן. אַפילו דער דייטש, דער פאַרוואַלטער, איז געווען אויפגערוימט. איז בערל געגאַנגען כאַפּן פיש, האָט ער זיך מיטן פאַרוואַלטער געטיילט אויף דער העלפט. מען האָט וועגן דעם נישט גערעדט. ס׳איז אָבער געווען אַ שטומער אָפּמאַך. בערל האָט געכאַפּט די פיש אינעם אַלטן „סטאַוו“, וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען אַ מיל. אין דעם פאַרלאָזטן וואַסער האָבן זיך אויפגעהאַלטן שלייען און קאַרפּן צו פינף, זעקס פונט אַ שטיק. אַז בערל איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פאַנג, האָט ער אַוועקגעטראָגן צום דייטש אין „הייפל“ אַריין ס׳חלק פיש. הערמאַנס ווייב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יונג מיידל, כאָטש זי איז שוין אַלט געווען אַכט און צוואַנציק יאָר, האָט צוגענומען די פיש און האָט כמעט ווי נישט גערעדט מיט בערלען. רעדן מיט אַ ייד איז געווען פאַרבאָטן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן דעם גאַנצן פרילינג, דעם גאַנצן זומער, ביז אָנהייב אויגוסט.

בערל, וואָס האָט געביטן דעם נאָמען פון בראָניסלאַוו, איז געזעסן אין „סטאַוו“, אין אַ שיפל, און האָט געכאַפּט פיש. ער האָט זיך פאַרקליבן מיטן שיפל צווישן די רער־שטעקלעך, וואו ס׳וואַסער איז געווען טיפער און דורכזיכטיקער. שלייען, קאַרפּן, מיט צעשפּרייטע פליס־פּעדערן, האָבן זיך געראָדלט אַרויף, אַראָפּ, געגלאָצט מיט די וואַסערדיקע אויגן אויף בערלען. און אַז ער האָט געכאַפּט אַ קאַרפּ, צי אַ שלייען, וואָס זייערע רוקנס זיינען אַזש געלבלעך געווען פון פעטקייט, ווי מיט מאָך באַוואָקסן, האָט בערל געעפנט ביי די פיש די זשעברעס, דורכגעצויגן דורך זיי שנירלעך, פאַרוואָרפן די שנירלעך אַרום די האָקעס, וואָס זיינען

געווען אריינגעקלאפט אין שיפל. די פיש האבן זיך געשליידערט, געוויגט ס'שיפל. און בערל, אן אפגעברענטער, א ביינערדיקער, די אויגן, די נאז, די פארשפיצטע באקנביינער, האבן דערמאנט א ווילדן פויגל. אין דעם ווילדן אויסזען איז געווען ביטול צום ארום, ביטול, וואס האט אין זיך זיכערקייט. דער פאטער — א פאיאנס, די מוטער — קראנענבערג. דאס זיינען געווען אלטע, איינגעפונדעוועטע יידיש־פוילישע משפחות. אז דער דייטש איז באפאלן פוילן, איז בראניסלאוו פאיאנס, א סטודענט פון ווארשעווער יורידישן פאקולטעט, א פרייוויליקער אוועק אין דער פוילישער ארמיי. נאך פוילנס צוזאמענפאל האט בראניסלאוו זיך געוואלט ס'לעבן נעמען. דערנאך — די געלע לאטע. דערנאך — די יידישע געטא. דערנאך — די געצוואונגענע ארבעט אין וואלד. אלץ האט זיך איבעם סטודענט איבערגעאנדערשט. ס'ערשטע האט ער געביטן בראניסלאוו אויף בערל. דערנאך האט ער גענומען רעדן יידיש. ער האט גערעדט ווי א גוי. ביי דער ארבעט איז קיין זאך פאר אים נישט געווען צו־שווער. ביים ארפאלאזן ביימער, ביים זעגן — בערל איז שטענדיק געווען דער ערשטער. ביים איינקויפן עסנווארג, ביים קאכן — אומעטום בערל. דער עולם האט אים ליב געהאט. דער פארוואלטער, וואס האט זיך ליב גע־האט צו טשעפען צו די יידן, האט זעלטן געהאט טענות צו בערלען. אין א זאווערוכע, ווען דער עולם האט נישט געארבעט, איז געזעסן אין די „באראקעס", האט דער דייטש אוועקגעשטעלט לעבן בערלען דאס שאך־ברעט און אן ווערטער גענומען שפילן מיט אים. דער דייטש איז געווען א שווייגער. און אז ער האט פארלוירן — און ער האט כמעט שטענדיק פארלוירן — האט ער פון גרויס רציחה צונויפגעקוועטשט די ליפן, צו־נויפגענומען די פיגורן און אן אווארט איז ער ארויס פון די „באראקעס" און איז אוועק צו זיך אהיים. און אזוי האבן זיך געצויגן טעג, וואכן, חדשים.

א שלייען מיט זילבערנע שופן, מיט צעשפרייטע פליספעדערן האט זיך ארויפגערעדלט. דער שלייען האט זיך געדרייט ארום דעם שלענגל, וואס איז געהאנגען אויף א שארפן האטשעק. ס'איז פארביי א רגע, א צווייטע, א דריטע. דער שלייען וועט אויפעסן ס'שלענגל, דער האטשיק וועט דורכשטעכן דעם שלייען. ביי פיש — א רגע, א צווייטע, א דריטע. ביי מענטשן — טעג, וואכן, חדשים. בערל איז געווען זיכער, אז ס'קען

אזוי שטענדיק נישט זיין. ס׳וועט קומען א טאג, ס׳מוז קומען, ווען דער דייטש, הערמאן היטציק, וועט בלייבן שטיין אן אומבאהאלפענער, וועט אים, בערלען, אוועקגעבן דעם רעוואלווער און זאגן:

— האסט געוואונען, יודע.

און ער?

דער יודע?

בערל האט זיך צעלאכט. ער איז שוין געווען ביים ברעג „סטאוו״. ער האט ארויסגעצויגן ס׳שיפל אויפן ברעג. און אז ער האט די צאפלדיקע פיש שוין געהאט אריינגעלייגט אין א זאק, האט ער זיך געכאפט, אז ס׳קלייבט זיך א שטורעם.

דא און דארט זיינען מיטאמאל אויסגעוואקסן וואלקנס — שווערע, פינצטערע — ווי ס׳וואלט געווען נאכט. די וואלקנס, וואס האבן פארדעקט דעם גאנצן הימל, האבן זיך ביסלעכווייז גענומען אראפלאזן. מענטש, חיה, פלאנץ — אלץ איז געבליבן פארחידושט, אלץ איז געבליבן אן אטעם.

בערל האט פארווארפן דעם זאק פיש אויף אן אקסל און זיך געלאזט מיט א זייטיק וועגל. דאס איז ער געגאנגען צו הערמאנען אין הויף אריין. בערל האט דערשפירט אין זיך דעם שטורעם. אלץ אין אים האט זיך געפלעמלט — די אויגן, די נאז, דער שווארצער שויבער האר. די לופט איז פול געווען מיט שוועבל.

אינמיטן שפרייזן האט זיך בערל אפגעשטעלט. דער וועג האט זיך, ווי ארויסגעגליטשט פון אונטער זיינע פיס. ס׳האט זיך אוועקגעשטעלט א פינצטערע וואנט. א בליץ האט א צינד געטאן ס׳פינצטערניש און ס׳איז נאך פינצטערער געווארן.

בערל איז געלאפן. מיט א שפרונג איז ער אריבער א נידעריקן דרענגל־פלויט און האט זיך געלאזט מיט די בייטן קרויט. און ווי ער איז ארויף אויפן שטיקל ווערטנדע מיטן דעכל, האט גענומען בייטשן א רעגן.

די דייטשקע איז ארויסגעקומען מיט א בלעכענעם עמער. ווי שטענדיק האט זי זיך דאס מאל אויך נישט באגריסט מיט בערלען. ער האט אפגעלייגט אין עמער אריין ס׳חלק פיש און איז געבליבן שטיין

אויף דער וועראנדע. זי האט נישט פארמאכט נאך זיך די טיר און א זאג געטאן:

— קומט אריין אוןווארט איבער דעם רעגן.

בערל האט זיך א ווײלע געקווענקלט:

— יא גיין, נישט גיין? ווי קומט עס טאקע, וואס אן „ארישע" פרוי פארבעט צו זיך אין שטוב אריין א ייד, ווען זי איז איינע אליין? ער איז נישט נאכגעגאנגען.

א בליץ האט זיך אוועקגעשטעלט אין די פענצטער מיט א בלענדעניש. נאכן בליץ האבן זיך גענומען קייקלען דונערן מיט אזא געקנאל, אז ווענט און שויבן האבן גענומען ציטערן. פון שרעק האט די דייטשקע זיך א שאר געטאן צו בערלען. שרעק אין די אויגן, שרעק אין די פארשפיצטע אקסלען. פון גרויס שרעק האט די דייטשקע זיך צערעדט, דערציילט, אז אין אזא עק ווערט א מענטש אן ס'לשון. טעג, וואכן גייען פארביי און זי רעדט נישט אויס קיין ווארט. דער מאן, הערמאן, איז בטבע א שווייגער. דערצו זיצט ער גאנצע טעג אין וואלד. און אז ער, בערל, פארבלאנדזשעט אמאל מיט די פיש, שווייגט ער אויך. מאטילדע, האט גארנישט צו די יידן. פארקערט, ביז צוואנציק יאר — וואס זאגט זי?! ביז צוויי און צוואנציק יאר, זײַנען אלע אירע באקאנטע יונגעלייט געווען יידן.

און אז די דונערן זײַנען געווארן נאך שטארקער, דאכט זיך געשפאלטן דעם הימל, דאכט זיך אײַנגעלייגט ס'הויז, האט מאטילדע פון אומבאהאלפנקייט א כאפ געטאן בערלס האנט. בערל האט זי באַרואיקט, ווי מען באַרואיקט א צעשראקן קינד:

— דער שטורעם וועט לאנג נישט אנהאלטן.

מאטילדע האט נישט געענטפערט. אירע אויגן האבן זיך געפלעמלט. און אז בערל האט נישט ארויסגענומען זײַן הייסע האנט פון אירער, האבן אירע אויגן גענומען עפעס מאנען בײַ אים, ווי ס'שטייט צו און ס'מאנט א הונגעריקע שטוב־חיה.

א שמייכל האט זיך א הייב געטאן אין בערלען, זיך פארשלייפלט ערגעץ בײַ אים אין האלדז און ס'פנים האט זיך קיין בלעזל נישט געטאן:

— הייליק „אריש" בלוט.

בערל האט ארויסגעלאזט איר האנט. ער האט זיך א צי געטאן,

איז געוואָרן העכער. דער פאַרריסענער קאָפּ, דער אָפּגעדעקטער, אָפּגע־ברענטער האַלדז, די שאַרף פון די אויגן, פון דער נאָז, פונעם ביינערדיקן פנים — אינעם גאַנצן געשטעל איז געווען דער שטאָלץ פון אַ באַרג־פויגל, וואָס קלייבט זיך אָוועקפליען:

— מען דאַרף גיין.

— ס'צעבערט דאָך אין דרויסן.

— ס'וועט באַלד אויפהערן.

בערל האָט פאַרוואָרפן דעם זאַק פיש איבערן אַקסל און מיט אַ שפּרייז איז ער אַראָפּ פון דעם ווערענדע־טרעפּל. ער האָט זיך געלאָזט מיטן רעגן.

מאַטילדע האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער שניידט מיט די קרויט־בייטן, ווי ער שפּרינגט אַריבער דעם דרענגל־פּלויט, ווי ער טראָגט זיך צום וואַלד. ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט.

ביימער, לאָנקעס, מעקעדיקע קי — אַלץ האָט פאַרבייגעפלייצט אינעם רעגן, אַלץ איז געבליבן שטעקן אין מאַטילדעס טרויעריקע אויגן.

# אין אַ פערד־שטאַל

ווען דער זיבעצן־יאָריקער וואָלף האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז נאָך אינעם פערד־שטאַל געווען פינצטער. ער איז אַראָפּ פון דער ברעטער־נאַרע, וואו ער איז געשלאָפן אויף אַ זאַק שטרוי, און האָט זיך גענומען אָנטאָן. וואָלף האָט געציטערט. שטיקער קעלט האָבן זיך געטראָגן פון די ווענט, פון דעם דיל, פון דער סטעליע. ס'האָט געדויערט אַ שפּאָרע ווייל, ביז וואָלפס פאַרשלאָפענע אויגן האָבן אין דער פינצטער אויפגעזוכט צוויי פּאַסיקלעך ליכט. דאָס זיינען געווען די צוויי פאַרשנייטע אייזערנע שטאַכעטן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן פאַרפרוירענעם פענצטערל.

אינעם שטאַל זיינען קיין פערד נישט געווען. פראָסט און קעלט האָבן אָפילו דעם פערד־ריח שוין געהאַט אויסגעוועפּט. אַרום די ווענט, אויף די ברעטער־נאַרעס, האָבן זיך אויפגעהאַלטן פינף משפחות. די משפחות זיינען געווען אָפּגעצוימט איינע פון דער אַנדערער מיט ברעטער און דרענגלעך, ווי מען צוימט אָפּ קי, אָדער פערד. מען האָט זיך דער־נערט, ווער מיט אַ צוגעפרוירענער קאַרטאָפל, ווער מיט אַ לעפל געקעכץ.

בייטאָג זיינען אין פערד־שטאַל געבליבן בלויז די קראַנקע. די געזונטע זיינען אַרויס אויף די וואַרשעווער געטאָ־גאַסן, אַרויס האַנדלען און בעטלען, נישט געווען קיין פאַרנאַכט, וואָס זאָל קיין אימה נישט אַרומ־נעמען די איבערגעבליבענע אין פערד־שטאַל. מען האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, זיך קוים דערוואַרט ווער אויף אַ טאַטע, ווער אויף אַ מאַמע, ווער אויף אַ ברודער, ווער אויף אַ שוועסטער. ס'האָט אָבער אויך פּאַסירט, אַז מען האָט זיך נישט דערוואַרט. אַזוי איז פאַרפאַלן געוואָרן וואָלפס פאָטער, וואָלפס עלטערע צוויי ברידער.

וואָלפס משפחה, זיבן אירע, האָט מען אַרויסגעטריבן פונעם גרע־

נעץ־שטעטל כאַרזשעל. קיין וואַרשע זיינען זיי אָנגעקומען סוף ניינצן הונדערט פערציק. וואָלפס פאָטער, דער רויטער שפּאַק, אַ דורכגעטריבע־נער „מוילעכער", איז קיין וואַרשע אָנגעקומען נאַקעט און באָרוועס. ער מיט די זין האָבן נישט געקענט און נישט געוואָלט גיין בעטלען. זייער אָפּלאַג איז באַלד געוואָרן אויף דזשיקע גאַס ראָג סטאַווקע, וואו מען האָט אויסגעלאָדנט וואַגאָנען עסנוואַרג, וואַגאָנען באַהייצונג, אויסגעלאָדנט סחורות פאַר דער וואַרשעווער געטאָ.

די איינוואוינער פונעם פערד־שטאַל, פערציק אירע, האָבן אָפּגע־אָטעמט. ס'איז געווען ברויט צו דער זעט, ס'איז געווען אַ לעפל געקעכץ, און אויף שבת — אַ שטיקל פלייש.

די מויער אויף סטאַווקע האָט געהאַט דריי הייף — אַ הויף אין אַ הויף — ערשט אין דריטן הויף האָט זיך געפונען ס'פערד־שטאַל. ס'שיינדל איז אָבער געוואָרן ס'פערד־שטאַל, נישט די דריי הייף וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט געהאַנדלט מיט שפּאַקן. עולם האָט זיך גע־שפּיגלט אינעם רויטן „מוילעכער", און זיינע זין. און מיטאַמאָל אַזאַ אומ־גליק — דער רויטער שפּאַק איז פאַרטאָג אַוועק צו דער ראַמפּע און איז פאַרנאַכט נישט קריקגעקומען.

ס'איז געוואָרן נאַכט, ס'איז געוואָרן טאָג, ס'איז ווידער געוואָרן נאַכט און שפּאַק איז ווי אין וואַסער אַריין. ס'איז פאַרביי אַ וואָך. שפּאַק איז אַלץ נישט געווען. די זין, רויט ווי דער פאָטער, נאָר ייִנגער, האָבן זיך געריבן די הענט און געשוויגן. זיי האָבן חושד געווען דעם נייעם דייטש, דעם המן, וואָס איז געשטאַנען אויפן „בייטראַלן פּאַס" — די מחיצה, וואָס אַ ייִד טאָר נישט אַריבערטרעטן. און מיטאַמאָל אַזאַ באַ־האַלטענע פרייד — דער נייער דייטש, דער המן, איז פאַרטאָג אַוועק צום „בייטראַלן פּאַס" און איז פאַרנאַכט נישט אַהיימגעקומען.

רעוויזיעס אויף סטאַווקער גאַס, אויף דזשיקער גאַס. צווישן די צענדליקער אַרעסטירטע זיינען אויך געווען שפּאַקס צוויי זין. פון די זיבן אירע זיינען געבליבן פיר — וואָלף, די מוטער און צוויי שוועסטער.

די פרייד פון פערד־שטאַל האָט זיך ווי אָפּגעטאָן. ס'זיינען פאַר־בייגעגאַנגען טעג אָן אַ לעפל געקעכץ, אָן ברויט צו דער זעט. און דאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַזאַ שווערער ווינטער. שנייען, פרעסט און זאַווערוכעס. פונעם פערד־שטאַל איז געוואָרן אַ שפּיטאָל. לונגען־אָנט־

צינדונג, טיפוס, אָפּגעפרוירענע הענט און פיס. ס׳האָט קיינעם נישט דורכגעלאָזט.

וואָס טוט מען?

וואָלפן איז מער נישט געבליבן ווי צו גיין בעטלען. און כאָטש ער האָט געהאַט צוגעזאָגט דער מוטער, אַז זיין געביין וועט זיך נישט ווייזן אויף סטאַווקע, ראַג דזשיקע, וואו מען האָט אויסגעלאָדנט סחורות, האָט ער זיך געקאָרטשעט אין דרייען פונעם בלויזן געדאַנק, אַז ער וועט אָב־קומען צו בעטל־ברויט. און דאָ איז אים די מאַמע אָוועקגעפאַלן, דאָ אַ שוועסטער.

וואָס טוט מען?

דעם זיבעצן־יאָריקן וואָלפן, וואָס האָט אויסגעזען לויט די ברייטע פּלייצעס, ווי עטלעכע און צוואַנציק, האָט שטאַרק געצויגן צו דער ראַמ־פּע. ער האָט דאָרט אַלעמען געקענט, די יידישע טרעגער, די פּוילישע טרעגער, געקענט די קאָנדוקטאָרן פון די פּראַכט־באַנען. דערצו איז ער געווען אויסגעבונדן מיט די וואָלינער־יונגען, מיט די „שוואַרצער". דאָס איז געווען אויבן־אויף. טיף אָבער אין האַרצן האָט אים ווי געטאָן פאַרן פאָטער, פאַר די ברידער. און ס׳איז געווען איין פאַרלאַנג און איין באַגער — נקמה־נעמען. און נישט אַזוי דער הונגער האָט וואָלפן געטריבן פאַר־טאָג אין גאַס אַריין, ווי די שרעק, אַז נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, און עס וועט נעמען טאָגן. מיטן באַגינען וועקט זיך ס׳קליינוואַרג אויף די נאַרעס. די קינדער שטייען־צו, מאָנען עסן ביי די מאַמעס מיט די אומבאַהאָלפענע אויגן. אַזוי דאַרפן אויסזען איבערגעשראָקענע חיות, ווען די לופט איז פול מיט שטורעם.

אַן אַנגעטאָענער האָט וואָלף לייכט אַריבערגעשפּרייזט ס׳דרענגל, וואָס האָט אָפּגעטיילט זייער דירה פונעם שכנס, און איז גרייט געווען אַרויסצוגיין. די מוטער האָט געעפנט די אויגן:

— וואָלף? וואו גייסטו, וואָלף?

— ס׳טרייבט מיך פון געלעגער.

— ס׳איז דאָך נאָך גרויסע נאַכט?

וואָלף האָט נישט געענטפערט. די מוטער האָט זיך געבעטן ביים זון:

— האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, וואָלף, האָסט געשוואוירן, אַז דיין

פוס וועט דארטן נישט אריבערטרעטן. דער טאטע איז אומגעקומען, לײ־זער און הערשל זײנען אומגעקומען. פאר א געשטראפטער מאמע איז עס גענוג. גײ נישט, וואלף, — האט די קראנקע מוטער זיך אויפגעזעצט אויף דער נארע און אויסגעשטרעקט צום זון די הענט — גײ נישט!

בײדע שוועסטער האבן זיך אויפגעוועקט. די אויגן זײנען שוין אזוי געוואוינט געווען צום שטענדיקן חושך, אז זײ האבן בײם ערשטן בליק אלץ דערזען אין דער פינצטער. און אז וואלף האט נישט געענט־פערט, האט די מוטער זיך א קער געטאן צו די טעכטער:

— איר װײסט וואוהין ער גײט?

זײ האבן געוואוסט. די שוועסטער האבן זיך בלויז געחידושט, וואס דער ברודער זיצט אין פערד־שטאל, גײט נישט צו דער ראמפע. ער האט עס שוין לאנג געדארפט טאן. געשווילן פון קעלט און הונגער איז בעסער? ליגט די מוטער מיט געשוואלענע פיס, ליגט די ייִנגערע שוועס־טער. א ווארעמקײט, אז ס׳וועט נאך אפשר הײנט זײן א לעפל געקעכץ, האט זיך געהויבן אין די מײדלעך. די אויגן האבן געפיבערט. די טרוקענע מײלער — געוואסערט. מיטן שווײגן האבן זײ געלאזט וויסן דעם ברו־דער, אז זײ האלטן מיט אים. און ווען די מוטער האט זיך געכאפט, אז אירע רײד זײנען ארויסגעווארפענע, האט זיך זיך צעשריגן אויף די טעכטער:

— וואס שווײגט איר, מײדן?

וואלף, אין דעם וואטאוועון רעקל מיטן בלויען מגן־דוד אויף דעם ארבל, איז שוין געווען אויפן הויף. א טרוקענער, שטעכיקער שנײ איז אים פארלאפן אין פנים ארײן, האט פארכאפט דעם אטעם. די הײף, מיט די געוועלבטע ארײנגאנגען, האבן זיך געצויגן, ווי א טונעל. וואלף איז דורכגעלאפן די הײף, און האט אנגעקלונגען בײם טויער.

יאנקל סטרוזש, אײנגעטוליעט אין א באנדע, איז אנגעקומען מיט אקסן־טריט. ער האט געקלימפערט מיט די שליסלען און מיט גרויס חידוש א פרעג געטאן:

— אזוי פרי? וואו גײסטו, וואלף?

— עפן, יאנקל, עפן.

— צום „תחום שבת״? — האט יאנקל א קוועטש געטאן מיט אן אויג.

וואלף האט געענטפערט מיט א פארקוועטשט אויג און א קיצל געטאן יאנקלען מיט א פינגער.

ס'טויער האט א סקריפע געטאן. א טיר האט זיך געעפנט. וואלף איז געווען אויף דער גאס.

דער שניי האט זיך געלייגט איבער הייזער, איבער דעכער פון דער וואַרשעווער געטא. די סטאַוקע גאס איז געלעגן אונטער א טיפן שניי, נישט אָפּצוטיילן טראָטואַר פון גאס. א בלענדעניש, וואס איז געווען אי ווייס, אי בלוי, האט ביי וואלפן אויף א רגע צוגענומען די ראיה. ער האט זיך געקאַפּיעט אין שניי, דורכגעקאַפּיעט אינעם באַגינען א וועגל. ס'איז אים געוואָרן וואַרעם, כאָטש צעקנעפּל דאָס וואַטאָווע רעקל.

א דראַנגאַווער לאַסט־וואָגן, געשפּאַנט אין א פּאָר פערד, איז אַנגעפאָרן. וואלף האט זיך א נעם געטאן רעכטס און איז געבליבן שטעקן אין א פרישמע שניי ביז איבער די קני. דער שניי האט זיך א שפּאַר געטאן אין די הויזן. די קעלט, וואס האט זיך גענומען הייבן, ווי וואַסער אין א שוואָם, האט זיך א צי געטאן ביז צום בויך. דער אַנטרייבער האט זיך איינגעקוקט אין וואלפן:

— דוכט זיך א באַקאַנטער. ביסטו נישט אַמאָל א שפּאַק? עפּעס געקענט דעם טאַטן דיינעם, כ'האָב געקענט די ברידער דיינע. זיץ אויף!

וואלף האט אין מיטן פאָרן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן דראַנגאַוון וואָגן. און אַז ער איז שוין געזעסן מיטן בעל־עגלה אויף דער קעלניע, האט ער, ווי א געניטער „מוילעכער" אים א פרעג געטאן:

— ווער שטייט היינט ביי דער ראַמפּע?

— דער געשטופּלטער.

— מען זאָגט ס'איז א המן.

— און וואס פאַר א דייטש איז נישט קיין המן? מען דאַרף זיך אויסטויגן. וואס, פאַרסט ס'ערשטע מאָל?

— ס'ערשטע.

דער בעל־עגלה האט געקענט וואלפס פאָטער, ווען דער דייטש האט אויפגעהאַנגען, געקענט וואלפס ברידער, ווען דער דייטש האט דערשאָסן. ער האט נאָכגעלאָזט די לייצעס און האט א לאַנגן קוק געטאן אויפן רויטן וואלף. דערנאָך האט ער פון דער כאַליעווע אַרויסגעצויגן א פּעקל מאַכאָרקע.

## י. אפאטאשו

ביידע האָבן זיך אויסגעוויקלט פּאַפּיראָסן. און כאַטש דער ווינט האָט געבלאָזן, האָט געשאָטן פלאַכטעס שניי, האָבן ביידע קונציק פאַרדרייכערט די פּאַפּיראָסן ביי איין שוועבעלע. און אַז זיי האָבן טיף פאַרצויגן און קריק אַרויסגעלאָזט דעם רויך, האָט איינער אויסגעשפּיגן רעכטס, דער צווייטער לינקס, אויסגעשפּיגן אויף אַ צוויי איילן פון זיך מיט אַזאַ רוגזה, ווי זיי וואָלטן נישט געשפּיגן אין דעם הינטישן וועטער, נאָר אין דעם געשטופלטן דייטש, דעם המן.

1941

# פון דער געטאָ

מיט די פינף טויזנט דייטשן, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין מלאַווע פון די ליטווישע און באַלטישע געגנטן, איז אויך מיטגעקומען זייער גייס־טיקער פירער, דר. פריץ שמידט. די דייטשן האָבן פאַרנומען דעם מאַרק, די פלאַצקער גאַס, די לאַנגע גאַס — אַלע גאַסן און געסלעך, פון וואַנען מען האָט געהאַט די יידן אַרויסגעטריבן.

די איבערגעבליבענע יידן, שניידערס, שוסטערס, קירזשנערס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן דייטשישן מיליטער, האָט מען פאַרשטופּט אין טער־פער־געסל, אין שיל־געסל, פאַרשטופּט אַרום הקדש און אַרום דער מקוה. צווישן די בעלי־מלאכות איז אויך פאַרבליבן דער וולאַצלאַוועקער יוסף קאַרא, אַ מלאַווער איידעם, וואָס איז כל ימיו געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ זייף־פאַבריק. דער יוסף קאַרא, אַ גרויסער חלוש, איז אויך געווען אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער בעל־דקדוק, און נאָך אַ גרעסערער תנ״ך־קענער. ער האָט אויך געקענט לאַטיין און גריכיש. ער איז אָבער געווען אַ שטיל, צוריקגעהאַלטן מענטשל. דערצו אַ גרויסער בישן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ חסד, וואָס די באַלעבאַטים פון דער זייף־פאַבריק האָבן פאַר דער ערשטער מלחמה אים געצאָלט צען רובל אַ וואָך. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס חסד, ווען זיי האָבן אים דערנאָך געצאָלט פופציק גילדן אַ וואָך. ער טויג דאָך צו גאָרנישט, ער איז דאָך נישט קיין מענטש פון דער וועלט, און דאָ צאָלט מען אים שכירות, מען האַלט אים אויס. ער האָט אַלץ גענומען פאַר ליב, אַבי מען זאָל אים לאָזן זיצן איבער די ספרים, איבער די ביכער, וואָס ער האָט יעדע וואָך איינגעהאַנדלט. און צורו האָט אים קיינער נישט געלאָזט — נישט די זייף־פאַבריק, נישט די מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיט אים אין באַרירונג. אַלע האָבן אים

אויסגענוצט. און ער האָט זיך געלאָזט, געהאַלטן אַז דער מענטש איז דערצו געבוירן געוואָרן מען זאָל אים אויסנוצן. אים, יוסף קאַראַן, דעם חלוש, דעם צוריקגעהאַלטענעם, האָט מען אוודאי געדאַרפט אויסנוצן. און אַז אַ חברה בעלי־מלאכות האָבן אים געבעטן, ער זאָל מיט זיי לערנען אַ פּרק משניות, האָט ער נישט אָפּגעזאָגט. דרייסיק יאָר האָט ער מיט זיי געלערנט משניות אין אַלטן בית־מדרש. דאָס משניות־לערנען האָט געהאַט אַ שם: נישט בלויז בעלי־מלאכות — מלאָווער לומדים און משכילים זיינען געקומען הערן יוסף קאַראַס פּרק משניות. און אַז דער דייטש האָט גענומען טרייבן די יידן פון מלאָווע, האָבן די בעלי־מלאכות זיך איינגעשטעלט פאַר זייער רבין, פאַר קאַראַן, געפּועלט ער זאָל בלייבן. און קאַראַ איז געבליבן. די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן אַליין נישט געהאַט ברויט צו דער זעט, האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן, האָבן אויסגעהאַלטן יוסף קאַראַן.

עס איז געווען דאָנערשטיק, צווישן מנחה און מעריב, אין אַלטן, ליידיקן בית־המדרש זיינען געזעסן אַ צוויי מנינים בעלי־מלאכות ביי אַ לאַנגן, ברייטן טיש און געלערנט משניות. דורך די אָפענע פענצטער האָט מען געזען ווי די זון זעצט זיך. ביים עמוד האָט זיך געשמאַלצן אַ חלבן יאָרצייט־ליכט, געדיכטער געמאַכט די שאָטנס, וואָס האָבן זיך געלייגט דורך די אָפענע פענצטער.

יוסף קאַראַ האָט נישט אַריינגעקוקט אין אָפענעם משניות. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך געהאַלטן מיט צוויי פינגער פון יעדער האַנט פאַרן שיטערן, גרוילעכן בערדל און געלערנט מיט אַ ניגון, גע־טייטשט די ווערטער מיט גרויס מתיקות. דאָס שטילע נאָכזאָגן און נאָכ־ברומען פון די בעלי־מלאכות האָט זיך געכפּלט אין דעם ליידיקן בית־מדרש, וואָס איז פול געווען מיט טרויער און תרעומות צום רבונו־של־עולם. אין געשמאַקסטן לערנען האָט אַ בעל־מלאכה, וואָס איז געזעסן לעבן קאַראַן, מיטאַמאָל איינגערוימט אים:

— ר׳ יוסף, דער דייטשישער גייסטלעכער, דר. שמידט, איז אין בית־המדרש.

דער שוואַכער, צוריקגעהאַלטענער קאַראַ האָט נישט געעפנט די אויגן. ער האָט ווייטער געלערנט. און איבערן לערנען האָט זיך געוויקלט אַ מחשבה, אַז נישט דר. שמידט איז אַריינגעקומען, נאָר דער פּראָטעס־טאַנטישער טעאָלאָג הערמאַן שטראַק, דער מחבר פון דער „איינלייטונג

אין תלמוד און מדרש". וואס וואלט קארא דעמאלט געטאן ? דעמאלט — קארא איז איבערגעגאנגען פון יידיש אויף דייטש. ער האט גענומען פאר־טייטשן דאס משניות אין א לוטער־דייטש. ער האט גערעדט מיט א סך בקיאות, מיט גרויס חריפות, ווי פראפעסאר הערמאן שטראק וואלט גע־רעדט אין בערלינער „יודאיקום אינסטיטוט".

יוסף קארא האט געענדיקט לערנען און געעפנט די אויגן. דער גלח, א הויכער, א ברייטער ווי א געביידע, וואס איז די גאנצע צייט גע־שטאנען מיט די פלייצעס צום אפענעם פענצטער, האט איבערגעלייגט די לעדערנע טעקע פון דער רעכטער האנט אין דער לינקער, און איז צוגע־גאנגען צום קליין־געוויקסיקן קאראן. פארשטעלטע שטיקלעך ליכט זיינען א פאל געטאן פון אפענעם פענצטער, און עס איז ליכטיקער געווארן ארום טיש.

יוסף קארא איז אים אנטקעגנגעגאנגען. דער גלח האט זיך עטוואס א בייג געטאן, געדריקט קאראן די האנט און זיך פארגעשטעלט:

— דר. פריץ שמידט. אינטערעסאנט געווען צו הערן, ווי איר לערנט משנה. אזוי האט מיט אונדז געלערנט דער טעאלאג הערמאן שטראק. איך האב זיך צוגעהערט צו אייך, דר. קארא, איך האב זיך אויך צוגעהערט צו אייער אויסגעצייכנטן דייטש און זיך שטארק געחידושט — אזא פארווארפן שטעטל, ווי מלאווע, און אזא געלערנטער ?

— איך בין נישט קיין דאקטאר — האט קארא שטיל א זאג געטאן.

— אנטשולדיקט, איך מיין דאקטאר ראבינער.

— נישט קיין דאקטאר און נישט קיין ראבינער — האט קארא זיך פארלוירן און נאך שטילער גערעדט — איך בין א געוויינלעכער ייד. און אין יעדן יידיש שטעטל קאן מען געפינען אזא אויטאדידאקט ווי איך.

שוין איבער צוואנציק יאר ווי דר. שמידט האט געארבעט אויף א נייער איבערזעצונג פון די אפאקריפן. ווען נישט די היטלער־רעגירונג, וואלט ער שוין די איבערזעצונג לאנג געהאט אפגעדרוקט. אזוי זיינען פארביי יארן און ער האט זיך צו דער ארבעט נישט צוגערירט. דא אבער, אין דעם פארווארפענעם פוילישן שטעטל, וואו ער איז שוין באלד געווען א יאר, האט ער א סך אריינגעארבעט. אין דער ארבעט זיינען ארויסגע־שוואומען קשיות. דר. שמידט האט צונויפגענומען די קשיות און איז

אוועק אין בית־המדרש אריין צום ראבינער. און דא האט אים גאט צו־געשיקט אזא גליק — דער הער קארא וואלט געקאנט פארנעמען א קאַ־טעדרע. ער האט פריי ציטירט די אבות פון דער קירך, זיי ציטירט אין גריכיש, אין לאטיין. וואו א קשיא — האט קארא פארענטפערט. זיי האבן גערעדט וועגן „שושנהן". און אז דר. שמידט האט קאראן געפרעגט, צי ער ווייס די נעמען פון די צווי זקנים, וואס האבן געוואלט פארפירן שושנהן, האט קארא אויפן ארט געענטפערט:

— דער פאטער פון דער קירך, אריגענעס, וואס האט געלעבט אין דריטן יארהונדערט, דערציילט, אז איינער פון די יידישע חכמים האט אים איבערגעגעבן די נעמען פון די צווי זקנים, וואס האבן געוואלט פארפירן שושנהן. דאס זיינען געווען די צווי פאלשע נביאים — אחאב און צדקיהו.

דר. שמידט האט א כאפ געטאן קאראס האנט אין זיינער. אזוי איז ער געזעסן א ווייל. אין די בלויע אויגן איז געווען גוטסקייט פון א קינד. אין האלבע ווערטער האט ער פארזיכערט קאראן, אז ער ליידט פון דעם וואס מען רודפט יידן אין דייטשלאנד, פארזיכערט, אז דעם פאג־ראם אויף יידן אין נאוועמבער, 1938, האבן נישט געמאכט קיין דייטשן, נאר פארשטעלטע געהיים־אגענטן. און קארא? ער האט זיך געפילט פאר־לוירן, וואס דער דאקטאר פארענטפערט זיך פאר אים. די ווערטער זיינע האבן געקלונגען, ווי זיי וואלטן געקומען פון נישט דער־וועלט:

— די דייטשן, די שלעגער, וואס נעמען זיך אזוי איבער מיט זייער ראסע, זיינען דאך גאר קיין מענטשן נישט. עס איז א רחמנות אויף זיי — זיי האבן אינגאנצן אנגעווארן דעם צלם־אלהים.

— וואס האבן זיי אנגעווארן? — האט דער גלח זיך איבער־געפרעגט.

— דעם צלם־אלהים.

עס איז שוין געווען א שטיק נאך מעריב. די בעלי־מלאכות זיינען זיך שוין לאנג געהאט צעגאנגען. ביים לאנגן, ברייטן טיש, וואו די משניותן זיינען געלעגן פארמאכטע, זיינען נאך אלץ געזעסן דער גלח און יוסף קארא. צווישן זיי — אן אפענע טעקע מיט צעווארפענע מאנוס־קריפטן. דאס חלבן יארצייט־ליכט ביים עמוד האט זיך געשמאלצן, האט געזשומעט ווי א געפייניקטע פליג. אונטער די טישן, אונטער די בענק

## ווען פוילן איז געפאלן

— שטיקער חושך. צווישן די נישט־אנגעצונדענע הענגלייכטער — שטי־קער חושך. בלויז דאס יארצייט־ליכט פלעמל האט באלויכטן דעם צע־דריבלטן פרוכת, וואו די גאלדענע לייבן האבן צעעפנט די פיסקעס און זיך געריסן מיט א פארגליווערט געשריי:

— דער חשבון איז נאך נישט אונטער־געפירט!

1941

# די געלע לאַטע

פון דער מיאַדאָווע גאַס האָט מען מענדל אייַנבינדער אַריבערגע־פּעקלט אין אַ קעלער־שטוב אויף סמאָטשע־גאַס. מענדל איז געווען פון די געקליבענע בעלי־מלאכות אין וואַרשע, וואָס האָבן געבונדן די טייערסטע ש״סן, די טייערסטע קלויסטער ביכער, געבונדן פאַר רייכע פּריוואַט־ביב־ליאָטעקן ביכער און ספרים. זיינס אַן אייַנבונד האָט מען אַרומגעטראָגן אויף חידושים. ביכער, געבונדן אין לעדער, געבונדן אין פּאַרמעט, מיט זילבערנע קליאַמרעס, מיט זילבערנע שלעסער. קאַרבירטע רוקנס, גע־ליישט אין גאָלד. מיט מענדלס אַ שטיקל אַרבעט האָט מען זיך געקענט איבערנעמען. און דערצו האָט מענדל געוואוסט, וואָס אַ בוך איז. און דער עיקר — ער האָט ליב געהאַט ביכער. וואָס ער האָט געבונדן, — אין ייִדיש, אין העברעאיש, אין פּויליש — האָט ער עס פריער אַליין איבער־געלייענט. און אַז ס׳איז נאָך מעגלעך געווען, האָט ער זיך דאָס בוך אייַנגעהאַנדלט. די ווענט פון דער אייַנבינדעריי זיינען פול געווען מיט אָנגעפּראָפּטע ביכער־פּאָליצעס. דער דיל איז נישט געווען דורכצוגיין. וואו אַ קער — אַ שטויס ביכער.

די קונדן — רבנים, לומדים, גלחים און ביבליאָפילן — האָבן ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיטן אייַנבינדער. מען איז ביי אים אין וואַר־שטאַט אָפּגעזעסן שעה׳ן. מען האָט גערעדט וועגן זעלטענע דרוקן, וועגן לאַנג פאַרשטאָרבענע מחברים. דאָ, אין מענדלס אייַנבינדעריי, האָט אַלץ אויפגעלעבט. מענדל, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיק ביבליאָגראַף, האָט געהאַט אַן אייזערנעם זכרון. ער האָט געדענקט יעדן דרוק און יעדע אויס־גאַבע. אויפן אויסזען — אַ קליין, דאַר מענטשל. ס׳פּנים — גרוי. די גרויע אויגן — קליינע, קלוגע און ליכטיקע. אַרום די לענדן — אַ שטיקל

לעדערן פארטעך, וואס איז אויסגעשמירט מיט לאם און קלייסטער. ער האט שטענדיק געמיינסטרעוועט און גערעדט, שטענדיק געהאט א צוהער־דער, וואס האט אנגעקוואלן, ווי מען קוועלט אן פון א גוטער שטעל אין א בוך. ביי מענדלען אין דער איינבינדעריי האט מען פארגעסן, אז מענדל איז אן ארבעטער, אז די צוהערער זיינען ארבעטגעבער. די ליבע פון די ביכער־זאמלער, די שיינע איינבונדן, די אלטע, זעלטענע דרוקן — דאס אלץ האט זיך אין מענדלס איינבינדעריי געפלאכטן און געפארט, ווי לע־דער און פארמעט האבן זיך געפלאכטן אין זילבערנע קליאמרעס, ווי ר׳ יהודה חסידס א ווארט האט זיך געפלאכטן מיט פראנציסקוס־פון־אזיסיס.

מיטן פאלן פון ווארשע האט די ארבעט ביי מענדלען אין דער איינבינדעריי זיך אינגאנצן אפגעשטעלט. טייל קונדן זיינען אומגעקומען, טייל זיינען אנטלאפן און טייל האבן זיך באהאלטן אין די לעכער. מענדל האט זיך די אויגן אויסגעקוקט אויף א קונד. ס׳זיינען פארביי וואכן, חדשים און קיינער האט זיך נישט באוויזן. און אז ס׳איז שוין יא עמיצער געקומען, איז איינצובינדן א סידורל, צי א מחזורל. פון אזוינע קונדן האט מען געקענט לייגן די ציין אויף דער פאליצע. מענדלס משפחה האט אנגעהויבן צוצוהונגערן. וואו א שטיקל צירונג, וואו א שטיקל זילבער, וואו א שטיקל בגד — מענדל האט אלץ פארקויפט, אלץ פארזעצט. און אז ס׳איז שוין נישט געווען וואס צו פארקויפן, האט מענדל ארויסגע־שיקט זיינע צוויי יינגלעך אין גאס ארײַן מיט א טאטשקע ביכער. זיי האבן זעלטן עפעס פארקויפט. און אז שוין יא, איז בחצי־חינם. דערנאך האט דער דייטש זיי אריבערגעפעקלט אויף סמאטשע גאס. אין א קעלער־שטוב ארײַן, וואו די פענצטער זיינען ארויס אויפן הויף. דא האט זיך די ארבעט אינגאנצן אפגעשטעלט.

מענדל, ס׳ווייב, ביידע יינגלעך און א דרייפערטל יאריק מיידעלע, וואס האט געדארפט זייגן א פלעשל מילך — אלע האבן געהונגערט. אנ־שטאט מילך האט מען געפאשעט ס׳קינד מיט „פאפע" — שטיקלעך זעמל געבראקט אין הייס, געצוקערט וואסער. די שפייזער זיינען געווען די יינגלעך, וואס זיינען באגינען אוועק אין גאס ארײַן מיט דער טאטשקע ביכער. ווען ס׳איז נאכט געווארן זיינען זיי טיילמאל קריקגעקומען מיט א ברייטל, טיילמאל מיט עטלעכע פונט קארטאפל און טיילמאל מיט גארנישט.

חדשים ווי מענדל האָט זיך נישט געהאַט צוגערירט צום וואָר־שטאַט. אינעם אייזערנעם טאָפּ האָט דאָס איבערגעבליבענע ביסל קלייס־טער זיך געשפּאָלטן פון טריקעניש. ער איז געזעסן ביים קינד אויפן בעטל. דער קאָפּ — אַראָפּגעהאָנגען, ס׳מויל — פאַרקוועטשט און איבערן קעלער האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקט ברומערײַ:

— די מאַמע וועט ברענגען אַ ראָנדעלע מילך...

דער הונגער, וואָס האָט זיך געשפּרייט פון אַלע ווינקלען, האָט זיך דערנעענטערט צום טאַטן מיטן קינד. מענדל איז געזעסן, ווי אין אַ קלעם, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און ס׳פאַרמאַכטע מויל האָט געברומט, האָט איינגעשלעפערט ס׳הונגעריקע קינד:

— די מאַמע וועט ברענגען אַ ראָנדעלע מילך...

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. מענדל האָט נישט געענטפערט. די טיר האָט זיך געעפנט.

— וואוינט דאָ מענדל איינבינדער ? — האָט עמיצער אַ פרעג געטאָן אויף פויליש.

מענדל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעטל, געמאַכט עטלעכע טריט און איז געבליבן שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט:

— אַ גאַסט, אַ גאַסט... וואָס מאַכט איר, פּראָפעסאָר ? ווי ר׳באַך האָט איר מיך אויפגעזוכט ? כ׳וואוין דאָך אין אַזאַ העק ?

— און וואָס מאַכט איר, פּאַניע מענדל ? — האָט דער פּראָפע־סאָר, אַ זעקס פוסיקער פּאָליאַק מיט שפּאַרע וואָנסן, זיך אַרומגעכאַפּט מיטן איינבינדער — כ׳זוך אייך שוין אַרום עטלעכע וואָכן. גוט וואָס כ׳האָב אייך געפונען.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. אויגן — טרויעריקע, קלוגע האָבן גע־האַט צו זאָגן:

— מיר האָבן שיין אויסגעווידטשעפּט !

— און דער פּראָפעסאָר האָט נישט געהאַט קיין שווערקייטן אַרייַנצוקומען אין דער געטאָ ? — האָט מענדל זיך געפרעגט און צוגע־רוקט אַ שטול — ביטע זיצט.

— בלויז ביים אַרייַנגאַנג האָט דער דייטש אויף דער וואַך מיך געפרעגט וואוהין כ׳גיי. אין דער געטאָ איז דאָך אַ חיות — מען זעט קיין דייטש נישט. און ווי, פּאַניע מענדל, איז מיט פּרנסה ? שלעכט, האַ ?

— מען הונגערט.

— גאנץ פוילן הונגערט.

— מיין מיידעלע, — האט מענדל געוויזן אויפן בעטל, וואו ס'קינד איז געשלאפן — ס'איז א מלחמה־קינד, ווייס כמעט נישט דעם טעם פון מילך.

— וואס, די מענדעלאווא האט נישט געהאט צו זייגן?

— מיין פרוי האט נישט געהאט צו זייגן.

— און ס'ביסל מילך וואס איז דא אין פוילן, פירט דער דייטש ארויס קיין פרייסן.

ביידע האבן א וויל געשוויגן. דערנאך האט דער פראפעסאר געוויזן אויף זיין אנגעפראפטער טעקע:

— כ'האב געבראכט א ביסל ביכער איינצובינדן.

— און וואס זאל איך זיי איינבינדן? — האט מענדל א הייב געטאן מיט די אקסלען — אז כ'האב נישט קיין לעדער, כ'האב נישט קיין לייוונט, כ'האב נישט קיין פאפיר, כ'האב גארנישט.

— מיר וועלן קריגן לייוונט, פאניע מענדל, מיר וועלן אויך קריגן מילך, פאר אייער קינד — האט דער טרויער פונעם פראפעסארס אויגן אנגעהויבן צו פארשווינדן — קומט מיט מיר אהיים, וועל איך אייך געבן נאך ארבעט.

— און וואס וועל איך די ארבעט בינדן? — איז מענדלס פארחושכט פנים געווארן בלויז חידוש — אפשר אין די לאטעס מיט די מגן־דודס, וואס מיינע קינדער פארקויפן אויף דער גאס?

— ס'וואלט גארנישט קרום געווען, פאניע מענדל — האט דעם פראפעסארס פנים מיטאמאל זיך פארענדערט, ווי ס'וואלט אויפגעלויכטן — אויף „אלטשטאט" האב איך א באקאנטן, וואס האנדלט מיט מכשירים און צודאטן פאר איינבינדער. קומט פאניע מענדל, מיר וועלן ביי אים קריגן א ביסל סחורה.

מענדל איז געבליבן שטיין א צעמישטער. דאס האט אנגעהאלטן א וויל. דערנאך האט ער זיך גענומען דרייען ארום קינדס בעטל, ארום ווארשטאט, ווי ער וואלט עפעס געזוכט. דערנאך האט ער ארויסגעשטעקט דעם קאפ דורכן אפענעם פענצטער און א זאג געטאן צום ווייב, וואס איז געשטאנען איבער א באליע וועש:

— רייזל, וועסט כאפן א קוק צום קינד. איך לויף צו נאך א ביסל ארבעט.

— נאך וואס ? נאך ארבעט ?

פון גרויס פרייד איז ס׳קול ביי רייזלען געבליבן שטעקן אין האלדז. זי האט טיפער אריינגעמאכט די פאלע פון קלייד אין סטאן אריין, איז צו צום אפענעם פענצטער און האט זיך באגריסט מיטן פראפעסאר:

— מיר האבן שיין אויסגעהאנדלט, פאניע פראפעסארזשע.

דער פראפעסאר האט גארנישט געענטפערט. דער טרויער אבער אין זיינע אויגן, אין די געבויגענע אקסלען, האבן צוגעגעבן, אז רייזל איז גערעכט. ס׳איז אים געפעלן מענדלס איינפאל — איינצובינדן פוילישע ביכער אין דער געלער יידישער לאטע. פאר מיצקעוויטשעס „דזשאדי״ איז די לאטע מיטן מגן־דוד דער שענסטער איינבונד.

מענדל האט אויף זיך ארויפגעכאפט ס׳רעקל, וואו אויפן רעכטן ארבל איז געווען צוגענייט אן ארעם־באנד מיט א מגן־דוד.

דער פראפעסאר האט ארומגענומען דעם איינבינדער און זיך שטיל צערעדט:

— אז ס׳שטארבן טאטע־מאמע, אז ס׳שטארבט א ברודער, א שוועסטער, אז ס׳שטארבט א לייבלעך קינד, טוט מען זיך אן אויפן ארבל א באנד פון שווארצער קרעפע, מען טרויערט... הערט, פאניע מענדל — האט ער אנגעוויזן אויף דער יידישער לאטע — איר האט נאך אזא מגן־דוד?

— יא.

— זייט א גוטער און שפילעט אים מיר צו.

און אז ביידע זיינען ארויס אויף סמאטשע גאס, איז דער פראפעסאר איבערגעגאנגען מיט מענדלען אויף דו:

— הערסט, מענדל, מיצקעוויטשעס „דזשאדי״ וועסטו מיר איינבינדן אין דער לאטע מיטן מגן־דוד.

# אין געטאָ אַריין

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג ווען ר׳ יוסל קליינזינגער האָט זיך געשטעלט דאַווענען. אַ חוץ אים איז אין שטוב קיינער נישט געווען. ס׳ווייב, די שנור, דער אייניקער זון — אַלע זיינען אַוועק אין דער יידישער געטאָ, אַוועק זוכן אַ פּאַליאַק, וואָס וועט זיך וועלן בייטן מיט די דירות. קליינזינגערן איז אין גאַנצן געהאַט געבליבן אַכט טעג זיך איבערצוציען. דאָס ציען זיך האָט ער אפשר געקענט אָפּשטופּן אויף נאָך אַ חודש. מען האָט בלויז געדאַרפט דעם לייטענאַנט אַריינשטעקן אין דער יד אַריין. ר׳ יוסל האָט אָבער נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן דייטש. ס׳איז אַ גזירה מן השמים אויף צענדליק טויזנטער יידן, וועט ער, קליינזינגער, זיך נישט באַפרייען פון דער גזירה, וועט זיך נישט אַרויסדרייען פונעם גירוש.

ר׳ יוסל האָט שטאַרק געליטן וואָס ער קען נישט דאַווענען מיט כוונה. צווישן די תפילות — דאָס רשעות פונעם דייטש. ווער רעדט וועגן פּרנסה, אַז מען איז נישט זיכער מיטן נפש? ס׳איז דאָך אַ בפירושע משנה: ווי לאַנג ד אָ ס מת ליגט פאַר דיר, ביסטו פטור פון דאַווענען, פּטור פון תפילין. נו, און אַז דער פּוילישער ייד ליגט ווי אַ בר־מינן, איז מען נישט פּטור פון דאַווענען, נישט פּטור פון תפילין?

ר׳ יוסל האָט פאַרמאַכט די אויגן, פאַרקוועטשט די ליפּן און אָנגערירט דעם הייסן שטערן אָן דער קאַלטער וואַנט. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ ווייל. דערנאָך האָט ער גענומען פּאַטשן מיט די האַנט־פּלאַכן איבער דער וואַנט, געפּאַטשט ביז ווייטיק און ווייטער געדאַווענט.

אין מיטן דאַווענען האָט ער אויפגעשלאָסן אַ קופערט באַשלאָגן מיט אייזן און אַרויסגענומען אַ „מסכתא תענית״ געבונדן אין פאַרמעט. דער זעכציק יאָריקער ר׳ יוסל האָט זיך געזעצט ביי אַ טישל, וואָס

איז געשטאנען לעבן פענצטער. ער האט געעפנט די גמרא. פון די בלע־טער, שטייפע און ליכטיקע, ווי פריש געהובלטע ברעטער, האט זיך גע־טראגן א קיניקער ריח. ר׳ יוסל האט א הייב געטאן א בלאט אנטקעגן דער זון. פון צווישן די אותיות האט ארויסגעלויכטן א וואסערצייכן — א געטאקטע האנט מיט א קריינדל איבערן מיטלסטן פינגער.

ר׳ יוסלס מאטע, געקנייטשטע פנים, איינגעראמט אין א שוואר־צער, פירעקיקער בארד, וואס האט געגרויט אין די שפיצן, האט אויפגע־לויכטן. פון די שווארצע, טרויעריקע אויגן האט געפלייצט חכמה. ווען בישט די מלחמה, איז ר׳ יוסל זיכער געווען, וואלט מען צו אים געקומען פון לאנדאן, פון בערלין, פון פאריז, פון ניו־יארק, מען וואלט געקומען פון דער גאנצער וועלט אנקוקן די איינציקע איבערגעבליבענע מסכתא פון דעם טאלידער ש״ס, וואס יידן האבן געדרוקט אין פערצן הונדערט זיבן און אכציק.

די מסכתא האט זיך פארוואלגערט אין דעם פראנציסקאנער קלויס־טער. דער ביבליאטעקאר פון דעם קלויסטער, דער „ברודער״ יאן שי־מאנסקי, האט פאר זיין טויט עס געשאנקען ר׳ יוסלען. דער שימאנסקי האט נאך געקויפט ביכער און מאנוסקריפטן ביי ר׳ יוסלס זיידע, ביי ר׳ יוסלס פאטער.

די קליינזינגערס — פינף דורות אנטיקווארן — האבן פון אכצן הונדערט און צוואנציק געהאט א ביכער־געשעפט אויף שוויענטא־קשיס־קע. וואו אין פוילן א פריוואט־ביבליאטעק, די קליינזינגערס האבן אהין צוגעשטעלט פוילישע ערשטע אויסגאבעס, אלטע דרוקן, מאנוסקריפטן. ס׳ביכער געשעפט האט אויך געהאנדלט מיט העברעאישע מאנוסקריפטן און אלטע דרוקן. נאך אין די אכציקער איז ר׳ יוסלס פאטער ארומגעפארן אין איטאליע, אין קאנדיע, אין מצרים, אין פערסיע, וואו ער האט אויפ־געקויפט ספרים און כתב־ידן.

די משפחה קליינזינגערס — פון גרויסן יחוס — זיינען געווען חסידים. אמאל איז מען געפארן נאך פשיסכע, דערנאך נאך קאצק. איצט — נאך גער. מאנסבילן — כמעט אלע שווארצע — האבן זיך געפוצט אין „געהאקטע״ קאפאטעס ביז צום טריט. די קעלנערלעך פון די ווייסע העמדער געקראכמאליעט. די טוכענע היטלעך, מיט גאר קליינע דענקעס, האבן ברייטער געמאכט די שווארצע בערד. אויף די פיס — געפאסטע,

אפגעפוצטע שטיוועלעך אויף איינצושפיגלען זיך. און גערעדט האבן זיי פויליש — אויף חידושים.

ס'ווייבער־פאלק האט מען נאכגעקוקט אין די גאסן. און נישט אזוי פון שיינקייט וועגן, ווי פון אויסטערלישקייט. די שטערנטיכלעך, די שאלן, די אוירינג, די פערל און דער עיקר די פנימער, לענגלעכע פנימער, ווי אויף מעדאליאנען פון אלטן ביין. ס'איז אפשר געווען ס'איינציקע חסידישע הויז אין ווארשע, וואו אויף די ווענט זיינען געהאנגען קופער־שטיכן און גראוויאורן פון זיידעס און באבעס, ס'איינציקע הויז וואו ס'ווייבער־פאלק האט יעדן שבת געלייענט ס'חומש אויף פויליש.

ביי ר' יוסלען אין קאבינעט איז געשטאנען א שענקל מיט אן אויפשריפט — „פינף דורות קליינזינגערס". א בוך, א בראשורע, א צייטונג, וואו די משפחה קליינזינגער איז דערמאנט געווען, האט מען אפגעהיט אין דעם שענקל.

אין קאבינעט זיינען געשטאנען געשניצטע אלמערס, וואו ס'זיינען געווען אלטע דרוקן אין העברעאיש, אין פויליש. די ווענט פון קאבינעט האבן געהאט צו דערציילן פון ר' מענדעלע קאצקער, פון „חידושי הרי"ם", פון מיצקעוויטשן און מאטייקאן. די אלע זיינען דא געווען געאכט, ווי די אלטע דרוקן אין די ביכער־שענק. און זיינען פארבליבן ווי די זיידעס און באבעס, וואס זיינען געהאנגען אויף די ווענט. און נאך מער מיט זיי האט זיך די משפחה קליינזינגערס געגרויסט.

ר' יוסל האט אויסגעטאן טלית און תפילין און איז געבליבן שטיין אין פענצטער, וואס איז ארויס אין הויף אריין. א קליינער, שטילער הויף, פארפלאנצט מיטביימער. ס'איז שוין געווען נאך ימים־נוראים. דא, אין דער דירה איז ער, יוסל, געבוירן געווארן, דא איז זיין פאטער געבוירן געווארן, זיין זיידע, זיין עלטער־זיידע. ווען איז דאס געווען? מיט הונדערט יאר קריק, מיט פינף־און־זעכציק יאר קריק. און היינט? ר' יוסל האט זיך איינגעקוקט אין די גרויע שפיצן פון זיין שווארצער בארד, דערזען פאר זיך די געטא־מויער, געזען ס'ווייב, די שנור, דעם זון, ווי זיי לויפן און זוכן א דירה ס'זאל זיין וואו זיך אויסצובאהאלטן פון די קעלטן, וואס צעבלאזן זיך נאך ימים־נוראים.

ר' יוסל האט אויפגעציטערט. מען האט, דאכט זיך, א קלונג געטאן ביי דער טיר. ער האט אראפגעצויגן ס'העמד איבער דער נאקעטער

האַנט, אָנגעטאָן דעם אַרבל פון דער קאַפּאָטע און איז געגאַנגען עפֿענען די טיר:

— אַ גאַסט! אַ געהויבענער גאַסט! — האָט ר' יוסל באַגעגנט דעם אַלטן חראַביאַ בראַניצקין, זיינס אַ קונד פון צענדליקער יאָרן.

דער חראַביא, קסאָווערי בראַניצקי, האָט וואַרעם געדריקט ר' יוסלס האַנט, אים אָנגעקוקט מיט די פאַרנעפּלטע, בלויע אויגן און געשוויגן. אַזוי קוקן זיך אָן ברידער, ווען איינער דאַרף אָנזאָגן דעם צווייטן, אַז זייער פאָטער, צי אַ מוטער, איז געשטאָרבן.

און אַז דער חראַביא האָט אין קאַבינעט אוועקגעלייגט אויף אַ קליין טישל דעם שטעקן, אויפן שטעקן דעם קאַפּעליוש, האָט ער ווידער אַ נעם געטאָן ר' יוסלס האַנט אין זיינער און געזאָגט:

— האָבן מיר שוין פּאָליאַקן אין אונדזער קרוינשטאָט וואַרשע אויך אַ געטאָ.

אָפּגעזאָגט די עטלעכע ווערטער האָט דער הראַביאַ זיך אַראָפּגעלאָזט אינעם פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער. ר' יוסל האָט אים נישט געטרייסט. ער האָט זיך אויך צוגעזעצט. אַזוי זיינען ביידע געזעסן אַ ווייל. מיטאַמאָל האָט דער חראַביא זיך צעלאַכט. ס'איז נישט געווען קיין געלעכטער. ס'איז ענלעכער געווען אויף אַ גרימערײַ:

— איר ווייסט, פּאַניע קליינזינגער, אַז דער דייטש טרייבט מיך פון מיין דירה?

ר' יוסלס קלוגע אויגן, וואָס זיינען געוואָרן טרויעריקער, האָבן געהאַט צו זאָגן:

— מיך אויך.

ס'איז ווידער געוואָרן אַ ווייל שטיל. דערנאָך האָט דער חראַביא אַ זאָג געטאָן:

— פּאַניע קליינזינגער, איר ווייסט צו וואָס כ'בין אַהער געקומען? כ'וויל מיר זאָלן זיך בייטן מיט די דירות. איך וועל זיך אַריבערקלייבן אַהער און איר — אין מיין דירה אויף לעשנאָ. איז וואָס זאָגט איר, פּאַניע קליינזינגער?

— גאָט אליין האָט אייך צוגעשיקט, חראַביא בראַניצקי — האָט ר' יוסל זיך אויפגעשטעלט — און זיי די „הונטצוואָטעס" וועלן דאָ לאַנג נישט ווירטשאַפטן. איך גיב זיי דריי יאָר, העכסטנס פיר.

דער הראביא האט זיך אויפגעשטעלט. ער האט א נעם געטאן פר־
נעם טיש די „מסכתא תענית״ געבונדן אין פארמעט, געעפנט דעם שער־
בלאט און די פארנעפלטע בלויע אויגן האבן געקוקט אויף ר׳ יוסלען:

— וואס איז דאס?

— דאס איז א גמרא געדרוקט אין שפאניע אין 1487, עטלעכע
יאר פארן יידישן גירוש.

— און ווי ביי און פריש די בלעטער און דער דרוק זיינען.

— ס׳האט איבערגעלעבט פערדינאנדן און איזאבעלען — האט ר׳
יוסל געזאגט.

דער הראביא האט ארומגענומען ר׳ יוסלען. ביידע האבן זיך גע־
דריקט די הענט און געשוויגן.

# אויף די נאַלעווקעס

די נאַלעווקעס, וואָס האָבן געשניטן צום מוראַנאָוו, האָבן אויס־געזען ווי נאָך אַ שריפה. פון די מויערן מיט די לאַנגע הייף זיינען בלויז געבליבן אָפּגעסמאַליעטע פונדאַמענטן.

געוועזענע סוחרים, געוועזענע „ווערטן" (הויז־אייגנטימער), האָבן אינעם קאַלטן באַגינען אַרויסגעבראַכט אַהער זייער ביסל אָרעמקייט. מען האָט עס צעלייגט, ווער אויף אַ שטיקל ראָגאָזשע, ווער אויף אַן אַלטער פּלאַכטע, ווער אויף דער גאָלער־ערד. דאָס האָט מען געטראָגן אין גאַס אַריין ס׳לעצטע וואָס מען האָט פאַרמאָגט. איז אַ געוועזענער „ווערט" געשטאַנען מיט צוויי שטיקלעך אָנגעשפּאָלטענע קרישטאָל, מיט אַ ראָמש שיך, וואָס מען פלעגט אין די „גוטע צייטן" געפינען אין אַ מיסטקאַסטן. אַ געוועזענער סוחר האָט פאַרקויפט אָפּגעריבענע פּאָנאָגראַף־פּליטן, אַ גי־טאַרע אָן סטרונעס, אַן אויסגעריבענעם שלאָפראָק מיט געשטעפּטע לע־קעכלעך. אַ האַלב קלייד, הויזן מיט לעכער, אַ געל שטיקל ראַטאַנדע פון סאָביעסקיס צייטן — אַלץ איז געווען סחורה. אַלץ האָט מען באַקוקט, באַטאַפּט. אויף אַלעם האָט מען געזאָגט מבינות.

אויפן געפּאַקטן מאַרק איז נישט געווען צו זען קיין אייַן שטעל, קיין איין געלענדער. די „פאַרמעגלעכע" האָבן געהאַלטן זייערע סחורות אין קינדער־וועגעלעך. אין אַ האַלב־צעבראָכן קינדער־וועגעלע — אַ שוך־געשעפט. אויף אַ צווייט קינדער־וועגעלע — אַ קליידער געשעפט. צווישן די קאַפּאָטעס און הויזן — צוויי וועקזייגערס אַן שויבן. אַן אַ זייט — אַ קאַטערינקע. אויף דער קאַטערינקע אין אַ דראָטן שטייגל — אַ ווייס ים־חזירל. ס׳חזירל האָט געצויגן בילעטן, פאַרגעזאָגט פאַר אַ גראָשן דעם מענטשנס מזל.

דאָס געדראַנג האָט דערמאָנט אַן אַמאָליקן יאַריד. קינדער, דער־

וואקסענע, זקנים — מען האט זיך געשטופט פון איין קינדער־וועגעלע צום צווייטן, מען איז געגאנגען פון א ראמש צו א רומל. מען האט באַ־קוקט יעדע קלייניקייט, געפרעגט פרייזן און פון נייגעריקייט האבן די אויגן זיך געפלעמלט.

אויפן מארק איז נישט געווען צו זען קיין קריש עסנוואַרג, קיין לעק נאַשוואַרג. וואו זיינען אַהינגעקומען די וואַרשעווער ווייבער און מיידן מיט די קוישן בייגל, מיט די קוישן פלאַם־פלעצלעך? וואו זיינען אַהינ־בעקומען די יינגלעך מיט די בלעכן לאַנדערינקעס, מיט די קעסטלעך כאַלוואַ?

די יינגלעך?

זיי האבן זיך געדרייט צווישן עולם, געהאלטן ווער א פעקל, ווער א צוויי פעקלעך שוועבעלעך, זיי מעכאַניש געדוקט יעדן פאַרבייגייער אין פנים אריין:

— קויפט א פעקל „זאַפּאַלקעס״! קויפט, יידן!

און אַז די אויסגעשטרעקטע הענטלעך האבן זיך אַראָפּגעלאָזט האט איין יינגל, אין א צו־לאַנגער קאַפּאַטע, א פרעג געטאָן ביים צווייטן:

— נו, פנחסל, געלייזט עפּעס א פדיון?

— אויף היטלערן געזאַגט.

— און דו, משהלע?

— און אַז כ׳האב געלייזט? כ׳וועל דיר ס׳גאַנצע לייזעכץ אַוועק־געבן פאַר א פערטל פונט ברויט.

— וואס, ווילסט קויפן ברויט? — האט דער עלף־יאָריקער פּינחס א שטופ געטאָן מיטן עלנבויגן דעם צוועלף־יאָריקן משהן. — אַט איז חנה, די בייגל־יידענע.

— זי האט דען ברויט?

ס׳האט געהייסן, אַז חנה האנדלט שוין מער ווי א יאר נישט מיט קיין געבעקס. דער דייטש האט פאַרווערט. אַז מען כאַפּט, האט מען איינגעזוצט, און אַז מען האט געכאַפּט ס׳צווייטע מאָל, האט מען דער־שאָסן. באַהאַלטענערהייט האט אָבער חנה יאָ געהאַנדלט. זי האט צע־שניטן א פונטיק ברויט אויף אַכט פּליטשן. א פּליטש —א האלב פערטל פונט ברויט. די פּליטשן האט זי צעלייגט אַרום דער טאַליע, ווי א קאַר־סעט. דער לויזער מאַנטל — צוגעקנעפּלט. אזוי האט חנה, די בייגל־

הענדלעריו, זיך געדרייט פונעם מוראַנאָוו צו די נאַלעווקעס, זיך געדרייט
הין און קריק און געפירט מסחר. זי האָט געגלייבט, אַז ס'שטייט איר
ביי גרויס זכות־אבות, אַנדערש וואָלט מען זי שוין לאַנג געהאַט געכאַפּט.

דער עלף־יאָריקער פּינחס האָט אַ צי געטאָן ס'העמטל צו חנהן:

— קויפט אַ פּעקל "זאַפּאַלקעס"!

און אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער יידענעס בליק, האָט ער
שטיל צוגעגעבן:

— צוויי פּליטשן ברויט.

די יידענע האָט אויפן קול זיך געהייסן אָפּציילן צען שוועבעלעך.
און אַז ער האָט גענומען ציילן, האָט זי אים איינגערוימט:

— שטעק אָפּ.

דער מסחר איז געשלאָסן געוואָרן. די ייִנגלעך זיינען אוועק מיט
די צוויי פּליטשן ברויט. פּינחסל האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף משה־
לעס אַקסלען, ווי זיי וואָלטן שוין יאָרן געווען חברים. ער האָט אים דער־
ציילט פונעם פאָטער, וואָס איז געהרגעט געוואָרן פון אַ באָמבע, דער־
ציילט, אַז אין שטוב ליגט אַ שוועסטער קראַנק. משהלע איז געווען גער־
ירט. ער האָט זיך מער נישט געקווענקלט, צי ער זאָל זיך יאָ טיילן, צי
נישט טיילן מיט פּינחסן. ער האָט אים געגעבן אַ פּליטש ברויט:

— נאַ, עס.

די ייִנגלעך האָבן פאַרזיכטיק אַ נעם געטאָן די פּליטשן ברויט,
ווי זיי וואָלטן נישט געהאַלטן קיין ברויט, נאָר לעבעדיקע פייגל, וואָס
קאָנען אַוועקפליען. אין דער לינקער האַנט ס'ברויט. די רעכטע האַנט אונ־
טער דער לינקער, קיין קרישקע זאָל נישט פאַרלוירן גיין. די ייִנגלעך האָבן
געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, נישט געפילט ווי דער קאַלטער חשוון־ווינט
צעבלאָזט די קאַפּאָטעס און איבער די לייבער קריכן ביייסיקע שטיקער
קעלט.

פון מוראַנאָווער מאַרק האָבן זיך געטראָגן קלעפּ פון אַ באַראַבאַן;
די קלעפּ זיינען געוואָרן שטאַרקער, זיך געוויגט איבער די איינגעוואַר־
פענע הייזער, איבערן נאַלעווקער מאַרק, וואו די שרעק איז געהאַנגען אין
דער לופט, האָט זיך געריסן פון די מויערן, פון די איבערגעשראָקענע
מענטשן:

— שוין ווידער?

— וועמען פירט מען?

— אז ס׳איז א גזר־דין!

דער באראבאן האט גערופן דעם המון, גערופן צום געטא־טויער, וואו דער דייטש האט איינגעפירט אויף פוילישער ערד יושר און גע־רעכטיקייט.

אויפן נאלעווקער מארק איז געווארן א בהלה. מען האט גענומען איינפאקן ס׳ביסל ארעמקייט.

— וואס, א רעוויזיע?

— ווער קומט?

— המן אליין?

— דער קאמענדאנט?

— ס׳איז נישט קיין רעוויזיע!

— ס׳איז א פעלד־געריכט!

— א פעלד־געריכט?

דער עולם איז נישט איבערראשט געווארן. מען האט גענומען קריק אויספאקן די סחורה. ס׳פויקן איז געווארן שטילער, זיך געטראגן ווייטער, ווי א ווייטער דונער.

— אויף וועמען איז געפאלן דער ביטערער גורל?

— הא, אויף וועמען?

— אויף א פראוועגצער?

— ווער איז זי?

— א יידענע פון ווענגראווע. זי איז געווען צוגאסט ביי דער טאכ־טער און איר מיטגעבראכט א מתנה אן „אסלע״ פוטער. דארף מען פונקט ביי איר געפינען! אז ס׳איז נישטא קיין מזל! גייען אנדערע באלאדנט מיט סחורות און עסנווארג און מען כאפט זיי נישט, און דאס — א ז א ארעם מענטשיסקע — פאלט דורך מיט אן „אסלע״ פוטער.

— דאס איז איר גאנצער חטא?

— פאר אזא חטא שיסן זיי, די הינטישע זין.

— נישט פון היינט, נישט פון נעכטן און נישט פון אייערנעכטן שיסט מען אונדז. „יעקע נאר״ וועט אונדז נישט אפשרעקן.

— דאס זיינען דען מענטשן? דאס זיינען דאך מערדער!

— דארף מען דאך עפעס טאן!

— כ׳ווייס, אפשר אריבערלויפן...

די לעצטע ווערטער זיינען ביי אלעמען געבליבן אין גרגרת. אמאַ־ליקע צייטן, ווען ס׳האָט מיט אַ ייד געטראָפן אַן אומגליק, האָט מען געשיקט צום מלכות דעם רב, ער זאָל אָפשרייען דעם ביטערן גזר. היינט אָבער, ווען דער דייטש האָט פאַרלוירן דעם צלם־אלוקים, וואָס פאַר אַ פּנים האָט ביי אַזאַ איינעם דער רב, צו להבדיל, דער גלח ? און דאָס וואָס דער דייטש האָט אָנגעוואָרן דעם צלם־אלוקים, דווקא דאָס האָט צו־געגעבן בטחון.

די וועלט איז נאָך נישט הפקר.

טאָקע נישט הפקר.

# דאָס חופּה־וקדושין פינגערל

דער שניי, וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער צוויי מעת־לעת, האָט אַזוי געהאַט פאַרשאָטן ס׳דערפל לעוויטשין, אַז מען האָט פון טייל שטיבלעך די פענצטער נישט אַרויסגעזען, פון אַנדערע — די דעכער.

פון איין זייט האָט זיך אויף מיילן געצויגן דער לעוויטשינער וואַלד, פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך געבערגלט פריזמעס שניי. און איבערן פאַרשאָטענעם דערפל איז געהאַנגען אַ טיפע שטילקייט. פון מאָל צו מאָל האָט די שטילקייט אויפגעציטערט. הונגעריקע וואַלד־פייגל האָבן געפאָכעט מיט די פליגל, געגודערט און זיך פאַרבייגעטראָגן איבערן דערפל, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע.

די וועגן, וואָס האָבן געפירט אין וואַלד אַריין, די וועגן, וואָס האָבן געפירט אין נעענטסטן שטעטל אַריין, זיינען נישט געווען אָפּגעקערט.

ס׳פויערים־פאָלק, וואָס האָט שוין ס׳דריטע יאָר נישט געגעסן צו דער זעט, האָט אַ גאַנצן ווינטער געקרענקט. פריער — לונגען־אָנטציג־דונג, דערנאָך — בויך־טיפוס. ס׳איז נישט געווען קיין „כאַטע” אין דערפל, וואו ס׳זאָל נישט זיין קיין חולה.

דער בויך־טיפוס האָט אויך נישט אויסגעמיטן הערש־דוד פאַכטער, וועמעס שטיבל איז געשטאַנען אין עק דאָרף.

פון הערש־דודס פאַכט איז שוין יאָרן קיין זכר נישט געווען. ווי דער דייטש איז אַריין קיין פוילן האָט ער צוגענומען ביים פאַכטער די קי. זומער האָט דער פאַכטער מיטן ווייב, מיט די דריי קינדער, זיך

נאָך ווי עס איז דערנערט פונעם שטיקל גאָרטן, וואָס איז געווען הינטערן שטיבל. אַ קאַרטאָפל, אַן אוגערקע, אַ ציבעלקע — מען האָט ווי עס איז אַריבערגעשטופּט דעם זומער. ווינטער האָט מען צוגעהונגערט און צוגע־קרענקט. און ווען נישט ס׳פּויערים־פאָלק, די שכנים, וואָס האָבן אַרויס־געהאָלפן מיט אַ ביסל מעל, מיט אַ הייפּטל קרויט, מיט אַ צוגעלעגענער קאַרטאָפל, וואָלט מען אינגאַנצן אויסגעגאַנגען פון הונגער.

די שווערע ווינטערס האָבן ביים פאַכטער שוין געהאַט צוגענומען צוויי קינדער. די ייִנגסטע צוויי מיידלעך — איינס צוויי, איינס פיר יאָר אַלט — זיינען אַוועקגעשטאָרבן. געבליבן איז די עלטסטע — אַ מיידל פון זיבן יאָר.

און דאָ האָט זיך אָנגערוקט דער דריטער ווינטער, אַ שווערער ווינטער. אַזוינע זאַווערוכעס און קרירות האָבן די עלטסטע פּויערים נישט געדענקט.

דערצו האָט מען ביים פאַכטער געקרענקט. פריער ס׳ווייב — אסתר, דערנאָך ס׳מיידעלע — באַשע און איצט — דער פאַכטער אַליין.

וואו אַ שטיקל חפץ, וואו אַ שטיקל וועש, אַ שטיקל בגד — אַלץ פאַרזעצט, פאַרקויפט און פאַרקרענקט.

און כאָטש ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, איז אין דאָרף געווען שטיל, אַ געפרוירענע שטילקייט. די געפרוירענע זשאַלדעווקע האָט נישט געראַשט. דער וואַלד האָט נישט גערוישט. און אין דער טויטער שטילקייט האָבן טריט געסקריפּעט. דאָס האָט דעם פאַכטערס ווייב זיך געקאַפּיעט אין שניי.

אויף די פיס דעם מאַנס צו־לויזע שטיוול, אויף די געבויגענע פּלייצעס — זיין אויסגעקראָכן, שמוישן פעלצעל און אויף די שטאַרע הענט — אַן אורעם האָלץ, וואָס זי האָט אָנגעקליבן אַרום דעם שייער. זי האָט זיך געקאַפּיעט אין אַ טיפן שניי און אירע בלויע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט צו פרעגן:

— וואָס טוט מען?

— וואָס הייבט מען טאַקע אָן טאָן?

ס׳האָלץ האָט זי אַוועקגעלייגט לעבן דער ליימענער קיך. זי האָט

זיך אראפגעלאזט אויף די קני, געעפנט ס'קעד־טירל און אריינגעשטופט די נאסע העלצער.

אין איין בעט איז געלעגן הערש־דוד און געפיבערט, אין צווייטן — די זיבן־יאריקע באשע. פון היץ האט דער פאכטער אויסגעזונגען אלע חזנישע שטיק וואס ער האט געקענט. די באקן האבן ביי אים געפלאמט, ס'רויטע בערדל — געפלאמט. און די אויגן, בלויע, פארחידושטע אויגן, האבן געברענט. און אז די היץ האט זיך ביי אים געהויבן, האט דער פאכ־טער צווישן די חזנישע שטיק גאר גענומען זינגען א שקציש, פויעריש לידל.

דער פאכטער האט זיך מיטאמאל אויפגעזעצט, זיך צוגעהאלטן מיט די שוואכע הענט ביי די בעט־פארענטשעס און אויפגעהערט זינגען. ער האט געהאט א מינע, ווי ער וואלט שוין לאנג ארומגעזוכט ס'ווייב און אט האט ער זי דערזען:

— אסתרשי, כ'ווער פארברענט... אסתרשי קרוין, פארוואס ראטעוועסטו מיך נישט? פארוואס ראטעוועסטו נישט ס'קינד?

אסתר האט א נעם געטאן דעם מאן פאר די הייסע הענט, אים קריקגעלייגט אויפן קישן און זיך פארענטפערט:

— וו'הייסט כ'ראטעווע דיך נישט?

געהיילט די חולאים האבן אלטע פויערים, אלטע פויערטעס, זיי געהיילט מיט שמירעכצן און געווייקטע גראזן. די אויגןביים קראנקן זיינען געקראכן פון קאפ:

— כ'בעט דיך, אסתרשי, ברענג ארויס א דאקטער.

אסתר האט זיך געווישט די אויגן:

— מיט וואס וועל איך אים ארויסברענגען, אז ס'איז נישטא קיין גראשן ביי דער נשמה?

— גוטע מענטשן וועלן דיר בארגן — האט דער קראנקער אין גאנצן געציטערט — כ'ווער פארברענט, אסתרשי, כ'ווער פארברענט.

אסתר האט אים געגעבן א טרונק וואסער, אים גוט איינגעדעקט. דערנאך האט זי זיך צוגעזעצט צום מאן און נישט ארויסגעלאזט זיינע הייסע הענט פון אירע.

זי האט געטראכט וועגן דעם גילדענעם חופה־וקדושין פינגערל,

וואס איז געלעגן אין אן אפטייק־שאכטל, אין וואטע. דאס שאכטל איז געלעגן באהאלטן אונטער דער פאדלאגע אין א גריבל.

דאס חופה־וקדושין פינגערל איז געווען אסתרס אייציקער אב־האלט. וואס האט שוין דער רשע־היטלער נישט געהאט צוגענומען ביי איר? אלץ, אלץ. ווער זאל זיך רעכטן אויף אזא גזר, אויף אזא ביטערן גזר. און איצט אזא שטראף פון גאט! נישט גענוג, וואס באשע ליגט אין גרויסער היץ, האט זיך הערש־דוד אויך אוועקגעלייגט. וואס טוט מען? וואס טוט מען?

זי האט זיך א בייג געטאן צום מאן, וואס איז געלעגן מיט פאר־מאכטע אויגן:

— אפשר פארקויפן ס'חופה־וקדושין פינגערל?

ער האט געעפנט די פארפלאמטע אויגן:

— האסט דען נאך ס'פינגערל? פארקויף עס. וואס האלטסטו עס? ראטעווע מיך אסתרשי, ראטעווע באשקען.

אסתר האט געשטעלט דעם שטעקן אויף א פריער און א געבויגענע זיך געקאפיעט אין שניי, זיך דורכגעקאפיעט די דריי וויארסט פונעם דערפל קיין מלאווע. מיטן גיין האט זי זיך דערווארעמט. פלאמען אין די באקן, אין די פלייצעס, פלאמען אין בויך. דעם וועג ווואלט זי געטראפן מיט פארמאכטע אויגן. זי איז דאך דא געבוירן געווארן, דא געוואקסן, דא זיך געטראפן מיט הערש־דודן. א וואך פאר דער חתונה איז הערש־דוד מיט איר ארײן צו משה זייגערמאכער, וואס האט געוואוינט אין עק מארק. ביים זייגערמאכער האבן זיי טאקע געקויפט ס'חופה־וקדושין פינגערל.

און היינט?

היינט איז משה זייגערמאכער ערגעץ אין א „יודען־לאגער". און נישט בלויז ער. כמעט אלע יידן פון מלאווע האט דער המן פארטריבן. טא וואוהין גייט אסתר? ווער וועט ביי איר קויפן ס'פינגערל?

דער געדאנק האט אסתרן אפגעשטעלט. דער מוח איז ביי איר מיטאמאל געווארן ליידיק, ווי ס'ווערט ליידיק א צימער, ווען מען נעמט פון אים ארויס אלע זאכן.

זי האט געקוקט אויפן ליידיקן מארק מיט די פארמאכטע געוועל־בער, געקוקט אויף די בערג שניי פון די אפגעקערטע טראטוארן, געקוקט

אויף די גליבעס אייז, וואס זיינען געלעגן ארום דער פלומפ און נישט געוואוסט וואו זיך א קער צו טאן.

א גלאק האט זיך אין מיטן מארק צעקלונגען. דאס קלינגען איז אסתרן געווען באקאנט — דער מלאווער גלח איז געפארן אין שליטן צו א קראנקן.

דער געדאנק, אז אין דערהיים ליגן אירע צוויי חולאים אליין, איז געווען גענוג זי זאל זיך א ריס טאן פון ארט. דער בליק איז געפאלן אויף א קיילער־געוועלב. דעם קיילער האט אסתר געדענקט נאך פון מיידלוויז. זי איז ארויף צום קיילער אין געוועלב:

— גוטן טאג, פאניע ווישנעווסקי.

— גוטן טאג... וואס וועט איר זאגן גוטס ?

— איר דערקענט מיך נישט ?

— א — — — עס־טע־רא — — אוודאי געדענק איך אייך... שכנים געווען... ס'איז קאנטיק, עסטערא, אן די פנימער, אז היינט איז ביי קיינעם נישט פריילעך אין פוילן...

אסתר האט אויסגעגאסן פארן קיילער איר ביטער הארץ. פאריקן ווינטער האט זי באגראבן צוויי טעכטער. היינט ליגט דער מאן, ליגט ס'איינציקע טעכטערל, וואס איז איר געבליבן... ביידע ליגן אויף בויך־טיפוס.

און אין שטוב איז נישטא קיין גראשן... נישט קיין ביס ברויט און דא דארף מען א דאקטער... בעט זי דעם פאן ווישנעווסקי ער זאל האבן רחמנות און איר אויסבארגן וויפל ער וויל אליין אויפן חופה־וקדושין פינגערל...

אסתר האט אים אונטערגעטראגן ס'אפטייק־שאכטל. דער קיילער האט עס געעפנט, ארויסגענומען פון דער וואטע א גילדן־רינגל און עס געוואויגן אויף דער צעיוירענער האנט־פלאך, ווי ער וואלט געוואלט דער־גיין דעם ריכטיקן ווערט פונעם פינגערל.

לעבן אים איז געשטאנען אסתר — אן אלטע, צעבראכענע יידענע מיט פארוויינטע אויגן, כאטש זי איז קוים אלט געווען אכט און צוואנ־ציק יאר, געשטאנען און געבעטן גאט ער זאל נישט הארט מאכן ס'הארץ פונעם קיילער.

דער קיילער האָט אַ קוק געטאָן אויף אסתרן, אַ קוק געטאָן אויפן פינגערל און געזאָגט:

— אַ צוואַנציק גילדן קאָן איך אייך באַרגן.

אסתר האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קיילערס ביידע הענט, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט קושן. די פאַרלאָפענע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. די אַלט־קייט האָט זיך באַהאַלטן אין די „לאַכעס", וואָס זי האָט געטראָגן און פון די צעריסענע בגדים האָט אַרויסגעשיינט די אַמאָליקע אסתר, ווי אַ שטיקל זון רייסט זיך אַרויס פון פאַרכמורעטע וואָלקנס.

# גירוש וואָלקאַ

פון די שכנישע שטעט — פון מלאַווע, פון כאָרזשעל, פון ריפין, פון טשעכאַנאָווע — האָט מען שוין לאַנג געהאַט אַרויסגעטריבן די יידן, און אין דעם גרענעץ־שטעטל וואָלקע, וואו ס'האָבן געוואוינט אַ הונדערט יידישע משפחות, האָט מען נאָך קיינעם נישט געהאַט געטשעפּעט. פאַר־קערט, וואָלקע איז אין דעם יאָר נײַנצן הונדערט און פערציק גאָר אויפ־געבליט געוואָרן. פונעם דײַטשישן חייל, וואָס האָט טאָג־און־נאַכט געצויגן דורך וואָלקע, איז ס'שטעטל רײַך געוואָרן. די שניידערס, די שוסטערס, די שלאָסערס, די שמידן — קיינער האָט זיך נישט געקענט באַטאָן מיט דער אַרבעט. די קראָמען און געוועלבער האָבן נישט בלויז געלייזט, זיי האָבן „געזשאַבעט" גאָלד.

וואָלקע האָט זיך געחידושט, געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ זכות־אָבות שטייט איר בײַ. מיט גרויסע לומדים, מיט באַרימטע רבנים האָט זיך וואָלקע נישט געקענט איבערנעמען. ס'איז נאָך געווען אַן אָנגעלאָ־פענע שטאָט פון די צאַרישע צײַטן. האָט אַ ייד זיך פאַרזינדיקט קעגן מלכות, האָט מען אים געגעבן אַ „פּאַביט", אים פאַרשיקט קיין וואָלקע. טייל האָבן געקראָגן אַ פּאַביט אויף פינף יאָר, אַנדערע — אויף צען, אַנ־דערע — אויפן גאַנצן לעבן. אינעם שטעטל זײַנען געווען אָנגעלאָפּענע יידן נישט בלויז פון קרוין־פּוילן, נאָר אויך פון ליטע, פון אוקראַינע. זייער לשון — אַ געמיש צווישן ליטוויש־אוקראַיניש און פּויליש־יידיש.

די עלטער־עלטער־זיידעס — מוסרים, אונטערצינדער, פאַלשע־געלט־מינצער. די עלטער־זיידעס — מולכער, וואָס האָבן „געשוואַרצט" פון פרייסן זיידנס, ציגאַרן, בראַנפן, וואָס האָבן געשמט איבער פלאַצקער גובערניע מיט זייערע געשלעגן.

## י. אפאטאשו

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין וואולקע איז געווארן אויס גרענעץ, האט זיך אפגעטאן דער גלאנץ פונעם שטעטל. יידן זיינען געבליבן אן פרנסה. מען האט זיך געדרייט איבערן ליידיקן מארק, אין מויל א שטרוי, אין האנט א לייכט יאמשן שטעקעלע. מען האט אפגע־שלייפט די אפצאסן פון צופיל שפאנען און קיין פרנסה איז אלץ נישט געווען. טייל זיינען זיך צעלאפן, און די, וואס זיינען געבליבן, די איי־ניקלעך פון די „פאביטניקעס", זיינען געווארן שוסטער, שניידער, קרע־מער און שמידן.

אין בית־המדרש צווישן מנחה און מעריב, האט מען נאך אלץ דערציילט מעשיות וועגן די זיידעס און עלטער־זיידעס, כאטש מען האט שוין נישט געדענקט פון וואנען די עלטער־זיידעס זיינען געקומען.

די בעלי־מלאכות האבן געהאט א חברה משניות, א חברה „עין יעקב". מיט דער חברה „עין יעקב" האט אנגעפירט יוחנן שוסטער, א ברייטצייניקער פארשוין מיט א שווארצער באָרד, וואס איז אריינגעוואקסן אין די אויגן, אין די אויערן, האט פארשטעלט ס'גאנצע פנים.

דער יוחנן, וואס האט אויסגעזען ווי א גזלן, און האט קיין בייזע גאל נישט געהאט, האט דער ערשטער זיך גענומען בונטעווען. פון די שכנישע שטעט האט מען געטריבן יידן, איין גירוש נאכן אנדערן, און דא, אין וואולקע, אזא אנרייס, מען איז ממש געגאנגען אין גאלד.

יוחנן שוסטער האט עס נישט געקאנט פארטראגן. ווי ער האט אויסגעדליבעט זיין וואך חיונה, האט עס געמעגט זיין אין מיטן וואך, האט ער פארדעקט דעם שוסטער־ווארשטאט און געמאכט שבת. ער איז אוועק אין בית־המדרש און האט זיך גענומען בונטעווען.

— מען טרייבט יידן פון מלאווע, פון טשעכאנאווע, פון ריפין! מען טרייבט יידן פון כארזשעל! וואולקער יידן האט אבער א גליק באַ־טראפלט! זיי טרייבט מען נישט! זיי גייען אין גאלד! זאלט איר וויסן, וואולקער יידן, אז דאס גאלד איז דער ארויסגעריסענער ביסן פון יידישע מיילער! ס'איז יידיש בלוט, וואס דער רשע האט פארגאסן! און יידיש בלוט איז א קרבן עולה, ס'דארף אינגאנצן פארברענט ווערן פאר גאט — „עולה כליל לה'" — קומט איר, זינדיקע, און שטופט און פאקט אן פולע קעשענעס!

נאך אזא בונטעווען זיך איז אין בית־המדרש געווארן אומהיימלעך. ביים „עין יעקב" לערנען האט געפעלט א האלבער עולם.

און אז ס'זיינען פארביי די יום־טובים, ס'איז פארביי דער הארבסט און מען האט נאך אלץ אין וואולקע קיין יידן נישט געהאט געטשעפעט, האט דער עולם אויבן־אויף זיך, דאכט זיך געפרייט. אין דער אמתן איז עס געווען פארדריסלעך, וואס וואולקע איז אן אויסנאם. מען האט אנ־געהויבן איינצווזען, אז דער „צעדרייטער" יוחנן שוסטער איז ערגעץ גער־רעכט. און אז יוחנן שוסטער האט זיך דערוואוסט וועגן גירוש זשעלין, וואס איז געלעגן בלויז עטלעכע מייל פון וואולקע, האט ער ביים לערנען „עין יעקב" אויף זיך קריעה געריסן. ער האט זיך א הייב געטאן איבערן שולחן:

— איר הערט, יידן, דאס וואס דער „רשע" טשעפעט אונדז נישט, דאס איז דער בעסטער סימן, אז מיר זיינען זינדיק. ס'איז דאך א פסוק אין משלי: „את אשר יאהב ה' יוכיח" — וועמען גאט האט ליב, דעם שטראפט ער. מלאווע האט געהאט א שם! אירע לומדים, אירע רבנים! ר' לוי־יצחק בערדיטשעווער האט זיך דארט אויפגעהאלטן א לענגערע צייט. טשעכאנאווע האט געהאט א שם! א קלייניקייט, ר' אברהמל טשע־כאנאווער! גאט האט זיי אויסדערוויילט, פאדערט ער פון זיי באצאלט פאר אלע זינד! אבער וואולקע? וואס איז דער יחוס מיט וואולקע? מיין עלטער־זיידע יוחנן אן אונטערצינדער, שלמה טאנדעטניקס — א מסור, און אזוי פון הקדש ביז דער מקווה.

— כ'דארף דיך נישט לערנען, יוחנן — האט א זקן, א שווייגער, מיט א פאטש אין שולחן אים איבערגעריסן די רייד — נאר — „אל תפתח פה לשטן" — רוף נישט ארויס די זיידעס אונדזערע פון זייער רו, און כ'פארזיכער דיך, אז דער „רשע" וועט זיך צו אונדז אויך נעמען.

און דער „רשע" האט זיך גענומען צו די וואולקער יידן — זיי האבן זיך דערוואַרט.

ס'איז געווען יאנואר ניינצן הונדערט איין און פערציק. שוין אי־בער א חודש ווי דער ווינטער האט זיך געהאט אוועקגעשטעלט. א שווע־רער ווינטער — שנייען און פרעסט און זאווערוכעס.

אין אזא פראסטיקן טאג האט דער דייטש די הונדערט יידישע

משפחות אַרויסגעטריבן פון וואולקע. די הייזער, די געוועלבער, ס׳אָנגע־קליבענע עשירות — די יידן האָבן אַלץ איבערגעלאָזט.

מיטן שפּרעץ אויף טאָג, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פאַרקאָוועט אין אייז, האָט די וואולקער עדה זיך גענומען קלייבן אין מאַרק אַריין. טאַטעס, מאַמעס, זין, טעכטער, טייל מיט פּאַרוויינטע אויגן, טייל מיט אויגן טרוקן ווי פייער. מען האָט געשפּרייזט מיט קליינוואַרג ביי די הענט, מיט פּיצלעך אויף די הענט. מען האָט געשפּרייזט מיט געפּעק, מיט וואַליזקעס. די עדה האָט זיך צעלייגט אַרום דעם פּוילישן קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק. און ווען נישט די יידישע בערד, די יידישע אויגן און דער יידישער הילוך, וואָלט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַן „אָטפּוסט״ אין מיטן ווינטער.

איין יוחנן שוסטער איז געווען אויפגעהייטערט. ער האָט זיך „גע־מעכיעט״, איז נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, ווי ס׳וואָלט נישט געווען גירוש וואולקע, נאָר יציאת מצרים. דעם און יענעם האָט ער געטרייסט. דעם און יענעם האָט ער פאַרזיכערט, אַז מען וועט זייערע טאַטע־מאַמע, קראַנקע זקנים, וואָס זיינען געלעגן צו־בעט, אויך מיטנעמען. פאַר די זקנים, פאַר די קראַנקע און פאַר קליינע קינדער האָט יוחנן געקראָגן בריטשקעס ביי די פּוילישע שכנים. דער פראַכט־צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפירן די יידישע עדה אינעם „יודען־לאַגער״, האָט געוואַרט אין קאָ־נאָפּקי, פינף מייל פון וואולקע. די פינף מייל האָבן די יידן געדאַרפט גיין אין אַזאַ קרירה צופוס.

דייטשישע פּאַליציאַנטן, די ביקסן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען, האָבן זיך געדרייט צווישן עולם. זיי האָבן פאַרקוקט, וואָס פּאַ־ליאַקן און פאָלקעס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע יידישע שכנים. מען האָט צווישן זיך כמעט נישט גערעדט. בלויז דער טרויער אין די אויגן האָט געהאַט צו זאָגן:

— דער גאָט, וואָס האָט אונדז באַפרייט פונעם רוסישן צאַר, וועט אונדז אויך באַפרייען פון היטלערן.

— ווי לאַנג איז דען, ווי דער רוס האָט אונדז געטריבן פון וואול־קע ? — האָט אַן עלטערער ייד, ברוין און בלוי פון קעלט, אַ זאָג געטאָן.

— אַ פערטל יאָרהונדערט — האָט אַ צווייטער זקן זיך אָנגערופן

— כ׳געדענק עס ווי היינט. ס׳איז געווען אַ שטיק נאָך די יום־טובים.

מען האט אונדז געטריבן קיין ווארשע דורך פעלדער און וועלדער. אין א רעגן האבן מיר זיך געשלעפט. משה שמש — ער ליגט שוין אין דער „ווארעט" — האט געשפאנט אויף א פריער מיט א ספר־תורה אין די הענט. הינטער אונדז איז געגאנגען דער שבת־גוי, דער דייטש הערמאן. ער האט געפירט אויף א שטריקל א ציג, וואס האט זיך געמאלקן. אין א קינד פון מידקייט אוועקגעפאלן, האט דער דייטש עס געכאפט, ווי ס'כאפט א פאסטוך א מיד שעפעלע, עס אנגעטרונקען מיט א ביסל ציגן־מילך. און היינט? היינט טרייבט אונדז גאר דער דייטש.

— מען וועט זיך מיט אים אפרעכענען!

און אז די בריטשקעס, געפאקט מיט זקנים, מיט קינדער זיינען אנגעפארן, האבן די פאליציאנטן א קאמאנדעווע געטאן:

— צו דריי! צו דריי אין א שורה!

אויף א פריער דער וואולקער דיין און פוןביידע זייטן צוויי שמשים. אלע דריי האבן געטראגן ספרי־תורות. פנחס וואולקער האט גע־טראגן זיין זיידנס מצבה. און אז די וואולקער עדה האט זיך געהאט אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם מארק, האט יוחנן שוסטער זיך ארויסגע־רוקט. נאך אים — יאנקל פייקלער און פנחס טראמפייטער מיט די שפיל־כלים אין די הענט. יוחנן האט א וויש געטאן מיט דער האנט איבער דער ברייטער בארד, ווי איבער א פאנצער, און מיט א יום־כיפור־קול אנ־געהויבן:

— בטחון, יידן, בטחון! דער „שבט יהודה" ברענגט, אז ביים גירוש שפאניע האבן פלייט און פויק פארגרינגערט דעם שווערן וואנדער־וועג — און יוחנן האט א הייב געטאן די הענט צום פראסטיקן הימל — רבונו של עולם! דו זעסט דאך יא ווי מיר ווערן געפרעסן פון צרות און לייד! אונדזערע שונאים ווילן אויסווארצלען דאס לעצטע רעשטל פון יעקב! שטאק־פינצטער ארום אונדז, אויסגעלאשן איז דער לעצטער פונק. עס גייען אויס די לעצטע כוחות. גאט אין הימל, קוק זיך צו ווי אונדזערע נשמות „הימלען" — שטייען אויף משקולות. דו האסט אויף אונדז געשיקט א גירוש נאך א גירוש. מיר האבן געזאגט: דאס איז א שטראף פאר אונדזערע זינד. באלד וועט גאט אונדז אויסלייזן. און זע — פרישע צרות שיטן זיך איבער אונדז! מיר האבן געהאפט אויף באגינען און מיר טאפן נאך אלץ אין דער פינצטער!

יוחנן האט נישט געהערט ווי די וואולקער עדה וויינט. ער האט א הייב געטאן די פויסטן צום הימל און געשריגן:

— ווילדע חיות רינגלען אונדז ארום. ועלף און לעמפערטן יאגן זיך נאך אונדז! גאט, דו אלמעכטיקער, זע ווי אלץ ארום איז אויפגעשטאנען קעגן אונדז! אפילו די שטערן אין הימל פירן מיט אונדז מלחמה. די ערד וואקלט זיך אונטער אונדזערע טריט. דו, אל רחום וחנון, ווי קאנסטו צוזען דיין פאלק אין אזעלכעליידן? טו בליקן פון דיין הייליקער רו אויף אונדזער גרויסן בראך. פארשפרייט איבער אונדז דעם מאנטל פון דיין גנאד. העלף אונדז, גאט! צייט, לאנג צייט די גאולה זאל קומען!

צווישן יוחננס רייד האט זיך געוויקלט א שטיל געוויין, א ווייט געוויין. דאס האט די פלייט זיך צעשפילט. ס׳פייקל האט אונטערגעכאפט. די וואולקער עדה, אויסגעשטעלט אין דרייען, האט זיך א וויג געטאן, זיך געלאזט אין וועג אריין.

א ווייטע, קאלטע זון האט זיך געהויבן איבער די פארשנייטע דעכער.

# גירוש קוצבאַרג

ס׳איז נאָך געווען גוט פינצטער, ווען בעריש האָט זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער און גענומען וועקן דעם ברודער זיינעם, וואָס איז געשלאָפן לעבן אים אויף אַ זאַק שטרוי:

— שמשון... שמשון...

דער פינף און צוואַנציק יאָריקער שמשון, וואָס איז פעסט געשלאָפן, איז פונעם ברודערס ווערטער אויפן אָרט וואַך געוואָרן און איז אַראָפּ פון געלעגער. ס׳איז געווען קאַלט אויפן בוידעם.

די ברידער האָבן נישט גענעכטיקט אין שטוב, נאָר אויפן בוידעם. זיי זיינען געשלאָפן אין אָנגעטועכץ, אַז טאָמער וואָס, ווען זאָל שמשון גלייך קאָנען אָפּבייגן אַ ברעט, זיך אַראָפּלאָזן אויפן הויף פון שלאַכטהויז, וואָס פוסטעוועט, און פון דאָרט אַפּציען מיטן וועלדל.

געהייסן האָט עס, אַז דער געוויקסיקער שמשון מיט בלויע אויגן און מיט ליכטיק־בלאָנדע האָר, וואָס מען זעט זעלטן אַפילו צווישן דייטשן, איז אַן אַגראָנאָם, אַ פּאָליאַק, וואָס אַרבעט אין לעוויטשינער הויף. אין דעם דייטשישן פּאַס, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך, האָט ער געהייסן יאַן דאָמבקעוויטש. אין דער אמתן אָבער איז שמשון געווען אַ „גייענדיקע צייטונג״. ער האָט פאַרשפּרייט ידיעות און אויפרופן פון לעוויטשינער הויף ביז פלאַצק. ער איז ביינאַכט אָנגעקומען קיין קוצבאַרג, געקומען אָנזאָגן די יידן פון שטעטל, און דער עיקר דעם ברודער זיינעם, בערישן, זיי זאָלן יעדן טאָג זיך ריכטן אויף אַ גירוש.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זיינען די ברידער געזעסן אויפן פינצטערן בוידעם און גערעדט. ריכטיקער — גערעדט האָט שמשון און בעריש האָט מיט די פויסטן זיך געווישט די אויגן. שמשון האָט דערציילט:

„— — — אויפן וועג אַהער האָב איך אָנגעטראָפן די אַרויס־געטריבענע יידן פון דראַבנין. דאָס, בעריש, איז שוין מער נישט געווען קיין גירוש. אַזוי פירט מען אַ סטאַדע איבערגעשראָקענע שעפּסן צו דער שחיטה. פּאַראַיאָרן, ווען מען האָט געטריבן יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין דער לובלינער געטאָ, זיינען אַלטע לייט, זיינען מאַמעס מיט קליינע קינדער געפאָרן אויף פויערישע פורלעך. ס'געפּעק איז אויך גע־לעגן אויף פורלעך. איצט — קיין איין פורל נישט. אַזוי, נאַקעט און באָרוועס, שלעפּט זיך אַן עדה יידן. וואָס עדה? אַן איבערגעשראָקענע סטאַדע, געיאָגט פון בייזע הינט. די באָרוועסע פיס צעבלוטיקט, די פּני־מער צעבלוטיקט און אין די אויגן משוגעת. און אַרום דער עדה — דייטשישע מאָטאָרציקליסטן מיט נאַגייקעס אין די הענט, מיט רעוואָלווערן אין די הענט" — — —

עס איז שוין געווען באַלד פיר, ווען די ברידער האָבן זיך נאָך לאַנג געדרייט אויפן געלעגער ביז זיי זיינען איינציקווייז איינגעשלאָפן.

און איצט?

די ברידער האָבן עטוואָס אָפּגעבויגן אַ ברעט פון בוידעם. ס'איז געוואָרן אַ שפּאַרונע. זיי האָבן געקוקט אויף דער טעפּער־גאַס, וואָס איז פון ביידע זייטן געווען אָפּגעצוימט מיט שטעכיק דראָט. די טעפּער־גאַס האָט געפירט אין מאַרק אַריין. אין דער גאַס, וואו עס האָט נאָר־וואָס געוואוינט טאָגן, איז געשטאַנען אַ בהלה. דייטשן אין מונדירן האָבן מיט נאַגייקעס געטריבן די יידן פון די הייזער, זיי געטריבן אין מאַרק אַריין. צווישן די געשרייען האָט זיך דערהערט אַ קוויטש. באַלד איז דער קוויטש איבערגעגאַנגען אין אַ פאַרשפּיצט מיידליש געוויין. עס האָט זיך דער־הערט אַ שאָס. ס'איז געוואָרן אַ ווייל שטיל. דערנאָך האָט זיך אַ הונט צעבילט און דער פאַרטאָג האָט ווידער אויפגעציטערט פון די יללות.

בעריש האָט אַרומגענומען דעם ברודער, ווי ער וואָלט זיך מיט אים געזעגנט אָן ווערטער. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— עפן ס'ברעט, שמשון, און לאָז זיך אַראָפּ. ס'איז אַ געפאַר דאָ צו בלייבן. און טאַקע שוין.

— און דו, בעריש?

— איך?

— ווייסטו וואוהין דו גייסט?

— וואו עס גייען אַלע יידן.

— דאָס איז מער נישט קיין גירוש, בעריש, דאָס איז אַ שחיטה — האָט שמשון אַריינגעקרעכצט אינעם ברודער. — פון די פערציק קוצבאַרגער משפחות וועלן קיין העלפט נישט דערגיין צו דער קאָנאָפּקער באַן. קינדער און אַלטע לייט וועט דער שונא אויפן וועג דערהרגענען. און די צווייטע העלפט וועט אומקומען אין די אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנען אויפן וועג קיין וואַרשע. דו וועסט דאָ נישט בלייבן, בעריש. גייסט מיט מיר. וואָס פאַר אַ ברעט, זאָגסטו, דאַרף מען אָפּבייגן?

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער.

— עפן, יודע!

— עפן, דרעקיקער יודע!

בייביידע ברידער איז ס'בלוט אָפּגעלאָפן פון די פנימער. ביידע האָבן זיך אַ קוק געטאָן אין די אויגן:

— וואָס טוט מען?

שמשון האָט אָפּגעבויגן ס'ברעט צו דער טעפּער־גאָס. אויף די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט אין פאָדערהויז, זיינען געשטאַנען צוויי דייטשן מיט נאַגייקעס אין די הענט.

בעריש האָט אַ רוק געטאָן ס'ברעט, וואָס האָט געפירט צום שלאַכט הויז און זיך געבעטן ביים ברודער:

— איך גיי עפענען די טיר און דו צי דערוויייל אָפּ.

— עפן נישט — האָט שמשון צוריקגעהאַלטן דעם ברודער. — לאָזן זיי אויפברעכן די טיר.

די קלעפּ אין פאָדערהויז זיינען געוואָרן שטאַרקער, די קולות — רוגזהדיקער:

— עפן, דרעקיקער יודע! עפן!

פון די קולות האָט אַ שוואַרצער קאָטער, וואָס האָט געדרימלט אויף אַ פיר־עקיקן „בעלעק” אונטערן דאַך, זיך אַ צי געטאָן מיט אַ וואָרטשען. דער קאָטער האָט געקוקט אויף די ברידער און געשאָסן מיט גרינע פאַס־פאַר־אויגן.

— נעם, בעריש, מיין פּאַס — האָט שמשון אים אַ שטעק געטאָן

דעם פּאָס אין די הענט אַריין — און וואַרט נישט אויף מיר. שנייד קיין לעוויטשין. מער קיין פּיפּס.

שמשון האָט מיט אַ פּאָר גזלנישע אויגן געצוואונגען דעם ברודער זיך אַראָפּצולאָזן פון בוידעם. בעריש, ביי וועמען ס׳לשון איז געווען אָפּ־גענומען, האָט געפאָלגט. די דריטהאַלבן שטאָק האָבן אים נישט געשראָקן. ווען שמשון הייסט אים איצט גיין אין פייער, וואָלט ער געגאַנגען. צווישן די קולות האָט מען אַפילו נישט געהערט ווי ער האָט אַ שפּרונג געטאָן.

שמשון האָט אַ רגע אָנגעקוקט דעם ברודער. דערנאָך האָט ער פון אַ זייטיקער קעשענע אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און איבערגעציילט די זעקס קוילן, וואָס האָבן געשטעקט אין אים. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיל לעבן דער טרעפּ, וואָס האָט געפירט פון בוידעם און זיך איינ־געהערט.

די קולות זיינען געוואָרן אַלץ העכער. צווישן די געשרייען — דאָ אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער, דאָרט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. שמשון איז געווען זיכער, אַז דאָס שיסט מען יידן. ער וועט זיך פּאָר קיין פאַל נישט אונטערגעבן. ער האָט שאַרפער אָנגעשפּיצט די אויערן. פון מאַרק האָבן זיך דערטראָגן יללות.

און מיטאַמאָל — די טיר האָט אַ קרעכץ געטאָן. די זאָוויעסעס האָבן נאָכגעלאָזט. אין דער אויפגעפּראַלטער טיר זיינען געשטאַנען דריי דייטשן מיט נאַגייקעס אין די הענט:

— וואו ביסטו, דרעקיקער יודע?

שמשון האָט זיך געחידושט ווי רואיק ער ליגט, ווי די אויסגע־שטרעקטע האַנט טוט קיין ציטער נישט. ער האָט אָנגעשטעלט דעם רע־וואָלווער, געצילעוועט. און ווי די דייטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טרעפּ, האָט שמשון אויפגעכאַפּט איינעם נאָכן אַנדערן, ווי מען כאַפּט אויף אין מיטן לויפן משוגענע הינט.

פונעם שיסן האָט ס׳גאַנצע הויז אויפגעציטערט. דערנאָך איז גע־וואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ווי דער קאָטער וואָרטשעט.

שמשון, וואָס האָט געוואָרט מען זאָל זיך וואַרפן אויף אים, האָט זיך אויפגעשטעלט. פון דער אויפגעפּראַלטער טיר האָט געבלאָזן אַ קעלט. ער האָט איבערגעציילט די דריי קוילן אינעם רעוואָלווער. דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט דעם רעוואָלווער זיך אין אָפענעם מויל אַריין. דער רע־

וואלווער איז געווען הייס. אזוי איז שמשון געשטאנען און האט אפגע־ציילט א דריי צענדליק רגעס. און אז ס'איז קיינער נישט אנגעלאפן און שמשון האט פון דאס ניי אפגעציילט א גאנצע מינוט, איז אין אים אויפ־געגאנגען א זיכערקייט, אז א דייטש וועט קיינמאל נישט איינפאלן, אז א ייד קאן אויך שיסן א דייטש.

שמשון האט אריינגעלייגט דעם רעוואלווער אין קעשענע און אפ־געבויגן ס'ברעט צום שלאכטהויז. ער האט זיך אויסגעבויגן און מיט א צי, ווי א קאץ, האט ער זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענט פאר א קראקווע. פון דארט האט ער לייכט א שפרונג געטאן און איז געבליבן שטיין אויפן זאמדיקן הויף. ער האט זיך אויף אלע פיר געשארט מיטן פלויט, זיך צו־געשארט צום אלשענעם ווענדל, וואס האט זיך געשוואנקען אין וואסער.

דער הימל איבערן ווענדל איז געווען פארפלאמט. שמשון האט זיך איינגעקוקט אינעם פלאם, אויפגעכאפט די שטיקלעך יללות, וואס האבן זיך געטראגן פון שטעטל און גענומען שפרייזן איבער די קנעכלעך אין קאלטן וואסער.

1942

# ביי מלאָווער לאַנדסלייט

די דריי טויזנט מלאָווער יידן, וואָס דער דייטש האָט איבער־נאַכט אַריבערגעפּעקלט אין פּראַכט־וואַגאָנען קיין וואַרשע, האָבן זיך פאַרקליבן אויף די נאַלעווקעס און אויף דער פראַנציסקאַנער.

די מלאָווער האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. אייגענע „שטיבלעך", אייגענע בתי־מדרשים, אַן אייגן „הכנסת אורחים", אַ „גמילת־חסדים"־קאַסע, אַ חברה קדישא און אַ קולטור־קלוב.

און נישט בלויז די מלאָווער. דאָס פערטל מיליאָן פּראָווינצער, וואָס דער דייטש האָט אַריינגעפּאַקט אין וואַרשעווער געטאָ, צו דריי און פיר פאַרשוין אין אַ צימער מיט איין פענצטער, דאָס פערטל מיליאָן יידן האָבן זיך גערופן לויט די שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

אין וואַרשע זיינען אויסגעוואַקסן לאַנדסמאַנשאַפטן.

איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון אַ שטעטל, איז צווישן די לאַנדסלייט געוואָרן אַ פרייד. מען האָט גערעדט וועגן דעם ביים דאַווענען, ביי דער אַרבעט, ביים עסן.

ביי די מלאָווער לאַנדסלייט איז געווען אַ שמחה. אויף די נאַלעווקעס, אויף דער פראַנציסקאַנער האָט מען גערעדט, אַז ר' אדם איז אין וואַרשע, אַז נעכטן נאָך מעריב האָט ער גערעדט אין מלאָווער „שטיבל", וואָס אויף נאַלעווקעס, און היינט וועט ער רעדן אין דעם מלאָווער בית־המדרש, וואָס אויף דער פראַנציסקאַנער. די לאַנדסלייט האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּחידושן:

— ווי לאָזט זיך אַזאַ ר' אדם אין וועג אַריין?

— ס'איז דאָך סכנת־נפשות.

— וואס הייסט סכנת־נפשות ? ס׳איז איינגעשטעלט ס׳לעבן.

— קענט איר נישט ר׳ אדמען.

ר׳ אדם איז געווען פון די געציילטע, איבערגעבליבענע קאצקער חסידים, וואס פארן נישט צו קיין רבין. שטענדיק אן אויפגעלייגטער, שטענדיק גרייט צו טאן עמיצן א טובה. איז אין מלאווע אומגעגאנגען פלעק־טיפוס, מענטשן האבן זיך געהיט נישט אנגעשטעקט צו ווערן, איז ר׳ אדם געגאנגען פון איין חולה צום צווייטן. און אז אן ארעמאן איז אוועקגעפאלן — האט ר׳ אדם שוין ביי אים גענעכטיקט. ער איז געווען א געוויקסיקער, קנאכיקער ייד. ווען נישט דאס רויטע בערדל מיט די פלאמיקע פאות, וואלט מען אים אנגענומען פאר א האלענדער. דער אי־בערגעוואקסענער ייד האט געהאט קליינע, בלויע אויגן, וואס האבן גע־פלייצט מיט פרייד. אזוי האט געדארפט אויסזען נחום איש־גם־זו. כאטש אליין קרוע־בלוע. די ריפסענע קאפאטע מיט ארויסגעשטופטע עלנבויגנס. די שטיוול מיט אפגעשלייפטע אפצאסן. און דערצו — קיינמאל נישט פארביטערט. פארקערט — שטענדיק אויפגעלייגט.

דער ר׳ אדם האט זיך פארבענקט נאך די פארטריבענע לאנדסלייט זיינע, און ער איז געקומען קיין ווארשע זען וואס זיי מאכן.

אפנעמען דעם גרוס פון ר׳ אדמען האבן נישט אלע לאנדסלייט געקאנט. העכסטנס א צוויי מנינים האבן זיך צונויפגעקליבן אין בית־המדרש, וואס אויף דער פראנצישקאנער גאס. די צוויי מנינים האבן פארטראטן די מלאווער שוסטער, די מלאווער שניידער, די „שטיבלעך", די בתי־מדרשים, דעם מלאווער קולטור־קלוב.

נאך מעריב האט דער עולם זיך צעזעצט ארום א לאנגן, פיר־עקיקן טיש. מען איז געזעסן, ווער איבער א צעעפנט משניות, ווער אי־בער אן עין־יעקב. דאס איז געווען אויבנאויף. אין דער אמתן האט דער עולם זיך צוגעהערט ווי ר׳ אדם גיט־איבער א גרוס פון דער פאריתומטער מלאווע. די צוויי חלבנע ליכט, היימיש געצויגן, האבן קוים באלויכטן דעם בית־המדרש. ר׳ אדם האט גערעדט:

„...די הונדערט יידישע משפחות וואוינען אויף דער טעפער־גאס, אין שיל־געסל, ארום בריקל אין דער ווארשעווער גאס. די געוועלבער ארום מארק פוסטעווען טאקע, לידזבארסקיס שניט־קראם און ליפסקיס אייזן־געשעפט, האט דער דייטש איבערגענומען, דערפאר וועט איר נישט

דערקענען דאָס טעפּער־געסל. וואו אַ שטיקל הויף, וואו אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ, וואַקסן אוגערקעס און ראש־חודש־רעטעכלעך. וואו אַ זומפּ — פריער אַרום די מאַסטאַוועך וועלדער, איצט אויפן „גרונט" אַרום די לאַמ־ניער — טריקענען מיר יידן אים אויס, פאַרזייען קאַרטאָפל, פאַרזייען קרויט. און עסן צו דער זעט עסט קיינער נישט. וויפל דער דייטש צאָלט פאַר אַ טאָג אַרבעט? אַ מאַרק און צוויי מאַרק. ס׳איז דאָך אַ הונגער־לוין. וויפל האָט מען אָבער געמוזט אַוועקלייגן כוחות און מי, עס זאָל זיין א יי ן קעסל און איין ב יי ט ל. ס׳איז אָנגעקומען מיט גרויס מאַטערניש. איין קליינקייט, גיי צאָל זיך אויס ביי אַ יידן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גביר, צי ביי אַן אַנדערן, וואָס האָט אַמאָל איינגעשלונגען גאַנץ ש״ס? אַזאַ איינער וויים נישט, אַז לומדות א ל יי ן, לומדות אָן ב ט ח ו ן, איז גאָרנישט. דער עיקר איז גלויבן, דער עיקר איז בטחון, דער עיקר איז יידישקייט. און מיר האָבן דאָס געדאַרפט בייקומען די געוועזענע גבירים און די פאַרקאַוועטע לומדים. און מיר זיינען עס בייגעקומען. ס׳איז ביי אונדז אין מלאָווע א יי ן בייטל, איין קעסל, א ו ן אַז אין יעדן פון אונדז זיצט די גאַנצע יידישע אומה, האָבן מיר נישט מורא פאַר קיין מענטשלעכער רשעות. און אַז מיר האָבן איבער זיך אַ לייטענאַנט שמידט, אַ דייטש אַ רשע, איז וואָס? דעם דייטש פאַלט־איין, און בלויז פון רשעות, אונדז צו שיקן שמחת־תורה צו דער אַרבעט, האָבן מיר געווינט און געאַרבעט. אָבער צומאָרגנס האָבן מיר זיך געפּרייט מיט דער תורה. אַזאַ התלהבות ביי „הקפות" געדענק איך נישט. און גלייבט מיר, מלאָווער יידן, אַז אונדזערע „הקפות" נאָך שמחת־תורה זיינען די אָנגעלייגטסטע און חשובסטע האַי־יאָר ביי גאָט".

ביי די לעצטע ווערטער האָט ר׳ אדמס קול געקלונגען אַזוי „מאַ־ראַליש", אַז טייל פון עולם האָט שטיל אַריינגעווייַנט אין די אָפענע ספרים, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש.

עס איז געווען אַ וויילע שטיל, אומאַנגענעם שטיל. מען האָט גע־הערט ווי דאָס חלבנע ליכט שמעלצט זיך מיט אַ זשומעריי.

הערש לייב שוחט, אַ שוויגער און אַ מוח־מענטש, האָט פאַרמאַכט איין אויג. דאָס צווייטע, אַ פאַרוואָלקנטס, האָט אַרויסגעקוקט פון אַ גע־דיכטער ברעם. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס אויג צילעוועט זיך אין ר׳ אדמען אַריין. הערש לייב שוחט האָט אָפּגעהוסט. דאָס קול, אַן אָנגע־

שפּאַלטנס, האָט זיך געהויבן באַרג אַרויף, האָט זיך געטראָגן צו ר׳ אדמען:

— אוודאי, אדם, דאַרף מען האָבן בטחון... ווי דען אַנדערש?... נאָר איך זאָל זאָגן, אַז דער סדר פון דער וועלט געפעלט מיר — ניין, אדם, ער געפעלט מיר נישט. לאָמיר נעמען דאָס שטיקל וואַרשע אונ־דזערס. אויף אַ שטח, וואו ס׳דאַרפן וואוינען הונדערט טויזנט מענטשן, האָט מען אַנגעשטופּט אַ האַלבן מיליאָן. וואָלט שוין גוט געווען. גייט אָבער נישט פאַרביי קיין איין טאָג עס זאָלן נישט צוקומען קיין נייע מענטשן. און אַלע אין דער געטאָ אַריין. און די געטאָ איז נישט, להבדיל, דאָס בית־המקדש, וואו מען איז געשטאַנען „צפופים ומשתחוים רווחים״. מען ליגט שוין אַזוי אויך ווי הערינג אין אַ פאַס. און אַז מען ליגט אין אַזאַ געדרענג, ווי נאָך שטופּט מען אַריין די נייע פופצן טויזנט יידן פון קאַליש? וועל איך דיר זאָגן, אדם. אַזוי גיך ווי פון די דרייסיק טויזנט לאָדזשער יידן זיינען העלפט אויסגעשטאָרבן, האָבן זיך שוין אָפּגעליי־דיקט צימערן פאַר פופצן טויזנט נייע מענטשן, האָט מען אין די ליידיקע צימערן אַריינגעפּאַקט די פופצן טויזנט קאַלישער יידן. און אַז די דריי טויזנט שעפּסער יידן זיינען אויסגעשטאָרבן, האָט מען אין זייערע צימערן אַריינגעפּאַקט אונדז, די מלאווער יידן. און אַז מיר וועלן אויסשטאַרבן, וועט דער דייטש אין אונדזערע צימערן אַריינפּאַקן די טשעכאַנאָווער, די ריפּינער, די כאַרזשעלער, די נאַשעלסקער... „המן״ פירט אונדזער חשבון, אוי, פירט ער!

דאָס קול ביי הערש לייב שוחט איז מער נישט געווען אַנגע־שפּאַלטן. עס האָט געשניטן ווי אַ חלף. עס האָט באַשולדיקט. ביי דעם עולם מיט די אַנגעשפּיצטע אויערן האָבן זיך די מיילער געעפנט. ר׳ אדמס אויבערשטער האַלבער גוף האָט זיך אַ בייג געטאָן, האָט זיך אַ צי געטאָן איבערן טיש. די בלויע אויגן — אַלץ האָט געפלאַמט. און ווען הערש־לייב שוחט האָט שטאַרקער פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג, אַ רגע אָפּ־געאָטעמט, און גלייך זיך גענומען צילעווען מיטן רעכטן אויג אין ר׳ אדמען, איז אים ר׳ אדם אַריין אין די רייד:

— הערש לייב, איך ווייס דאָך וואוהין דו צילסט... ווילסט זאָגן,

אז אין דער איצטיקער וועלט־שריפה וועלן מיר יידן אונטערגיין... זאג איך דיר, — האט ר׳ אדם זיך א שטעל געטאן אין זיין גאנצער הייך און גרייס — זאג איך דיר, אז ניין און ניין! מיר וועלן טאקע ארויס צעמזיקטע, מיר וועלן ארויס „בשן ועין״, דערפאר געלייטערטע, געשטארקטע, אמתע יידן מיט בטחון. נעם טאקע דעם פלעק־טיפוס. ביי אונדז האט ער געבושעוועט ביז א שטיק נאך פסח. ווען מען וואלט זיך צוגעהערט צום דייטש, וואלט קיין איין חולה נישט געזונט געווארן. אומעטום זיינען געהאנגען אויפשריפטן אין דייטש: „פלעק־פיבער. בעטרעטען און פערלאסען איזט שטרענג פערבאטען״. האבן מיר זיי געהערט, ווי דעם קאטער. וואו א חולה איז אדם ארומגעגאנגען ביי אים. גלייבט מיר, יידן, אז אויף קיין איין רגע איז מיר נישט איינגעפאלן, אז כ׳שטעל איין ס׳לעבן. פארקערט — ביקור חולים. לויט דעם דייטש האב איך שוין לאנג געדארפט זיין אן אנגעשטעקטער, א קראנקער, א בר־מנן. דאס זעלבע איז מיט אונדז יידן. דער חשבון, וואס הערש לייב האט נארוואס דא געמאכט, איז ביים וועג. עס איז אבער א חשבון לויטן „שכל הישר״. און דער שכל הישר איז גילטיק, ווען עס האנדלט זיך וועגן גראשנס און גילדנס, נישט וועגן א פאלק, נישט וועגן יידן, וואס האבן נישט בלויז איבערגעלעבט יציאת־מצרים, קרייצצוגן, כמעלניצקיס שחיטות, נאר אויך איבערגעלעבט די אלע „עמאנציפאציעס״, וואס האבן אפשר מער שאדן אונדז אנגעטאן... און לאמיר אייך זאגן—פאראן צייטן, ווען יסורים און צרות שטארקן דעם מענטשן, גיבן אים צו כוח. ווי שטייט ביי פרעהן: „כאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״ — ווי זיי האבן די יידן געפייניקט, אזוי האבן זיי זיך געמערט און אזוי האבן זיי זיך צעשפרייט. איר הערט, מלאווער יידן, מיר לעבן אין א וואונדערבארער צייט... מען האט ביים יידן אלץ צוגענומען... און אז מען האט ביי אים צוגענומען די הייזער, די מויערן, דאס געלט, איז ער דען געווארן אָרעמער? עס האלט דאך שוין דערביי, אז אלע יידן זאלן ווערן צדיקים. דען וואס איז א צדיק? א צדיק איז — „עני בגלות״ — אן ארעמאן אין גלות. און דאס געבעט פון אן ארעמאן איז די שכינה אליין. „וצלותא דעני איהו שכינתא״ — מיר לעבן אין א צייט, ווען משיח איז א בעל־תשובה, ער איז „עני ורוכב על החמור״ — דער ארעמאן, וואס רייט אויף אן אייזל.

עס איז שוין קיינער נישט געזעסן ביים טיש. דער עולם האט

אַרומגערינגלט אדמען, וואָס האָט גערעדט, לאַנג גערעדט. דער עולם האָט זיך געקוויקט מיט די רייד, ווי אַ דאַרשטיקער מיט קוואַל־וואַסער. די חלבנע ליכט, וואָס אויפן טיש, האָבן זיך געלאָשן. בלויז ביים עמוד האָט אַ יאָרצייט־פלעמל געציטערט און אָנגעפילט דאָס בית־המדרש מיט שטי־קער חושך, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט, ווייל די יידן מיט די צע־ווייטיקטע הערצער האָבן אָנגעקוואָלן פון זייער ר׳ אדמען, וועלכער האָט איינגעאָנצן געשטראַלט.

# צו קינות

נאָכן גירוש טשעכאַנאָווע זיינען געבליבן אין שטעטל אַ פּערציק משפּחות, כמעט אַלע שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן דייטשישן מיליטער שמוישענע פּעלצלעך. ס׳זיינען אויך איבערגעבליבן דער רבֿ, — אַ סגי־נהור אין די הויכע זעכציקער — און משה־יוסף, דער אַמאָליקער גבֿיר פון שטעטל, אַ חסיד אַ תּקיף, וואָס איז דעם גאַנצן זומער געלעגן צו־בעט. און אַז דער דייטש האָט זיינע זין און איידעמס פאַרשיקט אין וואַרשעווער געטאָ, האָט ס׳שטעטל גענומען אויף זיך אַרומצוגיין ביים קראַנקן. בייטאָג איז מיט אים געווען אַן אייניקל, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, און יעדע נאַכט האָט אַן אַנדער ייד ביי אים גענעכטיקט. דעם רבֿ און דעם געוועזענעם גבֿיר, וואָס זיינען נישט געווען שווה בשווה, נישט גערעדט צווישן זיך איבער דרייסיק יאָר, זייביידן האָט דאָס שטעטל אויסגעהאַלטן.

ס׳איז געווען תּשעה באָבֿ.

די פערציק יידישע משפּחות — מאַנסבילן, ווייבער, יינגלעך — אַלע זיינען אַוועק אין שיל אַריין זאָגן קינות. די צוויי יידישע געסלעך — ס׳טעפּער־געסל און ס׳שיל־געסל — זיינען געווען ליידיק. טירן, פענצ־טער — פאַרהאַקט. דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז געלעגן איבער די צעקרימטע שטיבלעך, איבער די שלעכט־ברוקירטע געסלעך. און מיטן אָוונט — שרעק און טרויער, וואָס ס׳האָט זיך געטראָגן פון דער טונקע־לער שיל, וואו יידן זיינען געזעסן אויפן דיל, געזעסן אויף פוסבענקלעך און ביי די צעשמאַלצענע ליכטלעך געזאָגט מיט געוויין קינות.

געבליבן אין שטוב איז איין משה־יוסף.

אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער איז געלעגן צו־בעט, איז ער

אינגאנצן ווי איינגעלאָפן. ס'פּנים — אַ כזית — האָט זיך פאַרלוירן אי־נעם קישן. אַרויסגעזען האָט מען בלויז באָרד און אויגן — אַ גרויע, שפּי־ציקע באָרד און טיפע, שוואַרצע אויגן.

אין שטוב איז געווען גוט טונקל. לעבן בעט, אויף אַ בענקל, וואו ס'זיינען געווען צעשטעלט פלעשלעך מעדיצין, איז אויך געשטאַנען אַן ערדן טעפּל זאַמד. אינעם זאַמד האָט געברענט אַ חלבן ליכט, ענלעך אויף אַ יאָרצייט־ליכט. אַז דער קראַנקער האָט גענומען זאָגן „איכה״, איז ס'אייניקל זיינס, דאָס זעכצן־יאָריקע מיידל אַריין צום שכנס מיידלעך.

משה־יוסף איז געבליבן איינער אַליין. ביים זאָגן די קינות האָט דער קאָפּ ביי משה־יוספן זיך אַ גליטש געטאָן פון קישן. ס'איז געוואָרן טונקעלער אין די אויגן. די ווערטער, אַנגעשוואָלענע, זיינען אַרויס פון די שורות, געשטאַנען אַזוי אַ ווייל און האָבן זיך מיטאַמאָל פאַנאַנדער־געגאָסן.

טרערן אין האַלדז, טרערן אין די אויגן, טרערן אין די צעעפנטע קינות:

„...עיני. עיני יורדה מים...״

די קינות האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע פאַרחלשטע הענט און זיינען געבליבן ליגן אויף דער קאָלדרע. אַ בלאַט אַהער, אַ בלאַט אַהין. אַ לעבן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן:

— פון משה יוספס צד, פון זיין ווייבס צד — רייכע וואַלד־סוחרים, רייכע תבואה־הענדלער. מיט משה יוספס קומען קיין טשעכאַ־נאָווע האָט ס'שטעטל אויפגעלעבט. פון משה יוספס טשעכאַנאָווער וועל־דער האָבן צענדליקער משפחות גענומען ציען חיונה. ס'שטעטל האָט זיך געשפּיגלט אין משה יוספן.

און משה יוסף?

ער איז געווען אַ חסידישער יונגערמאַן, אַן איינרייסער. פאַר זיין הויז איז שטענדיק געשטאַנען אַ געשפּאַנטע ברישקע. משה יוסף האָט געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן. דאָ — אין וואַלד אַריין, דאָ — צו אַ פּריץ, דאָ — צום רבין קיין גער.

ערב־שבת, צי ערב יום־טוב — משה יוסף האָט דעם דעך אַרויס־געיאָגט פון די פערד, געוואַלט, שטאַרק געוואָלט אַהיימקומען פאַר קבלת־שבת און כמעט שטענדיק אַ שטאָך געטאָן אין שבת אַריין.

**ווען איז דאָס געווען?**

דאָס איז געווען מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. דער טשעכאַנאָווער רב, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין סגי־נהור, זיינען משה־יוספס פירעכצן נישט געפעלן. דער רב איז ביי זיך אויך געווען אַ תקיף. ער האָט געשטעלט אויף זיך און אויך אויסגעפידרט. ער האָט געוואָרנט דעם חסידישן יונגנמאַן — „אַזוי און אַזוי, משה יוסף — לאָזטו זיך פרייטיק אונטערוועגנס, זע אַהיימצוקומען אַ שעה פאַר ליכט־צינדן".

משה יוסף האָט צוגעזאָגט.

נישט איין פערד איז ביי אים געפאַלן. אַזוי פלעגט ער זיך יאָגן יעדן פרייטיק אַהיים, נישט געוואָלט, שטאַרק נישט געוואָלט מחלל־שבת זיין. דאָ איז ער אַהיימגעקומען ווען ידן זיינען שוין געגאַנגען אין שיל אַריין, דאָ — ווען מען האָט שוין געדאַווענט מנחה.

יעדעס מאָל האָט מען עס דערטראָגן דעם רב. דער רב האָט געשוויגן. און אַז משה יוסף איז אַמאָל אַנגעפאָרן אין שטעטל אַריין, ווען ידן האָבן שוין מקבל־שבת געווען, האָט דער רב אין מיטן דאַווענען צוגערופן הערשל בעדער. דער רב האָט אים געפרעגט:

— הער זיך איין, הערשל. דער חסידישער יונגערמאַן, דער משה־יוסף, קומט ער אַמאָל שבת פאַרן דאַווענען אין מקווה אַריין?

— ער קומט שפּעטלעך, אָבער ער קומט יעדן שבת.

— אַז ער וועט מאָרגן קומען, שליס אים אָפּ אין דער מקווה ביז נאָכן דאַווענען.

— וועמען? ר' משה יוספן? — האָט דער בעדער געעפנט אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן. ווי מען וואָלט אים געהייסן פּאַטשן מלקות — און די שטאָט וועט שווייגן? זיי קענען דאָך אום שבת צעטראָגן די מקווה.

— דאָס וועט מען זען — האָט דער געוויקסיקער רב מיטן הדרת־פּנים, וואָס רופט אַרויס דרך־ארץ, ווי זיך נישט צוגעהערט צום בעדערס רייד — דערוויייל בין איך מרא־דאתרא, נישט משה־יוסף, און טו ווי דער טשעכאַנאָווער רב, הייסט דיך.

צו מאָרגנס, פאַרן צווייטן מנין, האָט זיך משה יוסף אין סאַמעטענעם שלאָף־ראָק, אין די שטעק־שיך מיט די ווייסע זאָקן, געלאָזט אין מקוה אַריין. אין מקוה איז קיינער נישט געווען. משה יוסף האָט אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, איז אַריין אין וואַסער און האָט

זיך דריי מאָל טובל געווען. און אַז ער איז שוין געשטאַנען אַן אָנגעטוע־נער, גרייט אַרויסצוגיין, פון באָרד און פאות האָבן טראָפּנס געטריפט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די טיר איז פאַרשלאָסן. משה יוסף האָט גענומען קלאַפּן אין דער טיר, גערופן דעם בעדער:

— הערשל! הערשל!

דער בעדער איז אונטערגעקומען פון דרויסן און מיט אַן הכנעה קול געזאָגט:

— נישט מיין שולד, ר׳ משה יוסף. דאָס האָט דער רב מיך גע־הייסן אייך אָפּשליסן אין דער מקוה ביז נאָכן צווייטן דאַווענען.

— פאַרוואָס האָט ער געהייסן מיך אָפּשליסן?

— ס׳איז שוין געווען שבת, ווען איר זענט נעכטן אָנגעפּאַרן אין שטאָט אַריין.

— באַשטראָפט ער מיך?

דער בעדער האָט גלייך נישט געענטפערט. דערנאָך האָט ער גאָר שטיל, ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד, אַ זאָג געטאָן:

— אַז איר באַשטייט, ר׳ משה יוסף, כ׳זאָל אויפשליסן די טיר, קען איך אויפשליסן.

— מ׳דאַרף נישט, הערשל, אַז דער מרא דאתרא הייסט זיצן, דאַרף מען זיצן. וועסט עפענען די טיר נאָכן צווייטן מנין.

פון דעמאָלט אָן האָט משה יוסף נישט גערעדט מיטן רב. שרייבן תנאים, חתונה מאַכן אַ טאָכטער — אַלץ אין וואַרשע. אַזוי די זין זיינע, אַזוי די איידעמס. דער ברוגז האָט אָנגעהאַלטן צענדליקער יאָרן.

איצט, אין קראַנקן־בעט, ווען ס׳פּוכיקע קישן האָט זיך אַרויפגע־רוקט און משה יוסף, אָן כוחות, האָט זיך נישט געקענט קיין קער טאָן, איצט האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אָנגעפּירט אַזויפיל יאָרן אַ ברוגז מיטן רב. טאַקע אַ רב, אַ מתנגד, אָבער אַן ערלעכער ייד.

פאַר דער צייט איז דער רב געוואָרן אַ סגי־נהור און ער — משה־יוסף — איז ביי קהל אויף קצבה. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ איבערקערעניש? ס׳האָט אים מער נישט געאַרט ס׳פאַרלוירענע עשירות. פאַרקערט. ערגעץ טיף אין דער נשמה איז ער אַפילו געווען צופרידן, וואָס ער גייט אַוועק פון דער וועלט אַן אָרעמאַן. ס׳האָט אים וויי געטאָן פאַרן נפש. און ער האָט נישט געמיינט זיך. ער איז שוין באַלד געווען אַ זיבע־

ציקער. און ווי לאַנג איז דער שיעור צו לעבן ? די קינדער אָבער ? די זין, די טעכטער, די אייניקלעך ? פאַר זיי האָט ער געוויייטיקט. און וואָס עפּעס די קינדער ? און וואָס הערט זיך מיט אַלע פּוילישע יידן, מיטן גאַנצן פאָלק ישראל, וואָס דער דייטשישער גוג־ומגוג וויל אומברענגען ?

פון שוואַכקייט האָט משה־יוסף זיך אַפילו נישט געווישט די טרערן, וואָס זיינען גערונען פון די אויגן, זיך געגעפּלט איבער אים. די ווענט האָבן זיך געגומען פאַנאַנדעררוקן. ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן ליכ־טיק, ווי נישט איין ליכטל וואָלט געברענט, נאָר הונדערט ליכט.

די טיר האָט זיך געעפנט.

איז עמיצער אַריינגעקומען ?

דער רב, דער סגי־נהור, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, איז געשטאַ־נען איבערן חולה, האָט גערעדט מיט אַ קול, וואָס איז געקומען פון ווייט, פון גאַנץ ווייט :

— כ׳האָב געוואוסט, משה יוסף, אַז דו ביסט איינער אַליין. יידן זיצן איז שיל, זאָגן קינות — ביז איך אַריבערגעקומען זאָלסט נישט זיין אַליין, און קינות וועלן מיר זאָגן אינאיינעם.

אינעם קראַנקן איז אויפגעגאַנגען אַ פרייד. ער האָט זיך געבעטן ביים רב :

— טשעכאַנאָווער רב, זייט מוחל און רוקט מיך אַרויף אויפן קישן.

— כ׳זע דאָך נישט — איז דער רב געבליבן שטיין אַ ווייל אַן אומבאַהאָלפענער און גלייך צוגעגעבן — הער, משה יוסף, לייג אַרויף דיינע הענט אויף מיינע אַקסלען, וועל איך דיך אַרויפרוקן אויפן קישן.

און אַז דער רב האָט משה יוסעפן אַרויפגערוקט אויפן קישן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן חולה אויפן דיל, דעם קאָפּ געבויגן. און אַז ס׳איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט, ווי דאָס חלבנע ליכט שמעלצט זיך, האָבןביידע אַ זאָג געטאָן אויף אויסנווייניק :

— איכה ישבה בדד העיר...

# יאשא פּאַרטיזאַן

פּאַרטאָג איז דער שונא אַנגעקומען קיין לוואָוא. ס׳יידישע דאָרף האָט געברענט. די אויסגעקרימטע, אַלט־פרענקישע הייזער זיינען זיך צע־פאַלן אין די פלאַמען. געבליבן זיינען די ווייסע, שטיינערנע פּלויטן, אָפּ־געסמאַליעטע, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איין ברענענדיק הויז צום אַנדערן. און צווישן די פּלויטן — הינט, וואָס האָבן פאַרריסן די מאָרדעס צום פאַרפלאַמטן הימל און געוואָיעט. פעלד־מייז, גרויס ווי קראָליקעס, האָבן זיך געטראָגן פונעם ברענענדיקן סטעפּ, זיך געטראָגן אין דאָרף אַריין כמאַרעסווייז, סטאַדעווייז.

אויף אַ פריער זיינען אַנגעלאָפן מאָטאָרציקליסטן. זיי האָבן זיך געטראָגן איבער דער ברייטער, נישט־ברוקירטער גאַס, ווי אין אַ געיעג — הין־קריק. שטויב האָט זיך געהויבן. הינט האָבן געבילט. באַלד האָט זיך געהערט אַ פּויקעריי. די קלעפּ פון דער פּויק זיינען געוואָרן שטאַרקער, האָבן זיך געוויגט דאָ איבער אַ וואַנט, וואָס איז געבליבן שטיין, דאָ אי־בער אַן איינגעפאַלענער חורבה, וואָס האָט נאָך געברענט, דאָ איבערן ליידיקן מאַרק, וואו די לופט האָט געשרפעט, איז פול געווען מיט שרעק. דאָס האָט דער שונא גערופן דעם עולם, וואָס איז איבערגעבליבן אין דאָרף, אים גערופן מיט פּויק און טראָמפּייט. און אַז קיינער האָט זיך נישט באַוויזן, האָט אַ לייטענאַנט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— זוכן!

מ׳האָט געזוכט אין די קעלערס, אין די קאַרטאָפל־גריבער, אין די ברונעמער, וואָס זיינען געווען פאַרשאָטן. מען האָט געזוכט און געשאָלטן אין טאַטן, אין מאַמען, ביזן דריטן דור אַריין:

— דאָנערוועטער!

און ווי די אָפּיצירן זיינען שוין געשטאַנען איבער אַ מאַפּע, האָבן געזוכט דעם באַקאַנטסטן וועג איבער „שלום־עליכם" דאָרף אַריין, איז פֿאַר נעם קליינעם בית־עלמין אָנגעקומען אַ צוואָקסענער פֿאַרשוין. אין די אויגן האָבן זיך געוואָרפֿן — בויך און פּלייצעס. פּיס — ברייטע, שוואַרצע — ווי ביי אַן עלעפֿאַנט. די באַרוועסע פֿינגער — צעכמאַליעט. אויף די ברייטע פּלייצעס זיינען געהאַנגען מאַנטלען — איינס, צוויי, דריי, גע־האַנגען, ווי אָנגעשטאָפּטע זעק. אַרום בויך זיינען די מאַנטלען געווען שמיידיק, נישט צוגעגאַנגען און זעקס פּאָלעס, ווי צעפֿראַלטע טירן, האָבן זיך מיט אַ פּאַטשעריי געוויגט אַרום דעם איבערגעוואָקסענעם פֿאַרשוין.

דאָס איז געווען דער משוגענער ישראל, וואָס האָט נישט געוואָלט אַוועק פֿון דאָרף און איז געבליבן אויפֿן בית־עולם צווישן די מצבות. צי דאָס טראָמפּייטן און פּויקן פֿון די דייטשישע זעלנער, צי דאָס סאָפּען פֿון די מאָטאָרציקלס, ס'איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס ס'האָט אים אַרויס־געשלעפּט פֿון זיין באַהעלטעניש. ער האָט געשפּרייזט מיט אַ פֿאַרריסן פּנים. דער שוואַרצער קאָפּ האָר — צעפּאַטלט, די באָרד — צעשויבערט און ס'האַריקע האַרץ — צעכראַשטשעט. דער לייטענאַנט האָט אַ זאָג געטאָן צו די זעלנער:

— ברענגט אים אַ לעבעדיקן.

דריי זעלנער האָבן אָנגעשטעלט אויף אים די ביקסן:

— האַלט!

ישראל האָט אויפֿגעהויבן ביידע הענט און איז געבליבן שטיין. אַ זעלנער האָט אים גענומען באַזוכן. אַנשטאָט געווער, האָט דער דייטש אַרויסגעשלעפּט פֿון ישראלס קעשענעס שטיקער ברויט, שטיקער חלה, וואָס זיינען געווען האַרט ווי שטיין. דער זעלנער האָט אים געפֿרעגט:

— האָסט געווער?

— כ'האָב.

— וואו?

ישראל האָט געוויזן אויף די שטיקער חלה. אויף די שטיקער ברויט און בשעת מעשה אָנגעשטעלט אויפֿן זעלנער אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, אַז דעם דייטש איז קאַלט געוואָרן. ער האָט אַ בורטשע געטאָן:

— קום!

דער זעלנער האָט צוגעפֿירט ישראלן צום לייטענאַנט און געוויזן

מיט א פינגער, אז דער געפאנגענער האט א ריך אין קאפ. דער לייטע־נאנט האט באטראכט דעם פארשוין און אים געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— ישראל.

— יודע?

— יודע.

— וואס טוסטו דא איינער אליין אין דארף?

— כ׳היט די טויטע.

— וועמען?

— די טויטע — האט ישראל געזאגט און געוויזן אויפן קליינעם בית־עולם, וואס האט זיך געצויגן, מיט די קאלך־מצבות, בארג ארויף.

דער לייטענאנט האט זיך צעלאכט:

— ער איז פארדיקט!

די איבעריקע אפיצירן האבן מיטגעלאכט:

— דער יודע איז פארדיקט!

די זעלנער, וואס זיינען געשטאנען מיט אנגעשטעלטע ביקסן, האבן איינגעהאלטן ס׳געלעכטער אין די בייכער, און זייערע פנימער, צעשמי־סענע מאסקעס, האבן זיך נישט קיין קרים געטאן.

דער לייטענאנט האט געגעבן ישראלן א פאפיראס:

— גוט. דו, איזראעל, היטסט די טויטע. און וואס טוען די אי־בעריקע פויערים?

— כ׳ווייס נישט.

— ווילסט דאך נישט, מען זאל דיך שלאגן?

— ניין.

— טא זאג, וואו די פויערים באהאלטן זיך אויס.

— כ׳ווייס נישט.

— ווער דען ווייס?

— מיין יאשא. ער ווייס אלץ.

— ווער איז יאשא?

— ס'איז מיין זון — מיין צוועלף־יאריק ייגגל.

— וואו איז ער, דיין יאשא?

— ער איז מיט מיר אויפן בית־עולם.

די אפיצירן האבן זיך איבערגעקוקט, צי מען גייט זיי דא אמאל נישט אפטאן קיין שפיצל. זיי האבן געוואלט זיכער זיין, צי דער פארשוין איז טאקע משוגע, צי ער מאכט זיך. דער לייטענאנט האט אים געפרעגט:

— פארוואס איז דיין יאשא געבליבן אויפן בית־עולם?

— ווייל ער קען נישט גיין.

— ער לאמט?

— ניין. כ'האב אים צוגעבונדן צו יענעם בוים, — האט ישראל געוויזן אויפן איינציקן בוים, וואס איז ארויסגעוואקסן פון צווישן די אנ־געווארפענע מצבות — כ'האב אים צוגעבונדן, ער זאל נישט אנטלויפן.

דער צוועלף־יאריקער יאשא איז געלעגן, ווי א געפענטעט חיהלע. ער האט זיך די אויגן אויסגעקוקט דער שונא זאל פארפארן קיין לוואווא. און אט איז ער דא. אויבן אויף האט עס געהייסן, אז יאשא האט זיך אפגעבעטן ביי די פויערים, מען זאל אים איבערלאזן מיטן קראנקן פא־טער, וואס האט זיך נישט געוואלט רירן פון דארף. און נישט אזוי פון דארף, ווי פון לוואווער בית־עולם.

דער קליינער יאשא האט געהאט גרויסע פלענער. צייט דער פא־טער האט געקראגן דעם מיש אין קאפ — און דאס איז געווען אנהייב ווינטער — האט יאשא געפירט ס'ווירטשאפט. ער האט שוין אפילו האר־יאר געהאלפן בראנעווען דעם „ש וו א ר צ ן פ א י", וואס האט גע־פידלט אונטער די פיס, ווי ראשטשינע. און מיט אמאל — מלחמה. דער שונא איז באפאלן דעם ראטנפארבאנד. אוי, האט יאשא מקנא געווען די דערוואקסענע, וואס זיינען אוועק שלאגן דעם שונא. און אז יאשא איז אין די שפעטע פארנאכטן געריטן פון סטעפ אין דארף אריין, איז דאס שוין נישט געווען ס'צוועלף יאריקע ייגגל, נאר א באוואפנטער רויט־אר־מייער, וואס זיצט נישט אויפן פערד, נאר ליגט, בייסט זיך איין מיט די הענט, מיט די פיס, און ס'פערד ווארפט אפער די קאפיטעס, פאטשט אוועק איבערן סטעפ, טראגט זיך אויפן שונא, אויפן דייטש. אין די פאר־נאכטן האט יאשא אויפגעטאן וואונדער. און אז די פויערים האבן אונ־טערגעצונדן ס'אייגענע דארף, זיינען אוועק מיט ווייב און קינד, מיט קו

און פערד, אַוועק צום דניעפּער, איז יאַשאַ געבליבן מיטן פאָטער. ער האָט געהאַט גרויסע פּלענער. ער וועט ווערן אַ פּאַרטיזאַן, וועט נקמה נעמען פאַר די דייטשישע שחיטות אויף פּוילישע יידן, אויף ליטווישע יידן. קאַרג מעשיות האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן די פּאַרטיזאַנער ? ער האָט געוואוסט, אַז פון די פּאַרטיזאַנער איז אַרויסגעוואַקסן די רויטע אַרמיי. און אַז דער שונא איז אָנגעקומען מיטן סטעפּ, האָט יאשא גענומען סטראַשען דעם פאָטער, אַז ער גייט אַנטלויפן, אַזוי לאַנג געסטראַשעט, ביז דער פאָטער האָט אים צוגעבונדן צום בוים. דאָס האָט יאַשאַ געוואָלט. אַ משוגענער טאַטע, אַ געפּענטעט יינגל — אַזאַ יינגל וועט דער דייטש נישט באַזוכן. הענט און פיס האָבן ביי אים אויפגעהערט צו ציטערן. ער איז געוואָרן רואיק, איז געוואָרן קאַלטבלוטיק, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פּאַרטיזאַן.

יאַשאַ וואָלט מיט פאַרמאַכטע אויגן געטראָפן ס'פּלאַץ, וואו ס'ליגט די מאַשין־ביקס, וואו ס'ליגן די רעוואָלווערן, וואו ס'ליגן די האַנט־גראַנאַטן. פון פרייד האָבן די אויגן זיך ביי אים פאַרמאַכט. אויס רויך, אויס סמאַלינעס. דער אויגוסט־הימל איז בלוי און טיף. די לופט — צייטיקע פּירות. באַלד אָבער האָבן זיך גענומען קייקלען טריט. פיס האָבן געקלאַפּט איבערן איינגעטראָטענעם וועג, וואָס האָט געפירט צום בית־עולם. די קלעפּ האָבן זיך געקייקלט, זיינען געקראָכן צווישן די גראָזן, פאַרקראָכן צו יאַשאַן איבערן לייב:

— ווער גייט ?

איבער אים זיינען געשטאַנען זעלנער:

— ווער האָט דיך געבונדן, יינגל ?

— דער טאַטע, — האָט יאַשאַ גערעדט, ווי ער וואָלט געוועזן אָן כוחות — כ'האָב אַ קראַנקן טאַטע. ער איז נישט ביים זינען. ער האָט מיך געבונדן.

— פאַרוואָס האָט ער דיך געבונדן ?

ער האָט מורא געהאַט, כ'זאָל נישט אַנטלויפן.

— וואוהין ?

— וואו אַלע זיינען געלאָפן.

— וואוהין זיינען אַלע געלאָפן ?

ס'יינגל האָט אַ ווייל געקוקט אויף די זעלנער, געקוקט און תמעוואַטע אַזאַג געטאָן:

— פירט מיך צו אייער עלטסטן, וועל איך זאגן.

זיי האבן אים אפגעבונדן. יאשא האט זיך קוים געהאלטן אויף זיינע בארוועסע פיס. אין דער אמתן אבער, איז אין אים אויפגעגאנגען א פרייד — באלד, באלד.

דער פאטער — ס'פנים פארשטיינערט, די אויגן שגעון— האט אים פארגעשטעלט:

— דאס איז מיין יאשא — ער ווייס אלץ.

— הער זיך איין ייִנגל — האט דער לייטענאנט פאטערלעך ארויפגעלייגט אויף יאשאן א האנט — דערצייל מיר אלץ וואס דו ווייסט. ווער האט אונטערגעצונדן די הייזער דא אין דארף?

— די פויערים אליין.

— ווען?

— נאך נעכטן אין דער פרי.

— און וואוהין זיינען זיי אוועק?

— טייל זיינען געלאפן אין דער זייט פון דניעפער, אנדערע — קיין זאפאראזשיע.

— און דו, בחורל, ווייסט דעם וועג צום דניעפער?

— אוודאי ווייס איך.

— וועסט מיטפארן מיט אונדז?

— כ'וועל מיטפארן. כ'בין אבער הונגעריק. פון נעכטן אין דער פרי האב איך נאך גארנישט געגעסן.

מען האט דעם ייִנגל דערלאנגט א ווייס ברייטל. ער האט עס צעריסן אין צווייען. איין העלפט האט ער א כאפ געטאן אין מויל אריין, די צווייטע — האט ער א שטעק געטאן הינטערן לייוונטן העמד.

די אפיצירן, וואס זיינען געשטאנען ארום אים, האבן זיך צעלאכט, געלאכט אזוי אויפן קול, אז זיי האבן נישט באמערקט, ווי יאשא האט ארויסגעשלעפט פון הינטערן העמד א האנט־גראנאט. ער האט פלינק א צי געטאן ס'צינגל און מיט גרויס געלענק א שליידער געטאן דעם גראנאט צווישן די אפיצירן. די ערד פון אונטער די פיס, ס'גאנצע דארף לוואווא מיט די ברענענדיקע הייזער, אלץ האט געטאן זיך א הייב, הויך, העכער.

נאכן אויפרייס האבן זעלנער זיך גענומען טראגן פון אלע זייטן. דער לייטענאנט, די אפיצירן, אלע זיינען געלעגן אין לוואווער מארק צע־ריסענע. צווישן די הרוגים — דער צוועלף־יאריקער יאשא און זיין פא־טער, דער משוגענער ישראל.

ס׳יידישע דארף לוואווא האט געברענט, דער סטעפ האט געברענט און די הינט האבן איצט נאך העכער געוואיעט.

1942

# קאַליאַ

ס'איז געווען סוף סעפּטעמבער, ווען דער רעגן האָט אָן אַ וואָך, טיילמאָל צוויי. דערנאָך כאַפּט אַ פרעסטל, ס'נעמט שנייען און עס שטעלט זיך אַוועק אַ ווינטער אָן שטאַרקע פרעסט, אַ ווינטער, וואָס נאָגט און עסט די ביינער.

אין אַזאַ רעגנדיקער נאַכט, ווען דער דניעפּער, אָן אַנגעשוואָלענער, איז מיט רוגזה אַרויס פון די ברעגעס, די ווינטן האָבן זיך צעשפּילט און צעפייפט איבערן סטעפּ, ווי אַ זאַווערוכע, — אין אַזאַ נאַכט איז דער פערצן־יאָריקער קאַליאַ אַ דורכגעווייקטער, געשטאַנען לעבן פּראָם אויף דער וואַך.

דער דניעפּער, וואָס האָט זיך געריסן פון די ברעגעס מיט אַ וואָיען, פאַרשוואָנקען שטיקער סטעפּ, האָט פאַרווישט דאָס פּויקן פונעם רעגן, דאָס סקריפּען פונעם פּראָם, דאָס פּישטשען פון די פעלד־מייז, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין די נאָרעס.

די שוואַרצע ערד, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן פון נאַסקייט, האָט געטריפט מיט פאַרע, וואָס איז געקראָכן איבערן סטעפּ, איז געבליבן שטיין ווי אַ נעפּל, צוויי דריי איילן פונעם מענטש. ס'איז שווער געווען צו זאָגן וואו איז ערד און וואו איז הימל.

קאַליאַ האָט בלויז געזען פונקען פאַר די אויגן. און אַז דער רעגן האָט, ווי אַ פּלאַכטע, זיך גענומען וויקלען אַרום זיינע פיס, אַרום קאָפּ, און איבערן סטעפּ זיינען אויסגעוואַקסן מענטשן צו צוויי, צו דריי, האָט קאַליאַ אָנגעשפּיצט זיינע וואַכע אויערן:

— זאָל עס זיין דער שונא, דער דייטש?

קאַליאַ האָט שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פונעם שונא. ס'יידי־

שע דארף לוואווא, פון וואנען קאליא איז געקומען, האט דער דייטש אויסגעגלייכט מיט דער ערד. טאטע־מאמע זיינען צעריסן געווארן פונעם שונאס באמבעס. פון דער גאנצער משפחה זיינען געבליבן — ער, קאליא, און אן עלטערער ברודער אין דער רויטער ארמיי. דער פערצן־יאריקער קאליא האט זיך צוגעשארט צו א חברה פויערים, וואס זיינען פארבליבן אין סטעפ. און די פויערים אין סטעפ זיינען נישט געזעסן ליידיק. מען איז באפאלן פעלד־קיכן, פראוויאנט־וועגענער, פאטרולן. בייטאג איז מען געווען צעווארפן. מען איז געלעגן פארשטעקט אין קארטאפל־גריבער, אין איינגעפאלענע קברים. ביינאכט איז מען ארויס פון די באהעלטענישן. צו איינס, צו צוויי. מען איז נאכגעגאנגען דעם שונא ווי א סטאדע הונגעריקע וועלף. א טאנק, אן אמבולאנס, א פעלד־קיך, א פארבלאנדזשעטער פאטרול — ווער אדער וואס איז געבליבן הינטערשטעליק, איז פון די פויערים צעריסן געווארן אויף שטיקער.

אין יענע מקומות, א צען מייל פון כערסאן, איז מען מיט א היל־צערנעם פראם אריבערגעשוואומען דעם דניעפער קיין לוקאווא. ביים פראם האט געארבעט א בלינדער זקן אין די זיבעציקער. ס׳איז געווען א ירושה פון דעם בלינדנס פאטער. דעם בלינדנס ווייב איז שוין יארן געלעגן צו בעט א ש ל א ק ר י ר ע ק ע און אן לשון. ארויסגעהאלפן דעם בלינדן האט א נישט־דערבאקענער יונג פון א יאר זעכצן. פעטיא האט ער געהייסן. איז אנגעקומען א פויער מיט א קו צי מיט א פערד, האט געוואלט אריבערשווימען דעם דניעפער, האט דער נישט־דערבאקע־נער יונג א צי געטאן דעם בלינדן פאר א האנט,

— וולאס, א פאסאזשיר.

דער בלינדער וולאס, א זעקס־פוסיקער זקן, באוואקסן ווי א פאפ, האט אויסגעגלאצט א פאר הינערישע אויגן:

— לאמיר הערן זיין קול.

— דאס בין איך, זיידע וולאס.

— וואס פאר א פאסאזשיר איז ער דאס ? — האט דער בלינדער געהאט טענות צום ארויסהעלפער. — דאס איז דאך ניקיפאר ניקאנ־דריטש ! וואס מאכסטו ניקיפאר ? און דער טאטע וואס מאכט ?

דער בלינדער וולאס האט אלע זיינע פאסאזשירן דערקענט לויטן קול. איבער פערציק יאר ווי ער האט געפירט פאסאזשירן מיטן פראם,

געקענט די זיידעס, די טאַטעס, די אייניקלעך. און אַז עס זיינען קיין פּאַר־סאַזשירן נישט געווען, איז דער בלינדער געזעסן מיטן אַרויסהעלפער, אים דערציילט מעשיות, און דער נישט־דערבאַקענער פּעטיאַ האָט אויס־געהערט, גאַריש געשמייכלט און שטאַרק אַנגעקוואַלן.

אין מיטן סעפּטעמבער איז קאַליאַ צוגעקומען צום פּראָם:

— זיידע וולאַס, שיף מיך אַריבער.

— קאַליאַ?

— יאָ, איך, קאַליאַ, — האָט ס׳יידישע בחורל זיך געחידושט, וואָס דער בלינדער דערקענט אים. כאַטש קאַליאַ האָט מיטן בלינדן בלויז צוויי מאָל גערעדט.

— שלעכט, קאַליאַ, שלעכט, — האָט דער בלינדער, אַנגעכמורעט ווי אַ וואָלקן, שטילער גערעדט — אָן פּעטיאַן בין איך ווי אָן אַ האַנט.

— וואָס איז מיט פּעטיאַן?

— די גנבים, די דייטשן, האָבן אים דערשאָסן.

דער בלאָנדער קאַליאַ מיטן פּאַרריסענעם נעזל איז געבליבן ביים בלינדן וולאַס. ער האָט שוין איצט געהייסן פּעטיאַ. דער נישט־דערבאַ־קענער פּעטיאַ. און אַז דער בלינדער וולאַס איז געזעסן מיט פּעטיאַן, האָט פּעטיאַ גערעדט, נישט וולאַס. דערציילט דעם זקן ווי דער דייטש, דער מערדער, האָט באַלאַגערט אָדעס, האָט פּאַרנומען כערסאָן. דאָס איז נאָר אויף דערווייל. ווי דער ווינטער וועט זיך אָוועקשטעלן, וועט די רויטע אַרמיי שלאָגן דעם שונא, אים פּאַרטרייבן פון דער רוסישער ערד.

אַזוי איז פּעטיאַ אָפּגעוווען מיט וולאַסן אַ טאָג צען. שפּעט אין דער נאַכט, ווען וולאַס איז שוין פעסט געשלאָפן, האָבן פּויערים גע־מייסטרעוועט אויפן פּראָם, געמייסטרעוועט און זיך איבערגערעדט אויפן וואונק:

— אַי, ווען ס׳גיט זיך איין.

— ס׳קאָן זיך איינגעבן.

— ס׳איז ווי אַ מזלדיקע קאַרט.

— מען שטעלט אויף איר איין און מען געווינט.

— מען קאָן אַמאָל כאַפּן דעם גענעראַל־שטאַב.

— און מען קאָן טאַקע.

— די אמתע העכט.

דערנאָך איז ביינאַכט שטיל געוואָרן אויפן פּראָם. און פּעטיאַ איז געשטאַנען אויף דער וואַך, איז געשטאַנען איין נאַכט, אַ צווייטע. אויף דער צווייטער נאַכט — מ׳הערט טריט. אָן די טריט האָט פּעטיאַ דער־קענט, אַז דאָס זיינען נישט קיין אייגענע. מ׳איז געגאַנגען ווי זעלנער, צו צוויי אין אַ שורה.

פּעטיאַ האָט זיך געשאַרט אויף אַלע פיר, זיך געשאַרט אַ דורכ־געוויקטער.

ער איז שטיל אַריין אינעם הילצערנעם שטיבל, פאַרקייטלט היב־טער זיך די טיר.

דער בלינדער וולאַס האָט געכראָפּעט מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט געדרייט שטריק. ס׳באַנומענע ווייב איז געלעגן אַ וואַכע און האָט זיך קיין רירט נישט געטאָן. ווען נישט די אויגן, גרינלעכע פלעמלעך, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז זי זשיפּעט נישט.

פּעטיאַ האָט זיך צוגעלייגט צום בלינדן און אים גענומען וועקן:

— וולאַס, וולאַס!

— האַ — ?

דער בלינדער האָט זיך אויפגעזעצט:

— וואָס איז? אַ פּאַסאַזשיר?

— ניין, וולאַס. דייטשן.

— ווער? דייטשן? איך האָב נישט מורא. איך ווייס אַלץ. דו, פּעטיאַ, ביסט מיין זון, מיין איינציקער זון, — האָט דער בלינדער גענו־מען רעדן, ווי אַן אויסגעלערנטן שפּרוך.

— רעד נישט, וולאַס.

ס׳איז געווען אַ וויילע שטיל. אונטערן דאַך האָבן מיט אַ וואַיען זיך געריסן ווינטן. ס׳פענצטער האָט געסקריפּעט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— עפנט! עפנט!

— ווער איז? — האָט וולאַס זיך געפרעגט מיט אַ רואיק קול — שלאָפן לאָזן זיי נישט! שלעפן זיך אַרום איבער די וועגן, ווי נישט־גוטע!

— אייגענע! עפנט!

וולאָס, וואָס איז געשלאָפן אין די הויזן, איז אַראָפּ פון בעט און האָט געעפנט די טיר:

— וואָס פאַרלאַנגט איר, גוטע מענטשן?

— צינד אָן אַ לאָמפּ!

— נישטאָ קיין נאַפט.

דריי פאַרשוין זיינען אַריין. שייך־וואָרפערס האָבן אויפגעטיקט. צוויי פאַרשוין האָבן אַפּירגענומען פון אונטער די גומענע רעגן־מאַנטלען ביקסן, זיי אַנגעשטעלט, ווי צום שיסן. גערעדט האָט דער דריטער, גערעדט רוסיש:

— וואָס איז דיין טאַן, זיידע?

— איך בין אַ פּאַראָמשטשיק, איך פיר פּאַסאַזשירן איבערן דניעפּער.

— וואוינסט שוין דאָ לאַנג, זיידע?

— כ׳האָב דאָ דערזען די ליכטיקע שיין, און זי האָט זיך מיר דאָ אויסגעלאָשן.

— וואָס, ביסט בלינד?

— איך בין בלינד. ס׳ווייב מיינס איז שוין ס׳צווייטע יאָר געליימט. און ווען נישט מיין יינגל, ווען נישט פּעטיאַ, וואָלטן מיר שוין לאַנג אומגעקומען. ער איז אָבער אויך אַ נישט־דערבאַקענער.

די דייטשן האָבן זיך איבערגערעדט, און ס׳איז אַריינגעקומען אַ פערטער. ער האָט אַ הייב געטאָן ביי וולאָסן די אויגנלעפּלעך, צוגעשטעלט דעם שייך־וואָרפער צו דער געליימטער און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דער פאַרשוין, וואָס האָט גערעדט רוסיש, האָט געזאָגט צום בלינדן:

— שיף אונדז אַריבער דעם דניעפּער.

— וויפל פּאַסאַזשירן זענט איר?

— צען.

— פּעטיאַ, שלאָפסט? — האָט דער בלינדער גענומען טאַפּן מיט די הענט איבערן בעט.

— כ׳שלאָף נישט, טאַטע.

— טאָ קום, קום. מיר האָבן צען פּאַסאַזשירן.

דער פאַרשלאָפענער פּעטיאַ האָט איצט טאַקע אויסגעזען, ווי אַ נישט־דערבאַקענער. קיינער וואָלט נישט געגלייבט, אַז אין דעם בחורל

גייט אויף אַ באַהאַלטענע פרייד, די פרייד נקמה צו נעמען פאַר טאַטע־מאַמע, פאַרן דאָרף לוואָווע, פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

פעטיאַ איז אַריין אין וולאסעס אַלטע בגדים, וואָס זיינען געווען צו גרויס. דעם קאָפּ האָט ער אַריינגעשטעקט אין אַ געלעכערטן זאַק. דאָס בחורל האָט אויסגעזען, ווי אַ סטראַשידלע, ווי אַ פּאַרזעעניש, וואָס מען שטעלט אַוועק איבערצושרעקן פייגל.

און אַז די דייטשן האָבן זיך צעלאַכט, איז קאַליאַ געוואָרן דרייסטער. ער האָט צוגעשטעלט אַ שפּיץ פינגער צו אַ דייטשישן זילבערנעם קנאָפּ, צו אַ דייטשישן גאָלדענעם מעדאַל, און דאָס נישט־דערבאַקענע פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— אַ גענעראַל?

די דייטשן האָבן זיך העכער צעלאַכט:

— מיר זיינען אַלע גענעראַלן!

— אמתע גענעראַלן?

— אמתע.

דער בלינדער וולאַס מיט פעטיאַן זיינען געגאַנגען אויף אַפּריער. הינטער זיי — די דייטשן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געלאַכט. און כאָטש פעטיאַ האָט געפירט וולאַסן, האָט דער בלינדער פון געוואוינהייט געשיקט אויף אַפּריער דעם שטעקן זיינעם, געקלאַפּט מיט אים איבער די ברוקירטע שטיינער, וואָס האָבן געפירט צום פּראָם. דער בלינדער האָט גערעדט צו זיך:

— ווי דאָס גיסט! ווי דאָס צעבערט! אַ הינטיש וועטער!

און אַז די דייטשן זיינען שוין געשטאַנען אויפן פּראָם, און דער בלינדער וולאַס אויפן ברעג דניעפּערביים אייזערנעם ראָד, וואו אַ שטריק, דיק ווי אַ פויסט, האָט זיך געצויגן פונעם ראָד צום פּראָם, פונקט דעמאָלט האָט דער דייטש, וואָס האָט גערעדט רוסיש, אַ געשריי געטאָן צום בלינדן:

— וואַרט, זיידע! וואו איז דיין יינגל? דיין פעטיאַ?

— אָט בין איך — איז פעטיאַ מיט אַ שפּרונג געווען אויפן פּראָם.

— דו, פעטיאַ, וועסט מיט אונדז מיטפאָרן.

— איך? — האָט פעטיאַ געמאַכט אַ פּנים, ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל אָפּגעבריט און האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף קריק.

— האָב נישט מורא, פּעטיאַ, — האָט דער דייטש אים געגעבן אַ פּאַפּיראָס, — ווי מיר וועלן אַראָפּ אין לוקאָווע, וועט דער טאַטע דיך קריקשיפן.

— כ׳פֿאָר מיט, טאַטע!

— פֿאָרסט מיט?

— יאָ! פֿאַרטיק!

פונעם פראָם האָט מען געזען, ווי דער בלינדער גלייכט זיך אויס. איבער די הויזן — אַ ווייס העמד. די צעשפּרייטע הענט — אַרום דעם אייזערנעם ראָד. דער בלינדער האָט זיך צעקרעכצט, ס׳ראָד האָט זיך צעקרעכצט, און דער פּראָם האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך צעשאָקלט איבערן דניעפּער מיט אַ סקריפּערײ, מיט אַ קלאַפּערײ, ווי דער הילצערנער פּראָם וואָלט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערשיטן.

פּעטיאַ איז געשטאַנען צווישן די דייטשן און גערייכערט דעם פּאַפּיראָס. ער האָט זיך אַפילו נישט צוגעהערט, וואָס זיי רעדן, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען איינצלנע ווערטער און אַפילו פראַזעס. די פרייד, וואָס האָט זיך גענומען וועקן אין אים, האָט שוין אַרויסגעזונגען פון יעדן גליד. דאָס איז מער נישט געווען פּעטיאַ. דאָס איז צוריק געווען קאָליאַ פון דעם יידישן דאָרף לוואָווע, וואָס טראָגט זיך מיט די פויערים־פּאַרטיזאַנער איבערן סטעפּ, באַפאַלט דעם שונא פון הינטן. קאָליאַ האָט געוואוסט, אַז דער פּראָם איז געמינעוועט, געוואוסט, אַז דאָס איז אַ מזלדיקע קאָרט. מען שטעלט אויף איר און מען געווינט. אָט שטייען אַרום אים די אמתע העכט — דער גענעראַל־שטאַב. נאָך היינט וועלן די פּאַרטיזאַנער קומען צו וולאַסן, און ער וועט זיי דערציילן, ווי קאָליאַ האָט זיך ספּראַוועט מיטן דייטשישן גענעראַל־שטאַב. דאָס האָט ער, קאָליאַ, נקמה גענומען פאַר טאַטע־מאַמע, פאַרן דאָרף לוואָווע, פאַר גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד. ס׳יונגע בלוט גיסט זיך פון די פיס אין די הענט, פון די הענט אין מוח אַריין, אויס רעגן. דער אויסגעשטערנטער הימל ליגט אויף דר׳ערד. דער פּראָם הייבט זיך העכער, העכער. און מיטאַמאָל — אַ געוואַלד־ריס, ווי מען וואָלט ריזיקע שטיינער געשפּאָלטן. דער פּראָם מיט די דייטשן פאַלט פון דער הייך אין דניעפּער אַריין. אַלץ לעשט זיך — ס׳הייסע בלוט, די שטערן. און קאָליאַ פליט, פליט, פליט.

1942

# אַ בראַסלאַווער חסיד

צוועלף בייגאַכט האָט די באַן וואַרשע־קיעוו זיך געהאַלטן אין דער־נעענטערן צו דער פּוילישער גרענעץ. די וואַגאָנען פון דריטן קלאַס, וואָס זיינען פון וואַרשע אַרויסגעפאָרן איבערגעפּאַקטע, זיינען איצט כמעט גע־ווען ליידיק. אין לעצטן וואַגאָן זיינען בלויז געווען דריי פּאַסאַזשירן. צוויי זיינען געלעגן אויף די אונטערשטע בענק, געלעגן מיט פאַרוואָרפענע קעפּ, מיט צעשפּרייטע הענט, ווי הרוגים. דער דריטער פּאַסאַזשיר, אַ פּליי־ציקער פאַרשוין מיט אַ בלאָנד, שיטער בערדל, וואָס האָט, לויטן הילוך און אָנבליק, אויסגעזען ווי אַ קאַצאַפּ, איז לייכט אַראָפּ פון אַן אויבער־שטער באַנק און האָט מיטגעשלעפּט אַ זעקל. פון דעם זעקל האָבן זיך אַרויסגעקייקלט אַ שוואַרץ ברויט און אַ בלעך האַניק. די צוויי פּאַסאַ־זשירן, וואָס זיינען געשלאָפן, האָבן זיך איבערגעוועקט, זיך איבערגעקוקט און זיך געפרעגטביים דריטן אויף שטום־לשון:

— וואָס, מיר זיינען שוין ביי דער גרענעץ?

דער דריטער האָט נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען וואָס מ׳רעדט צו אים. ער האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם זעקל, קריק אַריינגעפּאַקט אַהין ס׳ברויט, די בלעך האַניק, גע־שנורעוועט ס׳זעקל מיט שטריקלעך. די צוויי פאַרשוינען האָבן געלאָזט וויסן אויפן קול, אַז דער דריטער איז אַ טויב־שטומער. דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און זיינען קריק איינגעשלאָפן. ערשט איצט האָט דער טויב־שטומער אַן עפן־געטאָן ס׳וואַגאָן־פענצטער, אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ פאַר אַ ווייל און אים צוריק אַריינגעכאַפּט. אין דרויסן האָט געריגנט. דער רעגן האָט געפּייקלט איבערן דאַך, איז גע־פאַלן מיט אַ קלימפּער איבער די שויבן.

דער טויב־שטומער האָט אַ הייב געטאָן ס׳זעקל, עס פאַרוואָרפן מיט אַן אָרעם־באַנד אויף אַן אַקסל און איז שטיל אַרויס פון וואַגאָן. ער איז געבליבן שטיין אויף טרעט־ברעט. דער רעגן, דער ווינט, וואָס איז אַנגעלאָפן פון די פעלדער, — אַלץ האָט פון טויב־שטומען געריסן שטי־קער. אַזוי האָט אַנגעהאַלטן אַ ווייל. און אַז די אויגן האָבן דורכגעלעכערט ס׳חושך, און האָבן אויפגעכאַפּט דאָס סאַפּען פונעם לאָקאָמאָטיוו, דאָס בייסן זיך פון די רעדער אין די רעלסן, דאָס קלאַפּן פונעם רעגן, האָט דער טויב־שטומער זיך אַ הייב געטאָן איבערן אייזערנעם לייטערל, זיך געהויבן צום וואַגאָן־דאַך. ער האָט זיך אַ ווייל געישובט — בלייבן דאָ, צי איבערגיין אויף אַן אַנדער וואַגאָן? אַ טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן. דער טויב־שטומער האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פיר און איז אַזוי געבליבן ליגן אויפן דאַך. דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער, ס׳חושך — געדיכטער. וואו אַ סקריפּ, וואו אַ שאָרך — אַלץ האָט דער ווינט פאַרווישט, אַלץ האָט דער רעגן פאַרשווענקט. אויף אַזאַ נאַכט האָט זיך דער טויב־שטו־מער נישט געריכט. ער האָט אין דעם געזען אַ גאָט־זאַך.

באַרג־אַרויף האָט די באַן גענומען גיין פּאַמעלעכער. אינעם חושך האָבן אויפגעטוקט פּלעמלעך, אַנגעזאָגט, אַז מען דערנעענטערט זיך צום פּוילישן גרענעץ. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפּייפט, צערעוועט, און די באַן איז געבליבן שטיין.

די אויערן ביים טויב־שטומען זיינען געווען אַזוי אַנגעשפּיצט און אַזוי וואַך, אַז ער האָט אינעם רעגן, אינעם ווינט, געקענט אויפכאַפּן אַ סקריפּ פון אַ טיר, אַ טראָט פון אַ מענטש. און וואָס איז דער חידוש? עס איז דאָך שוין ס׳צוואַנציקסטע מאָל, ווי ער „שוואַרצט“ די גרענעץ. ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ טויב־שטומען קאַצאַפּ און אויף יעדן ראש־השנה פאָרט ער קיין אומאַן צום רבין אויפן קבר. ער פאָרט אָן אַ פּאַס־פאָרט, אָן אַ וויזע. אינעם זעקל, וואו ס׳ליגט ברויט מיט האָניק, ליגן אויך — לקוטי מהר״ן, די מעשה וועגן זיבן בעטלער. און אין האַרצן — אַזאַ בטחון, אַזאַ זיכערקייט, אַז דער רבי איז נישט געשטאָרבן. דער רבי פאָרט דאָך מיט אים מיט. ער איז בלויז אַרויס פון איין וואַגאָן און איז אַריין אין אַ צווייטן. מען דאַרף אים בלויז אַ רוף טאָן — און ער דער־הערט און ער ראַטעוועט פון יעדער צרה. דען די נסיעה פון וואַרשע קיין אומאַן איז אַ שווערע. ס׳איז חבוט־הקבר. מען שליידערט אין מיטן פאָרן

פון די וואגאנען, מען שלאגט, מען זעצט איין. מען איז נישט זיכער מיטן לעבן. אי אויף דער פוילישער זייט, אי אויף דער סאוועטישער. און פונדעסטוועגן האט פאר די ניינצן יאר נאך קיין איין מאל נישט געטראפן, אז ער, וואלף, זאל נישט אנקומען אין צייט אויפן רביס קבר. היי־יאר איז דאס צוואנציקסטע מאל. און די נסיעה איז דערווייל א לייכטע. דערצו האט אים גאט אליין צוגעשפילט — אזא רעגן, אזא ווינט, אזא חושך. וואס, שוין נאך די רעוויזיעס?

דער לאקאמאטיוו האט א פייף געטאן. די וואגאנען האבן זיך צעשאקלט, זיך גערירט פון ארט. דער רעגן האט געשמיסן איבער די נאסע פיס, איבער די פיטש־נאסע פלייצעס, נישט געלאזט איינזיצן אויף אן ארט, אזוי גליטשיק איז דער דאך געווארן. וואלף האט זיך א שאר געטאן צום אייזערנעם לייטערל, איז געבליבן שטיין אונטערן דעכל און האט זיך פעסט צוגעהאלטן מיט די הענט אן דעם נאסן פארענטש. די אויגן האט ער פארמאכט, די ליפן פארקוועטשט, און אן ווערטער, אן א קול, געזאגט שטיקער פון לקוטי מהר״ן. דער פארלאנג אנצוקומען קיין אומאן און מקבל פנים צו זיין דעם רבין אויפן בית־עולם — דאס אליין האט וואלפן צעווארעמט. ער האט מער נישט געפילט, ווי די נעץ זאפט זיך איין אין די פיס, ווי אין לעש־פאפיר, נישט געפילט ווי ער גנבעט זיך, ווי מען קען אים יעדע רגע אראפשליידערן פון דער לויפנדיקער באן. א פרייד איז אין אים אויפגעגאנגען, ווי ער וואלט עולה־רגל געווען קיין ירושלים. און די פרייד איז נישט געווען, כדי מתקן צו זיין די אייגענע נשמה. ס׳איז דאך געגנוג א הייב צו טאן מיט אן אקסל און אויס רעגן, אויס חושך, אויס געפאר. ווייל דער מענטש איז דאך באשאפן געווארן צו הייבן דעם הימל. אנדערש וואלט דאך אוממעגלעך געווען, אז דער רבי זאל זיצן אין וואגאן און דער תלמיד זיינער, וואלף, זאל שטיין אויפן דאך. וואס, שוין די סאוועטישע גרענעץ?

וואלף האט זיך ווידער אראפגעלאזט אויף אלע פיר. דאס מאל איז ער נישט געבליבן ליגן אויפן דאך פונעם לעצטן וואגאן. ער האט אויף א פריער געדוקט ס׳זעקל, אויפגעווישט דערמיט די נעץ. דערנאך האט ער זיך געשארט אויפן בויך, איז געקראכן פון איין וואגאן אויפן צווייטן.

וואלף איז געבליבן ליגן אויפן פערטן וואגאן, וואו ס׳איז קיין

אייזערן לייטערל נישט געווען. וועט עמיצן איינפאַלן צו זוכן אויפן דאַך — וועט מען אַהער סיי ווי סיי נישט פאַרקריכן. און דער ווינט, וואָס איז אַנגעלאָפן פון פעלד, פון וואַלד, מיטגעבראַכט פלאַכטעס רעגן, האָט זיך געוואָרפן אויף וואָלפן מיט רוגזה.

און וואָלף?

ער האָט זיך נישט בלויז געקלאַמערט מיט הענט און פיס צום דאַך, נאָר ער האָט אויך אין מיטן גערעגנגל אויפגעכאַפּט יעדן סקריפּ, יעדן טראָט. ער האָט געהערט, ווי די פּאַסאַזשירן זיינען מיט זייער געפּעק אַרויס פון די וואַגאָנען, האָבן זיך געלאָזט גיין אין צאָל־קאַמער אַריין, דאָרט, נאָך דער רעוויזיע, וועלן די פּאַסאַזשירן זיך איבערזעצן אין אַ רוסישער באַן, וואָס וועט אָפּגיין קיין כאַרקאָוו.

און ער?

ער, וואָלף, וועט בלייבן ליגן אויף דער פּוילישער באַן. ווי מען וועט נעמען לעשן די וואָקזאַל־לאָמפּן, מענטשן וועלן מאַכן נאַכט, וועט ער אַראָפּ פון דאַך, וועט זיך לאָזן מיטן פעלד קיין שעפּעטאָווקע.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט ווידער גענומען סאָפּען, גענומען לאָזן קוי־מענס רויך, געשפּריצט אין דער נאַסקייט פונקען. די וואַגאָנען האָבן זיך געוועקסלט, זיינען אַריבער אויף אַנדערע רעלסן, געבליבן שטיין אין פעלד. אין אַ ווייל אַרום איז שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פון רעגן, ס'קרעכצן און ס'פייפן פון ווינט. דערנאָך איז אָפּ־געגאַנגען די רוסישע באַן.

וואָלף איז שוין געזעסן אויפן דאַך פון לעצטן וואַגאָן. דער רעגן איז געפאַלן מיט רוגזה, האָט צעווייקט יעדן קלאַנג, יעדן שאָרך. דער פערציק־יאָריקער וואָלף האָט זיך לייכט, ווי אַ קאַץ אַראָפּגעלאָזט פון דאַך און איז געבליבן ליגן אונטערן וואַגאָן. ער האָט זיך געיישובט — זאָל ער שניידן מיטן שאָסיי קיין שעפּעטאָווקע, צי מיטן פעלד? וואָלף האָט אויף אַלע פיר זיך געלאָזט אין פעלד אַריין. אַזוי איז ער אָפּגעקראָכן אַ צוויי הונדערט פוס. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, געפילט ווי די ביינער קנאַקן, און גענומען שפּאַנען. און כאָטש ער איז געווען איבער־גאַנצן דורכגעווייקט, איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ וואַרעמקייט, וואָס ס'איז אים שוין ס'צוואַנציקסטע מאָל באַשערט צו זיין מיטן רבּיס „קבוץ" אין אומאַן אויף ראש השנה.

וואלף האט זיך געלאזט מיט א קארטאפל־פעלד, וואו די קארטאפל זיינען שוין געווען אויסגעגראבן. וואו א טראט — גריבלעך און בערג־לעך, וואו א טראט — לוזשעס וואסער. די גאכט איז פול געווען מיט רעגן, פול געווען מיט געדויש, און ס׳איז שווער געווער צו זאגן, פון וואנען ס׳גערויש טראגט זיך. מיטאמאל האט זיך א הונט צעבילט. וואלף איז געבליבן שטיין. און אז דאס בילן האט אויפגעהערט, האט ער ווייטער אוועקגעשפאנט, זיך אן אטעם צוגעשלעפט צו דער קוזשניע, וואס איז געשטאנען ביים אריינפאר קיין שעפעטאווקע.

וואלף האט אנגעקלאפט אין פענצטער, דערנאך אין טיר. ס׳האבן זיך דערהערט טריט, דערנאך א קול:

— ווער איז?

— איך, וואלף!

— דער ווארשעווער?

— יא, מענדל.

ס׳האט זיך געהערט א קריץ פון א ריגל. די טיר האט זיך געעפנט, א בלאז געטאן אויף וואלפן מיט אויסגעווארעמט געלעגער, מיט מענטשיש לייב. מען האט זיך געגעבן שלום אין דער פינצטער, מען האט זיך ארומגענומען, ווי ברידער. און ווי מען איז אזוי געשטאנען, זיינען געפאלן ווערטער:

— א שווערע נסיעה?

— גראד א לייכטע.

— איז ווען פארן מיר קיין אומאן צום רבין?

— אפילו מארגן.

אין דער פינצטער האט מען גענומען צו ביסלעך משקה. און אזוי, אויף איין פוס, האט מען זיך איבערגעגעבן, וואס דער חסידישער „קבוץ" מאכט אין ווארשע, וואס ער מאכט אין בערדיטשעוו, אין אומאן. און אז דעם שמידס ווייב איז אריבער שלאפן אין קיך, זיינעןביידע מאנסבילן אריין אין דעם אויסגעווארעמטן בעט און גלייך איינגעשלאפן.

# אין חשוונדיקע רעגנס

שוין דער דריטער מעת־לעת, ווי אַ דינער רעגן האָט געטריפט איבער די פלאַכע, שוואַרצע טאָרף־פעלדער, וואָס האָבן פון דערווייטנס אויסגעזען ווי צעגאָסענע טייכן. פון די לאָנקעס האָבן זיך געהויבן שטי־קער וואָלקן, זיך געטראָגן איבער דעם .צ ע ל ע כ צ ט ן הימל, ווי כוואַליעס. די אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל זיינען שוין געלעגן אין די שטרוי־גריבער, אין די קעלערס. ס׳זעלבע — די הייפּטלעך קרויט. בלויז דאָ און דאָרט האָבן באָרוועסע פּויערים, באָרוועסע פּויערטעס, דורכגע־ווייקטע, מיט זעק איבער די קעפּ, זיך געקאָפּיעט אין דער נאַסער ערד, אויסגעגראָבן די פאַרבליבענע רויטע בערקעס. פון די נעפּלען, פון די ווינטן און דער עיקר פון דעם רעגן, וואָס האָט נישט געוואָלט אויפהערן, האָבן די ביינער געגאָגט און ס׳האַרץ האָט געוויינט.

אין אַזאַ פאַרנאַכט האָט אברהם טערזשער, אַ רייכער גוטבאַזיצער, זיך אומגעקערט פון זיינע פעלדער אין אַ שמאָל רייטוועגעלע, געשפּאַנט אין אַ שוואַרצן אָגער. דער גוטבאַזיצער איז געזעסן אויפן אויסגעבעטן וועגעלע רייטנדיק. ער האָט זיך נישט איינגעהערט ווי דער רעגן פּויקט איבער זיינע לעדערנע הויזן, איבער זיין לעדערן רעקל. אַלץ ארום אים האָט זיך געוויגט און גענעפּלט — די פעלדער, די לאָנקעס, דער צעהיצ־טער אָגער. דער בלעכענער יויזל, וואָס האָט זיך געווייקט אויף אַ היל־צערנעם צלם, און האָט אָפּגעטיילט די שררהשע פעלדער פון די פּויערי־שע, האָט גאָר אויסגעזען נעבעכדיק.

בלויז דער גוטבאַזיצער איז געווען אויפגעהייטערט. ס׳איז אויפ־געגאַנגען אין אים אַ זיכערקייט. און נישט פון די פעלדער און לאָנקעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט. נישט פון דערפער און בהמות, וואָס ער האָט

פארמאגט. די זיכערקייט אין אברהם טערזשער האט זיך גענומען פון דעם איידעם, וואס ער האט מיט מי און מאטערניש געקראגן פאר זיין בת־יחידה.

דער גוטבאזיצער אברהם טערזשער האט נישט געקענט שרייבן. זיינע געשעפטן און חשבונות האט ער געפירט מיט פאסעקלעך און ריב־געלעך. די שכנישע שטעט האבן אבער געוואוסט, אז אברהם איז א ייד מיט א ברייטער, אפענער האנט. און די שכנישע שטעט האבן ביי אים געקראגן געהילץ, געלט, קארטאפל. און אז זיין בת־יחידה, נאנטשע, איז אלט געווארן זעכצן יאר, האבן שדכנים די טירן אפגעהאקט.

אברהם טערזשער האט איינגעשפאנט די שענסטע פערד אין א ברישקע און איז אריבערגעפארן צום טשעכאנאווער צדיק, ר׳ אברהמל. און אז דער צדיק האט אים געגעבן שלום, האט דער גוטבאזיצער אוועק־געלייגט אויפן טיש טויזנט גילדן.

— רבי, כ׳האב אייך געבראכט נדן פאר אן ארעמער כלה. דאס איז מעשר פון מיין טאכטערס נדן. אזוי, רבי, פיר איך זיך. אזוי גיי איך מיר מיין אקסן־שריט. איר ווייסט דאך, רבי, אז אברהם טערזשער איז א פראסטער ייד. ער קען נישט לערנען, ער קען זיך אפילו נישט אונטער־שרייבן. און אז ער האט געפונען חן אין גאטס אויגן, האט גאט אים געגעבן אן עשירות, האט גאט אים געגעבן א בת־יחידה, א וואויל מיידל. הייליקער רבי, אברהם טערזשער וויל, איר, רבי, זאלט זיך מטריח זיין און אפקלייבן פאר מיין טאכטער א חתן, א לערנער. אברהם טערזשער וויל אן איידעם, וואס זאל עסן עולמות קעסט, וואס זאל זיצן אין הויף און לערנען. נדן גיב איך צען טויזנט גילדן.

ר׳ אברהמל, וואס האט זעלטן א שמייכל געטאן, האט אויפגע־הויבן דעם ברייטן, ליכטיקן שטערן און האט זיך א רגע פארטראכט. דער־נאך האט דער צדיק א שמייכל געטאן, ווי ס׳וואלט אים אנגעשטאנען דער שידוך.

— אברהם, כ׳האב פאר דיין טאכטער א גוטן חתן־בחור. ס׳איז מיין רפאלס א שוואגער. זע און טו דעם שידוך, וועלן מיר ווערן מחותנים.

ערשט נאך די תנאים האבן זיך פאר אברהם טערזשער אנגעהויבן די אמתע צרות. דעם חתנס צד, פארברענטע קאצקער חסידים, האבן חרטה

געהאַט אויפן שידוך און אים געוואָלט אפּלאָזן. ווי אַזוי לאָזט מען אָבער אָפּ אַ שידוך ? אַ שידוך, וואָס ר׳ אַברהמל טשעכאַנאָווער האָט גערעדט ? ווי אַ נאָך לאָזט מען טאַקע אָפּ אַזאַ שידוך? איז דעם חתנס פאָטער געפאַלן אויף אַ המצאה און אָנגעשריבן אַברהם טערזשער, אַז ער קען נישט סילוקן די דריי טויזנט גילדן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם חתן נדן. איבער־געלייענט — האָט אַברהם טערזשער געהייסן זאָטלען אַ פערד. אַ שטאָ־פּעט האָט זיך געטראָגן צום חתנס עלטערן — „קיין מניעה אין געלט. דער כלהס צד וועט אויך סילוקן דעם חתנס דריי טויזנט גילדן״. ס׳איז אָנגעקומען אַ צווייטער בריוו : „דער חתן האָט נישט קיין געלט אויף כלה־מתנות״. פון הויף האָט זיך געטראָגן צום חתן אַ שטאַפעט מיט כלה־מתנות — אַ גאָלדענע אַרבעס־קייט מיט ״א ן .א ו י ב ל, .דימענ־טענע אוירינג ביז צו די אַקסלען, ברילי‍אַנטענע פינגערלעך. ס׳איז אָנ־געקומען אַ דריטער בריוו : „דער חתן האָט נישט קיין געלט אויף אַן אויסשטייער, אויף חתונה־הוצאות״. פון הויף האָבן זיך געטראָגן שטאַ־פעטן. מען האָט געפירט צום חתן זיבן זיידענע קאַפּאָטעס, צוויי פוטערס — אַ שאַפּנס און אַ סויבעלנס. אַ סויבעלן שטריימל. מען האָט געפירט געלט אויף חתונה־הוצאות. ערשט דעמאָלט האָט דעם חתנס פאָטער אַ זאָג געטאָן צום זון :

— דודל, ס׳זעט אויס דער שידוך מן השמים.

דער צוואַנציק־יאָריקער דודל האָט נישט געענטפערט.

און אַז דעם חתנס צד זיינען שוין געזעסן אין די אויסגעבעטע בריטשקעס, וואָס אַברהם טערזשער האָט געשיקט, מען איז שוין געפאָרן אין הויף אַריין אויף דער חתונה, האָט ס׳האַרץביים חתנס פאָטער גע־וויינט — וואוהין פירט ער דעם זון ?

און דודל איז געווען פון די געהויבנסטע יונגעלייט אין קאָצק. ווי דער רבי האָט מיט אים געשמועסט אין לערנען, האָט ער געזאָגט צו זיינע לייב־חסידים : „מען דאַרף דעם יונגנמאַן מקרב זיין. כ׳זע אויף אים אַן א ו ר״. און די קאָצקער לייב־מענטשן האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון דודלען. נישט בלויז מיט זיינע תורות, נאָר מיט זיינע גלייכווערטלעך האָט מען זיך אַרומגעטראָגן אין קאָצק. און ר׳ מענדעלע האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, אים פאַרבעטן אין דער פרי צו זיין מנין, וואָס איז באַשטאַנען פון די גרויסע „ח ב ר י א ק ד י ש א״. און אַז ר׳ הערש פאַרצאָווער, וואָס

האט אין קאצק געדאווגט פארן עמוד, האט ארומגעווארפן דעם טלית און אים נישט געקענט געפינען, האט דודל צו אים א זאג געטאן:

— וואס דארפסטו א טלית, הערש? מען וויקלט זיך איין אין „ארבע כנפות הארץ" און מען דאווגט!

ר' מענדעלע, וואס איז געשטאנען דערלעבן, האט אנגעקוואלן פון דודלען און געזאגט צום עולם:

— מיט אזא מנין יונגעלייט, ווי דודל, קען מען אי מתקן זיין די אייגענע נשמה, אי הייבן דעם הימל. דאס האבן מיר געלערנט אין פשיסכע און דאס דארף אויך זיין קאצק!

און אז דאס איז דערגאנגען צו דודלס פאטער, האט זיך ביי אים אויפן קאפ פון פרייד געהויבן דאס שטריימל. מיט אזא זון קען מען הויך אנשפארן. און דא — דערפאר וואס דו ביסט א יורד, גיי שטעל אריין בידים אזא ארון קודש צו א רייכן ארענדאר ערגעץ אין א הויף אריין.

די אויסגעפוצטע בריטשקעס, די זיידענע קאפאטעס, די סויבעלנע פעלצן און שטריימלעך, זיינען איצט אויך נישט איינגעגאנגען. ס'הארץ האט געוויינט ביים קאצקער חסיד — וואוהין פירט ער דעם זון?

אין די שכנישע שטעט האט מען חדשים לאנג גערעדט וועגן דער חתונה ביי אברהם טערזשער אין הויף. אין הויף, אין סאד, אין די שייערן האבן קאפעליעס געשפילט און עולם האט געטאנצט. אזוי אויף דער חתונה, אזוי אויף די שבע־ברכות. דערנאך איז שטיל געווארן אין הויף. אין גרויסן צימער מיט די פאליצעס ספרים, ענלעך אויף א בית־דין שטוב, וואו דודל איז געזעסן און געלערנט, איז גאר שטיל געווען.

אברהם טערזשער, זיין ווייב, אסתר־רבקה, האבן זיך געשפיגלט אין איידעם. ס'יונגע ווייבל האט זיך געשפיגלט אין מאן. און דודל? דודל האט זיך מער געמוטשט, ווי געלערנט. שעה'ן האט ער געקענט אפזיצן איבער א שטיקל גמרא, איבער א פסוק תנ"ך, איבער א שווערן רמב"ם. און אז קעמערלעך אין מוח האבן זיך ביי אים גענומען עפענען, הונדערטער מחשבות האבן זיך גענומען שפארן אויף אים, האט ער געהאט דעם כוח די אלע געדאנקען קריק צו פארשפארן אין די קעמערלעך און אליין אים האט זיך פארטיפט אין דעם איינעם פינטעלע, אין דער מחשבה — צי ס'איז געווען א שווער שטיקל גמרא, צי א הארבער רמב"ם,

צי א פּסוק תנ"ך. און נישט איינמאָל, ווען ס'מוחן האָט זיך פאַרצויגן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, איז אָנגעלאָפן ס'יונגע ווייבל מיט טענות:

— דודל, צייט צו מאַכן נאַכט.

און אַז ער איז צומאָרגנס, מיטן שפּראָץ אויף טאָג, שוין געזעסן איבער א גמרא, איז ער געווען אומצופרידן מיט זיך, וואָס ער פּאַשעט זיך אין הויף. און אַז ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסצורעדן, גלעט ער זיך דעם בויך מיט א פּאָר בלאַט גמרא. ער האָט געבענקט נאָך קאָצק. און אַז נאָך שעה'ן מוחן זיך איז אים א שווערער ענין קלאָר געוואָרן, דעמאָלט האָט ער זיך קיין ווינקל נישט געקאָנט געפינען פון צער און בענקעניש. און נישט קאָצק האָט אים אַזוי געצויגן, ווי די „ח ב ר י א ק ד י ש א"—איטשע מאיר, העניך, יחיאל מאיר.*) דאָס מוחן זיך איבער דער וואָנט ביים רבין, יעדער אין אַן אַנדער ווינקל. און אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן און קיינער האָט זיך נישט דערגרונטעוועט צום פּינטל, האָט מען פון דער נאַכט געמאַכט טאָג און מען איז ווייטער געשטאַנען און געמוחט זיך. קאָצק איז געשלאָפן. ר' מענדעלע האָט אָבער געוואַכט. זיין טיר האָט זיך אין מיטן נאַכט געעפנט. ער איז אַריין צו די תלמידים און זיי געפרעגט:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וואו וואוינט גאָט?

— כל הארץ כבודו.

— נישט אמת — האָט דער רבי א זאָג געטאָן, — גאָט איז דאָרט וואו מען לאָזט אים איין.

פון גרויס פרייד זיינען די תלמידים שוין יענע נאַכט נישט געשלאָפן. זיי זיינען אוועק מיטן רבין אין וואַלד און אַז זיי זיינען קריקגעקומען איז שוין געווען גרויסער טאָג. דעם רבים לייב־חסיד, הערש טאָמאַשאָווער, האָט זיי באַגעגנט מיט מוסר:

— יוסיף דעת, יוסיף מכאוב.

האָט דער רבי זיך אָנגערופן:

— הערסט, הערש, מען מעג א ביסל קרענקען, אַבי צו וויסן!

און דאָ אין הויף האָבן זיך געצויגן טעג, וואָכן, חדשים. איין טאָג

---

*) איטשע מאיר, דער „חידושי הרי"ם" פון גער; העניך פון אַלעקסאַנדער און יחיאל מאיר פון גאָסטינין.

ענלעך אויפן אנדערן. און אז די חשוונדיקע רעגנס האבן אנגערוקט, דריי, פיר נאכמיטאג איז שוין צוגעפאלן די נאכט. און איבער די פארגאסענע טארף־לאנקעס האבן געבלאזן ווינטן, אנגעקלאפט אין די פענצטער, זיך פארקליבן אין קוימען אריין מיט א געוויין. דעמאלט האט ס'הארץ ביי דודלען מיטגעוויינט און יעדעס ביינדל האט זיך געריסן קיין קאצק.

ס'איז שוין געווען נאכט, ווען אברהם טערזשער איז אנגעפארן אויפן רייטוועגעלע אין הויף אריין. ס'האט אים ניט געארט וואס ס'רעגנט, ס'האט אים נישט געארט וואס ווינטן יאמערן. ס'עשירות, די משפחה און דער עיקר, דער איידעם, האבן אים געוואָרעמט, אים געפרייט. ער איז אנגעפארן מיט א שבח צום רבונו של עולם. א פאראבעק האט ביי אים איבערגענומען ס'פערד מיטן רייטוועגעלע. ער איז אריין אין קיך מיט א הארציקן קוש אין דער מזוזה און איז געבליבן שטיין. ס'ווייב מיט דער טאכטער פארוויינטע, זיינען אים אנטקעגן געקומען.

— וואס איז ? וואס איז געשען ?

— דודל איז נישטא, — האט זיך ס'יונגע ווייבל צעוויינט אויפן קול.

— וואס הייסט, ער איז נישטא ? — איז אברהם טערזשער שוין אויך געווארן אומרואיק — ס'איז עמיצער פארפארן צו אים ?

— ס'איז קיינער דא נישט געווען.

— און דער טלית־זאק זיינער הענגט ? — האט דער פאטער גע־פרעגט.

— דער טלית־זאק ?

אלע דריי זיינען אריין צו דודלען אין חדר. די פאליצעס ספרים, אויפן טיש — אפענע גמרות, אלץ ווי געווען. אויף דער וואנט, ביי דער טיר, איז געהאנגען דער טלית־זאק.

— אט העגנט ער.

— דער טלית־זאק האט אויסגעזען אנגעשוואלן, ווי ס'וואלטן אי־נעווייניק געלעגן צוויי טליתים, נישט איינער. אברהם האט אים א טאפ געטאן :

— וואס ליגט דארט ? א שטיין ?

אברהם טערזשער האט געעפנט דעם טלית־זאק, ארויסגעשלעפט פון דארט א ראזאווע ברוים און זיך צעלאכט :

— דאס האט ער געלאזט הענגען דעם טלית־זאק, מען זאל זיך גלייך נישט כאפן, אז ער איז נישטא.

מיטן ברויט האט זיך מיטגעשלעפט א בריוול צום ווייב, זי זאל אים מוחל זיין. ער פארט קיין קאצק צום רבי.

— נא־א — האט אברהם טערזשער פארצויגן ארום די לענדן דעם גארטל און זיך געקליבן דאווענען מעריב — דאכט זיך א למדן, א מוח־מענטש, און נאך אלץ א יינגל! ווען ער זאגט מיר, אז ער וויל פארן נאך קאצק, שפאן איך איין א בריטשקע און כ׳פאר מיט אים! נא־א!

ער האט פעסטער פארצויגן דעם גארטל, געדאווענט אויפן קול, ווי ער וואלט דערמיט געוואלט פארטרינקען דער טאכטערס געוויין, און צווישן דעם דאווענען האט זיך געפלאנטערט דודלס א ווערטל:

— איז הערט, שווער, א גארטל פאר א ייד, איז ווי א רייף פאר א פאס.

1941

# אַ שבּת נאָכמיטאָג

זומער. אַ שבת נאָכמיטאָג.

אָפּגעזאָגט פּרק מיטן ברטנורא, מיטן תוספות־יום־טוב, האָט דער טאַטע מיך אוועקגעזעצט איבער „שמונה פרקים להרמב״ם".

צו פֿערצן יאָר האָב איך שוין געהאַט געלייענט בערדיטשעווסקין, שוין געהאַט געהערט פֿון ניטשען. דעם רמב״מס פֿערטן פּרק: „ברפואת חולי הנפש" — ווי נאָך צו היילן און געזונט צו מאַכן אַ קראַנקע נשמה — האָב איך אָפּגעפֿרעגט. ס'איז מיר נישט געפֿעלן, וואָס די איינציקע רפואה פֿאַר אַ קראַנקער נשמה איז די „ג י ל ד ע נ ע מ י ט", אָדער ווי דער רמב״ם רופֿט עס: „המעשים השווים הממוצעים". ס'האָט דער־מאָלט מיר אויסגעזען צו־באַלעבאַטיש. דער טאַטע, וואָס האָט נישט גע־לאָזט פֿאַלן קיין שטויבעלע אויפֿן רמב״ם, האָט מיך אָפּגעפֿרעגט. איך האָב נישט פֿאַרשוויגן און צוריק אָפּגעפֿרעגט. און אַזוי אַ גאַנצן נאָכמי־טאָג. און אַז דער טאַטע אַליין איז נישט צופֿרידן געוועזן מיט זיין אָפּ־פֿרעגן מיך, האָט ער מיר אַ וואָרף געטאָן:

— וועסט עלטער ווערן, וועסטו איינזען, אַז איך בין געווען גע־רעכט.

דער טאַטע האָט אַ שפּרייט געטאָן איבערן רמב״ם דאָס שנופּ־טיכל. ער האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן שנופּטיכל איין פּויסט, אויף דער פּויסט — די צווייטע. און אויף די פּויסטן האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם שטערן. געהייסן האָט עס, ער כאַפּט אַ דרימל. ווען אין דער אמתן איז ער שבת נאָכמיטאָג קיינמאָל נישט געשלאָפֿן. אָדער ער האָט געלערנט, אָדער אַריינגעקוקט אין אַ השכלה־ספֿר. דאָס „כאַפּן אַ דרימל" איז ביי אים געווען אַ מיטל נישט אין כעס צו ווערן. ווערט אַ מענטש אין כעס,

פארלירט ער ס׳גלייכגעוויכט, גליטשט זיך אוועק פון דער „גילדענער מיט״. דאס האט ער נישט בלויז געלערנט ביים רמב״ם, נאר ער האט עס אפגעהיט אין לעבן, ווי ער האט אפגעהיט יעדן דין פון „שולחן ערוך״. כאטש כ׳האב נישט איין מאל געהערט פון אים ס׳קאצקער ווערטל: „א מתנגד גלויבט אין ש ו ל ח ן ־ ע ר ו ך און א חסיד — אין ה ש ם י ת ב ר ך״.

נאך שלש־סעודות, צווישן מנחה און מעריב, ווען איבערן געדעקטן טיש זיינען געווען אנגעווארפן ספרים, טייל אפן, טייל פארמאכט, טייל מיט די בלעטער אראפ, ווי צעווארפן געווער נאך א מלחמה, וואס האט אנגעהאלטן א גאנצן טאג, דעמאלט איז דער טאטע שוין געזעסן אן אויפגעהייטערטער. די מאמע, אין די לאנגע דימענטענע אוירינגלעך ביז צו די אקסלען, איז געזעסן ביים אפענעם פענצטער. זי האט דערלייענט די פרשה פון דער וואך. א חוץ דעם טייטש־חומש, האט זי געלייענט ציל־קאווס תנ״ך איבערזעצונג אויף פויליש, געלייענט די פוילישע ווערטער מיטן ניגון פון טייטש־חומש. פון כהן איז ביי דער מאמע געווארן „קאפ־לאן—קאפלאנאוויע״. און דער „קאפלאן״ איז געווארן אזוי פארײדישט, געווארן א שטיק פון שבת, ווי משה וואלט אנדערש נישט גערעדט צו די כהנים.

אין שטוב האט גענומען ווערן טונקל. דורך די אפענע פענצטער, וואס זיינען ארויס אויפן פלאצקער שאסיי, האט מען געזען ווי אינעם זון־פארגאנג גילדן זיך פעלדער קארן, פעלדער ווייץ. א הייס, שטיל ווינטל האט קוים א בלאז געטאן — האבן די זאנגען זיך צעוויגט, גע־ווינטלט די טיולענע פארהאנגלעך אויף די פענצטער און דער שבת האט געשמעקט מיט אויבס, מיט פריש ברויט, מיט רייפן זומער. א פויגל, וואס איז ערגעץ געהאנגען אין דער פארנאכטיקער בלויקייט, איז זיך פארגאנגען. דאס פארגיין זיך האט זיך אויסגעמישט מיטן שטילן רויש פון די זאנגען, מיט דער מאמעס נאך שטילערן ניגון — און אין שטוב איז מיטאמאל געווארן שטיל, גאר שטיל.

דער טאטע האט געעפנט דעם „אבן השוהם״, אים געבלעטערט, געבלעטערט. דערנאך האט ער גענומען פארלייענען די הקדמה. ער האט די הקדמה פון „אבן השוהם״ איבערגעזעצט אין יידיש, די מאמע זאל אויך פארשטיין.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט ביי אַן אָפן פענצטער און זיך איינגע־הערט. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דער טאַטע קוקט שוין נישט אַריין אין דער הקדמה. ער לייענט פון אויסנווייניק.

מיטאַמאָל האָט ער אַ שאַר געטאָן פון זיך דאָס ספר, אַ רוק געטאָן פון הינטער זיך די פאָטערשטול און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

דער טאַטע — הויך און עטוואָס געבויגן. די לאַנגע פּיס, באַוועג־לעכע, וואָס שפּרייזן ביים לערנען, וואָס קאָנען אָפּשפּרייזן צווישן וועל־דער און פעלדער מיילן, די באַוועגלעכע פיס שטייען שטיל, טוען זיך קיין ריר נישט, דורכן גאַנצן דאַווענען.

זיינע העל־בלויע אויגן, פאַרחלומטע, האָבן געפינקלט. דער סאַ־מעטענער קאַפּל האָט זיך געשאַרט צום קאַרק. דער טאַטע האָט גענומען שפּרייזן הין־און־צוריק איבערן צימער. דער דיקער, לויזער גאַרטל האָט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערקניפּן און די קאַפּאָטע פון מאָטן זייד האָט געשאָרכט און גערוישט.

דער טאַטע האָט זיך צערעדט. ער האָט דערציילט וועגן אַן עלטער־עלטער־זיידן, אליקום געץ, וועגן אַן עלטער־עלטער־זיידן מאיר. ער האָט דערציילט וועגן רמ״א, וועגן תוספות־יום־טוב, וועגן „חכם צבי״, וועגן דער מומע איידל, וועגן דער מומע מירל.

און אין דעם שבתדיקן בין השמשות, וואָס איז פול געווען מיט גערויש פון פעלדער און לאָנקעס, פול געווען מיט שאָטנס, מיט ווייטן געקלאַנג פון קלויסטער־גלאָקן, אין דעם בין־השמשות האָבן זיך פאַרביי־געטראָגן שטעט — ווין, פּראַג, פּויזן, לובלין, קראָקע, שניידעמיל, היל־דעסהיים, ליסע, זדוינסקע־וואָליע.

אומעטום קרובים, אומעטום פּדיון־שבוים, אומעטום — לומדישע אויפטו און חריפות.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און האָבן זיי אַלעמען געזען. די זיי־דעס, די פעטערס, מיט פּנימער ווי שווערע בלעטער גמרא. אין די אויגן — חכמה און טרויער. די בערד — שוואַרצע, בלאָנדע, רויטע. די זיידענע קאַפּאָטעס האָבן געפינקלט. די סויבעלנע שטריימלעך האָבן צוגעגעבן גדלות.

איז דאָס טאַקע געווען זייער הילוך?

כ׳האָב נישט געטראַכט וועגן דעם. כ׳האָב די זיידעס און פעטערס

געזעץ אין מ יי ן ט אַ ט ע, כ'האָב זיי געזען אין מיין פ ע ט ע ר אָ ד ם, וואָס האָט נאָך די שבֿע־ברכות איבערגעלאָזט ס'יונגע ווייב, אַריינגעלייגט אין זיין טלית־זאַק, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, אַ ברויט, מען זאָל זיך גלייך נישט כאַפּן, אַז ער איז נישטאָ, און מיט טלית־און־תפילין האָט ער זיך צופוס געלאָזט גיין קיין קאָצק.

אָדמס פאָטער, אַ מתנגד, איז געזעסן נאָכן זון „שבעה". און אַז דער פעטער אָדם איז נאָך דריי חדשים קריקגעקומען קיין טשעכאַנאָוועץ, אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, אין אַ שטריימל, זיינען מתנגדישע מיידלעך, עלף־צוועלף־יאָריקע, אים נאָכגעלאָפן אויף בייז־וואונדער און געזונגען:

„קאָצקער חסידים, אַלטע דראַבעס,
פאָרן צום רבין און באַצאָלן אום שבת.
טרינקען בראָנפן צו האַלבע קוויטירלעך,
ס'לויפן זיי נאָך וואַרשעווער הירלעך..."

צייט און שטח איז פאַרשוואונדן. די מומעס — איידל און מירל — פון זעכצנטן יאָרהונדערט, פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, זיינען אַריבער אין ניינצנטן יאָרהונדערט. זיי האָבן צומאָל נישט געביטן די נעמען.

אָט איז די באָבע איידל, אָט איז די מומע מירל.

די באָבע איידל, אַ קליינטשיקע. ס'הייבל באַלייגט מיט אַ שטיק זילבער־שפּאַניע, ווי אַן עטרה פון טלית. אָנגעטאָן אין ווייסן זייד. די באָבע איז שטענדיק פאַרנומען מיט ישיבות, מיט אָרעמע קימפּעטאָרינס, מיט אַלמנות און עגונות. זי איז די גוטסקייט אַליין.

און די מומע מירל?

אַ געוויקסיק מענטש. און מיט גרויס־פּוילישער אויסשפּראַך. אין דעם פאַררייסענעם קאָפּ, וואָס איז שטענדיק אַרומגענומען מיט אַ שוואַרץ־זיידענעם שאַל, האָט זיך געפּילט, אַז וואו זי קומט, עפענען זיך פאַר איר טיר־און־טויער. זי בעט נישט. זי פאַרלאַנגט און איז זיכער, אַז איר בקשה וועט אויסגעהערט ווערן. ווייל אין איר רינט ס'בלוט פון דער מומע מירל־תאומים־פרענקל־סעגל־העלער־וואַלערשטיין פון פאָרן ווינער גירוש.

כ'האָב זיך דעמאָלט געגרויסט מיט מיין טאַטן. כ'האָב אים מקנא געווען, וואָס ער איז אַזוי קלאָר אין די אַלע צווייגן און צווייגעלעך פון זיין משפחה. ער איז אַזוי קלאָר געווען אין דעם אָפּשטאַם, אַז ער האָט אַפילו געפונען גרייזן אין דעם לאָסקער רבס הקדמה צום „אבן השוהם".

ס'איז געגוג געווען אן אײדעם זאל הײסן ווי דער שווער — און א דור איז פארשוואונדן. און ווי געערגערט האט זיך דער טאטע, ווען ער האט געלײענט, אז דער מהרש״אס ישיבה, אין פויזן, וואס זײן שוויגער און דעם טאטנס עלטער־עלטער־מומע אײדל האט אויסגעהאלטן, איז אונטער־געגאנגען, ווען די מומע אײדל איז געשטארבן. ער האט גאר אויפגעוויזן, אז די ישיבה האט אנגעהאלטן איבער צוויי הונדערט יאר נאך אײדלס טויט, אנגעהאלטן ביז נאך ר׳ עקיבא אײגער.

די מאמע, וואס האט געשטאמט פון פשוטע דארפסלײט, האט גע־שוויגן, זיך מיט קײן ווארט נישט אנגערופן, ווי דעם טאטנס יחוס וואלט איר נישט אנגעגאנגען.

זי איז געזעסן אין אפענעם פענצטער, האט שטיל פארצויגן א פוי־ליש ליד וועגן א פארכישופטן מילנער.

אין שטוב איז שוין געווען פינצטער. דער טאטע האט אויפגעהערט רעדן. כ'האב בלויז געהערט ווי דער טאטע שפרײזט, ווי די זײדענע קאפאטע רוישט, ווי די מאמע איז שוין איבערגעגאנגען אויף יידיש, זינגט — „ס'לעבן פארשווינט ווי רויך״.

ס'איז געווארן פינצטערער. דער טאטע האט שוין נישט גע־שפרײזט הין־און־צוריק איבערן צימער. ער האט שוין געשפרײזט פון אײן צימער אין אנדערן, געשפרײזט און געשוויגן. און פון דעם שפרײזן, פון דעם שווײגן האט זיך געטראגן א געשרײ, אז ס'איז ענג אין די צי־מערן, אז כאטש די אפענע פענצטער גײען ארויס אויף די ברײטע פלאצ־קער פעלדער, איז נישטא מיט וואס צו אטעמען.

און איך, ס'פערצן־יאריק בחורל, האב אײנגעזאפט אין זיך דעם טאטנס געשרײ און אלײן געוואלט אזא געשרײ טאן, מען זאל דערהערן אין אלע זיבן הימלען.

# זון־פאַרגאַנג

ס׳גאַנצע שטעטל — אַלט און יונג — זיינען זעקס פאַרנאַכט שוין געווען אויפן מארק. מען איז געשטאַנען אויף די טראַטואַרן, אין די אָפענע געוועלבער, אויף די דעכער. מען איז געזעסן אויף דיביימער, אויף די פלויטן. מען האָט אַרויסגעקוקט דורך די אויפגעפּראַלטע פענצטער. אומעטום — קעפּ, קעפּ, קעפּ. אומעטום — אויגן, הענט און בערד. בלויז דער ברוקירטער מאַרק, מיטן ברונעם אין דער מיט, איז געווען ליידיק. די ליידיקייט האָט געצויגן, ווי ס׳ציט אַ לויפנדיק וואַסער. דער עולם אָבער איז געבליבן שטיין אין ענגשאַפט, נישט גערוקט זיך אין ליידיקן מאַרק אַריין.

דאָס האָט דער סאָקאָלאָווער רבי, אַן אור־אייניקל פונעם אַלטן קאָצקער, חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. דער סאָקאָלאָווער האָט זיך משדך געווען מיטן סאָכאַטשאָווער, מיטן עלטער־פעטער זיינעם.

חדשים ווי די שטאָט האָט זיך געגרייט צו דער חתונה. מען האָט זיך געריכט אויפן גערער רבי, אויפן אַלעקסאַנדרער רבי. איצט דעם סאָקאָלאָווער רביס חסידים? אין די גוטע צייטן פלעגן אָנפאָרן אויף די ימים־נוראים איבער צען טויזנט. אין דער וועלט־מלחמה האָט ס׳פאַרעכן גענומען פאַלן. נאָך דער מלחמה — איז עס שטאַרק געפאַלן. אַנשטאָט צען טויזנט חסידים אויף ימים־נוראים — קוים צוויי טויזנט. אויף די צוויי טויזנט האָט ס׳שטעטל זיך אויסגעקוקט די אויגן. מען האָט געהאָפט, אַז סאָכאַטשאָוו וועט אויך ברענגען אַ טויזנט חסידים. איצט גער? איצט אַלעקסאַנדער? אַזויפיל בטחון! איז טאַקע יעדע שטוב אין שטעטל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אכסניא, אין אַ גאַרקיך.

ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער גערער רבי, דער אַלעק־

סאנדער רבי, וועלן ערשט קומען צו די שבע־ברכות. דער בטחון האָט זיך א וואקל געטאָן.

דער שטאָט זייגער האָט געשלאָגן זיבן, האָט געשלאָגן האלב אכט. געקייקלט שטיקער צייט איבערן בלויען, טיפן הימל.

און דער פאַרנאַכט ?

דער פאַרנאַכט האָט געאָטעמט מיט פריש געשניטן היי, מיט צייטיקע מאַלינעס, מיט צעבליטע ביימער.

די יוני ריחות האָבן געוועקט הונגער אין די אויגן, אומרו אין די פיס, אין די הענט, אין גאנצן לייב און לעבן. ריחות — שארפע, מחיהדיקע. ריחות — האָבן זיך געווינטלט, איינגערוימט, אז פון דער קאָזער גאס וועט אָנקומען די כלה, פון דער שעדליצער — דער חתן. אין מיטן מארק, לעבן דעם ברונעם, איז אויסגעוואקסן די חופה, פון טונקל־בלויען סאמעט. עס זיינען אויך אויסגעוואקסן צוויי קאפעליעס כלי־זמרים.

אין מערב האָט זיך שוין געזעצט די זון, א גרויסע, א פייערדיקע, געשפרייט פלאמיקע פאסן קיין מזרח.

מיטן בארג ארויף, פון דער שעדליצער גאס, וואו ס׳איז איינגעשטאנען דער חתן, האָבן זיך באוויזן געציילטע חסידים. ס׳האָט זיך געהערט א ווייטער ניגון. דער ניגון האָט זיך געהאלטן אין איין דערנעענטערן, אויפגעהייטערט דעם שטעטלדיקן עולם. גרינגער געמאכט דאָס שטיין אין ענגשאפט. פון אלע זייטן קולות :

— מ׳פירט דעם התן, מ׳פירט דעם חתן !

און ווי די חסידים זיינען אריינגעפאלן אין מארק אריין, האָבן זיי זיך צעשטעלט אין לאנגע שורות, צו הונדערט אין א שורה. צוועלף אזויגע שורות האָבן פארנומען א דריטל מארק. אויף די פאררייסענע קעפ — נייע שטריימלעך. די זיידענע און אטלעסנע קאפאָטעס — פארקנופט מיט ברייטע גארטלען. אויף די פיס — געפוצטע „געמזאָווע" שטיוועלעך מיט קורצע כאָליעווקעס. די ברייטע הויזן אריבערגעוואָרפן איבער די כאָליעווראנדן.

דאָס זיינען מער נישט געווען קיין חסידים. דאָס איז א פאָלק טשערקעסן גרייט געווען אויפצונעמען א גענעראל.

פארן פאָלק איז געשטאנען א פערצן־יאָריק בחורל. דאָס ברייטע סאמעטענע היטעלע — וואוילעריש אויפן קאָפּ. די שווארצע, געלאָקטע

פאות האָבן זיך געגלעקלט איבער די ווייסע, געדרויטלטע באַקן. דאָס בחורל — א פייפל אויסגעשניצט פון א יינגער פרישער צווייג, — האָט פאַר־צויגן א ניגון. צוערשט — דין, גאָר דין. דערנאָך — העכער, עזותדיקער. דער עזותדיקער „טאַ־ראַ־רי־ראַם” איז איבערגעגאַנגען אין א פאַרנאַכ־טיקן טרויער, ווען רייד ווערן איבעריק, ווען מען וויל אזוי זיצן שעה׳ן, קוקן אינעם זון־פאַרגאַנג און איינזאַפּן אין זיך דעם טרויער, דעם ניגון.

הינטערן בחורל איז געשטאַנען דער סאָכאַטשאָווער רבי, נישט קיין הויכער זקן, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון דער ווייסער, זיידע־נער „זשוביצע”, פון דעם האָריקן שטריימל. די הויט פונעם איינגעלאָ־פענעם פנים, פון די ציטערדיקע הענט — אָפּגעריבענע שטיקער פאַרמעט.

לעבן רביץ — דער חתן. ער איז געשטאַנען א פאַרלוירענער, ווי נישט פון דער וועלט. אין די אומרואיקע אויגן — בענקעניש, און טרויער. אין דעם מאָטן, טונקעלן פנים — קרענקלעכע פלאַמען.

דער רבי האָט זיך לייכט צעשאָקלט, געהויבן מיט די אלטע אַקס־לען צום טאַקט פון ניגון. די צוועלף הונדערט חסידים האָבן אונטערגע־כאַפּט. די גראָבע פינגער טיף פאַרשטעקט אין די גאַרטלען, די שטריימ־לעך פאַרריסן, די געמזאָווע שטיול האָבן זיך געשאַרט און געפינקלט איבערן מאַרק. און די מערב־זון, א רויטע, האָט געצונדן די שטריימלעך, האָט זיך געשפּיגלט אינעם זייד, אינעם אטלעס, האָט זיך געפלעמלט אין די שוואַרצע, אין די בלאָנדע, אין די רויטע בערד.

ביים עולם אויף די טראָטואַרן, אויף די דעכער, אויף די ביימער און פּלויטן — האָט פאַרפעלט אָטעם. מען האָט צעעפנט די מיילער, די אויגן, מען האָט געגאַפט. אזא שיינקייט האָט נאָך קיינער נישט געהאָט געזען. סאָכאַטשאָוו האָט זיך שיין, גאָר שיין אָוועקגעשטעלט. עולם האָט גענומען ווערן אומרואיק, שוין געוואָלט זען די כלה, געוואָרט אויף דער שיינער רבקהלען, געוואָרט אויף די סאָקאָלאָווער חסידים, וואָס האָבן גע־דאַרפט אַריבערשטייגן די סאָכאַטשאָווער.

פון דער קאָזער גאַס, וואו ס׳איז געווען דעם רביס הויף, האָט זיך געריסן א מיליטערישער ניגון. דער עולם האָט זיך א וויג געטאָן:

— מ׳פירט די כלה! מ׳פירט די כלה!

דער ערשטער האָט זיך באַוויזן דער רבי אין ווייסן אטלעס. ער איז געווען א צוואַקסענער. דאָס בערדל — דאָ עטלעכע האָר, דאָרט

עטלעכע האר — האט נישט געפאסט צו דער באלייבטקייט. לעבן אים — די כלה. די געוויקסיקע רבקהלע איז געווען אזוי פארשלייערט, אז מען האט אינגאנצן נישט ארויסגעזען אירע שווארצע האר, אירע גרויסע, בלויע אויגן, איר שיין, ליכטיק פנים. נאכן רבין — די חסידים. א צוויי הונדערט חסידים האבן זיך ארייגעשאטן אין מארק אריין. טייל אין אלטע אויסגעקראכענע שטריימלעך, טייל אין סאמעטענע היטלעך. טייל — אין שטיוול, טייל — אין שיך און זאקן. די זיידענע און אטלעסנע קאפאטעס — פארפעצט, צעדריוולט.

די חסידים האבן זיך אויסגעשטעלט אין פיר שורות, צו פופציק אין א שורה. א צעשרויפטער יונגערמאן אין אן אלפאגן כאלאטל, דער דאשעק פונעם סאמעטענעם היטל אן א זייט, האט זיך א שטעל געטאן אין פאראויס. ער האט פארצויגן א ניגון, פארצויגן מיט א קוויטש און מיט א פגימה. די צווייטע הונדערט חסידים האבן אונטערגעכאפט.

אויף אזא בושה האט זיך סאקאלאוו נישט געריכט. די שטאט האט אפגעזיפצט, זיך געפילט באליידיקט פארן סאקאלאווער רבין, פאר זייער רבין, זיך געפילט באליידיקט פאר דער שיינער רבקהלען. פון פארדרוס האט דער עולם זיך גענומען רוקן אין מארק אריין. א קצב האט געוויזן אויפן צעשרויפטן יונגנמאן:

— ווי צו אונדזער רבין, אז אן א ל פ א ג ן כ א ל א ט ל גייט פאראויס.

א צווייטער האט אים ארויסגעהאלפן:

— וואס זאגט איר צו דעם הילוך?

— אונדזערע חסידים האבן אזא פנים, ווי די צעשלאגענע פאניעס, װאס זיינען געלאפן פון פרייסן!

— דאס זיינען דען אויך חסידים?

— וויעכעטשעס!

— דראפעקעס!

— נישט קיין חסידים!

— ס'איז ירידה! — האט איינער אויסגעשריגן אויפן קול — ס'איז אמתע ירידה!

— וואס איז עס, ירידה? — האט א סאקאלאווער חסיד זיך אפ־

געריסן אויפן קצב מיט גרויס רוגזה — געהערט? אז גע לט איז ביי זיי עשירות. איז קרוע־בלוע — ירידה. אָקסן!

פונקט דעמאָלט האָט דער עולם זיך א וויג געטאָן — א כוואַליע אהין, א כוואַליע אהער. דער סאָכאַטשאָווער רבי האָט אויפגעהויבן די הענט, אלטע ציטערדיקע הענט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן בענטשן דעם סאָקאָלאָווער. ער איז דאָך דעם סאָקאָלאָווערס אן עלטער־פעטער. ער איז אויך אמאָל געווען זיין סנדק. ווען איז דאָס געווען? דער סאָקאָלאָווער איז געשטאנען מיטן געבויגענעם קאָפּ, געשטאנען ווי פאר א רבי. ביידע האָבן זיך ארומגענומען:

— שלום עליכם, סאָכאַטשאָווער רבי.

— שלום עליכם, סאָקאָלאָווער רבי.

ס׳איז פאר א ווייל געוואָרן שטיל, אומהיימלעך שטיל. דער הימל אין מערב האָט אויסגעזען, ווי נאָך א שרפה. דאָ און דאָרט האָבן אויפגעפלאמט שטורקאצן, האָבן זיך געצונדן הבדלות. הענט האָבן זיך געוויקלט אין א קייט, אנטקעגנגעטאנצט דעם סאָכאַטשאָווער רבי, דעם סאָקאָלאָווער רבי, וואָס האָבן זיך נאָך אלץ געהאלטן פאר די הענט. דאָ און דאָרט האָבן חסידים פארצויגן א פריילעכס. דער מארק, די טראָטואַרן, די דעכער אוןביימער — די גאנצע שטאָט האָט אונטערגעכאַפּט, פאַרהילכט ס׳געוויין פון די פידלען, פון די פלייטן, פאַרהילכט די קולות פון די מחותנים:

— צו דער חופה! צו דער חופה!

# אין וואַלד

ערב ראש השנה איז אין לאַמניער וואַלד געוואָרן אַ שטיקל איבער־קערעניש. די דריי וואַלד־יידן, צוויי שרייבער און אַ קאַסירער, וואָס האָבן זיך געקליבן מיט זייערע משפחות אין דער שכנישער שטאָט אַריין אויף יום־טוב, האָבן מיטאַמאָל פאַרגעסן אין דער נסיעה.

דער קאַסירער, דער צוואַנציק־יאָריקער ישראל לייזער, וואָס איז אויך געווען אַ שטיקל שותף צום וואַלד, איז אָנגעקומען פון זיין צוויי־גאָרנדיק הויז מיט אַ פאַרזאָרגט און שולדיק פנים.

די צוויי וואַלד־שרייבער, חסידישע יידן אין ריפּסענע כאַלאַטלעך, די בערד צעקעמט, זיינען אַנטקעגן געגאַנגען דעם קאַסירער:

— וואָס איז, ישראל־לייזער?

דער חסידישער יונגערמאַן האָט אַ הייב געטאָן דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך גענומען ברעכן די לאַנגע, ווייסע פינגער:

— שרהלע גייט צו קינד.

צי דערפאַר, וואָס די וואַלד־שרייבער זיינען געווען אָפּהענגיק פון דעם קאַסירער, ווי ס'זאָל נישט זיין, האָבן ביידע געמאַכט אַזוינע מינעס, ווי נישט שרהלע וואָלט געגאַנגען צו קינד, נאָר זייערע אייגענע ווייבער. ביידע האָבן פאַרגעסן, אַז די ברישקעס זיינען געשפּאַנט, אַז מען גרייט זיך צו פאָרן אויף יום־טוב אין שטאָט אַריין. ביידע זיינען געווען גרייט צו פאָרן קיין שרענסק נאָך דער „הייוון".

— איז וואָס וואַרט מען? — האָבן ביידע מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן — מען דאַרף שיקן דעם לעשניק נאָך דער הייוון!

— כ'האָב שוין געשיקט — האָט ישראל־לייזער זיך ווי פאַרענטפערט — כ'האָב אויך געשיקט נאָכן דאָקטאָר.

— נאָכן דאָקטאָר? — האָבןביידע אַ הייב געטאָן די איידעלע הענט, די צעקעמטע בערד, ווי זיי וואָלטן זיך באַגעגנט מיט אַ שווער שטיקל „זוהר" — נו, מילא, געשיקט איז געשיקט.

ס'איז געווען אַ ווײַלע שטיל.

די סאָסנעס מיט די בורשטינענע שטאַמען, די בייטן בלומען אַרום די הײַזער, די צײַטיקע באַרנעס און עפּל — אַלץ איז אין דער מיטאָג־זון געווען רייף, אַלץ האָט גענאָטעמט מיט באַלזאַם, אַלץ האָט געוואַרט און געבענקט נאָכן ביס פון שאַרפע און הונגעריקע ציין.

איינער פון די וואַלד־שרײַבער האָט זיך אָנגערופן, ווי ער וואָלט אַליין אײַנגעטענהט מיט זיך:

— אויב אַזוי, בלײַבן מיר אויך אין וואַלד.

— איר הערט — האָט דער יונגערמאַן אַ נעם געטאָן די צוויי עלטערע יידן פאַר די הענט — איר זאָלט אַפילו נישט טראַכטן דערפון. נעמט די משפחות און פאָרט גלײַך אין שטאָט אַרײַן. ס'איז ראש־השנה. איין זאַך וועל איך אײַך יאָ בעטן. פון לאָמניער וואַלד אין שטאָט אַרײַן איז קנאַפּע צוויי תחום־שבת. זאָלט איר אָנזאָגן מיין פעטער אָדם, ער איז אַ גוטער בעל־תוקע, אַרויסצוקומען נאָך מוסף מיטן שופר. כ'וועל וואַרטן אויף אים ביי דער אָלשינע. און איצט נעמט די משפחות און פאָרט. איר הערט, איך וועל גיין אַ תחום־שבת ביז דער אָלשינע און דאָרט וועל איך וואַרטן אויפן פעטער אָדם.

שרהלע איז געגאַנגען צו קינד אַ גאַנצן ערב ראש־השנה. אויף דער נאַכט איז אָנגעפאָרן דער דאָקטאָר, די שרעקלעכער הייוון, אַלטע וואַלד־גויעס — אַלע האָבן שרהלען געהאָלפן האָבן ס'קינד.

אויפן צעהייצטן קיך־אויוון זיינען געשטאַנען אייזערנע טעפּ, קר פּערנע קעסלען. אין די טעפּ, אין די קעסלען האָט ס'וואַסער געקאָכט.

ישראל־לייזער האָט זיך מער אַרומגעדרייט הינטער די פענצטער ווי אין שטוב. און אַז דער דאָקטאָר, אַן עלטערער פּאָליאַק מיט גרויע באַקנבערד, איז אַרויס פונעם שלאָפצימער, וואו שרהלע איז געלעגן, און האָט פון־מאָל־צו־מאָל זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות, איז דער יונגערמאַן מיט אַ בקשה נישט בלויז אין די אויגן, נאָר אין יעדן ריר:

— פּאַניע דאָקטאָרזשע — — —

— ס'קען זיך נאָך אַזוי פאַרציען ביז אין דער פרי — האָט דער

דאָקטאָר פּאָטערלעך ארויפגעלייגט א האנט אויפן יונגנמאן — אן ערשט־ליננ... א שווער האָבן... פאָלגט מיך און גייט שלאָפן. מען וועט אייך שוין אויפוועקן. נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן.

און אז דער דאָקטאָר האָט זיך צוגעשפּארט אויף דער אָטאָמאָנע, איז ישראל־לייזער אריין אין א זייטיקן חדר, וואו זיינע ספרים־שענק זיינען געשטאנען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט איבער א משניות און גע־נומען לערנען ביי א גרויס סטרינערן ליכט, וואָס האָט געשטעקט אין א הילצערנעם עמער זאמד און געברענט. אזוי איז ער אָפּגעזעסן איבערן משניות די גאַנצע נאַכט און זיך געחידושט, וואָס אָרום איז אַזוי שטיל. ערשט מיטן שפּראָץ אויף טאָג האָט זיך שרהלע צעשריגן מיט נישט קיין מענטשיש קול. דער יונגערמאַן האָט געלאָזט ליגן ס׳אָפענע משניות און האָט זיך א ריס געטאָן אין קיך אריין. דער דאָקטאָר אין א ווייס פאַר־טוך, די ארבל פון העמד פארקאשערט, איז אים אַנטקעגן געגאנגען. ישראל־לייזער האָט ביי אים געמאָנט:

— פאניע דאָקטאָרזשע...

— ערשט איצט הייבן זיך אָן די אמתע ווייען — האָט דער דאָק־טאָר זיך געוואשן די הענט אין אַ מיעדניצע הייס וואַסער — און אַז די אמתע ווייען האָבן זיך אָנגעהויבן, וועט עס גיין גיך.

אינעם שלאָפצימער מיט די פארהאנגענע פענצטער איז געלעגן די אכצן־יאָריקע שרהלע. זי האָט שוין געהאט פארגעסן ווען די ווייען האָבן זיך אָנגעהויבן. זי האָט בלויז געדענקט, אז ס׳איז געווען גרויסער טאָג, דערנאָך איז געוואָרן טונקל, טונקעלער, דערנאָך איז געוואָרן נאַכט, אזא לאנגע נאכט. און איצט איז שוין ווידער טאָג, און די ווייען וועלן קיינמאָל נישט אויפהערן. זי האָט מיטאמאָל פארוואָרפן די הענט, גענומען רייסן ס׳ווענטל פון בעטל. די אויגן, גרויסע, צעווייטיקטע, זיינען גע־קראָכן פון קאָפּ. זי האָט זיך צעשריגן.

ישראל־לייזער האָט אין גאנצן אויפגעציטערט. אָן ווערטער, בלויז מיט די הענט, מיט די אויגן האָט ער געמאָנטביים דאָקטאָר:

— פאניע — — — פאניע דאָקטאָרזשע — — — —

— און אז א געוויינערן שרייט, איז וואָס ? — האָט דער דאָקטאָר געשמייכלט — דאָס איז מוזיק פון קינדער, וואָס דארפן געבוירן ווערן. ישראל־לייזער איז אוועק צו זיך אין חדר אריין. ער האָט אָנגעטאָן

דעם טלית, זיך אוועקגעשטעלט צווישן די צוויי ספרים־שענק און גענומען דאַווענען מיט גרויס התלהבות. ס׳קול, די ווערטער — אַלץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיט טרערן, מיט געוויין. פון־מאַל־צו־מאַל האָט ער אין מיטן דאַווענען אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע האַנט־פלאַכן אָן דער וואַנט און זיך צעשריגן:

— טאַטע־פאָטער, זי דאַרף רחמים! שרהלע דאַרף רחמים, גרויס רחמים! היינט, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, איז דאָך אדם הראשון גע־בוירן געוואָרן, היינט זיינען דאָך די אבות — אברהם, יצחק און יעקב — געבוירן געוואָרן. היינט, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, זיינען דאָך אונ־דזערע אמהות טראָגעדיק געוואָרן. אין זכות פון די אבות, פון די אמהות, טאַטע־פאָטער, גיב שרהלען כוח איבערצוטראָגן די יסורים...

ישראל־לייזער האָט לאַנג געוויינט.

— אַזוי האָט זיך דאָס האָבן געצויגן ביז אַ שטיק נאָכמיטאָג. די הייוון, דער דאָקטאָר, ביידע זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון דער געווינערין. טראָפּנס שוויס אויף די שטערנס, אויף די שלייפן, אויף די הענט. און אין חלל — שטיקלעך געשרייען, אָפּטייק ריחות און אַ טעמפּ קרעכצן.

ישראל־לייזער, אין דער זיידענער קאַפּאָטע, אינעם שטריימל, דער גאַרטל פעסט פאַרצויגן אַרום די לענדן, איז אוועק צו דער אַלשינע. ער האָט נישט געזען וואו ער גייט. ער האָט פון זיך געריסן שטיקער, גע־וואָלט אָפּשאָקלען פון זיך די וואָכעדיקייט. ער זאָל מיט אַ ריינער כוונה קענען אויפנעמען די תקיעות. דרייסיק קולות דאַרף מען בלאָזן מיטן שופר. פאַרוואָס דרייסיק? דריי מאָל תקיעה, דריי מאָל שברים, דריי מאָל תרועה — — — שרהלע איז חרב־פאַרביי... שוין איבער אַ מעת־לעת ווי זי גייט צו קינד, זי דאַרף רחמים, גרויס רחמים...

ביי דער אַלשינע איז שוין געשטאַנען דער פעטער אדם. די זיי־דענע קאַפּאָטע קרוע־בלוע. דאָס שטריימל אויסגעקראָכן. דער פעטער אָדם איז געווען געוויקסיק, מיט אַ קאָפּ העכער פון די צעדרייטע אַלשענע ביימער. ער האָט געמיטלעך אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער אינעם גאַרטל און איז אנטקעגן געגאַנגען ישראל־לייזערן מיט אַ ברייטן „גוט־יום־טוב".

— ישראל־לייזער, עס קומט דיר שוין מזל־טוב?

— נאך נישט, פעטער.

— וועל איך דיר אפגעבן מזל־טוב נאך שופר בלאזן.

דאס שטיק אויסגעהאקטע וואלד האט אפגעטיילט דעם שרדהשן סאסנאוון וואלד פון דער פויערישער אלשינע. אלץ האט דא געצייטיקט אונטער דער צעפלאמטער זון. די ביימער, די אויסגעגראבענע קארטשעס, וואס האבן אויסגעזען פון דערווייטנס ווי בערן. דער ראש־השנה איז דאך נישט בלויז געווען פאר מענטשן, נאר אויך פאר יעדן בוים, פאר יעדער פלאנץ.

ארום — א טיפע שטילקייט.

ווי דער פעטער אדם האט א נעם געטאן דעם שופר אין מויל אריין, אים א הייב געטאן ארויף, ווי ער וואלט זיך געקליבן מיט די תקיעות צערייסן דעם גזר־דין, איז ישראל־לייזערן לייכטער געווארן. ער האט פון זיך א זאג געטאן: „יום תרועה י ה י ה לכם". „י ה י ה" איז בגמטריה „ד ר יי ס י ק".

ישראל־לייזער. מיט א ווייטנדיק קול האט פארגעזאגט:

— תקיעה... שברים... תרועה...

דער צעוואקסענער אדם מיטן פארריסענעם קאפ, אז ס'שטריימל האט זיך אזש א רוק געטאן צום קארק, איז געשטאנען צווישן די צוויי וועלדער און געבלאזן שופר. די קולות, ריינע, אן א פגימה, וואס האבן אפגעהילכט אינעם שטילן נאכמיטאג, האבן זיך געטראגן פון איין וואלד צום צווייטן. ס'איז אנגעלאפן דער לעשניק. ער איז א רגע געבליבן שטיין א געפלעפטער, האט זיך איבערגעצלמט און אנגעזאגט א בשורה:

— די שרדהטע האט געבוירן א ייִנגל!

קיינער האט זיך צו אים נישט צוגעהערט. ישראל־לייזער האט מיט א ציטער פארגעזאגט:

— ש־ב־רדים...

דער פעטער אדם האט העכער פארריסן דעם קאפ. ס'קול וואס איז ארויס פונעם „שברים" האט זיך גענומען רייסן, האט זיך גענומען פאַ־ באנדערשיטן ווי א ווייטער דונער, וואס האט קיינעם מער נישט געשראקן,

אַפילו נישט דעם לעשניק. די קולות האָבן זיך געטראָגן פון בוים צו בוים, זיך אָפּגעשלאָגן אָן די הויכע סאָסנעס, אָן די צעקרימטע אָלשינעס, לאַנג געהילכט איבער די וועלדער.

דער לעשניק האָט זיך געכאַפּט, אַז מענטשן שטייען און בעטן צו גאָט, האָט ער אַראָפּגענומען ס׳היטל, זיך נאָך טיפער פאַרנייגט און איבערגעחזרט די בשורה:

— די שרדהטע האָט געבוירן אַ יינגל.

# גאַי שוין, גאַי

פרייטיק־צונאַכטס, ווען מען האָט ביי ר׳ ישראל לייזער אָפּאָ־טאָווסקי שוין געהאַלטן ביים מייערן צימעס, געשניטן אין רעפּטלעך, ווי גילדענע „טקאָטנס״, האָט די קיך־טיר זיך געעפנט.

אויף אַפריער איז אריין א ווייסע קעלט. נאָך דער קעלט — אַ שניי מענטש. די ברענענדיקע ליכט אין די העסע־לייכטערס האָבן פון דער קעלט געהאַלטן אין אויסגיין. און אַז עס איז אין קיך קריק ליכטיק געוואָרן האָט די דינסט זיך א בייזער געטאָן:

— ר׳ אורח, קלאַפּט אָפּ די שטיוול אין פעדערהויז. איר וועט מיר אַנטראָגן א פולע קיך מיט שניי.

און אַז דער פרעמדער האָט גענומען אָפּטרייסלען פון זיך דעם שניי איז די קעכין אריין אין עס־צימער און האָט אָנגעזאָגט:

— אַן אורח.

ר׳ ישראל־לייזער האָט אַ שאר געטאָן פון זיך דאָס טעלערל מייערן־צימעס און אַן אויפגעלייגטער זיך א קער געטאָן צום ווייב:

— שרהל, בעט דעם אורח צום טיש. דער ייד איז אוודאי גע־בליבן שטעקן אונטערוועגנס. ס׳קערט דאָך אין דרויסן וועלטן, אַן אמתע זאווערוכע.

דערווייל האָט דער אורח אָפּגעשאָקלט דעם שניי פונעם שטריימל, פונעם שאָפּענעם פעלץ. ס׳יונגע פנים איז געווען צעפלאַמט. ארום דעם שיטערן, בלאָנדן בערדל — שטיקלעך געפריר. ער איז אריין אין עס־צימער מיט צעלויכטענע אויגן:

— גוט שבת! גוט שבת!

ר׳ ישראל־לייזער איז אפּער פון טיש און איז געבליבן שטיין א

רגע אָן אָטעם. נאָך אים האָט זיך אַ שטעל געטאָן ס׳גאַנצע בני־בית. דער באַלעבאָס האָט אַ הייב געטאָן די הענט, ווי צוויי לייכטערס, און איז מיט זיי אַנטקעגנגעגאַנגען דעם אורח:

— אַ גאַסט, אַ געהויבענער גאַסט, שלום־עליכם, קוטנער רב!

דער באַלעבאָס האָט צוגענומען פון דעם גאַסט ס׳פוטער, צוגענו־מען דאָס שטריימל. דער קוטנער רב אין דער זיידענער קאַפּאָטע, אינעם סאַמעטענעם קאַפּל האָט אויסגעזען יונג, גאָר יונג, האָט אויסגעזען ווי אַ חתן־בחור, נישט ווי אַ רב.

אין עס־צימער איז ליכטיקער געוואָרן, ווי נישט זיבן ליכט וואָלטן געברענט אין די זילבערנע לייכטערס, נאָר פערצן. דער גאַסט איז נישט בלויז געווען דער קוטנער רב ר׳ יהושיעלע, ס׳איז אויך געווען אַ קרוב, און מיט אַזאַ קרוב איז זיך געווען וואָס איבערצונעמען. און אַז דער קוט־נער רב איז שוין געזעסן אין ר׳ ישראל־לייזערס פּאָטער־שטול האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן:

— כ׳בין אַרויסגעפאָרן פאַרטאָג, כ׳בין געווען זיכער, אַז אַ יי ב־ס ע, שפעטסטן צ ו יי ע וועל איך זיין אין טשעכאַנאָווע. און דאָ, האַלב וועג, צעשפּילט זיך אַזאַ זאַווערוכע, סכנת־נפשות. קיין וועג, קיין שטעג. שניי און שניי. און צוויי וויאָרסט פאַר טשעכאַנאָווע — פּלאַצט אַ ראָד. כ׳בין אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין צופוס. אַריינגעקומען נישט טויט נישט לעבעדיק. כ׳האָב זיך אפשר נישט געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין פרייטיק, האַנדלט עס זיך וועגן פקוח־נפש, מען דאַרף אָפּראַטעווען צוויי יידן פון דער תליה, יידן וואָס זיינען פאַרמישט אינעם אויפשטאַנד.

ר׳ יהושיעלע האָט זיך טאַקע נישט געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין פרייטיק, מאַנטיק וואָלט ער געהאַט אַ פאַרמאַכטע קאַטש מיט פיר פערד. האָט עס אים אָבער נישט געלאָזט איינזיצן אין קוטנע. ס׳איז טאַקע גע־גאַנגען אין צוויי יידישע נפשות. עס איז אָבער געגאַנגען אין נאָך אַן ענין. דער יונגער ר׳ יהושיעלע האָט געוואָלט פונעם טשעכאַנאָווער רב אַן הסכמה אויף ארץ־ישראל אתרוגים, געוואָלט רעדן וועגן די „אנשי המסורה״, וועגן ישוב ארץ־ישראל, געוואָלט רעדן וועגן לערנען מיט זיינס אַ גלייכן.

דערווייל האָט שרהל געהייסן אויפהאָקן דעם פאַרקלעפּטן אויוון. מען האָט אַרויסגענומען ס׳שבתדיקע טשאָלנט. די קאַרטאָפל זיינען שוין

געווען ברוין, ווי טונקעלער בורשטין. די קאַטשקע — אַזוי צוגעברוינט, אַז ס׳האָט זיך נאָכאַמאָל געוואָלט עסן. און איצט דער געוויקלטער לאָקשן קוגל. אַלץ צוליב דעם געהויבענעם גאַסט! אַלץ צוליב ר׳ יהושיעלען!

ר׳ יהושיעלע האָט געמאַכט קידוש און האָט זיך געוואַשן. נאָך דער המוציא האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ער וויל נאָך היינט זען דעם טשעכאַנאָווער רב. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ אברהמל וויל נישט אויף שבת קיין געהויבענע אורחים, וואָס מען דאַרף מקרב זיין. אַזאַ אורח האָט זיך זיין דרך, קאָן אים אַמאָל אויסקומען אָפּצואווייכן פון זיין אייגענעם דרך צוליב דעם גאַסט. דעריבער טאָקע פאַרבעט נישט ר׳ אברהמל קיין געהויבענע אורחים אויף שבת. ער האָט אפילו דעם פולטוסקער רב, ר׳ אלעזרן, פאַרזאָגט נישט צו קומען קיין טשעכאַנאָווע אויף שבת.

ר׳ יהושיעלע האָט דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן. מען זיצט אין קוטנע וואָכן, חדשים. דערגראָבט זיך אַ ייד צו אַ שטיקל גמרא מיט תוספות — הייסט עס ער קען לערנען. פרעגט ער אָפּ דעם מהרש״א — איז ער אַ למדן; ווען ער, דער קוטנער רב, איז בכוח אויפצורייסן דעם גאַנצן ים־התלמוד ווי מען רייסט אויף אַ נישט־געאַקערט פעלד. דאַנערשטיק ביים לייענען האָט אים אַרומגענומען אַזאַ בענקעניש, אַז ער האָט נישט געקוקט וואָס ס׳איז פרייטיק, וואָס ס׳בלאָזט אַ זאַווערוכע, וואָס פרייטיק נאָך ליכט־בענטשן זיצט ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווער אין פענצטער און קוקט זיך די אויגן אויס, וואַרט אויף משיחן. ר׳ יהושיעלע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און אַט איז ער ביי זיין קרוב. ער וועט באַלד זיין ביים טשעכאַנאָווער רבי. דער קוטנער רב האָט זיך אַ קער געטאָן צום קרוב:

— ווי אַ נאָך לאָזט מען וויסן דעם רבין, אַז איך בין אין טשעכאַנאָווע?

— איך אַליין וועל צוגיין — האָט ר׳ ישראל־לייזער זיך אַ שטעל געטאָן.

— ס׳וועט זיין אַן אמתע טובה.

— אַט גיי איך.

ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווער האָט שוין געהאַלטן נאָכן בענטשן. ער האָט שוין געהאָט געזאָגט צו די אורחים און צום בני־בית „אַ גוטן שבת״

אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אים לאָזן אַליין. פּונקט דעמאָלט איז ר׳ ישׂראל אַריין צום רבֿ, איז אַריין מיט אַ ציטער, ווי מען קומט צו מלכות:

— גוט שבת, אונדזער רבֿ. דער קוטנער רבֿ האָט מיך געשיקט מיט אַ שליחות. ער איז אין טשעכאַנאָווע.

— וואו האַלט ער שבת, ביי דיר? — האָט ר׳ אַבֿרהמל זיך געפרעגט.

— ביי מיר, רבי.

ס'איז געוואָרן אַ ווייל שטיל. ר׳ אַבֿרהמלס פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט, ווי ער וואָלט זיך געיִשובֿט. דערנאָך האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן. און כאָטש ער איז געווען אַ קליין געוויקסיקער, איז דאָס גרויסע צימער פול געוואָרן מיט יראת הכּבֿוד. ער האָט צוגעפירט דעם שליח ביז צו דער טיר. ערשט דאָ האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, ישׂראל-לייזער, מיינע עלטערן האָבן זיך געקענט אויסבאַהאַלטן. איך אָבער בין זינדיק. פון מיין יוגנט אָן לויפט מען מיר נאָך. זאָג דעם קוטנער רבֿ, אַז איך וואַרט אויף אים.

ווי ר׳ ישׂראל-לייזער איז צוריקגעקומען אָן אָטעם און געזאָגט: „קוטנער רבֿ, דער רבי וואַרט אויף אייך", האָט ר׳ יהושעלע געלאָזט שטיין די קאָטשקע. ער האָט אין גאַייל אָנגעטאָן ס'שטריימל מיטן פּעלץ און איז אַרויס מיטן קרובֿ פון שטובֿ.

דער זיבעציק־יאָריקער ר׳ אַבֿרהמל, וואָס איז געווען ווייס און גרויז, ווי אַ טויבֿ, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן שטענדער. די אויגן, פאַרשטעלט מיט לאַנגע, געדיכטע ברעמען, האָבן געקוקט אין אַן אָפענעם רמב״ם און די אויערן האָבן זיך צוגעהערט וואָס דער קוטנער רבֿ רעדט.

דער קוטנער רבֿ איז געשטאַנען הינטער ר׳ אַבֿרהמלען. ער איז געשטאַנען אינעם צעקנעפּלטן פּעלץ. ער האָט נישט גערעדט וועגן די צוויי יידן, וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּראַטעווען פון דער תּליה. ער האָט נישט גערעדט וועגן לערנען. ער האָט גערעדט וועגן די „בעלי־מסורה" און זיך געריכט, אַז ר׳ אַבֿרהמל וועט אים אָפּשטעלן, וועט זאָגן: „אפּיקורסות". און אַז ר׳ אַבֿרהמל האָט אים נישט אָפּגעשטעלט, האָט ר׳ יהושעלע ווייטער גערעדט:

„...וויסן דאַרפט איר, טשעכאַנאָווער רבֿ, אַז די „בעלי־המסורה"

זיינען געקומען נאך די אנשי הניקוד והנגינה. ווי שטייט אין דער הקדמה פון „חובת הלבבות״? דער חובת הלבבות זאגט, אז בעלי־המסורה זיינען בעוועזן נאך איבן־גנאח״.

— גאי שוין, גאי — האט ר׳ אברהמל זיך א וויג געטאן איבערן אפענעם רמב״ם.

— און וואס זאגט דער אבן עזרא אין „ספר מאזנים״? — האט ר׳ יהושיעלע ווייטער גערעדט. — ער זאגט, אז נאך די חכמי התלמוד זיינען אויפגעשטאנען די אנשי־המסורה.

— גאי שוין, גאי — האט ר׳ אברהמל שוין געווארט דער קוטנער רב זאל ענדיקן.

און דער קוטנער רב, וואס איז געשטאנען „בדחילא ורחימא״, גע־ציטערט אין גאנצן, האט פון יעדן „ג א י, ש ו י ן ג א י״ דערפילט א ברי, ווי ס׳וואלטן זיך פון ר׳ אברהמלען געטראגן צו אים פלאמען... ער האט זיך אנגענומען מיט כוחות און א זאג געטאן:

„...און דער רמב״ם אליין אין הלכות ספר הלכה, פרק ח׳ שרייבט, אז ער האט זיך נישט באנוצט מיט די „בעלי המסורה״, נאר מיט בן אשרן, הייסט עס, אז לויט דעם רמב״ם איז בן־אשר געווען פאר די בעלי־מסורה. וואס זאגט איר דערויף, טשעכאנאווער רב?

— גאי שוין, גאי — האט ר׳ אברהמל זיך שטארק צעוויגט.

דער קוטנער רב האט זיך אפגעגאסן מיט שווייס. ער האט אויף הינטערוויילעכס זיך גענומען ארויסשארן פון בית־דין שטוב. אז דער טשעכאנאווער הייסט גיין, גייט מען.

איצט האט גערעדט ר׳ אברהמל. ער האט גערעדט לאנג, גערעדט מיט רמזים, ווי א גאון רעדט מיט א גאון, אויפגעוויזן, אז די בעלי־המסורה האבן דאס אלץ געהאט בקבלה פון בארג סיני.

און אז ער האט אפגערעדט און זיך א קער געטאן צום גאסט, ערשט דער קוטנער רב איז נישטא. אין דער אפענער איז געזעסן דער שמש.

— וואו איז דער קוטנער רב? — האט דער רבי געפרעגט ביים שמש.

— דער קוטנער רב איז אהיימגעגאנגען.

— זיי אזוי גוט און גיי אריבער נאך אים.

און אַז דער שמש איז געקומען מיט ר׳ יהושיעלען האָט דער טשע־כאָנאָווער רב אים געפרעגט:

— וואָס זענט איר אַנטלאָפן, קוטנער רב?

— דער טשעכאַנאָווער רבי — איז דער קוטנער רב געשטאַנען פאַר אים ווי פאַר מלכות — האָט מיך דריי מאָל געהייסן גיין, מיר גע־זאָגט: „גאַי שוין, גאַי“.

— איך האָב עס נישט געמיינט, קוטנער רב — האָט דעם רביס טרויעריק פּנים זיך צעשמייכלט. — מיטן ווערטל „גאַי שוין, גאַי“ וויל איך קיינעם נישט דערווייטערן. פאַרקערט, ס׳ד ע ר נ ע ע נ ט ע ר ט. נאָר צו די, וואָס זיינען מיר צום האַרצן, וואָס זיינען מיר נאָענט, זאָג איך „גאַי שוין, גאַי“. און דער קוטנער רב איז מיר נאָענט.

# שבת

ס׳איז געווען אַ דאַנערשטיק אין שבט. מיטן אָונט האָט זיך פֿאַר אַ ווייל באַוויזן די נייע לבנה, אַ רויטע, אַ געגליווערטע. צווישן די גרויסע שטערן האָט דער הימל, אַ קאַלטער, זיך געבלויט. וואו אַ קער — שניי, גרינלעכער שניי.

אַרום פראַנקס סקלאַד, וואו דער פראָסט האָט נישט געקאָנט אויספרירן דעם ריח פון נאַפט, דעם ריח פון הערינג, זיינען געשטאַנען געשפּאַנטע דראַנגאַוועווענער, געשפּאַנטע לאַסט־שליטנס. די וועגענער, די שליטנס — אָנגעלאָדנט מיט סחורה. פון אַ האַלבער גובערניע איז מען פאַרפאָרן צו פראַנקן, איינגעקויפט ביי אים פעסער נאַפט, פעסער הערינג, קאַסטנס זייף, קעסטלעך ליכט, זעק צוקער, זעק ניס, טייטלען, מאַנדלען, פייגן, צוקערוואַרג און ווינטער אויבס.

בעלי־עגלות האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן, געדופן די פּאַסאַזשירן, גערעדט מיט האַרץ, געוואַלדעוועט. און די בעלי־עגלהשע רייד, ווי זייערע טרונק־בראַנפנס, ווי דער פראָסט, האָבן געקנופּט און געביסן. יעדע ווייל איז אָפּגעפאָרן אַ וואָגן, איז אָפּגעפאָרן אַ שליטן. אַרום פראַנקס סקלאַד איז געוואָרן שטילער, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס קראַקען פון קראָען.

די לעצטע, וואָס איז אַרויס פון פראַנקס סקלאַד, איז געווען אסתר, אַן אָנגעלייבטע סוחרטע פון שרענסק. אירס אַ טראַנספּאָרט סחורה האָט באַטראָפן עטלעכע הונדערטער. פראַנק אַליין מיט זיינע צוויי הויפט „מענטשן״ האָבן זי אַרויסבאַגלייט, זי צוגעפירט צום שליטן און אויפן וואונק צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז צום מסחר טויג זיך אסתר בעסער פון איר געשטאָרבענעם מאַן.

— וועז וועלן מיר זיך ווידער זען, אסתר? — האט פראנק אליין געהאלפן דער באפעלצטער און באפאטשיילטער יידענע ארייבצוקריכן אין ברייטן לאסט־שליטן, וואו סחורה איז געווען אנגעלאדן אויף א גארן די הייך.

— אם ירצה השם, אין א חודש ארום, — האט אסתר כמעט זיך נישט ארויסגעזען פון צווישן די בערג סחורה.

פון איין זייט שליטן — פעסער נאפט, פון דער צווייטער — פעסער הערינג. די פעסער, וואס האבן זיך געהויבן, ווי צוויי ווענט, זיינען געווען פעסט פארצויגן מיט שטריק, מיט קייטן. און צווישן די ווענט — זעק צוקער, זעק ניס, קעסטלעך פייגן, קעסטלעך טייטלען, זעק מאנדלען, קעסטלעך ליכט און קוישן ווינטער־עפל.

דער אנטרייבער, אן עלטערער גוי, אין א שמוישן פעלצל, די שטיוול ארומגעוויקלט מיט זעק, האט זיך באקוועם איינגעזעצט אינעם שטרוי־זאק. ער האט א הייב געטאן די בייטש, א שטארקן צי געטאן די לייצעס. די פערד האבן זיך א ריס געטאן, געגראבן מיט די פאדקאוועס דעם שניי. דער שליטן האט זיך צעסקריפעט, צעטרייסלט און דער נאפט אין די נישט אנגעצונדענע שטורקאצן האט זיך צעבאלבעט.

דער לאסט־שליטן איז ארויס פון שטאט. ס'איז געווארן פינצטער — די יונגע לבנה איז פארשוואונדן. די שטערן האבן איצט אויסגעזען קלענער, דער הימל — וואגיקער. פון די פעלדער האבן זיך געהויבן שנייעלעך, טרוקענע, שטעכיקע. ס'איז געווען שטיל, קאלט און שטיל. און אז א קרא האט זיך צעקראקעט און דער אנטרייבער האט מיט רוגזה אויסגעשפיגן — „פארשאלטענע נשמה" — האט אסתרן אן אימה ארומגענומען.

נאך מיידלוויז איז אסתר יעדע דריי, יעדע פיר וואכן געפארן נאך מלאווע צו פראנקן אין סקלאד אריין נאך סחורה. נאך דער חתונה, ווען אסתר איז געווען אויף דער צייט מיט א קינד, צי נאך א קימפעט, איז לייזער, צו לענגערע יאר איר, געפארן. צום מסחר, וואס אמת, האט ער זיך נישט אויסגעטויגט. דערפאר, זיין לערנען, זיין אפגעהיטקייט. זי איז געווען זיכער, אז בלויז אין לייזערס זכות האט איר אזוי אפגעגליקט אין האנדל. זי האט אים ליב געהאט, שטארק געבענקט נאך אים און זיך געגרוזיסט מיט דער שבועה, וואס זי האט געגעבן ביי לייזערס

אפּענעם קבר, אַ שבועה, אַז נאָך לייזערן וועט קיין מאַנסביל נישט אָנ־רירן איר לייב. און אַזוי איז זי, אסתר, אַ יונג, שיין מענטש און דערצו אַ נגידתטע, שוין ס׳פּופצנטע יאָר אַן אלמנה. דעם צווייטן טאָג פּסח ווערט זי ערשט פּערציק יאָר. דערפאַר האָט זי שוין, גאָט צו דאַנק, אַן אויסגעגעבענע טאָכטער. און די צווייטע, שרהלע, איז שוין אויך אַ כלה.

אסתר האָט געעפנט די אויגן. האָט זי אַ דרימל געטאָן? ס׳איז געוואָרן קעלטער, ווינטיקער. די נאַכט איז פול געוואָרן מיט קולות, וואָס מען קאָן נישט אָנכאַפּן, וואָס פּאַרווישן יעדע מחיצה צווישן וואָר און חלום. אויס הימל, אויס שטערן. פון די פעלדער זיינען אָנגעלאָפן פלאַכ־טעס שניי, האָבן זיך געדרייט אין מיטן וועג אין אַ ראָד, און מיט אַ רעווע זיך געוואָרפן אויף די פערד, אויפן שליטן.

— וואָס, מאַרטשין, אַ זאַווערוכע? — האָט אסתר זיך א פרעג געטאָן ביים אָנטרייבער.

דער פויער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך איבערגעצלמט און פעסטער גענומען אין די הענט אַריין די לייצעס. דער שטעכיקער שניי, דער קאַלטער ווינט, האָבן לויז געמאַכט די קליידער און איבערן לייב זיינען געקראָכן בייסיקע שטיקער קעלט. מאַרטשין האָט קוים מיט צרות אָנגעצונדן די שטורקאַצן. די אָנגעצונדענע שטורקאַצן זיינען ווי משוגע געוואָרן, האָבן געוואָרפן און געשליידערט פלעמלעך הין און קריק. און מיטאַמאָל האָבן זיך ביידע אויסגעלאָשן. פעלד און וועג האָבן זיך אויסגעגלייכט. וואוהין פאָרט מען? מאַרטשין האָט אַריבערגעשריגן צו אסתרן:

— אַ זאַווערוכע, אַ פאַרשאָלטענע! די פערד קאָנען פאַלן! מיר וועלן מוזן איבערנעכטיקן אין שטשעגאַווע!

— ווי ווייט פון שטשעגאַווע זיינען מיר? האָט אסתר זיך גע־פרעגט.

דאָס וואָס זיי זיינען נישט ווייט געווען פון שטשעגאַווע, דאָס וואָס זיי וועלן זיך נישט דאַרפן שלעפן אין אַ זאַווערוכע אַ גאַנצע נאַכט, אפילו אין דעם האָט אסתר געזען, אַז גאָט פאַרלאָזט זי נישט. זי איז זיכער געווען, אַז דאָס אַלץ איז אין זכות פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

מאַרטשין איז פאַרפאָרן פאַר דער שענק, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן טראַקט. ער האָט געקלאַפּט מיט דער בייטש אין דער טיר,

אין די פענסטער. ס'האט גענומען א שפארע ווייל ביז מען האט געעפנט, און אז דער פארשלאפענער שענקער האט דערזען אסתרן, איז דער רוגז ביי אים פון פנים אוועק. ער האט זיך צערעדט:

— אי, א זאווערוכע! אי, א הינטיש וועטער! אפשר מאכן א גלאז טיי?

— א דאנק, ר' מרדכי, א דאנק. גיט דעם גוי א שנאפס, גיט אים צו פארבייסן און איך וועל זיך לייגן. ווי שפעט איז שוין?

— באלד דריי אזייגער.

ניין אינדערפרי האט די זאווערוכע נאך אלץ געקערט וועלטן. איז מען ארויס אויפן טראקט, איז נישט געווען קענטיק קיין שאסיי, קיין לאנקע. ס'האט זיך געצויגן א מדבר, א ווייסער מדבר. און ס'איז שווער געווען צו זאגן — פאלט דער שניי פון אויבן, צי הייבט ער זיך פון אונטן. ארום עלף האט די זאווערוכע נאכגעלאזט. אסתר איז אריין אין שענק.

— מארטשין, מיר פארן.

מיטאג־צייט איז דער שליטן ארויס פון שטשעגאווע. דער ווינט האט אויך אויפגעהערט צו בלאזן. די לופט — דורכזיכטיק און קאלט. איבערן קאפ — א ווייטע, קרענקלעכע זון. און ווי ווייט ס'אויג האט גע־קאנט כאפן — שניי, שניי, שניי, ווייס ווי מילך. אפילו די צוויי רויט־לעכע פערד זיינען פון די גריוועס ביז די ויידלען געווען באדעקט מיט ווייסן געפריר. און ארום און ארום — א טויטע שטילקייט.

אזוי זיינען זיי אפגעפארן א שעה, צוויי, דריטהאלבן. אסתר האט זיך גענומען שרעקן זי זאל נישט אריינפארן אין שבת אריין. ארום דריי אזייגער האט זי גענומען מינטערן מארטשינען.

—.וויפל האבן מיר נאך קיין שרענסק?

— פינף וויארסט.

און אז די קרענקלעכע זון האט זיך גענומען זעצן, און אז דער ווייסער שניי האט זיך גענומען בייטן, איז איבערגעגאנגען פון בלוי אין גרין, פון גרין אין ליליע, האט אסתר זיך א שטעל געטאן צווישן די פעק סחורה און זיך געבעטן ביי מארטשינען ער זאל גלייך אפשטעלן דעם שליטן.

— אין גאנצן א וויארסט, אנדערהאלבן, פאני — האט מארטשין זי פארזיכערט.

— ניין, מארטשין, ביי אונדז יידן איז שוין שבת און איך וועל דעם וויארסט, אנדערהאלבן, צוגיין אין שטאט אריין צופוס.

מארטשין האט א קערעווע געטאן פון דער מיט־שאסיי צום ראוו צו, וואו דער שניי איז געווען אויסגעצירט מיט „דעסענס" פון פייגל־לאפקעס, און זיך אפגעשטעלט.

אסתר איז אראפ פון שליטן. פון דעם לעדערנעם בייטל, וואס זי האט געטראגן אויף אן אקסל אריבערגעווארפן מיט א פאסעק, האט זי ארויסגענומען א מעסערל. אסתר האט אויסגעהוילט דריי רויטע ווינטער־עפל, ווי מען הוילט זיי אויס שמחת־תורה פאר פענער. די עפל האט זי אריינגעזעצט אין א פריזמע פארהארטעוועטן, פארפרוירענעם שניי. אין די עפל האט זי אריינגעשטעקט דריי סטרינגענע ליכט. דערנאך האט זי אפגעבונדן פון זיך דעם בייטל מיט געלט, מיט וועקסלען, מיט פאפירן און אים געלאזט ליגן אויפן שליטן, אזוי אויף הפקר. און נישט בלויז דעם בייטל. זי האט אויך אוועקגעלייגט דעם פאק שליסלען, אויך אוועק־געלייגט אויף הפקר ס'קליינגעלט, וואס ס'האט זיך געוואלגערט ביי איר אין די קעשענעס. און אזוי אויסגעטאן פון מסחר, פון וואכעדיקייט, האט זי גוט איינגעריבן די הענט מיט שניי, זיי אפגעווישט און זיך געשטעלט צינדן ליכט. דער שווערער פעלץ צעקנעפלט, די פאטשיילע איבערן קאפ. זי האט אנגעריבן א שוועבעלע, אנגעצונדן איין ליכט, א צווייטס, א דריטס. ס'איז געווען אזוי שטיל, אז מען האט געהערט דאס קנאקן פון די קנייטלעך. די ליכט־פלעמלעך האבן זיך געטוקט, געשפיגלט אין שניי. און אסתר מיט די ווייסע הענט אויף די אויגן, אויפן שטערן, איז גע־שטאנען איבער די ליכט און געוויספערט מיט די ליפן.

מארטשין האט געקוקט אויפן געלט, וואס איז געלעגן אזוי הפקר, געקוקט אויף אסתרן, וואס האט מיט פארשטעלטע אויגן געבענטשט ליכט. ס'איז אים ווארעם געווארן און ער האט זיך איבערגעצלמט. און אז אסתר האט זיך געלאזט אין שטאט אריין, איז מארטשין איר נאכגעפארן מיטן שליטן. ארום און ארום — א פארשנייטע וועלט. אויף א פריזמע שניי — דריי ליכט, דריי פלעמלעך, וואס דערציילן, אז ס'איז שבת.

1938

# מסירת־נפש

דער וואַלד־שרייבער, דוד פרייד, איז פורים נאָכמיטאָג געפאָרן פון מאָסטאָווע קיין מלאווע. דער באַלעבאָס זיינער, ר׳ יוסל פּאַיאַנס, האָט דורכויס פאַרלאַנגט, אַז אַלע זיינע „מענטשן" זאָלן זיין ביי אים צו דער פורים־סעודה. פרייד האָט געפּרואווט זיך אַרויסדרייען פון דער נסיעה, נישט געקאָנט, און מיט אַ שווער געמיט האָט ער אַליין איינגע־שפּאַנט ס׳רויטע פערד אינעם שליטן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ס׳איז געווען דריי נאָכמיטאָג. דער שליטן האָט זיך איינגעקערע־וועט אין אַ שמאָלן, אויסגעפּראַרענעם וועג, וואו פון ביידע זייטן האָבן פּאָסן שניי זיך געצויגן, זיך געקייקלט, ווי רעלסן. אַ קאַלטער ווינט האָט אָנגעטראָגן פון די נאַקעטע פעלדער שטעכיקע שנייעלעך, זיי געשליי־דערט אין פּנים אַריין. די טרוקענע קעלט האָט זיך פאַרקליבן אין די נאָד־לעכער. דער וואַלד־שרייבער האָט זיך געווישט די טרערן פון די אויגן און זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל. ס׳פערד האָט פון קעלט זיך צעהירזשעט.

דעם וואַלד־שרייבער האָט אַזוי נישט געאַרט די קעלט, ווי דער בלויזער געדאַנק, אַז ער וועט פורים מוזן זיצן ביי אַ מתנגדישן טיש. ר׳ יוסל פּאַיאַנס, דער גרויסער גביר, וואָס האָט געקענט שיין לערנען, איז אָבער אויך געווען אַ פאַרביטערטער מתנגד. צי ר׳ יוסל האָט פיינט געהאַט חסידים? שווער געווען צו זאָגן. ער האָט אָבער אָפּגעלאַכט פון זיי און ביי יעדער געלעגנהייט.

דוד „שרייבער" האָט דערפון געליטן. זיין עלטער־זיידע איז גע־פאָרן צום „ייד", איז געפאָרן קיין פּשיסכע. דער זיידע — קיין קאָצק. דער פאָטער און ער, דוד — גערער חסידים — האָבן אין תוך געהאַט אַ „ניצוץ" פונעם „ייד הקדוש". זייער דאַווענען איז געווען מיט גרויס

מסירת־נפש. דודס טאטע, אז ער האט זיך געשטעלט „שמונה־עשרה״, פלעגט אים אזא פחד באפאלן, אז די ציין אין מויל האבן זיך ביי אים גענומען שאקלען. אט דער ענו, דער גרויסער ירא־שמים, האט זיך פאר קיין בשר־ודם נישט געשראקן. ער האט אלעמען געזאגט דעם אמת אין די אויגן — דעם אנגעשטאפטן גביר, דעם גרויסן למדן. דערביי געהאט אן אייגן ווערטל: „ווער עס ווייזט א פייג זיך, קאן ווייזן א פייג דער גאנצער וועלט״.

דוד „שרייבער״ איז געגאנגען אין זיידנס דרכים, אין פאטערס דרכים. דער טראט זיינער איז אבער מער נישט געווען אזוי זיכער. ער האט מער קיין כוח נישט געהאט צו זאגן יעדן איינעם דעם אמת אין פנים אריין. יעדן טאג ביים דאווענען האט דער װאלד־שרייבער מקנא געווען דעם פאטער זיינעם, וואס פלעגט זאגן: „אויב מען שטעכט ביים דאווענען דאס לייב מיט שפילקעס, און מען פילט א ווייטיק, איז ס׳דאווענען קיין דאווענען נישט״. און דוד איז זיכער, אז זיין פאטערס דאווענען האט מען געקאנט פארגלייכן מיטן בעל־שמס, דעם בעל־שמס — מיט אר״יס, דער אר״יס — מיט ר׳ שמעון בן יוחאיס, און ר׳ שמעון בן יוחאיס — מיט אדם הראשונס איידער ער איז באגאנגען דעם ערשטן חטא.

און ער, דוד? ביים ערשטן נסיון גליטשט ער זיך אויס. ער האט אפילו הײנט קיין כוח נישט געהאט זיך אנטקעגנצושטעלן דעם שטאט־גביר, דעם מתנגד, און אים זאגן:

—. יוסל, ווי לאנג כ׳וועל נישט באארבעטן מיין אייגענע טבע, ווי לאנג כ׳וועל נישט קומען צו דער מדרגה, אז נישט איך בין דיין אב־געשטעלטער, דיין „מענטש״ און נישט דו — מיין פרנסה־געבער, טאר איך מיט דיר ביי איין סעודה־טיש נישט זיצן. ביי א חסידישער סעודה ווייסט מען נישט, ווער ס׳איז רייך, ווער — ארעם. ס׳פארשווינדן אלע מחיצות. ס׳איז געגוג דעם צדיקס א ווארט — און דער דלות אנטלויפט. די שמחה צעוואקסט זיך, ווערט גרעסער. פון די נשמות רייסט זיך א פרייד. א האנט זוכט א האנט, אן אקסל — אן אקסל. די פיס הייבן זיך אליין פון פרייד און דבקות.

— און ביי דיר, יוסל?

— אויבן־אן זיצסטו, זיצן דיינע שותפים. דערנאך—די „מענטשן״

רײנע, לויט די געהאַלטן, וואָס זיי נעמען ביי דיר. נאָך אויך גוט, וואָס איך, דוד פרייד, בין פון די קלײנע פאַרדינערס, זיץ איך פון סאַמע הינטן, כ׳זיץ אין אַ ווינקל און קיינער באַמערקט מיך נישט.

אין אַזוינע מחשבות איז דער וואַלד־שרײבער אַרײנגעפאַרן קיין מלאָווע. ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט. דוד איז פאַרפאָרן צו יוסלען אין הויף אַרײן, וואו עס זײנען שוין געווען אויסגעשטעלט אין צווײ לאַנגע שורות אַ צענדליק שליטנס. אַ שײגעץ, וואָס איז אומגעגאַנגען ביי די פערד, האָט געהאַלפן דעם „פאַן שרײבער" אויסשפּאַנען דעם „רויטן". דער שײגעץ האָט זיך געפרעגט:

— דער פאַן שרײבער בלייבט נעכטיקן?

— ניין, וואַצעק, כ׳פאָר היינט אַהיים.

אין פעדער־שטוב האָט דוד אויסגעטאָן ס׳פוטער. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, זיי געווישט און לאַנג געדאַוונט מנחה. אַ נישט־דרייסטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט ער זיך אַרײנגעשאַרט אין עסצימער און איז געבליבן שטעקן אין אַ ווינקל. קיינער האָט כמעט ווי נישט באַמערקט זיין אַרײנקומען. דוד איז געווען צופרידן.

די בליך־לאַמפּן, די ליכט אין זילבערנע „שאַבאַשניקעס" — אַלץ האָט געבלענדט. אויפן לאַנגן געדעקטן טיש — פלעשער וויין, פלעשער בראָנפן, המן־טאַשן און טאָרטן. פּאַלומיסקעס פיש — אין זיסן און זויערן, ניס, מאַנדלען, טייטלען — אַלץ אין זילבערנע קאַשעקלעך.

אויבן אָן — ר׳ יוסל פּאַיאַנס — אַ הדרת פנים. די שיינע, געקעמטע באָרד, אַ פּעק שוואַרצע, דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע האָר, נישט פון זאָרג, נאָר פון גוטן וויין טרינקען. לעבן אים אויף טישלעך — אַ באַרג זילבערנע מטבעות, אַ באַרג — קופּערנע. און ער האָט געגעבן נדבות מיט אַ פולער האַנט און דערפון שטאַרק הנאה געהאַט.

פון ר׳ יוסלס ביידע זייטן — די שותפים. נאָך די שותפים — די וואַלד־יידן — שרײבערס, קאַסירערס, מעקלערס און סתם „מבינים".

דער עולם איז געווען אויפגעלייגט. מען האָט געגעסן פיש, מען האָט געגעסן טאָרט. מען האָט פאַרטרונקען מיט וויין, מיט בראָנפן, מען האָט געבראָקט וועלשענע ניס אין גלעזער מעד און געוואָרט אויף די שטאָטישע פורים־שפּילער. מען האָט זיך געוויצלט מיט די ווייבער, ווייבלעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט איבער די צימערן.

און מיטאמאל האט מען דערהערט א ברייטן „שלום־עליכם". דאס האט ר' יוסל פאיאנס זיך עטוואס אונטערגעהויבן פון זיין אויסגעבעטע־טעם פאטעל און א צי געטאן איבערן טיש א ווייסע האנט.

— וואס זיצסטו עפעס אין א ווינקל, דוד? און א מינע האסטו, ווי די חסידים וואלטן מיר געווען און דו — א טרוקענער מתנגד! און וואס ביסטו גארנישט טועם? אט איז בראנפן, אט איז וויין!

ר' יוסל האט אים אנגעגאסן א גלאז וויין און עס א שטעק געטאן איבערן טיש. דוד האט זיך פארלוירן, זיך א רגע געקווענקלט, באלד זיך א כאפ געטאן, ווי א שיק־יינגל, און א נישט־דרייסטער צוגענומען פונעם באלעבאס ס'גלאז וויין:

— לחיים, לחיים!

דוד האט אויסגעטרונקען און איז געבליבן שטיין מיט א ליידיק גלאז אין דער האנט. דער שמייכל אויפן פנים האט געגומען אפרינען, זיך פארשטעקט ארום די מויל־קנייטשן. דער באלעבאס, די שותפים — קיינער האט אים מער נישט באמערקט. אלע האבן אנגעשטעלט מויל און אויערן, זיך איינגעהערט, ווי ר' יוסל זאגט תורה. און איידער דער גביר האט אנגעהויבן זאגן, האבן די „מענטשן" זיינע שוין געלאכט.

דוד האט זיך געכאפט, אז ר' יוסל לאכט אפ פון חסידים. גער, אלעקסאנדער איז ער סתם מבטל. ער לאכט פון קאצקער, פונעם „ייד", פון דעם לובלינער. ער גרייפט נאך העכער — לאכט פון בעל־שם. דוד האט זיך גענומען רוקן אויף צוריק, ער האט אין זיך געזוכט כוחות צו אנטלויפן פון די לצים. ס'איז אבער אין גרויסן עס־צימער מיטאמאל געווארן אזוי שטיל, אז ס'האט זיך געהערט דאס סיקן פון די ברענענ־דיקע ליכט.

ר' יוסל האט דערציילט, ווי דער קאצקער איז פאר דער חופה מיט זיין צווייטן זיווג אריין אין זיין חדר־מיוחד. דער רבי האט גע־קרעכצט, געוואלדעוועט, שטארק געארבעט איבער זיך. ער האט געוואלט ברענגען זיין הייליקן גוף צו א ביסל גשמיות, וואס ס'האט זיך שוין לאנג געהאט אפגעטאן פון אים. דערביי האט ער געהאלטן אין איין אי־בערזאגן דעם האלבן פסוק תהילים: „כפירים רשו ורעבו".

דא האט זיך ר' יוסל געווענדט צום עולם ארום טיש:

— ווייסט איר דעם טייטש פון „כפירים רשו ורעבו"? און דו,

דוד? וואו האסטו זיך ווידער פארשטעקט, מתנגד מיינער? — האט ר׳ יוסל קיינעם נישט געגעבן קיין געלעגנהייט צו עפענען ס׳מויל און אליין גענומען פארטייטשן דעם פסוק: — „כפירים רשו״ — לעמפערטן, ווי דער קאצקער, ווי דער לובלינער, ווי דער בעש״ט, אז זיי הונגערן זיך אויס, טוען זיך אויס פון גשמיות...

ס׳קול ביי ר׳ יוסלען איז געבליבן שטעקן אין גרגרת. אלע האבן א הייב געטאן די קעפ, גענומען קוקן צו דער טיר, פון וואנען עס האט זיך געטראגן א געוויין.

דוד וואלד־שרייבער, א צוניפגעדרייטער, א פארוויינטער, האט זיך געריסן די בארד, האט זיך געריסן די פאות, און געוויינט מיט באַנומענע קולות. אינמיטן וויינען האט ער ארויסגענומען פון וועסט־קע־שענע א נעגל־מעסערל. ער האט זיך געשניטן קריעה.

דוד האט דערביי קיין ווארט נישט אויסגערעדט, בלויז זיך גע־טרייסלט און געוויינט.

און אז ר׳ יוסל מיט די שותפים האבן זיך א ריס געטאן פון טיש, געוואלט דודן איינעמען, איז דער וואלד־שרייבער שוין געווען אויפן הויף.

ס׳זיינען אנגעקומען די שטאטישע פורים־שפילער. ר׳ יוסל האט א הייב געטאן די האנט:

— מען דארף נישט!

# ווייטע ריחות

שוין אַ וואָך ווי דער בריוו איז געלעגן אויפן שרייבטיש אַ נישט געעפנטער. דער בריוו איז נישט געווען אַדרעסירט צו שלמה ליפּסקין, נאָר צום זון זיינעם, צום זעכצן־יאָריקן יאָסעלע. ווי ליפּסקי האָט באַקו־מען דעם בריוו, האָט ער אַפילו קיין טראַכט נישט געטאָן, אַז מען דאַרף אים איבערגעבן דעם זון, אַז מען דאַרף אים עפענען. איז געשטאַנען אין שטוב אַ פאַרמאַכטע קליידער־שאַנק, זיינען געשטאַנען פאַרשלאָסענע שופלאַדן, וועט אויך ליגן אַ נישט געעפנטער בריוו. די פאַרשלאָסענע שטי־קער מעבל האָבן זיך געפונען אין אַ זייטיק צימער, וואו די פענצטער זיינען שטענדיק געווען פאַרמאַכט, די ראָלעטן האַלב אַראָפּגעלאָזט.

שלמה ליפּסקי, אַ הויכער, דעפּ קאָפּ עטוואָס געבויגן, האָט גענו־מען פונעם שרייבטיש דעם בריוו און אים אַ הייב געטאָן אַנטקעגן דער זון, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. ס׳ליכט, ס׳לעצטע טאָג־ליכט, איז אַ פּאַל געטאָן מיט אַזאַ וואָקסעקנער וואָרעמקייט אויף דעם קאָנווערט. איז אַ פאַל געטאָן אין שלמהס טונקל־ברוינע אויגן. אותיות — אַ דינער פיליגרין־געפלעכט — האָבן דורכגעשיינט. שלמה האָט געפּרואווט צו־נויפשטעלן די אותיות אין ווערטער. ער האָט נישט געקענט און איז פאַר אַ ווייל אַזוי געבליבן שטיין אַ דורכזיכטיקער. דאָס בערדל — פעך־שוואַרץ, דאָס פנים — מאַט און ביינערדיק און די רויטלעכע ליפּן האָבן אויסגעזען רויט, גאָר רויט. באַלד האָט ס׳טאָג־ליכט זיך גענומען לעשן, אין צימער איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך. אַרום שלמהס אויגן, אַרום די מויל־ווינקלען — דאגות און דאגהלעך, וואָס האָבן אים פאַרעלטערט, וואָס האָבן פון די דרייסיקער יאָרן אים אַריינגעיאָגט אין די פערציקער.

שוין אַכט יאָר ווי פייגעלע איז אוועק פון שלמהן, האָט אים איי־בערגעלאָזט מיט אַן אַכט־יאָריק ייִנגל — מיט יאָסעלען. זי איז אוועק

מיטן פּוילישן פּראָפעסאָר, וואָס האָט זי געלערנט קלעפּן, זי געלערנט אויסהאַקן פיגורן פון מירמלשטיין.

שלמה האָט געוואוסט יעדן טריט אירן. ער האָט געוואוסט, אַז זי שלעפּט זיך מיטן פּראָפעסאָר איבער בייערן, איבער ווירטנבערג, איבער צפון־פראַנקרייך, וואו זי שטודירט די גאָטישע קאַטעדראַלן. ער האָט בלויז געדאַרפט ווענן, וואָלט ער זי צו יעדער צייט צוריקגעבראַכט אַהיים, ווי מען ברענגט צוריק אַ ייִנגל, וואָס אַנטלויפט פון הויז. פייגעלעס על־טערן, די אַנגעשטעלטע געהיים־אַגענטן, וואָס האָבן איר נאָכגעשפּירט, אַפילו דער גערער רבי אַליין — אַלע האָבן געהייסן זי צוריקברענגען און אים, דעם פּראָפעסאָר, לאָזן איינזעצן.

שלמה האָט זיך נישט צוגעהערט צו די אַלע עצות. ער האָט זיך געהאַט זיין וועג. ער האָט געוואוסט אַלע פייגעלעס קאַפּריזן, געוואוסט אַז ס'זיינען פּאַראַן עפּל, וואָס ווערן צייטיק אַ שטיק אין ווינטער אַריין. ס'האָט זיך פייגעלען פאַרוואָלט וויספּיאַנסקיס וויטראַזשן אויף גלאָז? שלמה האָט איר איינגעקויפט די גרעסטע קאָלעקציע אין פּוילן. ס'האָט זיך פייגעלען פאַרוואָלט קלעפּן פיגורן? שלמה האָט פאַר איר געקראָגן דעם בעסטן פּוילישן סקולפּטאָר. קיין זאַך וואָלט נישט געווען צופיל פאַר פייגעלען, ווייל שלמה האָט פייגעלען שטאַרק ליב געהאַט. און דער עיקר — ער האָט געגלייבט, אַז פייגעלע האָט אים אויך ליב.

זי האָט עס כמעט יעדן טאָג געזאָגט. זי האָט ליב געהאַט דאָס פעך־שוואַרצע בערדל, דאָס מאַטע פּנים, ווי טונקעלע איילבירטן, די ברוינע אויגן. און איצט יאָסעלען? פאַר די אַכט יאָר איז זי קיין איין טאָג נישט געווען אָן דעם קינד. און מיטאַמאָל — אויס קינד, אויס מאַן, אויס ליבע. שלמה האָט מיט געוואָלד זי נישט געוואָלט צוריקברענגען. ער איז געווען זיכער, אַז די עטלעכע טויזנט רובל, וואָס זי האָט פון דער קאַסע אַרויסגענומען, וועט זי צעטרענצלען. זי וועט אויסגעפינען, אַז ביים פּאַליאַק איז זי נישט די איינציקע — און וועט אַליין צוריק־קומען.

דאָס וואָס זי איז מיט אַ פרעמדן מאַנסביל, דערצו אַ גוי — וועגן דעם האָט ער אַפילו נישט געוואָלט טראַכטן. ער האָט געטריבן פון זיך יעדע זינדיקע מחשבה. און ווען זי קומט דעמאָלט צוריק, וואָלט ער גע־עפנט פאַר איר טיר און טויער, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט.

אויף דער וואַנט, איבערן שרייבטיש האָט ליפּסקי אויפגעהאַנגען אַ לייוונטענע מאַפּע פון דער שטאָט פּאַריז, וואו יעדער בולוואַר און עוועניו, יעדע גאַס און געסל, אַפילו די נומערן פון די הייזער האָבן זיך געזען. די מאַפּע איז פול געווען מיט פענדלעך, ווי אַ מאַפּע ביי אַ פעלד־מאַרשאַל, וואָס קאָמאַנדעוועט מיט אַרמייען.

די מאַפּע האָט געהאַט צו דערציילן:

„— — — דאָ וואוינט פייגעלע. מיט די און די גאַסן גייט זי יעדן פרימאָרגן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. דאָ עסט זי מיטאָג, דאָרט — נאַכטמאָל. און אין די אָוונטן? — — —"

שלמה ליפּסקי האָט זי נישט אַפּגעלאָזט פון אויג. ער איז איר נאָכגעגאַנגען וואָכן, חדשים, יאָרן, געוואוסט איר יעדן דריי און קער, געשפּילט מיט זיך אַליין שאַך.

און אַז ס׳זיינען פאַרביי צוויי יאָר און פייגעלע איז נישט צוריק־געקומען, האָט זיך אין שלמהס לעבן עפּעס איבערגעאַנדערשט. וויספּיאַנ־סקיס וויטראַזשן האָט ער מיטאַמאָל אויספּאַרקויפט. פייגעלעס ליימענע פיגורן האָט ער געהייסן פאַרפּאַקן אין קאַסטנס און זיי אַראָפּגעשיקט אין קעלער אַריין. געבליבן זיינען פייגעלעס שופלאָדן וועש און די גע־שניצטע קליידערשאַנק, וואָס מען האָט איבערגעשטעלט אין אַ זייטיק צימער.

די פענדעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון פּאַריז קיין וואַרשע, זיינען פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן. דער ציטער אין די ווענט, איבערן טעלע־פאָן אַפּאַראַט — האָט אויפגעהערט. אויס פענדלעך, אויס מאַפּע. נישטאָ מער קיין פייגעלע. זי איז געשטאָרבן פאַר שלמהן, געשטאָרבן פאַרן צען יאָריקן זון אירן, פאַר יאַסעלען.

דאָס איז געווען אין ניינצן פערצן. היינט איז ניינצן צוויי און צוואַנציק.

אין די אַכט יאָר האָבן זיך וועלטן איבערגעקערט. פייגעלעס טאַטע־מאַמע, שלמהס טאַטע־מאַמע — און נישט בלויז זיי — דורות זיינען אַפּגעווישט געוואָרן, נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין זכר. דער היינט האָט נישט געוואוסט פונעם נעכטן, קיין קניפּל, קיין שלייף — גאַרנישט, אַלץ צעריסן.

דאָס וואָס שלמה ליפּסקי איז געבליבן צווישן די רייכע, איז גע־

ווען בלויז א צופאל. עד איז איצט נאך רייכער געווען ווי פאר דער מלחמה.

אין זיין שלאס, אויף קראקאווער פארשטאט, האט קיינער מער פייגעלעס נאמען נישט דערמאנט. נישט שלמה, נישט דער זון יאסעלע, וואס האט צו זעכצן יאר געהאט „היתר־הוראה״, געהייסן דער ווארשע־ווער עילוי.

אין צימער איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען ליפסקי האט אנ־געצונדן די שטיי־לאמפ אויפן שרייבטיש און זיך באקוועם אוועקגעזעצט אין דער פאטערשטול.

פונעם קאנווערט האט זיך געטראגן א ווייטער ריח, א דינער, דער ריח פון צעבליטע פעלדער „קאניטשינע״.

ס׳איז געווען דער ערשטער זומער נאך שלמהס חתונה. דאס צר־גאווע פערד געשפאנט אין א שמאל אויסגעבעט רייטוועגעלע, האט זיך געטראגן צווישן פעלדער קאניטשינע. רויט בליעכץ, ווייס בליעכץ — דער ריח איז אבער געווען דער זעלבער — א שארפער ריח, וואס האט לופטיק געמאכט דעם קאפ און אויסגעהונגערט דעם גוף.

— שלמה — און זי האט אים ארומגענומען רייטנדיק.

— וואס פייגעלע ?

— כ׳האב אזוי ליב דעם ריח...

— פון קאניטשינע ?

—.ווען מען קריגט אזוינע פערפומען...

— פארוואס זאל מען נישט קריגן ?

אין א חודש ארום איז אנגעקומען פון לאנדאן א שאכטל פערפו־מען — „ראיאל שאמראק״ — מיטן ווייטן דינעם ריח פון קאניטשינע.

טאטע־מאמע, ווייב — אלץ פארלוירן. געבליבן איז עפעס, וואס מען קען נישט אנרירן, געבליבן איז א ריח, א ווייטער, דינער ריח, וואס טראגט זיך פונעם געעפנטן בריוו, פון פייגעלעס קליידערשאנק, פון אירע שופלאדן, ווען מען שליסט זיי אויף.

ליפסקי האט אנגעקלונגען. אן עלטערער דינער, מיט צוויי גרויע באקנבערד, האט זיך פארנייגט:

— וואס ווינטשט דער פאן ?

— שיק אריין יאסעלען.

יאָסעלע, אַזוי הויך ווי דער פּאָטער, נאָר דינער, גאָר דין — אַ יונגע, בייגיקע סאָסנע. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן ביים שרייבטיש. דאָס מאָטע, ביינערדיקע פּנים, די אויבערשטע ליפּ, דער פאַרשאַרצטער שטערן — אומעטום שאָטנס און שאָטנדלעך. די שוואַרצע, געהאַקטע קאַפּאָטע, ס׳ווייסע קעלנערל אויפן לענגלעכן האַלדז, די הונגעריקע, שוואַרצע אויגן — אַלץ ווי ביי אַ יונגן נזיר. ער האָט זיך שטיל געפרעגט:

—.וואָס, טאַטע?

— נאַ, דאָ האָסטו אַ בריוו פון דער מאַמע. איך האָב אים געעפנט. זי וויל זיך זען מיט דיר. זי איז שוין איבער אַ וואָך אין האָטעל פּאָלסקי.

— פון דער מאַמע?

ביידע האָבן זיך אַ וויי אָנגעקוקט. טרויער אין די אויגן, טרויער אַרום די מויל־ווינקלען. דער פּאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אָנגענומען דעם זון פאַר די אַקסלען, אים געקוקט אין די אויגן און געשוויגן. און אַז דער פּאָטער האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, האָט דער זון אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, טאַטע?

—.איך זאָג גאָרנישט.

— ווילסט נישט כ׳זאָל גיין זען די מאַמע?

— פאַרקערט, גיי, גיי. כ׳האָב בלויז געוואָלט דיך פרעגן אַ שאלה. ביסט דאָך אַ רב. כ׳ווייס... אַן אשת־איש, אַ מאַמע... האָב איך דיך געוואָלט פרעגן צי אַ זון דאַרף גיין זען אַ ז אַ .מאַמע?

— ער דאַרף, טאַטע.

— דאָס פּסקנסטו אַזוי?

—.נישט איך, טאַטע, נישט איך... איבעריקנס — „כל מקום שאתה מוצא רושם רגלי אדם, שם אני לפניך" — וואו נאָר מענטשישע טריט, דאָרט איז גאָט.

— אויב אַזוי, יאָסעלע, גיי — האָט דער פּאָטער צוגעפירט דעם זון צו דער טיר און אים געגעבן דעם בריוו.

די טיר האָט זיך נאָך יאָסעלען צוגעמאַכט. דער פּאָטער איז געבליבן מיטן ווייטן, דינעם ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שפּיץ פינגער, דעם ריח פון „ראָיאַל שאַמראָק".

# „מזרח בלומען"

דער ביבליאָגראַף, דאָקטאָר לאַסקי, איז געזעסן איבער אַ בוך און האָט געמאַכט נאָטיצן. דער טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אויפן שרייבטיש, האָט זיך צעקלונגען. דאָקטאָר לאַסקי האָט ווייטער גע־אַרבעט, ווי מען וואָלט נישט געקלונגען צו אים. און אַז ס'גלעקל האָט נישט אָפגעלאָזט, איז באַפאַלן דעם שרייבטיש מיט אַ בייזער און רוגזה, ווי אַ צערייצט הינטל, האָט דאָקטאָר לאַסקי, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פונעם בוך, אַ נעם געטאָן ס'טרייבל צום אויער, ווי מען נעמט אַן אָנ־שיקעניש:

— האַלאָ!

— וואָס מאַכט איר, פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי?

—.ווער וועט ביי אייך זיין?

— פּראָפעסאָר שפּער?

— וואָס איז ער? אַ טעאָלאָג?

— גוט, גוט, פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי, כ'וועל קומען.

דאָקטאָר לאַסקי האָט אויפגעהאַנגען ס'טעלעפאָן־טרייבל, אַ שאָר געטאָן פון זיך ס'בוך און זיך גענומען רייבן די אויגן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. נישט קיין הויכער. ברייט אין די פּלייצעס. דער גרויסער קאָפּ, די געדיכטע ברוינלעכע האָר, דער טרויער אין די ברוינע אויגן — דאָס אַלץ איז געווען מער ווי שיין, ס'איז גע־ווען וואָגיק.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — ס'איז געווען זעקס — און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אויף דער גאַס איז געווען שטיל. קעגנ־איבער אויפן טראָטואַר, וואו ס'איז געשטאַנען ס'קאַטוילישע קלויסטער מיט די גאָטישע שפּיצן, האָבן זיך געדרייט טויבן מיט אַ טירקלערײ.

דאָקטאָר לאַסקין, וואָס האָט געקוקט ערגעץ אין אַ פינטל, האָט עפּעס געקווילט. ער האָט אַריינגעלאָזט זיינע צען פינגער אין דעם גע־דיכטן קאָפּ האָר, ווי ער וואָלט זיך געקליבן דאָרט אַ בלעטער טאָן די אָנגעפּיקעוועטע דורות. קעמערלעך האָבן זיך געעפנט, קעמערלעך האָבן זיך פאַרמאַכט — נישט דאָס, נישט דאָס. אַלץ אין אים האָט זיך אָנ־געשטרענגט, האָט זיך אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן, ווי ס'וואָלט נישט גע־גאַנגען אין דערמאָנען זיך אַ נאָמען, אַ דאַטע, נאָר אין אַרויסשלעפּן אַ וואָגן משא פון אַ בלאָטע.

דער ביבליאָגראַף האָט איין מאָל אַ שאָר געטאָן מיט די פינף פינגער איבער דער שויב. נאָך אַמאָל אַ שאָר געטאָן. אַ קעמערל איז אויפגעשפּרונגען. ס'אָנגעשטרענגטע, מידע פּנים האָט אויפגעלויכטן. ס'מויל האָט זיך גענומען וואַסערן, ווי פון אַ לאַבונג. די ליפּן האָבן שטיל אַרויסגערעדט:

— שפּער.

שטיקלעך ריחות, לאַנג פאַרגעסענע, זיינען אויפגעגאַנגען אין אים, האָבן וואָך געמאַכט די נאָזפליגל, ס'געהער, דעם זכרון.

לאַסקי איז נאָך דעמאָלט קיין דאָקטאָר נישט געווען. אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן, זעכצן. און כאָטש ער האָט געאַרבעט אין דעם טייַ־סקלאַד „נעקטאַר", וואָס אויף לעשנאָ גאַס, האָט ער שוין אין וואַרשע געשמט פאַר אַן עילוי. אין דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע האָט מען זיך געגרויסט מיט אים. ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אינעם קאַטאַלאָג. אַ בוך, אַ ביכל, אַ בראָשורע — מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע און לויטן גערוך דערטאַפּט און אַרויסגענומען, וואָס ער האָט געדאַרפט. אין טיי־געשעפט האָט ער אַרויס־געהאָלפן דעם הויפּט־בוכהאַלטער, אַרויסגעהאָלפן בריוו שרייבן. ס'בחורל האָט שוין דעמאָלט געקענט אַכט שפּראַכן. געצאָלט האָט מען אים זעכצן רובל אַ חודש. די טייַ־פירמע „נעקטאַר" האָט געהאַט צוויי באַלעבאַטים — דעם גערער רבי און דעם אַסימילאַטאָר סימיאַן, וואָס האָט זיך אויף דער עלטער געשמדט. דער דירעקטאָר פון דער פירמע — שפּער — אַ גע־ווּיקסיקער פאַרשוין מיט בלויע אויגן, מיט שפּאַרע וואָנסן, פאַרדרייט ווי פּייקעס. לויטן רעדן, לויטן הילוך האָט ער אויסגעזען ווי גוט־באַזיצער,

א שלאכטשיץ. און אז דער דירעקטאָר האָט זיך אַמאָל מיטן בחורל צע־רעדט, האָט לאַסקי אים געפרעגט:

— דער פאַן דירעקטאָר שטאַמט פון די זאַמאָשטשער שפּערס?

— יאָ.

— יאָקוב שפּער?

—.דאָס איז געווען מיין זיידע.

— ווייס דער דירעקטאָר, אַז אברהם בוכנער האָט אָנגעשריבן אַ ביכל וועגן אייער זיידן? ס'הייסט — ''Kwiaty Wschodnie„ („מזרח בלומען"). איך האָב עס, כ'האָב אויך דעם נעקראָלאָג, וואָס איז געווען געדרוקט אין „קוריער וואַרשאַווסקי". דאָס איז געווען אין 1835. ס'ביכל איז א יקר־המציאות.

דעם דירעקטאָרס בלויע אויגן האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דער געוויקסיקער שפּער האָט אַרומגענומען ס'דאַרע בחורל:

— קינד מיינס, האָסט מיר נאָרוואָס אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. און ווי כ'זוך אַרום דאָס ביכל. וויפל דו ווילסט נאָר אַליין פאַרן ביכל וועסטו קריגן.

—.כ'וועל עס נישט פאַרקויפן.

מיט גוטן, מיט בייזן, דער דירעקטאָר האָט נישט געקענט פועלן לאַסקי זאָל אים פאַרקויפן ס'ביכל.

שפּעט אין אָוונט, לאַסקי האָט זיך שוין געקליבן גיין שלאָפן, ערשט מען קלאַפּט אין טיר. די מוטער האָט געעפנט און זיך איבערגעשראָקן. וואָס דאַרף אַ שררה אַזוי שפּעט אין דער נאַכט פון איר זון? דאָס איז געווען דער דירעקטאָר שפּער. ער איז געקומען אָנקוקן ס'ביכל. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געמישט די בלעטער. און שפּער איז שוין געווען אין די הויכע פּופּציקער. ער האָט זיך געבעטן ביים בחורל ער זאָל פאַרקויפן ס'ביכל און ס'בחורל, אַן איינגעזעקשנטער, אַ בלאַסער, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — ניין, ניין, ניין!

נאָך האַלבער נאַכט האָט דער דירעקטאָר אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גאָלדענעם צען רובל שטיק און אים אָוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט אויך צוגעזאָגט לאַסקין אַ העכערונג אין די שכירות. ס'בחורל, אַן מראה אין פנים, האָט פאַרקוועטשט די ליפּן, גאַרנישט געענטפערט און געקוקט, ווי די מוטער, אַן אָפּגעאַרבעטע, שטייט הינטערן דירעקטאָר

און בעט זיך מיט די הענט, מיט די אויגן, מיט איר גאנץ לייב און לעבן — נעם, נעם, נעם!

אז דער דירעקטאר האט א גליקלעכער אריינגעלייגט ס׳ביכל אין דער בוזעם־קעשענע און איז ארויס פון שטוב, האט ס׳בחורל זיך צעוויינט.

דאס איז געווען אין ניינצן הונדערט און צען.

דערנאך איז לאסקי אוועק קיין קראקע, אוועק זיך אנצוזאפן מיט עכט פוילן, מיט א באפרייט פוילן. און אז ער האט געהאט געענדיקט קראקער אוניווערזיטעט, האט אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה. פון קאנ־צענטראציע־לאגער איז ער אריבער אין פילסודסקיס לעגיאנען. דערנאך — א באפרייט פוילן. און אז דאס באפרייטע פוילן האט געמאכט דעם פאגראם אין פינסק און אז לאסקיס אוניווערזיטעט־חבר, מאיאר לעש־טשינסקי, האט אנגעפירט מיטן פאגראם, האט לאסקי פארלאזט פוילן און און איז אוועק קיין ניו־יארק. אויבן־אויף האט ער מער קיין גוט ווארט נישט געהאט פאר פוילן. אין הארצן אבער האט ער ליב געהאט פוילן. זיין שול־חבר, פראפעסאר מאלינאווסקי, האט עס געוואוסט. און אז ס׳איז אריבערגעקומען א פוילישער געלערנטער, א פוילישער שטאטסמאן, האט מאלינאווסקי שטענדיק פארבעטן לאסקין, כאטש לאסקי האט קיין גוט־ווארט נישט געהאט פאר דער פוילישער וויסנשאפט, פאר די פוילישע שטאטסלייט. און אז היטלער האט איינגענומען פוילן און די פוילישע אינטעליגענץ איז זיך צעלאפן, איז נישט דורך קיין וואך ס׳זאל נישט זיין קיין „געסט".

אז לאסקי איז אריין צו פראפעסאר מאלינאווסקין, איז דער גרוי־סער זאל שוין געווען געפאקט. טייל זיינען געשטאנען, טייל געזעסן. מען האט גערעדט פויליש, ענגליש, פראנצויזיש. דר. לאסקי, ווי א היימישער מענטש, האט זיך געהאלטן אין איין באגריסן, אין איין קושן די דאמען די הענט, אין איין דריקן מיט דער האנט. און פון יעדן דרוק איז צוגע־קומען נייעס. ער האט זיך דערוואוסט, אז שפער האט אנגעפירט מיט א גלחים־סעמינאר אין קראקע, אז ער פירט מיט זיך א רעקאמענדאציע־בריוו פון פויפסט אליין, אז ער איז דער גרעסטער בקי אין דער געשיכטע פון די אפאסטאלן. און ווי די ידיעות וועגן שפערן האבן געהאלטן אין איין וואקסן, האט פראפעסאר מאלינאווסקי צוגעפירט דר. לאסקין צום גאסט:

— באַקענט אייך!

דאָקטאָר לאַסקי איז געווען אַנטוישט. קיין אַנבליק נישט צום די־רעקטאָר פון דער טיי־פירמע „נעקטאַר״. יענער האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַליאַק, ווי אַן אמתער אַריער. און דער? אַ נידערק, דאַר מענטשל. אַלץ איז ביי אים געווען דאַר, אַפילו דער קאָפּ, אַפילו די נאָז. בלויז די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט, שטאַרק געפינקלט, אַז ס׳איז שווער געווען צו זאָגן צי זיי זיינען שוואַרץ, צי בלוי, צי גרין. און אַז ער האָט זיך צע־רעדט, איז דאָס דערווידערדיקע פאַרשוואונדן, ווי ס׳קול וואָלט נישט געקומען פון אים, נאָר פון ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט. אַ וואַרעם, ליכטיק קול, וואָס האָסט זיך געמוזט צוהערן דערצו.

דאָקטאָר לאַסקי האָט אים געפרעגט:

— דער שפּער פון וואַרשע, דער דירעקטאָר פון דער טיי־פירמע „נעקטאַר״, קערט אייך עפּעס אָן?

— מיין פאָטער. ער לעבט שוין נישט. איר האָט אים געקענט!

ביידע האָבן זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל. ביידע האָבן לאַנג גערעדט. און אַז דאָקטאָר לאַסקי האָט אים דערציילט וועגן עלטער־זיידע, וועגן ביכל „מזרח־בלומען״, וועגן דעם, ווי דער אַלטער שפּער איז צו אים געקומען ביינאַכט נאָכן ביכל, האָבן ביים יונגן שפּער גענומען צי־טערן הענט און פיס און אַז דאָקטאָר לאַסקי האָט פאַרענדיקט:

—. היינט האָב איך מער מאַטעריאַל וועגן אייער עלטער־זיידע, כ׳האָב אַרכיוו־מאַטעריאַלן, כ׳האָב ס׳ביכל, כ׳האָב דעם נעקראָלאָג — האָט דער יונגער שפּער, דער פרומער קאַטאָליק, אַרומגעכאַפּט דאָקטאָר לאַסקין. ס׳קול האָט ביי אים געציטערט:

— פאַניע דאָקטאַרושע, איר האָט מיר נאָר־וואָס אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה. מיין עקזעמפּלאַר איז געבליבן ביים שונא. וויפל איר וועט נאָר אַליין וועלן, וועל איך אייך געבן פאַרן ביכל.

— נאָר קומט נישט צו מיר ביינאַכט, ווי דער טאַטע אייערער — האָט דאָקטאָר לאַסקי זיך צעלאַכט.

— און פאַרוואָס טאָקע נישט קומען ביינאַכט, ווי דער טאַטע מיינער? — האָט דעם פּראָפעסאָרס קול געקלונגען ווי נישט פון דער וועלט.

—. איר זענט אַזוי נ י ש ט ענלעך אויף אייער פאָטער און

דאך אזוי ענלעך. דער פאטער איז געשטארבן א ייד?
— א ייד.
— און איר?
ער האט נישט געענטפערט. נישט באמערקטערהייט האבן זיך ביידע ארויסגעשארט אויף דער גאס. זיי זיינען דורכגעגאנגען די צוויי קווארטאלן, פון מאלינאווסקיס הויז ביז לאסקיס און האבן געשוויגן. זיי האבן אויך געשוויגן, ווען זיי האבן זיך געהויבן איבער די טרעפן. און אז לאסקי האט אים געגעבן די „מזרח בלומען", איז דער יונגער שפעטער געבליבן א ווייל אן אטעם. דערנאך האט ער מיט ציטערדיקע הענט גענומען בלעטערן ס'ביכל און זיך צערעדט:
—. פאניע דאקטארזשע...
און אז דער יונגער שפער איז אוועק מיטן ביכל, איז דאקטאר לאסקי נאך אלץ געשטאנען אין אפענעם פענצטער און זיך געוואלט קלאר מאכן פארוואס די שפערס — דער פאטער א ייד, דער זון א קאטאליק — יאגן זיך אזוי נאכן עלטער־זיידן פון 1835?
ס'איז שוין געווען א שטיק נאך האלבער נאכט.

# אויגן

ביים רייכן וואַלד־סוחר און קאָצקער חסיד ר׳ יוסל מאַרמאַנד האָט מען אויף פּסח טאַפּעצירט די צימערן, אויסגעמאָלט די ווייסע סופיטן מיט קרענצלעך. פון וואַרשע זיינען אָנגעקומען מאַסיווע שטיקער מעבל, אַ הענג־לאָמפּ מיט געשליפענע פּריזמע־גלעזלעך, קאַשיקלעך ווייז.

ביי ר׳ יוסלען, ביים קאָצקער הייסן חסיד, איז געווען אַ גרויסע שמחה. ער האָט פאַרבעטן אויף פּסח זיין מרימלס חתן. מרימל איז געווען אַ בת־יחידה, און דער חתן, יאַנקעלע, איז געווען דער שרענסקער עילוי, וואָס פוילן האָט מיט אים געשמט. און אַז ר׳ יוסל איז צוגעפאָרן קיין קאָצק, דער רבי זאָל געבן זיין הסכמה צום שידוך, האָט ר׳ מענדעלע אַזוי געזאָגט:

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, מען רעדט מיר אויך דעם שידוך. כ׳האָב אָבער מורא, אַז ביי מיר וועט ער קאַליע ווערן, ער וועט מך־הסתם עוסק זיין אין חסידות, וועט רעדן מיט דעם חסיד, וועט רעדן מיט יענעם חסיד, און וואָס וועט פון אים ווערן, אַ רבי פון חסידים ? און דאָס וועט זיין דער תכלית ?

—.טאָ ווי נאָך קאָן איך, רבי, נעמען אויף זיך די אחריות און די השגחה אַכטונג צו טאָן אויפן שרענסקער עילוי ? — האָט ר׳ יוסל גע־זאָגט מיט אַ ציטער.

— ביי דיר, יוסל, אַז מען וועט אויף אים אַכטונג טאָן, ר׳וועט זיין אָפּגעזונדערט פון מענטשן, וועט ער לערנען, — האָט דער רבי זיך אַ ווייל פאַרטראַכט און הויך אַ זאָג געטאָן : זייַ איך דאָך אויך סגור ומסוגר ! און וואָס איז פון מיר געוואָרן, אַז כ׳בין שוין אַ רבי ? טו דעם

שידוך, יוסל! און ס'איז גוט, וואס דו נעמסט אין שטוב אריין אזא כלי, ווי דער שרענסקער עילוי איז.

צום סדר זיינען געקומען קאצקער לומדים, געקומען הערן ס'פשטל, וואס דער שרענסקער עילוי וועט זאגן.

דער פופצן־יאריקער חתן האט זיך געהאלטן אין איין צופן די סאמעטענע מאנקעטן, וואס אויף דער זיידענער קאפאטע, געהאלטן אין איין קרייזלען די צוויי־דריי האר, וואס זיינען געוועזן צעווארפן איבער די דורכזיכטיקע באקן. ער האט געקנייטשט דעם שטערן, גערוקט דעם סאמעטענעם קאפל הין און קריק.

די פערצן־יאריקע כלה, אנגעטאן אין א לאנג זיידן קלייד, זי זאל אויסזען עלטער, איז געזעסן לעבן דער מוטער. זי איז געווען געוויקסיק און צנועהדיק שיין.

די באבע, אין ווייסן, איז ארונטערגעקומען מיט דראבנע, גיכע טריטלעך. איר אטלעסן פארטעך איז פול געווען מיט זילבערנע בעכערס. די באבע האט געציילט: „נישט איין בעכער, נישט צוויי, נישט דריי", און לויט די בעכערס געוואוסט וויפל מענטשן עס זיצן ביים טיש.

דער טיש האט זיך געטוקט אין ליכט. די פלעמלעך האבן זיך געשפיגלט אין דעם פינקלדיקן זילבער, אין די ווייסע קיטלען, אין דעם רויטן וויין, אין די יום־טובדיקע פנימער.

די כלה איז געווען גליקלעך. זי האט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער הגדה און געבעטן גאט ס'פשטל זאל דעם חתן געראטן. דער פאטער, די וואלד־שרייבער, די שטענדיקע אורחים — מיט זיי איז מרימל געווען זיכער. זי האט זיך געשראקן פאר ר' הערש טאמאשאווער, וואס איז שוין ביי זיי געווען די דריטע וואך. ר' הערש איז געשטאנען אין שידוכים מיט צוויי טעכטער, איז ער געקומען צו ר' יוסלען נאך צוויי נדנס. און ר' יוסל האט נישט בלויז צוגעזאגט די נדנס, נאר האט אים באהאנדלט מלכותדיק, אויסגעפאלגט וואס ר' הערש טאמאשאווער האט אים געזאגט.

ערב פסח אין דער פרי האט מרימל געגעבן ר' הערשן פרישע, אויסגעמאנגלטע אונטערוועש. ביים איבערבייס — איין שנאפס נאכן אנדערן. און אז ר' הערש איז געווארן אויפגעלייגט, האט שפאר פארצויגן דעם ציבוק, האט ער א פרעג געטאן די כלה:

— נו, מרימל, דער חתן געפעלט דיר?

מרימל האט זיך גערויטלט. זי האט אויסגעשיט אויפן דיל אלע בעכערס, לייכטערס, טאצן. דאס איז געווען איר מצוה. דאס האט זי גע־טאן יעדן ערב־פסח. זי איז געזעסן צווישן דעם בארג זילבער און גע־שייערט.

די פרייד אין שטוב איז געווען א טאפלטע. די פרייד האט ארויס־געקוואלן פון דער שפע, פון די ברכות, וואס ארעמעלייט האבן איבער־געלאזט אין די צעעפנטע טירן, איבערגעלאזט ברכות און מיטגענומען מצות, אייער, ווייז, מיטגענומען פיש, פלייש.

די מוטער האט זיך געהאלטן אין איין פרעגן עצות ביי דער כלה, ווי זי וואלט איבערנאכט עלטער געווארן. און אז די מאנסבילן זיינען אוועק אין שטיבל, זיינען אלע — די באבע, די מאמע, די כלה און אפילו די דינסטן, אלע האבן זיך ארייננגעשטעלט אין די פענצטער, נאכגעקוקט דעם חתן און געקוואלן.

די מוטער האט ארומגעכאפט די כלה, זי גענומען קושן:

— זאלסט דיר אויסבעטן, טאכטערשי, א גוט מזל.

— אמן, הלוואי, — האט די באבע אונטערגעכאפט. — די שטאט זאגט, אז דער חתן איז אן אבן־טוב, אזא כלי־נפלא איז ווייט צו זוכן.

— מאמעשי, — האט מרימל זיך געטוליעט צו דער מוטער, גיב א רייד מיט ר׳ הערש טאמאשאווער...

— אז וואס?

— ער זאל אזוי פיל קשיות נישט פרעגן.

— מיינסטביים פשטל? נארעלע, — האט די מוטער א צי גע־טאן צו די זיך די טאכטער, — ווי קומט ר׳ הערש צו דיין חתן? דער טאטעשי זאגט, אז ס׳איז נישטא זיינס גלייכן אין גאנץ קרוין־פוילן.

אז דער חתן האט זיך אויפגעשטעלט קידוש מאכן, האט מרימלען פארפעלט אטעם. זי האט פון דער זייט געקוקט, ווי ער פארמאכט די אויגן, ווי ער צעוויגט זיך. ס׳איז געווען שטיל. באלד איז ס׳יונגע קול געווארן העכער און העכער און אז ער האט געענדיקט, איז מרימל שטאלץ געווען מיטן חתנס קידוש.

נאך די פיר קשיות האט דער חתן א רוק געטאן פון אונטער זיך די שטול און האט זיך אויפגעשטעלט.

די חסידים האָבן פאַרשאַרט די קאַפּלען, זיך מכין געווען נישט דורכצולאָזן קיין איין וואָרט פונעם פּשטל.

ס׳איז געווען פיינלעך שטיל. בלויז די פלעמלעך האָבן געטוקט, זיך געשפּיגלט אינעם זילבער, אינעם ווייַן.

ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָט זיך אַ ציִ געטאָן איבערן הסב־בעט און פאַרקוועטשט ס׳לינקע אויג.

דער חתן האָט זיך צעשאָקלט:

„...אמר אביי... כולהו סבירא להו חמץ בפסח אסור בהנאה...״

די ווערטער האָבן זיך געקייקלט, גיך, גיכער, אָנגערופן איין מסכתא נאָך דער אַנדערער, און די מסכתות, אַזוינע וואָגיקע, האָבן זיך געלייגט אַ באַרג איבער אַ באַרג.

דער עילוי, וואָס האָט גערעדט שנעל, וואָס האָט נאָך שנעלער געדרוקט זיין קאָפּל הין און קריק, איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן ביי אַלעמען אין די אויגן. ס׳ווייבער פאָלק, וואָס האָט גאַרנישט פאַרשטאַנען, האָט זיך דערפילט קליין און נישטיק. די ווייבער האָבן זיך געטוליעט אין די ווייסע, זיידענע שאַלטיכער. בלויז די כלה האָט זיך גערויטלט, און פון די צעפלאַמטע באַקן האָבן די שוואַרצע, צנועהדיקע אויגן אַרויסגעפינקלט.

די שווערע, אַנגעכמורעטע פּנימער, די חסידישע מוח־מענטשן האָבן אָנגעהויבן אויפצולויכטן. דאָס האָט דעם עילוי צוגעגעבן קוראַזש. די ווערטער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן און פון גרויס אימפּעט האָט דער חתן גענומען גיין צום מחותן.

דער מחותן, וואָס האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלוירן דעם פאָדעם, נישט געקאָנט נאָכפאָלגן ס׳פּשטל, האָט זיך אַ ציִ געטאָן איבערן הסב־בעט. ער האָט זיך צעפּינטלט. די שיינע, שוואַרצע באָרד האָט איצט אויסגעזען נאַריש. ר׳ יוסל מאַרמאַנד, דער גרויסער חסיד, דער גרויסער גביר, האָט זיך ווי פאַרלוירן פאַרן פּופּצן־יאָריקן עילוי.

ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָט נאָך שטאַרקער פאַרקוועטשט ס׳ליב־

קע אויג, ס'רעכטע האָט געטשאַטעוועט, ווי ס'וואָלט מורא געהאַט אָפּצר לאָזן דעם חתן. און מיטאַמאָל האָט ר' הערש אָפּגעשטעלט דעם עילוי, אים געפרעגט אַ קשיא.

די פּלאַמיקע ווערטער האָבן זיך גענומען לעשן. די הונדערטער אַנגעצויגענע פעדעם זיינען נישט געוואָרן, אַ רגע, צוויי, דריי. דער עילוי האָט געשאַרט דאָס קאָפּל הין און קריק, געזוכט עפּעס אינעם ליידיקן חלל. פאַר די אויגן האָט זיך ר' הערש טאַמאַשאָווערס קשיא אָוועקגע־שטעלט, ווי אַ באַרג — וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? און איבערן באַרג — תירוצים אין די צענדליקער, אין די הונדערטער, תירוצים, ווי צווייַשאַרפיקע שווערדן. דער עילוי האָט קונציק אונטערגעשטעלט די הענט, געכאַפּט איין שאַרף נאָך דער אַנדערער. און די תירוצים? די תירוצים האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן, זיינען נישט געוואָרן.

ר' הערש טאַמאַשאָווער האָט געעפנט ס'לינקע אויג, געשמייכלט. און דער שמייכל האָט געהאַט צו זאָגן:

— נו, שרענסקער עילוי? מען האָט זיך געריסן איבער דיר, האַ? דער רבי האָט מורא געהאַט, אַז אַזאַ כלי־נפלא זאָל חס־ושלום נישט קאַ־ליע ווערן. וואו איז דער „ז אַ ס אַ ד". (פונדאַמענט) דיינער?

פונקען האָבן זיך געטראָגן פאַר די אויגן.

דער שרענסקער עילוי האָט געזען ווי דער מחותן זעצט אים אויף חול־המועד אויף אַ וואָגן, שיקט אים אַהיים, לאָזט אים זיך נישט געזע־גענען מיט מרימלען. און דער טאַטע, דער שרענסקער רב? אַזאַ בזיון!

און ווי דער עולם האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויפן חתן, האָט די כלה אַ הייב געטאָן אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, זיך געבעטן.

דער צער איז געוואָרן לייכטער.

דער מוח, וואָס האָט געהאַלטןביים פּלאַצן, האָט זיך אַ ריס געט־טאָן. ס'זיינען אַנגעפלויגן צאָפּלדיקע ווערטער. דער עילוי האָט אויפגע־כאַפּט איין פאָדעם נאָכן אַנדערן. ער האָט געקוקט אין מרימלס אויגן, ווי די יידן האָבן געקוקט אויף משהס אויפגעהויבענע הענט, און האָט נישט בלויז פאַרענטפערט ר' הערש טאַמאַשאָווערס קשיא, נאָר ער האָט אים געפרעגט אַ האַרבערע.

ר' הערש טאַמאַשאָווער האָט אַנגעקוואָלן. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צום גביר:

— הערסט יוסל, ווען אַ גוי קומט זיך מגייר זיין, דאַרף מען אים מודיע זיין די לייכטע און שווערע מצוות, וואָס ער דאַרף מקבל זיין אויף זיך. דאָ, יוסל, איז אויך אַזוי. האָסט אַריינגענומען אין דיין הויז דעם שרענסקער עילוי, מוז מען דיר קודם־כל מודיע זיין צו וואָס אַזאַ נשמה איז געקומען אויף דער וועלט, כדי דו זאָלסט וויסן ווי נאָך אויף אים אַכטונג צו טאָן. און אַצינד, קאָצקער חסידים, לאָמיר זאָגן די הגדה:

„...וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח..."

# ר׳ פינחס

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָך מיטאָג, ווען ר׳ פינחס דיין איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען. ער איז שטענדיק געבליבן דער לעצטער אין בית־המדרש. ר׳ פינחס, אַ גרויסער למדן, איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער תם. ער האָט מיט אַן אמת נישט געוואוסט פון קיין צורת־מטבע און דאָס טאַקע האָט אים געשטערט צו ווערן רב.

איבער פערציק יאָר איז ר׳ פינחס געווען מלאָווער דיין. ער איז אָנגעקומען קיין מלאָווע אַ צוואַנציק־יאָריקער עילוי און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביז אין די זעכציקער. פאַר דער צייט איז איין רב נפטר געוואָרן, אַ צווייטער האָט געקראָגן אַ גרעסער רבנות און דער הייַנטיקער רב, זאָגט מען, קומט נישט צום דיין אין לערנען. און ווען נישט געוואָלט ר׳ פינחס די אַלע יאָרן זיך אַפילו נישט אַרויסגערירט פון שטאָט.

איין מאָל אַ יאָר איז ר׳ פינחס געפאָרן צום רבין קיין גער. צו דער נסיעה האָט ער זיך געגרייט, ווי צו אַ רייזע איבערן ים. ס׳וויַיב, די פרומע פערל, האָט חדשים פאַר דער נסיעה, גענומען שטריקן פאָרן מאַן ווייסע, וואָלענע זאָקן, אים אויסגעשטריקט אַ שאַליק אויפן האַלדז. ר׳ פינחס האָט מיטגענומען חלות, קיכלעך, וואָס ס׳וויַיב האָט אים געבאַקן, האָט מיטגענומען קעלבערנע פלייש, וואָס ס׳וויַיב האָט אויסגעזאָדן.

חדשים האָט מען זיך געגרייט צו דער נסיעה, וואָס האָט ביי אים געדויערט, שוין מיטן זיין אין גער, אַ קנאַפּע וואָך. אַזאַ רייזע האָט דעם דיין אָפּגעפרישט. נייע מענטשן, נייע פּנימער, אַ נייע וועלט. אין גער טאַקע, האָט ר׳ פינחס זיך יעדעס יאָר דערוואוסט, אַז ישמעאל מיט אדומען זיינען נישט שוה בשוה. און דאָס איז פאַרן דיין געווען אַ סך, גאָר אַ סך. און אַז ער פלעגט קריקקומען אַהיים האָט ער שטענדיק גע־האַט טענות צום רב:

— מלאָווער רב, איר לייענט דאָך יאָ די „הצפירהס״, פאַרוואָס האָט איר מיר גאָרנישט געזאָגט, אַז ישמעאל מיט אדומען זיינען נישט שוה בשוה ?

אָפּגעפרעגט, האָט ער זיך ווידער פאַרטיפט אין לערנען, אין דאָ־ וועגען, זיך אויסגעטאָן פון דער וועלט, פאַרבראַכט טעג און נעכט אין בית־המדרש און איז געווען צופרידן, וואָס ער בלייבט איינער אַליין ביים דאַווענען, וואָס קיינער שטערט אים נישט, וואָס ער האָט זיין איי־ גענעם דרך.

ר׳ פינחס האָט געהאַלטן אין צונויפלייגן דעם טלית, שוין גע־ האַלט אָנטאָן דעם אַרבל פון דער ריפּסענער קאַפּאָטע, ווי ער האָט דער־ זען ביי איינעם פון די טישן אַ יונגנמאַן.

דער יונגערמאַן — שוואַרצע אויגן, שוואַרצע קרייזלעך אַרום דעם לענגלעכן פנים — איז געזעסן איבער אַ גמרא און האָט זיך געמוטשעט.

ר׳ פינחס האָט אָנגעטאָן דעם אַרבל און איז צוגעגאַנגען צום טיש. אַן אומבאַקאַנט פנים, דערצו אַן אויסטערליש. ער האָט געפרעגט:

— נישט קיין היגער ?

— ניין.

— שלום־עליכם.

— עליכם־שלום.

צוויי ווייכע וואַרעמע הענט האָבן זיך קוים אָנגערירט. ר׳ פינחס האָט געפרעגט דעם פרעמדן:

— פון וואַנען ?

— פון וואַרשע.

— צוליב מסחר ?

אינעם פאַרחושכדיקן פנים האָט זיך איין אויג פאַרמאַכט און ס׳צווייטע האָט זיך ברייטער געעפנט. ער האָט עפּעס יאָ געזאָגט, האָט עפּעס נישט געזאָגט. ס׳איז אָבער שווער געווען זיך אָנצושטויסן, וואָס ער טוט אין מלאָווע. דערנאָך האָט ער אַ רוק געטאָן פון זיך די גמרא און זיך ווי פאַרענטפערט:

— כ׳האָב פאַרשפּעטיקט די באַן, כ׳וועל דאָ דאַרפן נעכטיקן. וואו טוט זיך אַ ייד אַהין אין אַ פרעמדער שטאָט ? מען גייט אין בית־ המדרש אַריין.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ביידע האָבן זיך צעשמועסט אין לערנען. אַ גמרא אַהער, אַ גמרא אַהין. וואָס ר׳ פּינחס זאָל נישט זאָגן, ווענדט אים דער יונגערמאַן אָפּ. און מיט אַזאַ בקיאות, מיט אַזאַ חריפות, אַז דער דיין איז נשתומם געוואָרן. ער האָט מיט גרויס תמימות אַ פרעג געטאָן דעם פרעמדן:

— וואָס האַלט איר מיך אין איין אָפּוועגדן?

— ס׳איז ביי מיר אַזאַ טבע — האָבן זיך די אויגן ביים יונגגע־מאַן צעבליצט — אַ געוואוינהייט פון קליינערהייט אָן. מיין טאַטע, זכרונו לברכה, אַ בן־בית אין קאָצק, איז נאָך ר׳ מענדעלעס פּטירה גע־פאָרן צו ר׳ דודלען. דער טאַטע האָט געהאַט אַ שווער האַרץ אויף גער, האָט ער מיך צו צען יאָר צוגעבונדן צו אַ פוס פון טיש און מיך געהייסן אָפּוועגדן די שווערסטע ערטער, וואָס געפינען זיך אין „חידושי־הרי״ם״. פון דעמאָלט אָן האַלט איך אַלץ אין איין אָפּוועגדן.

דער דיין איז געווען גליקלעך, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַזאַ אורח. ער האָט שוין דעם יונגנמאַן נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך אַהיים. מען האָט צוזאַמען אָפּגעגעסן מיטאָג. נאָכן עסן איז מען אַריין אין אַ חדר מיוחד און מען האָט ווידער גענומען שמועסן אין לערנען.

דער דיין איז געשטאַנען ביי איין שטענדער, דער יונגערמאַן — ביי אַ צווייטן. אַזוי האָט מען געשמועסט, אַזוי האָט מען זיך געפּלפּולט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין.

פון פּלפּול איז דער יונגערמאַן אַריבער צו תנ״ך. דאָ האָט דער פרעמדער גאָר אַרויסגעוויזן געוואַלדיקע חידושים. ווייל וואָס אמת, איז ר׳ פּינחס, דער מלאָוועדער דיין, נישט געווען קיין גרויסער בן־בית אין תנ״ך, אין דקדוק — אוודאי און אוודאי נישט. און דער אורח האָט נישט גערעדט. ער האָט געבליצט, ער האָט מסביר געווען דעם שווערסטן פּסוק. און אַלץ אַזוי לייכט און מיט אַזאַ מתיקות. וואָס ער האָט געדאַרפט — אַ שטיקל אבן־עזרא, אַ רד״ק, סעדיה גאונס אַ טייטש — אַלץ האָט ער געהאַט אויף די שפּיץ פינגער. און ר׳ פּינחסעס חידוש איז געווען אין לשער. ווייל וואו אַ פּסוק — צי ס׳איז געווען: „כי ילד יולד לנו״ — אומעטום האָט דער פרעמדער געפונען אַ רמז אויפן נוצרי, אויף יעזוסן. און די פּסוקים האָט ער געבראַכט פון דער תורה, פון נביאים, פון כתובים.

און ווען דער אַלטער דיין איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, גע־שטאַנען אַ פאַרחושטער און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, האָט דער פרעמדער אַרויסגענומען אַ ספרל פון דער בוזעם־קעשענע. ס'איז געווען „ספר קרנים" אויף קבלה מיט ר' שמשון אָסטראָפּאָליערס אַ פּירוש. ער האָט אויפגעמישט דאָס ספרל, געוויזן דעם דיין, אַז אַלץ אין דער וועלט, יעדע זאַך האָט אין זיך קדושה, אפילו דער נייער טעסטאַמענט.

ר' פינחס האָט געקוקט אינעם ספרל, געקוקט אויפן פרעמדן און איז געבליבן אָן לשון. ער האָט אויסגעבעט דעם אורח אויף אַ שלאָף־באַנק און אליין האָט ער גענומען שפּרייזן איבערן חדר. דער שמועס האָט אים זיך נישט געלאָזט לייגן שלאָפן. וואו אַ טראָט, וואו אַ קער — פּסוקים, וואָס דערציילן וועגן יעזוסן.

דער דיין האָט געפילט, אַז ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק. די אַלע פּסוקים פון דער תורה, פון די נביאים זיינען אים מיטאָמאָל פרעמד גע־וואָרן. דער אורח איז אים געוואָרן פאַרדעכטיקט. וואָס טוט זיך דאָ ? זינ־דיקט נישט אַמאָל דער מלאָווער דיין ? וואָס שטייט ער און ישובט זיך, ווען אַרום און אַרום ברענט אַ העליש פייער ? וואָס ראַטעוועט ער נישט די הייליקע פּסוקים ?

ר' פינחס האָט אַ נעם געטאָן דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קאָפּ און מיט אַ קוש אויף דער מזוזה איז ער אַרויס פון שטוב.

ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ס'אייגענע האַרץ קלאַפּן. מיטן בית־המדרש געסל איז דער דיין אַריין אין דער פלאַצקער גאַס. פון דער פלאַצקער אין מאַרק אַריין, וואו אויף אַ קלאָץ האָט גע־ברענט אַ בליך־לאָמפּ. ר' פינחס האָט נישט באַמערקט, ווי דער פרעמ־דער איז אים פאַרבייגעגאַנגען. דער יונגערמאַן איז געווען אויפגערוימט, וואָס ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינצוואַרפן אַ שטיין אין דער סאַמער קדושה. ער האָט צעחושט דעם אַלטן תם. דאָס האָט מען אים, דעם פּאָס־טוך, אַראָפּגעשיקט קיין מלאָווע נאָך שעפּעלעך. האָט ער פאַרפירט דעם דיין אַליין. וואָס וועט זיך דער מלאָווער דיין טראַכטן, ווען ער וועט קריקקומען און נישט דערווישן דעם אורח ?

און דער דיין ?

דער דיין האָט איינמאָל אָנגעקלאַפּט, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, ס'האָט זיך געהערט דעם רבס פאַרשלאָפן קול :

— ווער איז? ווער קלאַפּט?

— איך, פּינחס.

— יאַ, איך.

— עפּעס אין מיטן דער נאַכט? — האָט דער רב געעפנט די טיר, אַריינגעפירט דעם דיין אין בית־דין שטוב און האָט אָנגעצונדן אַ שטיי־לאָמפּ. — וואָס איז? וואָס איז געשען?

אויפן נאַכט־העמד האָט דער רב אַרויפגעוואָרפן זיין שוואַרצע זיי־דענע קאַפּאָטע. אויפן קאָפּ — אַ סאַמעטענעם קאַפּל. דער רב, אַ הויכער, האָט זיך איינגעבויגן צום דיין און ס׳איבערגעשראָקענע פּנים האָט גע־האָט צו זאָגן:

— ס׳איז עפּעס געשען? וואָס איז געשען?

— אַזוי און אַזוי, מלאָווער רב, אַזוי און אַזוי — האָט דער דיין זיך צעפּינטלט — וואָס טוט מען מיט די פּסוקים? פּסוקים פון דער תורה, פון נביאים, פון כתובים? און דער עיקר, אָט דער פּסוק אין ישעיה: „העלמה הרה ויולדת בן". וואָס זאָגט איר דערויף, מלאָווער רב?

די שרעק און דער שלאָף זיינען אָפּגערונען פונעם רבס פּנים. ער האָט אַ רוק געטאָן דעם קאַפּל צום קאַרק צו און דער טיפער שטערן, די שוואַרצע אויגן, די שוואַרצע באָרד — אַלץ האָט ביי אים אויפגעלויכטן. דער רב האָט אָנגענומען דעם דיין פריער פאַר די הענט, דערנאָך פאַר די לאַצן פון דער ריפּסענער קאַפּאָטע, דערנאָך פאַר אַ שפּיץ באָרד און זיך צערעדט:

— וואָס גייען אייך אַזוי אום לעבן, ר׳ פּינחס, די פּסוקים? און ווען דער נביא אליין, ווען ישעיה וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און אייך געזאָגט, אז „העלמה הרה" מיינט מען ישון, וואָלט איר אים געגלייבט?

— ניין!

— טאָ וואָס אַרן אייך די פּסוקים?

ר׳ פּינחס, דער גרויסער למדן, דער גרויסער תם, האָט געקוקט אַ ווייל דעם רב אין מויל אריין. און אַז ער האָט באַגריפן, וואָס דער רב האָט געזאָגט, האָט ער אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט די מזוזה, גע־שטעלט דעם שטעקן אויף אַפריער, געקלאַפּט איבער די שטיגן, איבער די געברוקירטע שטיינער און איז געגאַנגען אַהיים.

# „ברידער, יידן״

אין א רעגנדיקער נאכט איז אַ פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט זיך געשאַרט מיט נאָוואָסעלישטשער וואַלד, געבליבן מיטאַמאָל שטיין. איינער האָט אַ פרעג געטאָן ביים אַנדערן:

— וואָס איז?

— ווּעמען האָבן זיי דאָרט?

— אַ פאַשיסט?

— ניין.

— ס'איז אונדזעריקע.

פון וואַלד איז אָנגעקומען אַ משפחה. אַ פויער, זיין ווייב און צוויי דערוואַקסענע יינגלעך. אַלע באָרוועס און מיט פּעק אויף די פּלייצעס. דער אָנפירער פון די פאַרטיזאַנער האָט זיי געפרעגט:

— וואוהין שלעפּט איר זיך ביינאַכט אין אַזאַ הינטיש וועטער?

— דאָס קערן מיר זיך אום צוריק אַהיים — האָט דער פויער גע־רעדט פאַר דער גאַנצער משפחה. — אונדזערע האָבן דאָרט פאַריאָגט דעם שונא, דעם שלאַנג. גייען מיר זען צי ער האָט נאָך איבערגעלאָזט אַ שטיקל דאַך איבער אונזערע קעפּ.

— וואו וואוינט איר? ווייט פון דאַנען?

— נישט ווייט, בירגער. אַ וויאָרסט פינף פון דאַנען, אין דערפל אוסטאַשי.

— און ווי הייסטו, בירגער?

— איך? — האָט דער פויער אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאַק פון די פּלייצעס און איז געוואָרן העכער — איך בין יעפים איוואַניטש בלאָכין. און דאָס איז מיין ווייב, און דאָס — מיינע צוויי זין. און איר, בירגער, פרעגט מיך אויס, ווי איך וואָלט געווען אַ שונא, נישט קיין סאָוועטי־

שער בירגער. פרעגט מיך ליבערשט, וועמען מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג!

— פּאַשיסטן?

— יאָ, פּאַשיסטן — האָט דער פויער גענומען ריידן שטילער. — אַ וויאָרסט צוויי פון דאַנען, אין דער אָלשינע, וואו ס'איז זומפּיק, שטייען פיר טאַנקען. די דייטשן האָבן אונדז באַזוכט, אויסגעפרעגט, געזוכט אין די פעק גראַנאַטן, געסטראַשעט צו דערשיסן. דערנאָך האָבן זיי אונדז אָפּגעלאָזט.

— וויפל זיינען זיי געווען? אַ סך?

— אַ צוואַנציק זעלנער.

דער פויער איז געוואָרן אויפגערוימטער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַז איר ווילט, בירגער, וועל איך אַהיימישקן די משפחה און אַליין וועל איך גיין מיט אייך. איך וועל אייך אַהין פירן מיט אַ קירצערן וועג.

— גוט, יעפּים, גוט — האָט דער פּאַרטיזאַנען־אָנפירער גוט ברודעריש אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פויערס אַקסל — אַזוי דאַרף האַנדלען אַ סאָוועטישער בירגער!

די פּאַרטיע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מאַן פופציק, האָט זיך פּאַרקירעוועט אין וואַלד אריין. די פּאַרטיע איז געווען באַוואָפנט מיט ביקסן, מיט רעוואָלווערן, מיט האַנט־גראַנאַטן. אַנדערע האָבן געטראָגן אויף די אַקסלען מאַשין־ביקסן.

מען איז געגאַנגען און געשוויגן. עס האָט נישט געאַרט וואָס עס רעגנט. פּאַרקערט, עס איז געווען אַ צופרידנקייט, וואָס דער רעגן שמייסט די ביימער מיטן קלימפּער פון גלאָז, פּאַרווישט יעדן טראָט, יעדן שאָרך. מען שפּרייזט צו צוויי, צו דריי, מען דאַרף נישט קריכן אויף אַלע פיר. פון מאָל צו מאָל הערט זיך אַ קאָמאַנדע:

— האַלט!

מען איז געשטאַנען צוויי מינוט, פינף מינוט. די אייגענע ביינער האָבן געשוועדט, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אין אָפּווייקן פונעם גוף. מען האָט זיך אָבער נישט באַקלאָגט, מען איז געגאַנגען ווייטער. אַזוי איז מען אָפּגעגאַנגען אַ האַלבע שעה.

— האַלט!

די פּאַרטיע איז געבליבן שטיין ביי דער אַלשינע. די ערד אונטער די פיס איז דאָ געוואָרן בלאָטיקער, זומפּיקער. דער פויער, וואָס האָט געוויזן דעם וועג, האָט זיך דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר. נאָך אים די גאַנצע פּאַרטיע.

עס איז אָנגעלאָפן אַ נאַסער, בייסיקער ווינט, וואָס האָט מיטגע־בראַכט פּלאַכטעס רעגן. אין די פּאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך געצונדן פיי־ערלעך. קיין זאַך האָט מער נישט געשראָקן. מען האָט געוואָרט אויפן באַפעל זיך צו רוקן אויף אַלע פיר, צו באַפאַלן דעם שונא פון דריי זייטן, אים אַרויסיאָגן פון דער אַלשינע. און אַז דער שונא וועט זיך פאַרנעמען מיטן נאָוואָסעלישטשער וואַלד, וועלן די צוויי חברים, אַבראַם און פּיעט־ראָוו, אים באַגעגענען מיט די מאַשין־ביקסן.

און אַז די פּאַרטיע האָט זיך צעוואָרפן איבערן וואַלד, זיך גענומען רוקן אויף אַלע פיר, זיינען אַבראַם און פּיעטראָוו שוין געזעסן מיט די מאַשין־ביקסן אויף צעצווייגטע דעמבעס.

פון דער אַלשינע, פון וואַנען דער שונא האָט געדאַרפט אָנקומען, האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקט וואָיען. אַלץ אַרום האָט אויפגעציטערט — די נאַכט, דער וואַלד, דער רעגן. איבערגעשראָקענע וואָראָנעס האָבן זיך צעקראַקעט. פון היימלעכקייט וועגן האָבן דיביידע פּאַרטיזאַנער זיך איבערגערופן:

— אַבראַם!

— פּיעטראָוו!

— וועלף וואָיען — האָט פּיעטראָוו זיך איבערגעצלמט.

— אַז עס וואַלגערן זיך טויטע, זיינען דאָ וועלף — האָט אַבראַם ווי צו זיך געזאָגט.

עס איז געוואָרן שטיל. און אַז מען האָט זיך אַ ווייל איינגעהערט, איז די שטילקייט פול געוואָרן מיט פאַרשטיקטע קולות, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיטן קלאַפּן פון רעגן. די פונקען, וואָס האָבן זיך גע־צונדן אין די אויגן, האָבן זיך גענומען לעשן און די ראיה האָט זיך איינ־געוויינט צום חושך, דערזען הימל, דערזען ערד, געזען די ביימער־שטאַ־מען, וואָס האָבן זיך געדרויטלט פון רעגן.

ערשט איצט איז אויפגעגאַנגען אין אַבראַמען אַ זיכערקייט, אַז ער וועט אין דער פינצטער דערקענען דעם שונא. ער וועט אים דערקענען

אינעם הילוך, אינעם פאנצער־היטל. די שרעק, אז ער וועט דעם שונא נישט דערקענען, וועקט זיך אין אים פאר יעדן איבערפאל. דערנאך קומט די זיכערקייט. און אז די זיכערקייט קומט, פארוואנדלט זיך די מאשין־ביקס אין א ניי־מאשין. אבראם איז א שניידער. און אז ער גיט זיך א בייג איבער דער ניי־מאשין, צעפליט זי זיך, פאטשט אוועק, ווי א צער־גאווע פערד, שטעפט, שטעפט און און אויפהער. דאס זעלבע מיט דער מאשין־ביקס. עס איז גענוג געווען, אז אבראם, זאל זיך אוועקשטעלן אויף א באנק, צי אויף א בוים, עס איז גענוג געווען ער זאל דערזען דעם שונא, און פון דער מאשין־ביקס זאל ווערן א ניי־מאשין, וואס שיסט נישט קיין מענטשן, נאר שטעפט, שטעפט־אויס מענטשעלעך אויף בלויע און שווארצע פלאכטעס.

און דווקא איצט, ווען עס האט געדעגנט, ווען עס איז אזוי פינצ־טער געווען, ווען עס איז שווער געווען צו זאגן וואו איז מענטש און וואו איז קוסט, דווקא איצט איז אין אים אויפגעגאנגען אזא זיכערקייט. ער האט מער נישט געשפירט ווי טראפנס רעגן פאלן אין קארק אריין, צינדן די חוט־השדרה.

אבראם האט געגלעט די מאשין־ביקס, וואס איז געשטאנען ביי אים צווישן די פיס, זי געגלעט ווי מען גלעט אן אייגן קינד, צי א גע־טרייע שטוב־חיה. מיטן גלעטן איז ער געווארן אלץ מער אויפגעהייטערט. דאס האט נאך אנגעהאלטן פון בייטאג אן.

בייטאג האט ער געהאט געלייענט אין דער „רויטער ארמיי" אן אויפרוף פון סאוועטישע יידן צו די ב ר י ד ע ר י י ד ן פון גאר דער וועלט. ער האט געלייענט, ווי דער שונא, דער דייטש, מארדעוועט יידן, ווי איןווארשע, אין אבראמס ווארשע, וואו זיין פאטער איז געבוירן געווארן, האט מען אלע יידן פארשפארט אין א געטא, וואו זיי גייען אויס פון הונגער. מען שיסט יידן אין ווארשע, אין בערלין, אין פאריז.

נאכן איבערלייענען דעם אויפרוף האט אבראמען די נכפה גע־פרעסן. אין די שווארצע אויגן, ארום די מויל־ווינקלען — רציחה. אין דער רציחה איז אויך געווען טענות צו זיך אליין. דערנאך האט ער זיך גענומען באשולדיקן. דערנאך האט ער זיך געחידושט, וואס דער אויפרוף גיט אים גאר צו כוח, מאכט אים שטארקער. וואו א מדינה, וואו א שטאט, האט ער צוגעקראגן ברידער. מעשיות, וואס דער פאטער האט אים דער־

ציילט, האבן אויפגעוואכט אין אים. ער האט זיך דערמאנט אן יידן, וואס זיינען אומגעקומען מיט „שמע ישראל" אויף די ליפן. ער האט אליין נישט געוואוסט פון וואנען די צוויי ווערטער האבן זיך גענומען צו אים, פארוואס די צוויי ווערטער זיינען אים מיטאמאל געווארן אזוי נאענט ?

דער וואלד האט אויפגעציטערט. האנט־גראנאטן האבן געריסן די נאכט מיט א געוויין :

— או־הא־או־הא !

ביידע פארטיזאנער האבן זיך א בייג געטאן איבער די מאשין־ביקסן :

— אבראם !

— פיטראוו !

עס האט זיך געהערט אן אויפרייס. דער וואלד איז ליכטיק געווארן אויף מיילן. באלד א צווייטער אויפרייס. דייטשישע זעלנער אין די פאנצער־היטלען, די קורצע ביקסן אנגעשטעלט צום שיסן, האבן זיך געטראגן פון דער אלשינע. זיי האבן זיך געטראגן אין א צוואר־פענער „שרענגע", ווי זיי וואלטן נישט געווען קיין צוואנציק, נאר דריי מאל צוואנציק.

אבראם האט זיך א הייב געטאן איבער דער מאשין־ביקס. זיכערקייט אין די פיס, זיכערקייט אין די הענט. ער האט געדרייט דאס קוילךראד רעכטס, לינקס, אויפגעכאפט דא א שונא, דארט א שונא, זיך איינגעהערט ווי די מאשין שטעפט — זום־זום־זום. און מיטאמאל — א דריטער אויפרייס. דער וואלד, דער רעגן — אלץ האט געברענט.

אבראם איז געווארן איינס מיט דער מאשין־ביקס. ער האט שוין געהאט פארזעצט א צווייט קוילן־ראד, עס געדרייט רעכטס, געדרייט לינקס, און האט מען נישט געהאט דאס געפיל, אז ער שיסט מענטשן, דאס בייגט ער זיך איבער דער ניי־מאשין, שטעפט, שטעפט — זום, זום, זום — שטעפט אויס אויף ברענענדיקע פלאכטעס מענטשן, חיות, פייגל און ביימער...

1942

# פאַרטיזאַנער

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. קיין לבנה, קיין שטערן. דער עראָפּלאַן, וואָס איז געווען זעקס און צוואַנציק טויזנט פוס איבער דער ערד, איז געפלויגן „בלינד".

אַזוי אַ שעה, אַזוי צוויי.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען ביידע פאַרטיזאַנער, קאַליע און אַבראַשע, האָבן דערפילט מיט די חושים, אַז זייער עראָפּלאַן דערנעענטערט זיך צום וואַלד.

דאָס מאָל וועלן זיי נישט בלויז אַראָפּוואַרפן קאָנסערוון און אַמוניציע און קריק פליען, נאָר זיי וועלן זיך אַראָפּלאָזן מיטן עראָפּלאַן און אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט. דער בלויזער געדאַנק, אַז מען וועט אָפּטאָן אַ „שטיקל אַרבעט" האָטביידן צוגעגעבן פרייד.

קאַליע און אַבראַשע — ביידע אין די צוואַנציקער, ביידע קיעווער, פונעם פאָדאָל, וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ, גרענעצט זיך מיטן דניעפּער. ווען יידן האָבן בציר צאַר אין קיעוו נישט געטאָרט וואוינען, איז פאָדאָל געווען די יידישע געטאָ. פאַר קאַליען און אַבראַשען איז דער פאָדאָל געווען אַ טייל פון קיעוו. און מיט קיעוו האָבן זיך די יונגעלייט איבערגענומען. גאַסן ברייטע, געפלאַסטערטע, ליגן ווייבלעך צעלייגט, ציען זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. פאַר די הייזער ביימער, גערטענדלעך. איצט, אָנהייב מאַי, איז די גאַנצע שטאָט איינגעדעקט אין גרינס.

אַזוי האָט קיעוו אויסגעזען אָנהייב מאַי ניינצן הונדערט איין און פערציק. און האַ־יאָר, ניינצן הונדערט צוויי און פערציק? קרעשטשאַטיק ליגט אין חורבות, פאָדאָל איז אָפּגעברענט. אויף די צעבליטע ביימער הענגען יידן, הענגען אוקראַינער. דאָס נעמט דער שונא, דער דייטש, נקמה פון יעדן ייד, פון יעדן אוקראַינער, אויב ער איז חושד, אַז דער

ווייטסטער קרוב איז א פארטיזאן. און דער דייטש האט נקמה גענומען פאר אבראשקעס „חטאים”, אויפגעהאנגען אבראשקעס זיבעציק־יאריקן פאטער, אים אויפגעהאנגען אויף א קאשטאן בוים, לעבן אלטן בית־עולם. שוין די דריטע וואך ווי דער זקן הענגט. און דער דייטש פארזיכערט, אז דער זקן וועט אזוי לאנג הענגען, ביז הינט וועלן אים אויפפרעסן.

אז אבראשע האט זיך דערוואוסט פונעם פאטערס טויט, האט א הייסע קנויל אים א שפאר געטאן אין האלדז אריין, געטריבן ס'בלוט אין די שלייפן:

— פארוואס שרייט ער נישט מען זאל הערן אין אלע הימלען?

און בשעת אבראשע האט געפירט אין וואלד אריין פאר די חברים־פארטיזאנער קאנסערוון און אמוניציע, האט ער מיטאמאל אפגעלאזט איין האנט פונעם האלבן רעדל און א זאג געטאן צום חבר מיט א פרעמד, אפגעשפאלטן קול:

— קאליע?!

— וואס, אבראשע?

— כ'וויל מקבר זיין דעם טאטן.

ביידע האבן געוואוסט, אז מען שטעלט אין קאן דעם עראפלאן, ס'אייגענע לעבן, אז מען שטעלט־איין אין קאן ס'לעבן פון די פארטיזאנער.

ביידע האבן געשוויגן, זיך געטוליעט אין די שמוישענע פעלצן און געשוויגן.

און אז זיי זיינען שוין געווען איבערן וואלד האבן ביידע געזוכט אין דער פינצטערניש א פייערל, געזוכט א פלעמל — א צייכן, אז מען קאן זיך אראפלאזן. ס'איז גארנישט געווען צו זען. קאליע האט געוויזן מיט א פינגער אויפן ציפערבלאט און געהייסן האט עס:

אראפלאזן זיך צו פופצן טויזנט פוס.

דער עראפלאן איז א פאל געטאן צווישן געדיכטע וואלקנס און האט זיך גענומען טראגן איבערן וואלד. ערשט איצט האבן זיי זיך געכאפט, אז ס'רעגנט. ס'פינצטערניש איז געשטאנען, ווי א וואנט. דער עראפלאן האט זיך געדרייט איבערן וואלד פינף מינוט, צען מינוט, פופצן מינוט. קאליע און אבראשע האבן מיט די אויגן געעגבערט ס'פינצטערניש, געזוכט אינעם חושך א פלעמל. ס'איז גארנישט געווען צו זען. אב־

ראשע האָט זיך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט. דער ווייזער אויפן ציפערבלאַט האָט געשלונגען טויזנטער, און אַז ער האָט דערגרייכט פינף טויזנט פוס, האָט פון וואַלד אַ פלעמל זיך אַ צונד געטאָן, באַלד אַ צווייטס.

אַבראַשע און קאַליע האָבן אָפּגעאָטעמט.

— דער ווינט בלאָזט, דאַכט זיך, צו מערב־צו ? — האָט אַבראַשע זיך געפרעגט, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און האָט אַ דריי געטאָן דעם עראָפּלאַן קעגן ווינט, צו מזרח־צו.

ער האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר.

פון דער פּלוצימדיקער שטילקייט זיינען די אויערן געוואָרן טויב. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייל. באַלד האָט זיך געהערט ווי דער רעגן לויפט איבערן עראָפּלאַן, קלאַפּט מיט קינדערשע טריטלעך. און דער עראָפּלאַן, ווי אַ ריזיקער פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל, האָט זיך גע־גליטשט צווישן רעגן און פינצטערניש. פון אימפּעט אַ לויף געטאָן אי־בער וואַלד־אויסהאַק און איז געבליבן שטיין אָן אָטעם.

טירלעך האָבן זיך געעפנט. חברשע הענט האָבן זיך געדריקט. און אַז פּאַרטיזאַנער האָבן גענומען אויסלאָדענען דעם עראָפּלאַן, האָט אַב־ראַשע אַ נעם געטאָן אָן אַ זייט דאַווידן, וואָס האָט געוואוינט אויפן פּאָ־דאָל אַ טיר איבער אַ טיר מיט אַבראַשען.

— דער טאַטע הענגט נאָך ?

— ער הענגט נאָך.

— איך וויל אים אַראָפּנעמען.

— איך וועל גיין מיט דיר.

און אַז ביידע האָבן זיך איבערגעטאָן, געהאַט מיט זיך דערלויבע־נישן אויף דייטש, אַז זיי גייען אויף באַכט־אַרבעט, האָט אַבראַשע אַרומ־גענומען קאַליען :

— אויב איך וועל ביז פיר אַזייגער נישט זיין קריק, זעץ זיך אַריין אינעם עראָפּלאַן און פלי־אַוועק.

זיי האָבן זיך צעקושט.

דאָס קלאַפּן פון דעם רעגן אין די ביימער, אין די צווייגן, האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אַרומיקע קולות. ס'איז שווער געווען אויפצוכאַפּן וואָס עס טוט זיך אַרום. און אין די אויערן איז געשטאַנען ס'רויש פון וואַסער, וואָס פאַלט פון אַ רינע. פון מאָל צו מאָל האָט אַ קראַ זיך צע־

קראָקעט. זיי זיינען געגאַנגען מיטן וואַלד איבער אַ שעה, געגאַנגען און כמעט געשוויגן. דערנאָך זיינען זיי אַרויס אויף אַ זייטיקן וועג, אויסגעזעצט פון ביידע זייטן מיט קאַשטאַנביימער.

די נאַכט איז נישט אַנטקעגן געריטן אויף קיין פערד, אַפילו נישט אויף קיין פויערישע וועגעלעך. די נאַכט, אַ צעלעכצטע, אַ צעווייינטע, איז פול געווען מיטן קאַפּען פון רעגן.

— נאָך ווייט ? — האָט אַבראַשע געפרעגט.

— ניין, — האָט דאַוויד געענטפערט. — אָט איז ס׳בית־עולם.

ס׳האָבן זיך געהערט טריט. עמיצער האָט אַ געשריי געטאָן :

— האַלט ! — און צוגעגעבן אויף רוסיש : — שטיי !

אַ דייטשישער זעלנער, מיט אַן אַנגעשטעלטער ביקס צום שיסן, האָט זיך אָפּגעגעשטעלט אַ צוואַנציק טריט פון זיי.

— וואוהין גייט איר ?

— אויף נאַכט־אַרבעט.

— וואו איז אייער „פּראָפּוסק" ?

— אָט איז ער — האָט דאַוויד אים אַרויסגענומען פון דער אויבערשטער רעקל־קעשענע.

— שטעך־אָן דעם „פּראָפּוסק" אויפן שפּיץ פון מיין באַגנעט.

און ווי דאַוויד איז צוגעגאַנגען צום זעלנער און מיט דער רעכטער האַנט אַרויפגעשטאָכן ס׳פּאַפּירל אויפן באַגנעט, האָט ער מיט דער לינקער האַנט אַ זעץ געטאָן איבער דער ביקס. ס׳איז געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז דער דייטש האָט פאַרלוירן ס׳גלייכגעוויכט. אין דער זעלבער רגע האָט אַבראַשע זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דייטש. און ווי ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן האָט ער זיך געישובט צי ער זאָל דעם דייטש דערשיסן, צי דערשטיקן. פון פרייד און גבורה האָט ער געוואָלט בילן ווי אַ הונט, וואַיען ווי אַ וואָלף. דאָס אַלץ האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ סעקונדע. ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווען ער האָט געהאַט אַרויסגעכאַפּט ס׳יעגער־מעסער פון דער כאַליעווע און עס אַריינגעשטעקט זיך צווישן די ציין. אַזוי איז ער געלעגן אויפן דייטש, אים געקוקט אין די קאַלטע, שטאַלענע אויגן. דערנאָך האָט ער אַ צי געטאָן מיטן מעסער, איבערגעשניטן ביים דייטש דעם האַלדז פון רעכטן אויער ביז דעם לינקן און שטיל אַ זאָג געטאָן :

— דאס האב איך, דער ייד אַבראַשע, נקמה גענומען פאַר מיין טאַטן.

אַבראַשע און דאַוויד האָבן געשפּרייזט מיטן טויטן דייטש איבער קיעווער בית־עולם. זיי האָבן געשפּרייזט איבער די צעוויקטע קברים.

דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער, געפאַלן איבער די מצבות מיט אַ פּאַטשעריי.

פון פינצטערן בית־עולם האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקט געוויין.

האָט אַבראַשע געוויינט ?

האָט דער געהאַנגענער זיך געראַנגלט מיטן שונא ?

אַבראַשע האָט אַראָפּגענומען דעם טאַטן פון בוים און אויף אים אויפגעהאַנגען דעם דייטש.

געבויגענע האָבן ביידע, אַבראַשע און דאַוויד, געטראָגן דעם מת אין וואַלד אַריין.

אַ שטיק פאַר פיר איז אַבראַשע, אַן אַנגעפּעלצטער, שוין געזעסן אין דעם עראָפּלאַן הינטערן האַלבן ראָד. לעבן אים קאַליע.

די מאָטאָרן האָבן געסאָפּעט. דער ווייזער אויפן ציפערבלאַט האָט זיך געהויבן: פינף טויזנט, צען טויזנט, פופצן טויזנט. קאַליע, אַ צעשטראַלטער, האָט געהויבן מיט דער האַנט. געהייסן האָט עס:

— אַבראַשע, האַרציקער אַבראַשע, העכער, הייב זיך העכער.

ס׳פּנים ביי אַבראַשען האָט אויפגעלויכטן.

די נאַכט איז אַנטקעגן געריטן אין אַן עראָפּלאַן פינף און צוואַנציק טויזנט פוס איבער דער ערד.

1942

# ווען פוילן איז געפאַלן

אַרום איז געווען שטיל — אַ קאַטעדראַלע שטילקייט.

אוירווינג טריוועס, וואָס איז געבליבן אַליין, האָט געקוקט אויף די טיפע, פאַרשפּיצטע פענצטער, אויף די צווי מירמלשטיינערנע קאָלאָנעס, אויף די אויסגעבעטע ווענט, וואָס האָבן איינגעזאַפּט און נישט דורכגעלאָזט דאָס שטענדיקע גערויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פינפטער עוועניו, פון בראָדוועי. אַ מאַטע שיין, ווי פון וועקסענע ליכט, וואָס האָט בעפלייצט פון די ווענט, פונעם געוועלבטן סופיט, האָט בולטער געמאַכט די שאָטנס אַרום די קאָלאָנעס. און ווען נישט דער שוואַרצער דעמבענער שרייבטיש, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ געבעטהויז, נישט טריוועסעס ביזנעס־אָפּיס.

דריי מאַפּעס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. איינע — די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ צווייטע — אַזיע, אַפריקע, אַ דריטע — אייראָפּע. די גרעסטע מאַפּע — די פון די פאַראייניקטע שטאַטן — האָט אויסגעזען, ווי אַ שלאַכטפעלד. די שטעט, וואו טריוועס האָט געהאַט קונדן, זיינען אויף דער מאַפּע געווען דורכגעשטאָכן נישט מיט קיין שפּילקעס, נאָר מיט פענדלעך. רויטע, בלויע, ווייסע. די פענדלעך זיינען געווען צעוואָרפן איבער אַלע שטאַטן. דאָ — שיטערלעך, דאָרט — געדיכט אָנגעשטאָכן.

טריוועס איז געשטאַנען פאַר דער מאַפּע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אַ פעלדמאַרשאַל. ער האָט געקוקט אויף די פענדלעך — אַן אַרמיי אַ גאַנצע — און אַ צופרידענער זיך איבערגענומען, וואָס די שלאַכט איז שוין לאַנג אַ געוואונענע. דער שונא איז כמעט אינגאַנצן צעשלאָגן. און די עטלעכע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט זייערע

פאַבריקן אין דער פּראָווינץ, געמיינט, זיי וועלן טריוועסן קריק־שלאָגן מיט ביליקערע אַרבעט — גוססן שוין אויך.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז טריוועס היינט־צו־טאָג דער גרעסטער פאַבריקאַנט פון לאָמפּן־שירעמס. די אַלע פענדלעך אויף דער מאַפּע — דאָס זיינען שטעט און שטעטלעך אין די הונדערטער, וואו טריוועס שטעלט צו סחורה, וואו ער האָט קונדן אין די טויזנטער. טריוועס דיקטירט דעם פּרייז, דיקטירט די מאָדע. נישט אומזיסט האָט אים בראָדוועי אַ נאָמען געגעבן — טריוועס, דער קעניג פון לאָמפּן־שירעמס. די פאַבריק זיינע אין בירדזשווידזי, וואו צוויי טויזנט הענט אַרבעטן ביי־טאָג, צוויי טויזנט — ביינאַכט. די פאַבריק דאַרף מען פאַרגרעסערן. ער רעדט נישט דערפון מיט זיינע פאַרוואַלטערס. ער האָט בכלל נישט ליב זיך שואל־עצה צו זיין מיט קיינעם. פאַלט אים עפּעס איין — אַ נייער אויפטו, אַ נייער פאַרנעם — קאָכט ער עס פריער אַליין איבער. ס'נעמט אים טעג, אַ מאָל וואָכן. און אַז ער באַשליסט — דאַרפן די פאַרוואַלטערס עס דורכפירן און פּינקטלעך דורכפירן. דאָס איז טריוועסעס גאַנג. אום דורכצוטראַכטן אַן איינפאַל, צי אַן אויפטו — מוז טריוועס בלייבן אַליין מיט זיך. דערצו האָט ער אָפּגעטיילט אַ דריטל פונעם גאַנצן שטאָק, וואָס ער פאַרנעמט, אים געלאָזט איבערבויען — אַ געמיש פון אַ טעמפּל, פון אַ קאַטעדראַל, וואו יעדער איינפאַל זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געבעט, אין אַ תפילה.

טריוועס איז געשטאַנען ביי דער צווייטער מאַפּע. דער בליק האָט זיך געשאַרט איבער אַזיע, איבער אַפריקע, וואו געציילטע פענדלעך האָבן געשטעקט. אייראָפּע האָט נישט געהאָט קיין איין פענדל. טריוועסן האָט זיך געוואָלט אַריינשטעקן אַ פּוס קיין פראַנקרייך. ס'האָט אים געאַרט, וואָס דער דייטש האָט פאַרפלייצט דעם פראַנצויזישן מאַרק מיט לאָמפּן־שירעמס.

ער האָט געוואוסט, אַז קאָנקורירן מיט דייטשלאַנד איז אַן אומזין. די אַרבעט אין דייטשלאַנד באַטרעפט אַ שיבוש, די סחורה איז יוקס. אַרויסצוטרייבן דעם דייטש דאַרף טריוועס פּטרן אַ הונדערט טויזנט דאָלער, אַ צענטל פון זיין פאַרמעגן. און דערנאָך? און אַז טריוועס וועט דערנאָך נעמען הייבן דעם פּרייז, איז ער דען זיכער צי דער פראַנצויז וועט נישט קריק אָנהייבן קויפן ביים דייטש? אַזאַ איינשטעל איז ריזי־

קאַליש, ס׳איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. טריוועס האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף זיין אַ היץ־קאָפּ און אַ חוש בלויז צו טראַכטן דערפון. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפן. ס׳האָט אים געצויגן, פיינלעך געצויגן, זיך צו פאַרמעסטן מיט דייטשלאַנד. און איינצושטעלן אין קאָן אַריין איז געווען וואָס. ס׳האָט אים איצט נישט געאַרט, אויב ער וועט פאַרלירן אַ צענטל, צי אַ דריטל, צי אַפילו אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן. טריוועס האָט געהאַלטן, אַז פונקט ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט אינטערנאַציאָנאַל, אַזוי איז אויך קאַפּיטאַל נישט אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט אים באַוויזן די וועלט־מלחמה. די ליבעראַלע וועלט דאַרף זיך בלויז אַ נעם טאָן צו דעם נאַצי־דייטשלאַנד, וועט זי אונטערגיין, ווי טריוועסעס קאָנקורענטן זיינען אונטערגעגאַנגען. און אין די אייזערנע עקאָנאָמישע געזעצן האָט טריוועס אויך נישט שטאַרק געגלייבט, נישט געגלייבט אַז איבערפּראָדוקציע רופט שטענדיק אַרויס אַ קריזיס. שוין יאָרן, ווי אין דער אויטאָמאָביל אינדוסטריע הערשט אַן איבערפּראָדוקציע. מען פּראָדוצירט צוויי מאָל אַזויפיל אויטאָמאָבילן וויפל מען דאַרף. יעדער צווייטער אויטאָמאָביל ווערט פּראָדוצירט פאַר לוקסוס. און דער ל ו ק ס ו ס באַשעפטיקט מיליאָנען מענטשן. און אַז מען רעדט וועגן נאַצי־דייטשלאַנד, פאַרוואָס לאָזט מען אַרויס פון חשבון די פאַרביטערטע געמיטער, וואָס קענען לייכט ענדערן עקאָנאָמישע געזעצן? ער, טריוועס, שטייט נישט אַליין. עס זיינען אויך פאַראַן טריוועסעס אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד. זיי טראַכטן, מן הסתם, ווי ער. און אויב אַזוי, איז טריוועס זיכער, אַז נישט בלויז וועט ער אַרויסשטופן דעם דייטש פון די לאָמפּן־שירעמס, נאָר ער וועט אויך באַהערשן די גאַנצע פראַנצויזישע בראַנזשע, ווי ער האָט באַהערשט די אַמעריקאַנער.

דער בלויזער געדאַנק האָט אין אים אַ וועק געטאָן אַזאַ אומרו, אַז דער פּריוואַטער אָפיס איז אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן. ער האָט געעפנט אַ מאַסיווע טיר און זיך געלאָזט שפּרייזן איבערן גאַנצן זיבעצנטן שטאָק, וואָס ער האָט פאַרנומען.

טריוועס האָט זיך געטראָגן צווישן צוויי רייען שרייב־מאַשינקעס, זיך געטראָגן צווישן שטאָלענע אַרכיוו־שענק. ער איז אַריין אין דער „שאָו־רום״, גרויס, ווי אַן אָריענטאַלישער באַזאַר. שטיי־לאָמפּן אין די

צענדליקער האָבן געברענט, האָבן קוים באַלויכטן די לאַמפּנשירעמס, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט, ווי פּיראַמידן, ווי אָפּגעהאַקטע קאָנוסן.

ס'איז געווען שטיל. די אָנגעשטעלטע — אַ גאַנצער שטאַב — זיינען אַוועק פּונקט פינף אַזייגער. געבליבן זיינען — טריוועס מיטן שאָפער. איצט איז געווען זעקס. אין אַ צען מינוט אַרום וועט מען טרי־וועסן טעלעפאָניש פאַרבינדן מיט פּאַריז. ביזשור, וואָס האָט איבער הונ־דערט קראָמען אין פראַנקרייך, וועט מאַכן די ערשטע באַשטעלונג אויף פופציק טויזנט דאָלער. אין דער באַשטעלונג וועט טריוועס דערלייגן צען טויזנט דאָלער.

פון צווישן די פּיראַמידן האָט אַרויסגעקוקט אַ דיקלעכער קאַרייער, ווי אַן אויסגעהאַקטער בודאַ. דאָס איז געווען דער שאָפער. ער האָט גע־בליקט אין דעם האַלט באַלויכטענעם חלל אַריין, אָפּילו נישט נאָכגעקוקט דעם באַלעבאָס, געבליקט און געמאַכט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט איינ־געטענהט מיט זיך.

טריוועס, וואָס איז שוין געהאַט פאַרבייגעגאַנגען דעם שאָפער, האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט. דער קאַרייער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין עפענען און פאַרמאַכן ס'מויל, ווי אַ זשאַבע. טריוועס האָט אים גע־פרעגט:

— וועמען שילטסטו, כען?

— כ'שילט דעם שונא פון מיין לאַנד, כ'שילט יאַפּאַן.

— הער, כען, וויפל וואָלסטו געגעבן מען זאָל אַרויסטרייבן די יאַפּאַנעזער פון קאָרייע?

— מיין גאַנץ פאַרמעגן, באַלעבאָס.

דער קאַרייער האָט זיך אַ שטעל געטאָן. ס'פּנים האָט ביי אים אויפגעלויכטן, און פון זיינע קליינע אויגן זיינען געוואָרן שפּעלטלעך. ער האָט געשלונגען די ענגלישע ווערטער, אַז ס'איז געווען שווער צו כאַפּן וואָס ער זאָגט. ער האָט זיך צערעדט:

— כ'האָב ביי לאַנדסלייט זעקס הונדערט דאָלער, וואָלט איך זיי שוין אַוועקגעגעבן.

טריוועס האָט אים נישט אויסגעהערט, און אַז ער איז שוין גע־ווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק פונעם קאַרייער, האָט ער אַן אויפגעלייגטער צוגעגעבן:

— גוט, כען. גוט כען־סיך־סען. גוט, כען.

איבערן גאנצן זיבעצנטן שטאק האט זיך געטראגן א לאנגער טע־לעפאן־קלונג, אן אן איבעררייס. טריוועס איז אריין צו זיך אין אפיס און האט פארמאכט נאך זיך די טיר. ער האט זיך אריינגעזעצט אין דער געבעטער שטול, אפגעהוסט, ווי ער וואלט זיך געקליבן ארויסצוטרעטן פאר זיינע אנגעשטעלטע מיט א רעדע. דאס האט אנגעהאלטן א וויל. און אז דאס קלינגען פון טעלעפאן האט גענומען טרייסלען די שויבן, האט טריוועס מיט אן אויסערלעכער רואיקייט א הייב געטאן ס׳טרייבל צום אויער:

— האלאו!

די טעלעפאניסטקע האט אויסגעזונגען:

— איר זענט פארבונדן מיט פאריז. ס׳האנדל־הויז ביזשור רעדט.

ס׳איז ווידער שטיל געווארן, א ווייטע שטילקייט, וואס דארף עפעס געבוירן. די שטילקייט האט אנגעהאלטן א רגע, צוויי, דריי. אין די דריי רגעס האבן זיך צוויי מענטשן, וואס האבן זיך קיינמאל נישט געהאט געזען, וואס האבן געגוי נישט געוואוסט אויף וואסערע שפראכן זיי וועלן זיך צונויפרעדן, די צוויי מענטשן האבן זיך מיט אמאל דער־פילט נאענט, ווי קיין שטח פון דריי טויזנט מייל וואלט זיי נישט צע־טיילט.

— האלאו! ווער רעדט? מיסטער טריוועס? — האט זיך גע־הערט א באקאנט קול, ווי ס׳וואלט נישט געקומען פון פאריז, נאר פון א גוטן־ברודער אין ניו־יארק — מיט א צוויי חדשים קריק וואלט איך אייער פארשלאג באטראכט, ווי א משוגעת. איצט אבער, נאכן פאלן פון טשעכא־סלאוואקיע, האלט איך עס נישט בלויז פאר קיין גלייכער זאך, נאר פארן איינציקן גאנג. שיקט גלייך ארויס די באשטעלונג. און אויב מען וועט דארפן וועל איך די סחורה פארקויפן אונטערן קרן. לאז ער וויסן, דער נייער „המן”, דער שונא־ישראל, אז דער ייד איז נאך נישט הפקר!

די דריי מינוט האבן זיך געענדיקט. טריוועס האט נאך אלץ גע־האלטן ס׳טרייבל ביים אויער און געוואלט אויפכאפן א קלאנג, ווי מען וויל אויפכאפן א בליק ווען א נאענטער מענטש פארט אפ מיט א באן. אין אים איז אויפגעגאנגען א פרייד, די פרייד פון שאפן. און אז דער

איינגעלאפענער שטח האט זיך ווידער א וויקל געטאן, זיך א שפרייט געטאן איבער דריי טויזנט מייל, געגומען זשומען אין אויער אריין, האט טריוועס אויפגעהאנגען ס׳טרייבל און איז געבליבן זיצן אויף דער שטול.

ס׳האט אים נישט געארט, וואס ער האט נאר וואס דערלייגט צען טויזנט דאלער. ער האט זיך געפרייט, וואס דער פראנצויזישער ייד האט גערעדט וועגן א „המן״. ער האט זיך געפרייט, וואס ביזשור איז גרייט צו פארלירן געלט, אבי צו שלאגן דעם „שונא־ישראל״.

אז טריוועס האט זיך אויפגעשטעלט איז שוין דער אוונט געווען צוגעפאלן. ער האט ארויסגענומען פון א שאכטל א רויט פענדל און זיך א שטעל געטאן פאר דער מאפע פון אייראפע. ער האט אין דער פינצ־טער אויפגעזוכט פאריז און ארייגעשטעקט אהין ס׳רויטע פענדל.

.2

טריוועס האט געשפרייזט איבערן אפיס. דער ראק צעקנעפלט, די וועסט צעקנעפלט, דער שניפס אן א זייט. די ברוינע אויגן, ווי טונקל ביר, האבן זיך געהאלטן אין איין בייטן. דא האבן זיי זיך געלאשן, דא אזוי געפלאמט, אז ס׳מאטע פנים האט זיך געקארטשעט פון יסורים.

ס׳האט זיך אים נישט געוואלט גלייבן, אז די באלאגערטע ווארשע, אין פלאמען, אין חורבות, האט זיך אונטערגעגעבן.

ער האט אויף א רגע זיך אפגעשטעלט ביים שרייבטיש, וואו גרוי־סע אותיות, נאך פייכט פון דרוק, האבן אראפגעשריגן פון נאכמיטאג־צייטונג — „ווארשע איז געפאלן״.

איז טאקע ווארשע געפאלן ?

טריוועס האט געגומען שנעלער שפרייזן. די אויגן צום דיל, ווי ער וואלט עפעס געזוכט. אזוי פלעגט שפרייזן זיין זיידע, ר׳ בעריש טריוועס, ווען ער איז קריקגעקומען פון א לוויה נאך א קינד און האט געזוכט א פוסבענקל צו זעצן זיך „שבעה״.

אין מיטן שפרייזן האט טריוועס א נעם געטאן פונעם שרייבטיש זיין פריוואט־טעלעפאן, אים געהאלטן א ווייל אין דער האנט, ווי ער וואלט נישט געוואוסט, וואס מיט אים צו טאן. דערנאך האט ער צוגע־לייגט ס׳טרייבל צום אויער. און אז זיין סעקרעטארשע, וואס איז געזעסן אין צווייטן צימער, האט זיך אנגערופן — מילדרעד — האט טריוועס זי געפרעגט :

— ווער איז נאָך אין וואַרט־זאַל ?

— וואָלוואָירט, מעיסי, וואַנאַמעיקער...

— דאָס אַלץ ?

— ס׳וואַרט אויך מיסטער שטראַל.

— ווער ? דוד שטראַל ? טאָ וואָס שווייגסטו ? ער איז ביי מיר אַזוי וויכטיק, ווי אַלע דעפּאַרטאַמענט־סטאָרס צוזאַמענגענומען. די אַלע וואַנאַמעקערס מעגן וואַרטן. איך פלעג זיך ביי זיי געניג אָנוואַרטן. שיק גלייך אַריין שטראַלן און דעם איבעריקן עולם הייס קומען מאָרגן. כ׳וועל היינט מער קיינעם נישט אויפנעמען.

דוד שטראַל און טריוועס זיינען געווען געשוויסטערקינדער. די ערשטע יאָרן אין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך כמעט ווי נישט באַגעגנט. דאָס זיינען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. טריוועס — אַ מיליאָנער, שטראַל — אַ יידישער שרייבער. און אַז מען האָט שטראַלס ראָמאַנען גענומען איבערזעצן אויף פויליש, אויף דייטש, אויף ענגליש — ערשט דעמאָלט האָט טריוועס זיך דערנענטערט צום געשוויסטערקינד. מיט די יאָרן איז די נאָענטקייט איבערגעגאַנגען אין ליבע, אין דרך־ארץ. און יעדעס מאָל, ווען טריוועסן זיינען דערווידער געוואָרן די רייכע „פענט־הייזער”, די רייכע האָטעלן, די הוליאַנקעס מיט די „באָיערס”, דאָס אייגענע צע־טרענצלטע, בחורשע לעבן, אַלץ אין אים האָט געטרויערט, — ס׳האַרץ, דער מוח — דעמאָלט איז ער אַריינגעפאַלן צו שטראַלן, ווי זיין פאָטער, ר׳ ישראל, נאָכן אָפּטאָן אַ חטא, אַריינפאַלן קיין גער, צום רבין. דאָס פאַרברענגען מיט שטראַלן אַן אָוונט, איז ביי טריוועסן געווען אַ פרייד. נאָך אַזאַ שמועס האָט טריוועס דערפילט, אַז ער וואַרצלט נאָך אינעם יידישן לעבן, אַז ער, דער מיליאָנער אורוווינג טריוועס, איז נישט דער איינציקער באַלעבאָס, איבער זיך; אַז די פאַרגאַנגענע דורות פונעם פאָ־טערס צד, פון דער מוטערס צד, האָבן אויך עפּעס צו זאָגן.

טריוועס איז געווען צופרידן, שטאַרק צופרידן, וואָס דווקא איצט, ווען ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, ווען ער איז דערשלאָגן, טרוי־ערט אויף חורבן וואַרשע, אויף חורבן פוילן, דווקא איצט וואַרט אויף אים שטראַל.

אין דער טיר איז געשטאַנען דוד שטראַל — אַ געוויקסיקער, אַ מאָגערער. דאָס לענגלעכע פנים — הויט און ביינער — ווי ביי אַן אַס־

קעט. דאס פאלן פון ווארשע האט שטראלן ארויסגעטריבן פון שטוב. אין ווארשע האט ער געהאט א מאמע, ברידער, שוועסטער. דאס האט ער געוואלט א רעד טאן מיט טריוועסן צי מען קען נישט ארויסראטעווען די נאענטע קיין ארץ־ישראל. ער האט אין מיטן גיין אראפגענומען פון זיך דעם לייכטן, העלן מאנטל, דעם נאך העלערן קאפעליוש מיט די ברייטע ראנדן. דערנאך האט ער זיך באגריסט:

— האלאו, אוירוויגג. מען קען צו דיר גארנישט צוקומען. האסט זיך ארומגערינגלט מיט א גרענעץ־וואך, ווי די פריש אויפגעקומענע מלו־כות אין אייראפע.

— פאר דיר, דוד, ווערן אלע גרענעצן אפגעווישט — האט טרי־וועס געשמייכלט און חבריש געדריקט שטראלס ביידע הענט.

און אז טריוועס איז גרייט געווען א נעם צו טאן פון שטראלן דעם מאנטל מיטן קאפעליוש, האט זיך ארויסגעשארט אן איבערגעוואק־סענער פארשוין, וואס איז געווען טריוועסעס אי אן אנגעשטעלטער, אי א קרוב. דעם פארשוין האט מען פריער אין אפיס נישט געהאט געזען. דער קרוב האט פלינק א כאפ געטאן ביי שטראלן דעם מאנטל מיטן קא־פעליוש און איז פארשוואונדן צווישן די קאלאנעס.

די געשוועסטערקינדער זיינען געשטאנען איבער דער אפענער באכמיטאג־צייטונג. די אויגן האבן זיך גענעפלט, זיינען געווארן איינס מיט די גרויסע שווארצע אותיות — „ווארשע איז געפאלן".

איז טאקע ווארשע געפאלן?

ביידע האבן א בייג געטאן די קעפ, געטרויערט אויפן חורבן. די טענות צו די פאליאקן, הארבע טענות, זיינען איצט צערונען. אין די הערצער — ווייטיק, אין די מוחות — נעפלען, וואס האבן זיך געפלעמלט:

— ווער איז געשטארבן און וואס איז חרוב געווארן?

ס'הויז טריוועס?

ס'הויז שטראל?

ס'הויז בערגסאן?

די צדיקים אלטער, פון גערער הויף?

די יידן פון סמאטשע גאס, פון קראכמאלנע גאס?

די געשוועסטערקינדער האבן קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. בלויז די אויגן זייערע האבן געהאט צו זאגן:

— וואס טוט מען ?

הינטער זיי איז געשטאנען דער זעקספּוסיקער קרוב, ווי ער וואלט אינגאנצן נישט ארויס פון אפּיס, ווי ער וואלט זיך צוגעהערט צום שטר־מען שמועס. ער האט, כלאחר־יד, א זאג געטאן :

— מען קען עפּעס טאן דורכן דייטשישן קאנסול. ס׳איז אבער געזינטער נישט צו רעדן דערפון.

דערנאך האט ער זיך א דריי געטאן צו שטראלן :

— וואס זאגט איר עפּעס, מיסטער שטראל, אויף דעם כבוד, וואס היטלער טיילט אייך צו ?

— מיר ?

— מען קלייבט זיך דאך היינט אוונט ברענען אייערע ראמאנען אין בערלין.

— דאס איז ער זיך בלויז משער — האט טריוועס געשמייכלט.

— ניין — האט דער פארשוין ארויסגענומען פון וועסטל־קעשענע אן אויסשניט פון א צייטונג און עס אונטערגעטראגן שטראלן — נאט. לייענט.

דער פארשוין איז פון דער היים געווען א טריוועס. צי אינעם אפּיס אויף בראדוועי, צי אין דער פאבריק אין ניו־דזשוירזי — מען האט דעם איבערגעוואקסענעם קרוב נישט געדארפט. און געדארפט האט מען אים נישט ווייל ער איז געווען צו הויך אין וואוקס, ווייל ער האט גע־הייסן טריוועס. ווער אין אפּיס וועט זיך באדינען מיט זעקס־פוסיקן טרי־וועס, אים שיקן א גאנג, אים הייסן איינפּאקן א פּעקל ? און דער באלע־באס אליין האט דאס געדארפט האבן א שיק־יינגל מיטן נאמען טריוועס ?

דער קרוב האט זיך אבער אויסגעטויגט, זיך געקענט מאכן ניצלעך. אזוי ווי פון דער מוטערס זייט איז ער געווען פון די ווארשעווער בערג־סאנס, האט ער געביטן טריוועס אויף בערגסאן. ער האט נישט געוואַרט מ׳זאל אים שיקן א גאנג, מ׳זאל אים הייסן איינפּאקן א פּעקל. ער האט בעהאַט א זעקסטן חוש, דערשמעקט שעה׳ן פריער און א מאל טעג פריער, וואס מען דארף טאן אין אפּיס. און אז מען האט זיך געכאפּט, אז מען דארף דאס און דאס טאן, האט זיך בערגסאן ארויסגערוקט און געלאזט וויסן, אז די זאך איז שוין אפּגעטאן געווארן. אזוי האט ער אליין זיך אויסגעארבעט א שטעל. ער איז נישט געווען אויפן צעטל פון די אנגע־

שטעלטע. קיינער האט נישט געוואוסט וויפל שכירות ער קריגט. און אז טריוועס איז נישט געווען אין שטאט, האט דער אפיס זיך קיין ריר נישט געטאן אן בערגסאנען. און בערגסאן האט אלץ געוואוסט — געוואוסט די געשיכטע פון יעדן וואלוואירט געשעפט, פון יעדן דעפארטמענט סטאר אין די שטאטן. ער האט געדענקט זייערע טעלעפאנען אויף אויסנווייניק, געוואוסט די ביאגראפיעס פון אלע געשעפט־הייזער. און אז טריוועס איז געבליבן מיטן קרוב אליין אין אפיס איז צווישן זיי געווען איין שמועס — פארצווייגטע פוילישע משפחות, וואס האבן געהאט א שייכות צו די טריוועסעס, צו די שטראלס, צו די בערגסאנס, צום קאצקער הויף — משפחות וואס האבן געצויגן זייער קרובהשאפט ביזן זעכצענטן יארהונדערט. בערגסאן איז נישט בלויז געווען אויסגעקאכט אין די אלע משפחות, נאר ער האט שטארק ליב געהאט צו רעדן וועגן זיי.

בשעת שטראל און טריוועס האבן געלייענט די רשימה פון שרייבער, וואס זייערע ווערק האט מען זיך געקליבן ברענען, האט בערגסאן קיין אויג נישט אראפגענומען פון שטראלן. דער שטענדיקער טרויער אין שטראלס לענגלעך פנים האט זיך געהאלטן אין בייטן. און אז ס'פנים איז מיטאמאל געווארן אויפגעהייטערט, איז בערגסאן זיכער געווען, אז שטראל איז צוגעקומען צו זיין אייגענעם נאמען. בערגסאן האט געטראכט אז אפילו אין טרויער איז דא פרייד.

— וואס זאל איך דא לייקענען? — האט שטראל א הייב געטאן די אויגן פון דער רשימה — מיט היינען, מיט משה העסן, מיט מארקסן איז מיר שטענדיק היימלעכער געווען, ווי מיט געטען און ביסמארקן. און איך בין גארנישט איבערראשט וואס זיי ברענען ביכער. ס'איז ביי זיי איין בלוט. נישטא קיין איין שטאט אין דייטשלאנד, אין עסטרייך, וואו מען זאל נישט האבן געברענט קיין יידן. זיינען מיר יידן דערפון אונטערגעגאנגען? און וואס וויל היטלער? אויסראטן, אויסברענען ס'יידישקייט? אויב אזוי וועט ער מוזן פארברענען די גאנצע וועלט.

— די גאנצע וועלט וועט ער מן־הסתם נישט פארברענען — האט טריוועס א רוק געטאן צו שטראלן ס'מירמלשטיינערנע קעסטל סיגארעטס, וואס איז געשטאנען אויפן שרייבטיש — אבער אונדז יידן מארדעוועט ער דערווייל אויס. וואס איז געווארן פון די יידן אין דייטשלאנד, אין עסטרייך, אין טשעכאסלאוואקיע? און אז ווארשע איז היינט געפאלן,

וועט מארגן, איבערמארגן גאנץ פוילן פאלן. און וואס וועט זיין מיט אונדזערע פוילישע יידן? מיין משפחה? דיין משפחה? און דו, דוד, גלייבסט טאקע, אז מיר האבן פארניכטעט די וועלט? מארגן ביי דער פראטעסט דעמאנסטראציע קעגן דייטשלאנדס רשעות וועלן מיר ערשט זען וויפל נישט־יידן וועלן אנטייל נעמען אינעם מארש.

דער איבערגעוואקסענער בערגסאן האט אנגעצונדן א שוועבעלע, עס צוגעטראגן פריער טריוועסן, דערנאך שטראלן. ביידע האבן פארריי־כערט. ביידע האבן נאכגעקוקט דעם רויך, וואס האט זיך געצויגן צום אפענעם פענצטער. דער הימל, וואס איז געהאנגען איבער בראדוועי, איז געווען פארוואלקנט. טריוועס האט א זאג געטאן:

— ס׳זאל כאטש מארגן נישט רעגענען.

— און אז ס׳וועט רעגענען — האט שטראל זיך ארויסגעלאזט אין א לעדערנעם פאטעל — דארף אויך יעדער ייד ארויס אין גאס. לויט דער שטימונג וועלן מיר האבן א גאנצן מיליאן אין מארש. א חוץ — צו־קוקערס. און ביי דיר אין פאבריק ארבעט מען מארגן?

— כ׳האב אנגעזאגט, אז א שעה פאר מיטאג זאלן אלע אוועק־לייגן די ארבעט. ביי מיר אין פאבריק זיינען כמעט קיין יידן נישטא. כ׳האב זיך די טעג דערוואוסט, אז ס׳רוב פון מיינע ארבעטער זיינען אי־טאליענער, סיריער און גריכן. און מיין סעקרעטארשע, די בלאנדע מיל־דרעד, איז גאר א דייטשקע.

— מיר האבן דא אין די שטאטן צופיל דייטשן — האט בערגסאן אריינגעווארפן — אויף יעדן ייד דריטהאלבן דייטשן.

— דא ווערן זיי אויס דייטשן — האט טריוועס א דריק געטאן אן עלעקטריש קנעפל.

אין דער טיר איז געשטאנען מיס מילדרעד — א באלייבטע, מיט א לייכטן טראט, מיט א שמייכל אויף דעם ליכטיקן פנים, וואס איז גע־ווען א געמיש פון בלוט און מילך. אין איין האנט האט זי געהאלטן א נאטיץ־העפט, אין דער צווייטער — א בלייפעדער און איינגאנצן איז זי גרייט געווען צו נעמען פונעם באלעבאס א דיקטאט.

— מיס מילדרעד — האט טריוועס זי געפרעגט — וואס זענט איר, א דייטשקע, צי אן אמעריקאנערין?

— איך בין אן אמעריקאנערין, געבוירן אין יארקוויל.

— און דער פאטער אייערער?
— מיין פאטער קומט פון נירענבערג.
— און דייטש קענט איר רעדן?
— אז מען רעדט צו מיר פארשטיי איך, אבער רעדן קען איך נישט.

די סעקרעטארשע האט אין טריוועסעס בליק דערקענט, אז זי קען שוין גיין. דער שמייכל אויף איר פנים איז געווארן נאך ליכטיקער. און אז זי איז ארויס, האט טריוועס ווידער א דריק געטאן אן עלעקטריש קנעפל.

ס'איז ארייגעקומען פיליפ — א געוויקסיקער יונג מיט שווארצע וואנסעלעך, וואס האט געהאט צו זאגן איבער דער „שאר־רום". טריוועס האט צו אים גערעדט יידיש:

— הער, פיליפ, דו האלסט זיך פאר א ייד, צי פאר אן אמעריקאנער?

— איך? — האט פיליפ ברייט צעעפנט זיינע שווארצע אויגן — איך בין אן אמעריקאנער ייד. איך בין געבוירן געווארן אויף גארעק־סטריט.

— און דער פאטער דיינער?
— מיין פאטער איז א פוילישער.
— און יידיש קענסטו רעדן?
— כ'רעד דאך מיט אייך יידיש.
— האסט געמעגט קענען בעסער יידיש — האט בערגסאן א זאג געטאן — רעדסט יידיש ווי א גוי.

א פארלוירענער האט זיך פיליפ ארויסגעשארט. אין אפיס איז געווארן טונקעלער, ווי דער אוונט וואלט שוין געהאט צוגעפאלן. בערג־סאן האט זיך געישובט — זאל ער אנצינדן די עלעקטרישע שטיילאמפ צי נישט. ער האט נישט אנגעצונדן. ס'האט א שפריץ געטאן א דראב־נער רעגן איבער בראדוועי און אין אפיס איז עטוואס ליכטיקער געווארן. ווערטער האבן זיך גענומען קייקלען. גערעדט האבן אלע דריי קרובים. גערייכערט און גערעדט. יידיש־פוילישע משפחות האבן אויפגעלעבט — די זביטקאווערס, די בערגסאנס, די שטראלס, די טריוועסעס, די רביים אלטער פון גערער הויף.

— מיר האָבן דאָך אויך אין ניו־יאָרק אַן אַלטער, אַ רבי — האָט טריוועס געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— מיר האָבן דאָ ר׳ איטשען — האָט בערגסאָן זיך אַ צי געטאָן אין זיין גאַנצער לענג, איז געווען פיקס־און־פאַרטיק אויסצורעכענען ר׳ איטשעס יחוס — ר׳ איטשע מיטן גערער רבי זיינען גלידגעשוועסטער־קינדער. ר׳ איטשע איז אויך אַ גלידגעשוועסטערקינד מיטן דיין מאַמען, אוירווינג.

— כ׳געדענק אים מיט דער רויטער באָרד — איז טריוועס אַריין בערגסאָנען אין די רייד — ער איז דאָך דער מומע בלימעלעס יינגסטער זון. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ למדן. צו דרייצן יאָר האָט ער מיך פאַרהערט צי כ׳קען פאַר זיך אַליין אַ בלאַט גמרא לערנען.

— דער ר׳ איטשע איז אַ וואָזשנער ייד, גאָר אַ וואָזשנער — האָט שטראַל זיך אָנגערופן — ער איז נישט קיין רבי, און אויב יאָ אַ רבי, איז אָן חסידים. ער איז גיכער אַ מקובל. און דאָס נישט קיין היינטיקער, נאָר פון צוועלפטן, דרייצנטן יאָרהונדערט.

— דו זעסט זיך אַמאָל מיט אים? — האָט טריוועס געפרעגט שטראַלן.

— פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס ר׳ איטשע איז אין ניו־יאָרק, איז ער געווען ביי מיר בלויז איין מאָל. און איך ביי אים — אַ מאָל דריי. ווי קען מען קומען צו אים, אַז ער האָט קיין היים נישט. ער האַלט זיך אויף ערגעץ אין אַ גערער שטיבל אויף הענרי סטריט. דערצו דאַרף ער גאָרנישט. ער דאַרף מיט אַן אמת גאָרנישט, אַפילו קיין שטוב נישט.

— און וואו וואוינט די משפחה זיינע? — האָט טריוועס, אַ פאַר־אינטערעסירטער, אַ רוק געטאָן זיין שטול צו שטראַלס.

— ס׳ווייב מיט די קינדער זיינען אין פוילן.

— און פון וואָס לעבט אַזאַ ר׳ איטשע? — האָט טריוועס זיך געפרעגט — אַז ער האָט נישט קיין חסידים?

— פון וואָס ער לעבט? — האָט בערגסאָן זיך אַרויסגערוקט — פון נדבות.

— וואָס? — האָט טריוועס זיך אויפגעשטעלט — ער גייט איי־בער די הייזער?

— נישט פאַר זיך, — האָט שטראַל אַ קוק געטאָן אויף בערג־

סאָנעץ מיט פּאַריבל — ער פלעגט פּעדלען מיט שניידער־צודאַטן. אַ שעה, צוויי שעה אַ טאָג. און ווי ער האָט אויסגעשלאָגן אויף אַ טאָג חיונה, איז ער אַוועק אין שטיבל אַריין לערנען, אַוועק אין גאַס צווישן מענטשן נישט מתקן צו זיין די אייגענע נשמה, — ווי ער האָט מיר אַליין געזאָגט — נאָר צו ה ײ ב ן דעם ה י מ ל. דער ר׳ איטשע איז אַ שטיק מענדלע קאָצקער. ער וויל די וועלט איבערמאַכן.

— איבערמאַכן די וועלט — האָט טריוועס געגאַפּט — גייט ער דאָך אין מיינע דרכים!

שטראַלס שוואַרצע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. זיין אַסקעטיש פּנים — הויט און ביינער — איז געוואָרן אומרואיק, איז געוואָרן שיין. ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און געזאָגט:

— און מיט וואָס פאַר ביטול ער קוקט אויף מיר, אויף דיר, אויף אונדז אַלע, וואָס האָוען, וואָס רייסן איין וועלטן. און מיט וואָס פאַר אַ ביטול ער רעדט וועגן גערער הויף, האָט פאַר זיי קיין אַנדער נאָמען נישט ווי „ערב־רב״. און אַז כ׳האָב אים געזאָגט, אַז דו, אוירוויננ, ביסט רייך, שטאַרק רייך, האָט ער געמאַכט אַ פּנים, ווי כ׳וואָלט אים אָנגעזאָגט, אַז דו ביסט חרוב־פאַרביי, אַז דו דאַרפסט רחמים. ער קען נישט פאַרגעבן וואָס דער גערער הויף האָט זיך משדך געווען מיט די רייכע טריוועסעס, מיט די לאָדזשער פאַבריקאַנטן, איז געוואָרן איינס מיטן „ערב־רב״. וואָס „צווחין... באורייתא... וצווחין בה ככלבים... הב לן עותרא בעלמא דין, הב לן עותרא בעלמא דאתי״ — גיב זיי עשירות אויף דער וועלט, גיב זיי עשירות אויף יענער וועלט. און מיך איז ער גאָר מבטל. האָט צו מיר איין טענה: „דוד, שרייבסט נאָך אַלץ מעשות? ווען וועסטו שוין אויפהערן צו גיין אין תרחס דרכים, ווען וועסטו שוין אויפהערן צו מאַכן „מענטשעלעך״. צייט, לאַנג צייט, דוד, זיך צו נעמען פאַר א מ ת ע מ ע נ ט ש ן, צייט צו גיין אין אברהמס דרכים — „ואת הנפש אשר עשה בחרן״ — נישט ווי דו, דוד, מאַכסט אַ פּנים פאַר אַ ז ו י אַ פּנים, וואָס איז נישט קיין פּנים — דאָס איז ע ב ו ד ה ז ר ה.

— ער האָט דיר גוט אַריינגעזאָגט — האָט טריוועס אַרומגעכאַפּט שטראַלן — לאָמיר אַמאָל צופאָרן צו ר׳ איטשען.

— שווער אים צו כאַפּן אין שטיבל.

— און די אונטן איז ער אין שטיבל — האט בערגסאָן פון דער זייט אַ זאָג געטאָן.

— קום אַריבער צו מיר, איר אויך, בערגסאָן, — מיר וועלן צו־זאַמען עסן אָונטנברויט — האט שטראַל זיך אויפגעשטעלט, גענומען זוכן אַרום זיך דעם מאַנטל מיטן קאַפּעליוש — און פון מיין הויז וועלן מיר צופאָרן צו ר׳ איטשען.

— אָפּגעמאַכט — און טריוועס האט זיך אַ קער געטאָן צו בערג־סאָנען — פאַרצייכן.

— פאַרצייכנט — האט בערגסאָן אַ בלעטער געטאָן דעם קאַ־לענדאַר, וואו ער האט שוין געהאַט אָנגעפּינטלט אין אַ דראַבנעם רבנישן כתב און גענומען לייענען אויפן קול: „גברא יקירא וקדישא, חסידא ופרישא, איש אלוקי קדוש יאמר לו, כבוד קש״ת מו״ה איטשע נ״י״.

— אַ לץ — האָבן שטראַל און טריוועס זיך צעשמייכלט.

דער שמייכל ביי בערגסאָנען איז געבליבן ערגעץ שטעקן אין אים, נישט דערגאַנגען צום פּנים, וואָס האט אויסגעזען, ווי אַ מאַסקע. ער האט געהאָלפן אָנטאָן שטראַלן דעם מאַנטל. און אַז שטראַל איז אַוועק, איז בערגסאָן, ווי אַ זעקס־פוסיקער שאָטן, קריק פאַרשוואונדן צווישן די קאַלאָנעס.

שטראַל האט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַן אויפגערוימטקייט, וואָס האט אָנגעשטעקט טריוועסן, אים נישט געלאָזט איינזיצן. ער האט יענעם פאַרנאַכט לאַנג געשפּרייזט ביי זיך איבערן אָפּיס, געשפּרייזט און גע־טראַכט וועגן שטראַלן, וועגן ר׳ איטשען, וועגן גערער הויף, וועגן דער אייגענער משפּחה טריוועס, וואָס האט געקיניגט איבער דער יידישער וואַרשע אַ יאָרפערציק.

רייך איז שוין געוואָרן טריוועסעס עלטער זיידע, ר׳ ישראל, וואָס האט אין די זעכציקער יאָרן, נאָכן דורכפאַל פון דעם פוילישן אויפשטאַנד, אויפגעשטעלט די גרעסטע צוקער פאַבריק אין פוילן, אַ פאַבריק מיט פאַרע־קעסלען, מיט פאַרע־מאַשינען, מיט היידראַלע פּרעסן. דאָס אַלץ האט ער אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד. ער האט אויך געהעכערט דעם טאָג־לוין. אַן אַרבעטער, וואָס האט פאַרדינט צוואַנציק גראָשן אַ טאָג, האט ביי ר׳ ישראלן אויף דער פאַבריק געקראָגן דרייסיק. אַן אַרבעטאָ־רערין, וואָס האט פאַרדינט פופצן גראָשן, האט געקראָגן צוואַנציק. די

פארע־מאשינעס, דער געהעכערטער טאג־לוין — דאס אלץ האט אזא הויב געטאן די צוקער־פראדוקציע, אז ר׳ ישראל האט ארויסגעקראגן פון א קערץ בוראקעס איבער צוואנציק פונט צוקער. עס איז געווען אזא חידוש, אז מען האט וועגן דעם געשריבן אין די גאזעטן.

ר׳ ישראלס זון, ר׳ בעריש, האט נאך דעם פאטערס טויט איבער־גענומען די צוקער־פאבריק. ער האט זיך פון פראגע אריבערגעקליבן קיין ווארשע, וואו ער האט געהאלפן עפענען די ווארשעווער האנדלס־באנק. די מסחרים זיינען גוט אוועק. ס׳עשירות איז געוואקסן. און מיטן עשירות זיינען געקומען טיטולן. פעטערבורג האט ר׳ בערישן מכבד געווען מיט „פאטאמסטווענני גראזשדאנין״, ווין — מיט באראן. ר׳ בעריש האט מיט די טיטולן זיך נישט באנוצט, פונקט ווי ער האט זיך נישט באנוצט מיטן טיטול „מורנו״, וואס די פראגער רבנים האבן אים מיטגעגעבן צו דער חתונה קיין ווארשע, פונקט ווי ער האט זיך נישט באנוצט מיטן פידעלע, וואס ער האט בחורוויז זיך געלערנט שפילן דערויף ביי דער מומע טער־מערלעס זון, ביי מיכאלן. א חוץ דעם געוער רבין, דעם „שפת אמת״, וואס איז אויך געווען ר׳ בערישעס ווייבס א געשוועסטערקינד, האט קיי־נער פון די אייגענע קינדער נישט געוואוסט, אז דער פאטער האט דעם טיטול באראן. די טיטולן זיינען געלעגן ערגעץ פארשטופט אין א פייער־קאסע.

די שטוב ביי ר׳ בערישן איז געווען א חסידישע. אויפן הויף — אן אייגן גערער־שטיבל, אן אייגענע מקווה. הינטער דער מקווה — א געמויערט שטאל מיט צוגאווע פערד, א שאפע מיט אפענע און פאר־מאכטע קאטשן. דאס שטיבל און די מקווה פאר גאט, די פערד און די קאטשן — פאר מסחר.

די טריוועסעס זיינען נישט געווען קיין לומדים, קיין חסידישע מוח־מענטשן אויך נישט. דאס קרובהשאפט מיט קאצק, ווארקע, גער, איז נישט געקומען פון די טריוועסעס, נאר פון די שידוכים, וואס די טריוועסעס האבן געטאן.

די טריוועסעס האבן אבער געהאט זייער יחוס, וואס האט זיך גע־צויגן פון דער שמולעוויזנע, פון דער באגאטעלא — די גיטער פון שמואל זביטקאווער, די גיטער פון דער רייכער צדקת טעמערל.

אויבן אויף האט מען זיך מיט ד ע ם יחוס נישט איבערגענומען.

נאָר אַז טעמערלס בת־יחידה, פּערל־מירל, שוין אַן אָפּגעקומענע, פלעגט ווען־נישט־ווען אַריינפאַלן צו גאַסט, צי נאָך אַ טובה, האָט ר׳ בעריש זי שטענדיק אויפגענומען מיט כיבוד אין דער סאַליע, ווי מען נעמט אויף מלכות.

און אַז פּערל־מירל האָט זיך צערעדט וועגן קיניג פּאָניאַטאָווסקי, וועגן לאַנדגראַפן און חראַביעס, וועגן „פּריווילעגיעס", וואָס איר זיידע און פאָטער האָבן געהאַט, וועגן ערשטן אויפשטאַנד, וועגן צווייטן, וועגן דעם יונגן ראַבינער יאַסטראָוו — איז געווען וואָס צו הערן.

ר׳ בערישן האָט הנאה געטאָן, וואָס פון פּערל־מירלען רעדט אַרויס אַלט־וואַרשע, זיין, ר׳ בערישעס, וואַרשע. נאָך אַזאַ שמועס האָט פּערל־מירל ביי אים אַלץ געפּועלט. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט ר׳ בעריש זיך שטיל אַ פרעג געטאָן אויף איר ברודער, ביי וועמען ער האָט זיך יינגלוויז געלערנט פידל־שפּילן:

— און וואָס מאַכט דיין „כלי־זמר"? — ער וואוינט נאָך אַלץ אין לאָנדאָן? און ער איז נאָך אַלץ אַזאַ „גוי", דער מיכאַל דיינער?

די באַרעדעוודיקע פּערל־מירל האָט נישט גערן געענטפערט, ווי דער ברודער, מיכאַל בערגסאָן, וואָלט געווען אַ פלעק אין דער משפחה. זי האָט יעדעס מאָל צוגעגעבן מיט פאַרדרוס: „ער איז שוין צו וויט אַוועק".

ר׳ בעריש האָט יעדן טאָג אָפּגעריסן אַ צוויי, דריי שעה פון די געשעפטן. די אָפּגעריסענע צייט האָט ער אַוועקגעשאָנקען קהל. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף די חדרים, אויף די שטיבלעך, אויף די בתי־מדרשים. ער האָט געהאַט אַן אויג אויפן בית־עלמין, אויף דער גמינע, וואו ער איז געווען פּרנס, אויף די יידישע זעלנער, וואָס האָבן געדינט אין וואַרשע. יעדן שבת האָבן ביי ר׳ בערישן געגעסן אַ פופציק זעלנער און פופציק אורחים. און ווען נישט ר׳ בעריש וואָלט גער זיך נישט אַזוי צעוואַקסן, נישט געהאַט קיין הונדערט טויזנט חסידים.

אַזוי האָט ר׳ בעריש געקיניגט איבער דער יידישער וואַרשע אי־בער דרייסיק יאָר.

נאָך זיין טויט זיינען די מיליאָנען איבערגעגאַנגען צו די פינף זין און צוויי איידעמס, וואָס האָבן נאָך ביים פאָטערס לעבן זיך אַרומ־געריסן. טייל זיינען געווען פאַרברענטע חסידים, טייל שטיקלעך ציוניסטן

און טייל באהאלטענע אסימילאטארן. די קינדער האבן נאך ר׳ בערישעס טויט זיך צעטיילט מיטן עשירות. און פון דעם הויז טריוועס, וואס האט פארמאגט מיליאנען, זיינען געווארן „סוחרישע הווזער״, וואס מען האט יעדעס געשאצט אין די הונדערטער טויזנטער. אין דער שפיץ פון די „סוחרישע־הייזער״, איז געשטאנען אוירווינגס פאטער, ר׳ בערישעס עלטסטער זון שלמה, וואס איז געגאנגען אין זיין פאטערס דרכים.

אזוי איז די טריוועס־מלוכה אין ווארשע צעפאלן נאך ר׳ בערישעס טויט אין דרייען. שידוכים אבער האט מען נאך געטאן צווישן זיך. געלט האט געגומען געלט. א טוך־פאבריק אין לאדזש האט חתונה געהאט מיט א האלב טוץ מוירען אין ווארשע. א וואלד מיט א טארטאק האט גענומען א צוקער־פאבריק. א באנק — די ראשטשיוועד גיטער.

אין דער וועלט־מלחמה האט שלמה אלץ פארלוירן. און נישט בלויז ער. כמעט אלע טריוועסעס האבן זיך מיטאמאל ארומגעזען, אז זיי זיינען געבליבן ארעמעלייט. ס׳יונגוואַרג, וואס זיינען זיך איינציקוויין צעלאפן, האבן מיטגענומען אין וועג אריין ווער ברילאנטענע פינגערלעך, ווער ברילאנטענע אויערינג, ווער שנירלעך פערל. אזוי האט זיך געענ־דיקט די „טריוועס־מלוכה״, וואס האט אנגעהאלטן א יארפערציק.

און אז ר׳ שלמהס ווייב, פייגעלע, האט טעלעפאנירט צום יואווע־לער ער זאל קומען נעמען א שטיקל „ביזשוטעריע״ און בשעת־מעשה זיך גוט אויסגעוויינט, האט דער מאן זי געטרייסט:

— ס׳קען אזוי נישט בלייבן, פייגעלע. איין מדינה קען פאר־ארעמט ווערן. צוויי, דריי מדינות, אבער נישט די גאנצע וועלט. איך לייג גרויס האפענונג אויף אמעריקע.

ר׳ שלמה פלעגט דערביי נישט דערמאנען דעם יונגסטן זון, ישר־ראלן. ס׳איז אים נישט אנגעשטאנען, אז שלמהס א זון זאל זיין אין אמעריקע. טיף ביי זיך האט ער אבער געהאפט, אז פון ישראלן, וואס האט אויף זיך א סוחרישן קאפ, וועט ער נאך דערלעבן גרויס נחת.

און ער האט לאנג נישט געדארפט ווארטן. ישראל, וואס האט אין ניו־יארק געביטן דעם נאמען אויף אורווינג, האט באלד נאך דער מלחמה קריקגעשטעלט דעם פאטער אויף די פיס.

3.

אַ גאַנצן פרימאָרגן איז שטראַל געזעסן ביים שרייבטיש און גע־אַרבעט. ער האָט מיט אַ צעפלויגענעם כתב, וואָס איז שווער געווען צו לייענען, באַשריבן אַ צוואַנציק זייטלעך פּאַפּיר וועגן חורבן־פוילן און איז געבליבן זיצן אַן אויסגעליידיקטער.

שטראַל האָט צונויפגענומען די באַשריבענע בייגעלעך און גענר־מען לייענען אַ זייטל נאָך אַ זייטל. די אומצופרידנקייט איז אין אים געוואַקסן. נישט דאָס האָט ער געוואָלט איבערגעבן. האָט דאָך יעדער מענטש זיין ריח, האָט דאָך יעדער תקופה איר ריח — וואו איז דער ריח פון חורבן־פוילן? און אויב פוילן איז חרוב געוואָרן, פאַר וועמעס זינד איז זי חרוב געוואָרן? פאַר די יידישע אויסגעריסענע בערד, פאַר די יידישע אויסגעהאַקטע אויגן, פאַר די יידישע צעשלאָגענע סטודענטן?

פאַר שטראַלס פאַרשלאָפענע אויגן האָבן זיך געטראָגן ווערטער, ליידיקע ווערטער. ער האָט גענומען רייסן די בייגעלעך פּאַפּיר, זיי גע־ריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. דערנאָך האָט ער געעפנט אַ פענצטער. ווינט און רעגן האָבן אים דורכגענומען. דער ווינט האָט אַ כאַפּ געטאָן די צעריי־סענע שטיקלעך פּאַפּיר, זיי געטראָגן פון „דרייוו" צום האָדסאָן.

שטראַל האָט פאַרמאַכט ס׳פענצטער און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. ער האָט געשפּרייזט הין און קריק און זיך צוגעהערט, ווי דער ווינט שאָקלט די פענצטער, ווי דער רעגן פּייקלט איבער די שויבן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

ווען שטראַל איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, איז געווען ער זאָל זיך פאַרמאַכן אין זיין שרייבצימער. ער זאָל שפּרייזן צווישן די ביכער־שענק. די בלויזע נעמען אויף די גלייזטע ביכער־רוקנס האָבן אים אויפגעהייטערט. איצט אָבער, ווען ער האָט זיך געדרייט צווישן די ביכער־שענק, געלייענט די נעמען אויף די ביכער־רוקנס — פּלאַטאָ, דער רמב"ם, יהודה חסיד, שפּינאָזע, פּרץ, בערגסאָן — געלייענט און געפילט, ווי נישט בלויז וואַקסט אין אים די אייגענע אומבאַהאָלפנ־קייט, נאָר די נעמען אַליין פאַרלירן זייער וואָגיקייט, ווערן קלענער אין פאַרגלייך מיטן רשעות, וואָס טראָגט זיך איבער דער וועלט.

וואָס שוויגט ער, שטראַל, ווען אַלץ אין אים איז פאַרנעפּלט און

דערשלאָגן, ווען אַלץ אין אים טרויערט און וויינט ? וואַרשע, לובלין, ווילנע — אַלץ חרוב. דער ייד — באַשפּיגן, באַליידיקט, צעטראָטן.

פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען די יידישע מיידלעך פון פּוילישן רויטן־קרייץ, וואָס די דייטשן האָבן צעשאָסן. די מיידלעך זיינען אומגעקומען מיט דער „התקוה" אויף די ליפּן. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען ס׳גערער שטיבל אין וואַרשע, וואוהין אַ דייטשישער פּאַטרול האָט זיך אריינגעריסן שמיני־עצרת צו מוסף. ביי דער רביצין האָבן די זעלנער אַראָפּגעריסן ס׳שייטל פון קאָפּ, אַראָפּגעריסן די רינגעלעך פון די פינגער. און אַז די דייטשן האָבן באַפוילן דעם גערער רבין, אַ זקן אין די זיבעציקער, ער זאָל זינגען, די חסידים זאָלן זינגען, האָט דער שליח־ציבור פאַרוואָרפן די הענט צו גאָט און אַלע, דער רבי, די חסידים, האָבן זיך צעזונגען מיט אומגעהאַרישע קולות — שפוך חמתך...

אַ געוויין, אַן טרערן, האָט זיך געריסן אין שטראַלן — וואָס בילט ער נישט ווי אַ הונט ? וואָס וואָיעט ער נישט ווי אַ וואָלף ?

דער מוח האָט ביי אים גענומען פיבערן, זיך געהויבן איבער די מחברים, איבער זייערע ביכער, וואָס זיינען געווען צעשטעלט אין די ברוינע שענק. אַלץ אַרום אים איז איצט געווען ווייט און פרעמד. נו, טאַקע — וואָס פאַר אַ ווערט האָט זיין שרייבן ? וואָס פאַר אַ ווערט האָט די גאַנצע ליטעראַטור אין פאַרגלייך מיטן יידישן חורבן ?

שטראַל האָט געהערט ווי ס׳ווייב זיינס, אסתר, בעט זיך ביי זייער פּיריאַריק מיידעלע — „דער טאַטע שרייבט, גיי נישט צו אים אריין, דו שטערסט". ער אַליין איז שוין אָבער געווען ווייט פון דעם אַלעם, איז געווען אויף יענער זייט וואַנט, איז געווען אין אַן אַנדער וועלט, וואו דער קרוב זיינער, דער רויטער ר׳ איטשע, זיצט אין גערער שטיבל, וואָס אויף הענרי־סטרים, און לערנט.

שטראַל האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך אַ ייד, נאָך ר׳ איטשען. ער האָט האַסטיקער גענומען שפּאַנען, זיך געטראָגן איבער אומבאַקאַנטע וועגן, געזען הינטער זיך דורכגעשפּרייזטע מיילן. דאָס שפּרייזן הין און קריק איבערן שרייבצימער האָט אים נישט אויסגעמאַטערט. פאַרקערט, פון לאַנג גיין האָט די אייגענע געפאַלנקייט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. אַלץ אין אים האָט גענומען ווערן וואַכער. די חושים — שאַרפער. טראָפּנס ליכט האָבן צעטריבן דעם נעפּל, דורכגעשלאָגן דעם אייגענעם טרויער,

גענומען פלייצן פון מוח אין הארץ אריין, גענומען אנטקעגנשטעלן זיך ס׳רשעות פון דער וועלט.

שטראל האט זיך ווידער געזעצט צום שרייבטיש.

.4

צום אוונטברויט זיינען פארפארן טריוועס און בערגסאן.

באגעגנט האט זיי מיסעס שטראל, די פערציק־יאריקע אסתר, וואס האט אויסגעזען פיל ייִנגער. אסתר איז געווען דער היפוך פונעם מאן. ער — שווארצע האר, שווארצע, טרויעריקע אויגן, און ווען פון זיין גאנץ געשטעל — הויך, דין און עטוואס געבויגן — האט געבלאזן מיט הייסע מדבר־ווינטן, האט די צעבליטע און עטוואס באלייבטע אסתר — זוניקע האר, בלויע, ליכטיקע אויגן — געשפרייט ארום זיך מאמע־פרייד. זי האט געהאט טענות צו טריוועסן:

— ווען דו קומסט פינף א זייגער, ווי דו האסט צוגעזאגט, וואלסטו דאך געזען די קינדער.

— וואס, זיי שלאפן שוין?

— אוודאי שלאפן זיי!

אסתר האט שטיל געעפנט א טיר. זי איז אריין אין א גרויס צימער אויף די שפיץ פינגער און האט א מאך געטאן צו טריוועסן מיט דער האנט ער זאל איר נאכגיין. זי האט אנגעצונדן א קליין שטיי־לעמפל. אין איין בעטעלע איז געשלאפן די פיר־יאריקע ריוועשע, אין א צווייטס — די צוויי־יאריקע כייטשע. אין שלאף איז כייטשעס איינגעטוליעט קעפל מיט די שיטערע, בלאנדע קרייזלעך ענלעך געווען אויף א פארצע־לייענע ליאלקע מיט פארמאכטע אויגן. דער אלטער בחור אין טריוועסן האט די אויגן נישט געקענט אפרייסן פונעם קינד. ער האט עס דווקא געוואלט אויפוועקן. די מוטער, א צעשטראלטע, האט אים א צי געטאן פונעם בעטל. זי האט אים גענומען אונטערן ארעם און איז מיט אים אריין אין עס־צימער.

מען האט געגעסן אין פירן. אויבן אן, ביים פירעקיקן טיש, איז געזעסן שטראל. רעכטס צו שטראלן — טריוועס און בערגסאן. לינקס — אסתר.

דער גאנצער אוונטברויט איז געווען צעשטעלט אויפן טיש —

שנאַפּסן, סאַרדינען, קאַלטע געבראָטענע הון, סאַלאַד, קאָמפּאָט און אָנ־געשניטן ברויט.

און ווי מען האָט גענומען עסן האָט ריוועשע זיך צעוויינט. פון דעם געוויין האָט זיך כייטשע אויפגעכאַפּט מיט אַזאַ געשריי, אַז די מר־טער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון טיש מיט אַ שולדיקע מינע און איז אַוועק איינשטילן די קינדער.

באַלד איז זי קריקגעקומען מיטן צוויי יאָריקן מיידעלע, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין לויזע פלאַנעלע פּידזשאַמעס. ס׳קינד האָט מיט די פאַרמאַכטע פויסטעלעך זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און אַ שע־מעוודיקע געקוקט אויף די פרעמדע פּנימער, וואָס אַרום טיש. און אַז טריוועס האָט אָנגעקוואָלן פונעם מיידעלע, זי געוואָלט אַ כאַפּ טאָן פאַר אַ פּיסל, האָט די מוטער פעסטער אַ טוליע געטאָן ס׳קינד צו זיך און איז אַן אויפגעהייטערטע פאַרשוואונדן אין אַ זייטיק צימער.

— ווי געפעלט דיר, דוד, דאָס געיעג אויף יידן אין די וואַרשע־ווער גאַסן ? — האָט טריוועס גערעדט און געגעסן אַן אַפּעטיט — האָסט געלייענט ווי די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין גערער שטיבל ביים דאַווענען און ווי זיי האָבן געצוואונגען דעם רבין מיט די חסידים זיי זאָלן זינגען ?

— כ׳האָב היינט אָנגעשריבן וועגן דעם אַ דערציילונג — האָט שטראַל שטיל אַ זאָג געטאָן, אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט אין מיטן רעדן זיך געכאַפּט, אַז ער זאָגט אַ נאַרישקייט.

און אַז טריוועס האָט אויף דערויף גאָרנישט געענטפערט, איז שטראַל געווען צופרידן. טריהוס איז אַזוי געווען פאַרטאָן מיט זיך, אַז ער האָט זיך צו קיינעם נישט צוגעהערט. ער האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך דעם טעלער און גערעדט זיינס :

— וואָס טויג מיר, דוד, מיין גאַנץ פאַרמעגן, ווען מיינע טאַטע־מאַמע, ווען דער גערער רבי, ווען אַלע פּוילישע יידן, ווערן באַליידיקט, ווערן געטרעטן, זיינען נישט זיכער מיטן לעבן. פון כעס האָב איך היינט משלח געווען מיין סעקרעטאַרשע, די דייטשקע, כאָטש וואָס האָב איך צו איר? וואָס איז זי שולדיק? דערנאָך האָב איך זיך פאַרבענקט נאָר ד י ר דוד... כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָד אַ ייד.

כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָכן געדער שטיבל, וואָס איז געווען אויף דער אייזן־גאַס. געדענקסטו דאָס אַלטע שטיבל?

— כ'האָב דאָרט געלערנט אַ גאַנצן ווינטער — האָבן שטראָלס אויגן זיך אַ צינד געטאָן.

— ווייסט איר כאָטש אַז דאָס שטיבל איז אַמאָל געווען אַ בית־המדרש? — האָט בערגסאָן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געגעסן און גע־שוויגן, זיך מיטאַמאָל אָנגערופן — ס'איז געווען ר' איטשע מאירס בית־המדרש. ר' איטשע־מאיר איז נאָך דעמאָלט נישט געפאָרן צו ר' מענ־דעלען.

— קיין קאָצק? — האָט טריוועס זיך געפרעגט.

— ניין, קיין טאָמאַשאָוו — האָט בערגסאָן פאַרביסן זיין פאַרציע הון מיט קאָמפּאָט — ס'איז נאָך געווען פאַר קאָצק. ר' איטשע־מאיר, דערציילט מען, איז געזעסן ביי זיך אויף דער אייזן־גאַס און געלערנט. ער האָט זיך געפּרעגלט אין תורה, אין כבוד, וואָס גאַנץ וואַרשע האָט אים אָפּגעגעבן. מאַכט זיך, איינמאָל אין אַ ווינטער נאַכט, אין דרויסן איז אַ קרירה, שאַרט זיך אין בית־המדרש אַריין אַ מלמד מיט אַ קלו־מיקל אויף די פּלייצעס. ברוין און בלוי, מיט אייז־צעפּלעך אַרום באָרד און פאות. דער מלמד שטופּט זיך אויבן אָן, וואו ר' איטשע־מאיר איז געזעסן, רייבט זיך פון קעלט די הענט און טוט אַ זאָג אויפן קול:

— איטשע־מאיר, אין טאָמאַשאָוו ב ר ע נ ט  אַ  פ יי ע ר און דו זיצסט דאָ, אויף דער אייזן־גאַס?

ס'בית־המדרש האָט אַ ציטער געטאָן. מען האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויפן מלמד:

— אַזאַ אַרצי־מחוצף!

— „דו" — גאָר?

איז ר' איטשע־מאיר אַפּער פון הינטערן טיש, האָט געגעבן דעם מלמד שלום:

— פון וואַנען קומסטו?

— כ'בין אַ פעליק יאָר, געווען אין טאָמאַשאָוו ביים רבין.

ס'האָט ר' איטשע־מאירן אַזאַ ברי געטאָן — עפּעס אַ מלמד מיט אַ קלומיקל, אַן אביון, וואָס ליגט קלאַפּטער־טיף אין דר'ערד — און אַזאַ

ברען! ר׳ איטשע, דערציילט מען, איז נאך די זעלבע וואך אועק קיין טאמאשאוו, דערנאך קיין קאצק...

שטראל האט זיך געפרעגט:

— און פון ר׳ איטשע־מאירס בית־המדרש, וואס אויף דער אייזן־באס, זיינען דאס שפעטער אויסגעוואקסן די הונדערטער גערער שטיבלעך? אפילו אונדזערע — די אויף העגרי און גארעק סטריט?

בערגסאן האט געשאקלט מיטן קאפ אויף יא און מיט גרויס דרך־ארץ שטיל געפרעגט ביי שטראלן:

— וואס האט איר אנגעשריבן וועגן גערער רבין, א דערציילונג?

— שווייגט ער — האט טריוועס זיך א שטעל געטאן — לייען זי אונדז איבער.

שטראל האט זיך געקווענקלט. און אז טריוועס איז אריין צו אים אין שרייב־צימער און געמאכט ליכטיק, ערשט דעמאלט איז שטראל א פארלוירענער אים נאכגעגאנגען.

בערגסאן האט קונציק, ווי א קעלנער, נאכגעטראגן אויף איין האנט דריי שאלן קאווע. ער האט צעשטעלט די שאלן. אלע דריי האבן פארדייכערט, פארזופט דעם רויך מיט קאווע און זיך איינגעהערט, ווי ווינטן רייסן זיך פון האדסאן, פאטשן פלאכטעס רעגן אין די שויבן.

שטראל האט א נעם געטאן די צעשאטענע בייגעלעך פאפיר, וואס זיינען געלעגן אויפן שרייבטיש. און ווי ער האט זיי געהאלטן אין אויס־סדרן לויט די נומערן, איז אסתר שטיל אריין און האט זיך צוגעזעצט אויף א לעדערנער טאבורעטקע. זי האט אוועקגעלייגט אירע ווייסע הענט אויף די אויפגעשטעלטע קני, אנגעשפארט אויף די הענט די גאמבע און געקוקט מיט ליכטיקע מאמע־אויגן אויף איר מאן.

שטראל האט א שטארקן צי געטאן פונעם סיגארעט און אים אוועקגעלייגט אויף אן אש־טעצל. ער האט אפגעהוסט און גענומען לייענען:

„...די באלאגערטע ווארשע — אין פלאמען, אין חורבות, אין גסיסה געשרייען — האט זיך אונטערגעגעבן. דער שונא האט פארנומען די שטאט. פייער־לעשער האבן געארבעט טאג און נאכט, געלאשן און בישט געקענט פארלעשן די פייערן, וואס האבן זיך געשפארט פון די איינגעפאלענע הייזער, פון די חורבות, פון די הייף. אזוי האט עס גע־

דזיערט דריי טעג. ערשט אין דער נאכט פון שמיני־עצרת האט א קאל־טער רעגן כמעט ווי אויסגעלאשן די שרפות.

דאס שפעטע טאגן איז פול געווען מיט רויך, מיט סמאלינעס, מיט קאלטן רעגן, וואס איז געקראכן אין די ביינער. די גאסן זיינען כמעט געווען ליידיק. בלויז דא און דארט האט זיך פארבייגעטראגן א צעשראק־קענער ייד, ווי ער וואלט נישט געגאנגען דאוונען, נאר ראטעווען ס'נפש. מיט אמאל האט זיך דערהערט אן אויפרייס. באלד — א צווייטער, א דריי־טער, אז ווענט און פענצטער האבן גענומען ציטערן.

פון די הייף האבן זיך גענומען שיטן יידן, פאליאקן. די צעקרימטע פנימער צום הימל. די אויגן האבן געוואלט דורכרייסן דעם רעגן. די אוי־ערן האבן געוואלט אויפכאפן ס'געדויש פונעם עראפלאן. איינער האט געפרעגט ביים אנדערן:

— וואס, מען שיסט ?

— וואו שיסט מען ?

— מען שיסט נישט — האט אימיצער בארואיקט דעם איבער־בעשראקענעם עולם — דאס פלאצן גאז־דערן אין די איינגעפאלענע קע־לער־שטובן.

א פאטרול האט זיך ארייגגעדרייט פונעם אייזערנעם טויער אויפן גרזשיבאוו. די זעלנער, צו דריי, זיינען געגאנגען מיט ביידע טראטוארן, די ביקסן אין די הענט, נידעריק, גרייט צום שיסן. די פיס צום טאקט — איינס־צוויי, איינס־צוויי.

דער עולם האט זיך גענומען דוקן אין די הייף אריין. ס'איז ווידער געווארן שטיל. ס'האט זיך בלויז געהערט, ווי דער קרימלעכער רעגן בייטשט אין די פענצטער מיט די אויסגעהאקטע שויבן. ס'האט זיך גע־הערט ווי דער עלטסטער קאמאנדעוועט :

— רעכטס ! איינס־צוויי ! איינס־צוויי !

ביים גערער רבין אין שטיבל האט מען שוין געדאווענט מוסף. דאס שטיבל איז געווען אויפן דריטן הויף, וואו ס'געמויערטע טויער מיט א שטיק וואנט זיינען געלעגן אין חורבות. בלויז דעם רבינס סוכה — היל־צערנע פיר ווענט מיט א סכבענעם דאך — איז געבליבן גאנץ. דער רעגן, וואס איז געפאלן אויפן שיטערן סכבענעם דאך איז ארויסגערונען דורך דער טיר.

פון אַלע גערער שטיבלעך, וואָס אין וואַרשע, זיינען די איבערגע־געבנסטע חסידים, די מוח־מענטשן, אַהער געקומען דאַווענען צום רבין. מ׳האָט איינגעשטעלט ס׳לעבן און מען איז געקומען. ביי טייל חסידים זיינען די בערד געווען אונטערגעבונדן מיט קאָלירטע נאָז־פאַטשיילעס. דאָס האָבן זיי פון גרויס בושה פאַרשטעלט די באַקן, די גאָמבעס, וואו דער רשע־מרושע, דער דייטש, האָט אויסגעריסן, האָט אָפּגעשניטן שטי־קער בערד.

אין שטיבל איז געשטאַנען אַ יללה, ווי מען וואָלט נישט געדאַוונט, נאָר אָפּגעהויבן אַ מת. ס׳איז כמעט נישט געווען קיין איין חסיד, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אומגעקומענע אין דער משפּחה. דערצו איז דעם רבינס איידעם צעריסן געוואָרן ערב יום־טוב פון אַ באָמבע.

דער רבי, אַ זקן אין די זיבעציקער, איז געשטאַנען מיטן טלית איבערן קאָפּ און האָט געגאָסן טרערן:

„— — — — די פורעניות זיינען צו גרויס, נישט איבערצוטראָגן. פּוי־לישע יידן טרינקען זיך... און ער, אברהם מרדכי, איז אַלט, איז שוואַך... און דאָ איז קיינער נישטאָ ווער ס׳זאָל די פּוילישע יידן ביישטיין... וואו נעמט מען כוחות?״

פאַר די פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך פאַרביי־געטראָגן דער עלטער־פעטער — ר׳ מענדעלע קאָצקער. נאָך אים — דער עלטער־זיידע — דער „חידושי הרי״ם״, דער לייבלעכער פאָטער — דער „שפת אמת״.

דעם גערער רבין איז לייכטער געוואָרן. ער האָט טיפער אַ ציִ געטאָן דעם טלית איבערן קאָפּ און ביי זיך געפרעגט:

— ווער זאָל היינט, שמיני־עצרת צו מוסף, זיין דער שליח־ציבור? שוין יאָרן ווי שמחה דאַוונט מוסף, דאַוונט מיט מתיקות. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען זאַטע יאָרן. און היי־יאָר? היי־יאָר דאַרף זיין: „תפילה לעני כי יעטוף״ — אַ תפילה פאַר דעם געפּייניקטן, ווען ער פאַרגיסט זיך און גיסט אויס זיין קלאָג. איז ווער וועט זיין דער שליח־ציבור? טאַקע, ווער? דער שוואַרצער וואָלף איז כל ימיו אַן אָרעמאַן, אַ מורא־דיקער אָרעמאַן. דערצו נאָך האָט דער שונא ביי אים דערהרגעט ס׳ווייב, דערהרגעט די קינדער. און וואָלף וויינט נישט. דער שוואַרצער וואָלף גייט אַרום און ברומט, אָבער וויינט נישט. וואָלף איז ביי גאָט מער יחסן, ווי איך, אברהם מרדכי, ווייל וואָס גרעסער דער אביון, גרעסער

דער יחסן, ווי אין זוהר שטייט: „צלותא דעני אקדימת קמי קב״ה מכל צלותין דעלמא״ — די תפילה פון אָרעמאַן איז בילכער ביי גאָט, ווי אַלע תפילות פון דער וועלט.

דער גערער רבי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו די מקורבים:

— דער שוואַרצער וואָלף וועט דאַווענען מוסף.

ביים עמוד איז געשטאַנען דער שוואַרצער וואָלף, אַ דאַרער, אַ הויכער און אַזאַ באַוואַקסענער, אַז די שוואַרצע באָרד איז אים פאַרקראָכן אין די אויערן, אין די אויגן. ס'קול — אַ געברום — ווי אַ וואָלף וואָלט געהאָט טענות און תרעומות צום רבונו־של־עולם. און אַז די כוהנים האָבן זיך געשטעלט דוכענען, האָט וואָלף פאַרוואָרפן די לאַנגע הענט, באַוואַקסענע מיט בעזימלעך האָר ביז צו די האַלבע פינגער, זיי פאַרוואָרפן ביז צו דער סטעליע. איבער די הענט — אַ געלעכערטער טלית מיט לאַטעס. וואָלף האָט זיך צעברומט:

„ — — — ותערב לפניך עתירתנו, כעולה וכקרבן״.

דער עולם האָט אַ צי געטאָן די טליתים איבער די קעפּ. נאָכגעזאָגט. און אַז דער שליח־ציבור איז אין מיטן דער תפילה איבערגעגאַנגען אין יידיש: — אנא רחום — גאָט, דיין פאָלק ישראל גייט אָפּ אין בלוט, דיין פאָלק ישראל גוססט — איז אַזאַ אימה באַפאַלן דעם עולם, אַז קיינער האָט נישט געהערט, ווי דער פאַטרול האָט זיך דערנעענטערט צו דער אָפענער טיר.

אויף אַ פריער איז אַריין דער אָפיצער — אַ דייטש אין די דרייסיקער. נאָך אים — צוויי זעלנער. די איבעריקע זיינען געבליבן שטיין אין קאָרידאָר.

פון געפלעפטקייט איז דער אָפיציר געבליבן אָן אָטעם. וואָס טוט זיך דאָ? דאָס שטיבל איז געווען איבערגעפּאַקט. קעפּ אויף קעפּ. און איבער די קעפּ — צעוויגטע טליתים, וואָס האָבן פאַרשטעלט די פּנימער, די בערד. פון ביידע זייטן ארון־קודש — יידן אין זאַקן, די הענט צעשפרייט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן עמיצן בענטשן. די פּנימער צעוויי־טיקטע, צעשראָקענע — געווענדט צום עולם.

דער שוואַרצער וואָלף האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און גענומען ציען אַ ניגון, הויך, העכער, ביז ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ געשריי:

„ — — — כו־ה־נים!״

די עדה יידן האבן אונטערגעכאפט מיט א ציטער:
„— — — עם קדושך כאמור".

ס'איז א רגע געווארן שטיל, אזוי אוומהיימלעך שטיל, אז יעדער פון די מתפללים האט זיך געוואלט אומקוקן. דער שליח־ציבור האט געעפנט א מויל מיט קרימלעכע ציין און איבער אלעמענס קעפ האט זיך א טראג געטאן אן אומגעהעריש קול, א קול בלויז רוגזה:

„— — — יב־רכ־ך!"

דער אפיציר האט ווי פארגעסן נאך וואס ער איז אהער געקומען — און געקומען איז ער פארנעמען דעם עולם אויף ארבעט. ער האט זיך נישט געריכט צו טרעפן אין ווארשע א רעליגיעזע סעקטע, וואס קומט זיך צונויף באהאלטענערהייט ערגעץ אין א הויף. דאס דארף מען אויסנוצן. ער איז דאך באר צייטווייליק אן אפיצער. פון בארוף איז ער אן אנטראפאלאג. ער איז אויך פאראינטערעסירט אין רעליגיעס. און דא — א גאטעס־דינסט, אזוינע קולות און געשרייען... מען דארף דאס אלץ פארצייכענען. מען דארף געווינען צוטרוי... און דאס קען מען בלויז מיט גוטן...

די רביצין, וואס האט געדאווענט אין שכנישן צימער ביים פענצטער, האט באמערקט, ווי דער אפיציר מיט די זעלנער קומען אן פון צווייטן הויף זי האט זיך געישובט: „זאל זי אנטקעגן גיין דעם אפיציר, צי נישט?" ס'איז דאך נישטא ווער עס זאל רעדן מיט אים. מיידלווייז האט זי איבערגעלייענט גאנץ געטען, גאנץ שילערן. זי געדענקט נאך היינט אויך געטעס לידער אויף אויסנווייניק. זי וועט רעדן מיטן אפיצער, וועט אפבעטן ביי אים ער זאל קיינעם פון די יידן נישט שיקן אויף ארבעט אום יום־טוב.

די רביצין האט זיך אויסגעווישט די אויגן, האט פארריכט דאס קארבירטע שייטל, אפגעצויגן דאס שווארצע, זיידענע קלייד און איז ארויס פון צימער. די זעלנער, וואס אין קארידאר, האבן זי ארומגערינגלט. און איידער זי האט צייט געהאט זיך צו פרעגן אויפן אפיצער, האט איין זעלנער אראפגעצויגן א בריליאנטן רינגעלע פון איר פינגער, א צווייטער זעלנער האט איר אויסגעטאן ס'שייטל. די רביצין האט זיך צעוויינט. דער עולם אין שטיבל האט זיך גענומען ארומקוקן, דערזען דעם אפיצער, דער־

זען די זעלנער מיט די ביקסן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. איינער האָט איינגערוימט אַ צווייטן:

— ס׳רשעות איז דאָ.

מען האָט אויפגעהערט דאַווענען. אַרום דעם אָפּיצער איז אויסגעוואַקסן אַ קרענצל חסידים. אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין — וואָס, דער אָפּיצער בייזערט זיך פאַרוואָס מען האָט נישט צוגענומען די ציגל פון הויף? מען וועט זיי צונעמען, איבערמאָרגן וועט מען זיי צונעמען. מען וועט אויך אינגאַנצן איינלייגן די איינגעפאַלענע וואַנט. וואָס, דער הער אָפּיצער פאַרלאַנגט דער חזן זאָל אים נאָך עפּעס זינגען? ער וועט גלייך זינגען!

האַנטפלאַכן האָבן געפּאַטשט אין שטענדערס, געפּאַטשט אין די ווענט. ס׳איז געוואָרן שטיל, אַ שווערע שטילקייט. דער שוואַרצער וואָלף האָט זיך צעוויגט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייל. דערנאָך איז ער געבליבן שטיין מיט אַ פאַרדריסענעם קאָפּ, ס׳מויל אָפן. און פון מויל האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געוויין, אַ ווייט געוויין. און ווען דער עולם האָט גענומען מיטזינגען, האָט וואָלף אַ הייב געטאָן די באַקעטע, האַריקע הענט און זיך צעשריגן:

— שפוך חמתך על הגויים — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטראָל האָט געענדיקט לייענען. ס׳איז געוואָרן שטיל אין צימער. די טיפע שטילקייט וואָס טראָגט זיך צווישן איין דונער און אַ צווייטן. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס קאַפּען פונעם רעגן, דער איינגעהאַלטענער אָטעם פון די צוהערער.

טריוועס האָט פאַררייכערט אַ סיגאַרעט. ער האָט געטאָן אַ צוויי צי, צעקוועטשט דעם סיגאַרעט אָן אַש־טעצל און גלייך פאַררייכערט אַ צווייטן סיגאַרעט. דערנאָך האָט ער זיך אַ בייג געטאָן איבערן טיש און געדריקט שטראָלן די האַנט:

— אַ גוטע זאַך... ווייל ביי דער גאַנצער ירידה פונעם פוילישן ייד, פילט זיך דערהויבונג... און נאָר אַזאַ פאַרפאַנצערטער ייד, ווי דו, דוד, האָט דאָס געקענט אָנשרייבן.

— איז טאַקע יעדע ירידה אַן עליה? — האָט בערגסאָן פון דער זייט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— ניין, — האט שטראָל זיך אַ הייב געטאָן און איז געבליבן שטיין עטוואָס אַ געבויגענער — נישט יעדער ירידה איז אַן עליה. דער יידישער חורבן אין פוילן האָט מיך איינגאַנצן צעבראָכן. ווי זאָגט טרי־וועס? ע ר ב ע נ ק ט נ א ך א י י ד. און דער „פאַרפאַנצערטער" ייד, נאָך וועמען ער בענקט, דאָך בין איך, זיין געשוועסטערקינד שטראָל. און איך אַליין בענק אויך נאָך א י י ד, אָבער נאָך אַן אמת פאַרפאַנ־צערטן ייד, ווי אונדזער קרוב ר׳ איטשע. נאָך חורבן פוילן דאַרף איך אַליין אַ פּאַדפּאָרע... מיין וועלטלעך־יידישקייט איז נישט גענוג. ס׳איז בלויז א י נ ס פון די תרי״ג מצוות, וואָס אַ ייד דאַרף נעמען אויף זיך. הערסט, טריוועס, מיר דאַרפן ביידע אַן אָנלען. און אויב דו פוילסט זיך נישט, לאָמיר טאַקע איצט אַריבערפאָרן צו ר׳ איטשען.

— דערצו בין איך דאָך געקומען אַהער.

— און אסתר? — איז שטראָל צוגעגאַנגען צום ווייב און האָט זיך דערפילט שולדיק.

— פאַרט, פאַרט — האָט אסתר מיט אַ נאָזטיכל זיך אַ וויש געטאָן די פאַרלאָפענע אויגן און גענומען רעדן צו שטראָלן, נישט ווי צו אַ מאַן, נאָר ווי מען רעדט צו אַן אָפּגעהיטענעם זון — ס׳רעגנט, דוד. כ׳וויל זאָלסט אָנטאָן די קאַלאָשן און דעם רעגנמאַנטל.

און אַז אסתר האָט אַרויסבאַגלייט די מאַנצבילן, איז זי אַריין צו די קינדער. זי האָט זיי איינגעדעקט, אויסגעקושט און דערפילט ווי ס׳האַרץ הייבט איר אָן קלעמען. אסתר איז קריק אַריין אין עס־צימער. דאָס צעשטעלטע עסן, וואָס דער עולם האָט זיך כמעט צו דעם נישט געהאַט צוגערירט, די אייגענע רחבות — אַלץ איז איר איצט געוואָרן דער־ווידער. פאַר די אויגן איז געשטאַנען די גערער רביצין, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעריסן שייטל.

אסתר האָט אויפגעציטערט.

זי האָט אַ נעם געטאָן ס׳פּנים אין די הענט אַריין און זיך צעוויינט אויפן קול.

5.

דער רעגן האָט געגאָסן.

אַלץ איז געווען דורכגעווייקט — די הייזער, די מענטשן, דער אַספּאַלט. אינעם רעגן האָט ס׳לאַמטערנע שיין, וואָס איז געהאָנגען אי־

בער העברי סטרי, געציטערט. די גאס איז געווען ליידיק, כמעט ווי אפ־געשטארבן.

פון א געסל איז אנגעקומען ר׳ איטשע. פלייצעס — גלייכע, ברייטע. שיך — צעפארענע. א געדיכטע, דורכגעווייקטע באָרד, וואס איז אמאל געווען ציגלרויט און איצט פארזשאווערט בראנז, איז געקראכן אונטערן רבנישן קאפעליוש, וואס איז פול געווען מיט קנייטשן און לעכער. און אז ווינט און רעגן זיינען מיט א רוגזה באפאלן דעם פיטשנאסן ר׳ איטשע, ווי זיי וואלטן זיך געקליבן אים אויסטאן, האט ער זיך אפילו נישט אפגעשטעלט. פון נאסקייט זיינען די לויזע קליידער צוגעפאלן צום לייב.

ר׳ איטשע האט דורכגעשניטן גארעק סטריט, דורכגעשניטן איסט בראדוויי און האט זיך געלאזט צו העברי סטריט, וואו ס׳גערער שטיבל איז געווען. אינעם גערער שטיבל האט ר׳ איטשע זיך אויפגעהאלטן.

מיט א צוואנציק יאר קריק איז דאס גערער שטיבל געווען אן הכנסת־אורחים. איז נאך דער וועלט־מלחמה אראפגעקומען פון פוילן א חסיד, וואס האט נישט געהאט קיין קרובים, קיין געלט, איז ער פארפארן אין גערער שטיבל אריין, וואו ער האט געהאט נאכטלאג. דא האט מען אויך געגעסן בחברותא, און אז א „גרינער" האט זיך אויסגערוט פון וועג, האט מען פאר אים צוזאמגעקלאפט א צענדליק דאלער און מען האט אים מיטגענומען אין גאס אריין. מען האט אים געלערנט וואס ס׳איז א שטיקל שעוויאט, וואס — א שטיקל זיידנס. מען האט אים געוויזן וואו צו קויפן, וואו — צו פארקויפן. און אז א חסיד האט זיך געשטעלט אויף די פיס, איז ער אוועק פון שטיבל, האט געמאכט פלאץ פאר נייע חסידים, וואס זיינען אנגעקומען פון פוילן.

בלויז ר׳ איטשען האט מען נישט געקענט איינברעכן, נישט געקענט אים שטעלן אויף די פיס. און שטעלן ר׳ איטשען אויף די פיס האבן אלע געוואלט. איז ער דאך געקומען פון גערער הויף, דעם רבינס א קרוב און אליין א שטיק רבי. דערצו האט זיך טאקע געבענקט נאך א מקורב פון גערער הויף, וואו מען זאל קענען אריינקומען א פרייטיק־צו־נאכטס, א שבת און נאך א גאנצער וואך יאגעניש־פלאגעניש הערן א שטיקל „תורה", נעמען אין חברותא א ביסל משקה.

ווען די פעדלער זיינען מיט פולע זעקלעך שניידער־צודאטן קריק־

נעקומען פון גאס אין שטיבל אריין, איז ר׳ איטשע ערשט פארטיק גע־ווארן, און נישט אזוי מיטן דאווענען, ווי מיטן לערנען און מוחן זיך.

נאכן אנבייסן האבן די פעדלער צעפאקט די זעקלעך. מען איז גע־וואויר געווארן וואס איינער האט געקויפט. ס׳איז נישט געווען קיין גרע־סערע פרייד, ווי אויסצורעכענען די נעמען פון די סוחרים, וואס האבן אנגעהויבן אין גערער שטיבל מיט פעדלעריי און איצט זיינען זיי קארפד־קעפּ, האבן גרויסע מאנופאקטור־געשעפטן. אזא שמועס האט קיינמאל נישט דערעסן. פארקערט, די גבירישע נעמען האבן אויפגעהייטערט, צו־געגעבן קוראזש. דער ארעמער אנבייסן איז פול געווארן מיט חלומות. יעדער האט געהאפט, אז מיט אים וועט געשען א נס — פון א פעדלער וועט ער ווערן א רייכער סוחר, א גביר.

און ר׳ איטשע האט זיך נישט צוגעהערט צו די שמועסן. פאר־קערט, ווען דער עולם איז געווען אין „גילדענעם מיטן", מען האט מיט התלהבות גערעדט וועגן דעמס עשירות, וועגן יענעמס עשירות, האט ר׳ איטשע א ווארף געטאן א ווארט:

— איר ווילט טאקע אומברענגען דאס ביסל ארעמעלייט פון דער וועלט ? — אומברענגען גאטס לייב־מענטשן ? ווי שטייט אין „זוהר" — „ס׳געבעט פון אן ארעמאן איז ביי גאט בילכער, ווי אלע געבעטן פון דער וועלט".

אזא „ווארט" איז גענוג געווען עס זאל אפנעמען ביי די חסידישע פעדלער הענט און פיס.

דערצו האט ר׳ איטשע אויך נישט ליב געהאט מען זאל רעדן וועגן אים און וועגן זיינע געשעפטן. און אז חסידים זיינען צוגעשטאנען צו אים ער זאל ווערן רבי, האט ער זיי געטריבן פון זיך, נישט געהאט קיין אנדער נאמען פארן גערער־הויף, ווי „ערב־רב".

און מיט וואס ר׳ איטשע האט זיך באשעפטיקט האט קיינער נישט געוואוסט. זעלטן ווען מען האט אים בייטאג געטראפן אין שטיבל. ער פלעגט אויף שעהן־לאנג פארפאלן ווערן. און אזוי ווי דער עולם אין שטיבל האט זיך געהאלטן אין בייטן, האט מען זיך קיינמאל נישט דער־וואוסט וואס ר׳ איטשע טוט.

אזוי זיינען פארביי צוואנציק יאר.

קיין נייע „איינוואונער" זיינען אין גערער שטיבל נישט צוגע־

קומען. די אַלטע זיינען געוואָרן וואָס אַ מאָל שיטערער, ביז ר׳ איטשע איז געבליבן כמעט איינער אַליין אין שטיבל. מיט די חסידים, וואָס האָבן זיך דריי מאָל אַ טאָג אַריינגעכאַפּט דאַוונען, האָט ער קיין מגע־ומשא נישט געהאַט. האָט אים אַ חסיד אין אַ שבת, צי אין אַ יום־טוב אַ זאָג געטאָן: „קומט, ר׳ איטשע, מיט מיר אַהיים עסן״ — האָט ער שטענדיק געהאַט אַ פּאַרטיקן ענטפער: „האַיאַר בין איך שוין פאַרזאָרגט מיט שבתים און יום־טובים״.

ס׳איז ביי אים געווען אַ פריידן צו בלייבן אין די אָוונטן אַליין. ער האָט פון אינעווייניק פאַרקייטלט די טיר פון שטיבל און ביי אַ יאָרצייט־ליכט איז ער אָפּגעזעסן ביז נאָך האַלבער נאַכט איבערן „זוהר״. אָבער „תקוני־הזוהר״ און „ספר חסידים״. משיח, גאולה, אָרעמקייט — דאָס האָט ר׳ איטשען אויפגעהאַלטן. ער האָט געפילט מיט אַלע אברים אַז ס׳איז בעסער פאַרן צדיק צו בלייבן אַן אָרעמאַן. ווען דער צדיק רייך ווערן, ווערט ס׳צדקות פון אים אַוועק. דער אמתער צדיק — „איהו עני בגלותא״ — דאָס איז דער אָרעמאַן אין גלות.

וואָס האָט ר׳ איטשע נישט אָפּגעטאָן ער זאָל ווערן „דער אָרעמאַן אין גלות״? מען דאַרף זיין נע־ונד? מען דאַרף זיין ווייט פון ווייב און קינדער? מען דאַרף גיין איבער די הייזער? מען דאַרף ליידן יסורים? שוין צוואַנציק יאָר ווי ר׳ איטשע איז אַ בעל־תשובה. ער איז נע־ונד, גייט קרוע־בלוע, איז ווייט פון ווייב מיט קינדער, גייט איבער די הייזער. און דאָס אַלץ טוט ער נישט צוליב זיך, נאָר צוליב ציבור. און אַז די רייכע, אַרויפגעאַרבעטע חסידים־פעדלער לאַכן פון אים, איז וואָס? ער קומט דאָך צו זיי נישט מיטן פאַראַדנעם אַריינגאַנג. ער פאָרט דאָך נישט אויף קיין פערד, פאָרט נישט מיט קיין קאַטש, מיט קיין אויטאָמאָביל. ער גייט צופוס — „עני ורוכב על חמור״.

אַזוי זיינען פאַרביי צוואַנציק יאָר.

ס׳האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

און אַז דער שונא האָט פאַרשפאַרט די פוילישע יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין דער לובלינער געטאָ, געריסן פון זיי לעבעדיקע אברים — האָט ר׳ איטשע דורכגעלעבט די אַלע יסורים, די אַלע עינויים.

די יידן אין פוילן האָבן געהונגערט — ר׳ איטשע האָט מיטגע־הונגערט. דער ר׳ איטשע, וואָס האָט שוין איבער צוואַנציק יאָר גאַרנישט

געוואַלט פאַר זיך, האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער ניו־יאָרקער גאַסן, ווי אַ הונגעריקער, פאַרוואונדעטער וואָלף, און געהאַט איין באַגער — „ווי קריגט מען זיך אַריין אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין דער לובלינער געטאָ".

דער זעקס־פוסיקער ר' איטשע, מיט דער פאַרזשאַווערטער באָרד, האָט נישט געקענט איינזיצן אין גערער שטיבל. דאָס טראָגן זיך איבער די גאַסן האָט געטאָמעוועט די יסורים, ליכטיקער געמאַכט דעם מוח, פאַרזיכערט, אַז די מחשבה, וואָס הייבט זיך ביי אים אַלץ העכער און העכער, וועט דערטאַפּן ערגעץ אַן אַנלען.

ר' איטשעס מחשבה איז שוין געווען ווייטער פון משיח־בן־יוסף, ווייטער פון משיח־בן־דוד. ר' איטשע האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז משה רבנו טראָגט אין זיך דיביידע משיחים — „אחיד בתרין משיחין". פון די אַלע משיחים האָט זיך אַרויסגערוקט אַ משיח, אַן אָרעמאַן וואָס ליגט פאַרשפאַרט אין אַ תפיסה, אין אַ געטאָ, טראָגט אין זיך אַלע יסורים, אַלע עינויים, וואָס ס'יידישע פאָלק לעבט איבער. אָט דער משיח, דער אָרעמאַן, איז נישט בלויז יושר און גערעכטיקייט — וואָס דער מענטש קען אַן דעם נישט לעבן — ע ס  א י ז  ד י  ש כ י נ ה  אַ ל י י ן.

בשעת ר' איטשעס קרובים זיינען באַקוועם געזעסן אין טריוועסעס אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך געגליטשט דורך די נאַסע גאַסן צו הענרי סטריט, איז ר' איטשע אַ דורכגעווייקטער, אַ געפרוירענער, אַריין אין גערער שטיבל, וואו אַ יאָרצייט־לעמפּל האָט געברענט אויפן עמוד.

אין שטיבל איז געווען פינצטער.

פון נישט עסן און שפּאַנען אַ גאַנצן טאָג האָט ר' איטשע געפילט אַ ווייטיק אין די פיס, אינעם קרייץ. אַלץ האָט אים וויי געטאָן. ר' איטשע האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער וויל — צי אַ הייס גלאָז טיי, צי אַ טרונק בראַנפן, צי גאָר אַ געשריי טאָן.

אַ קאַץ האָט זיך געשאַרט אַרום ר' איטשען. זי האָט געטורעמט דעם רוקן, געהויבן דעם עק און דער חלל אַרום איר איז פול געוואָרן מיט אַ וואָרטשען.

ר' איטשע האָט נישט געטריבן פון זיך די קאַץ. ער האָט זי גע־גלעט איבערן רוקן, איר געוואָרפן דורכגעווייקטע שטיקלעך ברויט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער נאַסער קעשענע. דערנאָך איז ער צוגע־

פאַלן מיטן קאָפּ צום עמוד, נישט געהערט ווי אַ שכנה, אַ חסידתטע, האָט אים אַריינגעבראַכט אַ טעלער געקעכץ. ר׳ איטשע האָט זיך צע־ברומט:

— רבונו־של־עולם! אוי, רבונו־של־עולם!

.6

אַ ברוינער פעקאַרד האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן געדער שטיבל, וואו די גאַס און טראָטואַרן זיינען געווען פאַרפּלייצט פונעם רעגן. דער דיקלעכער קאַרייער, דער שאָפער, האָט ברייט געעפנט ס׳אויטאָמאָביל־טירל. איינער נאָכן אַנדערן — שטראַל, טריוועס, בערגסאָן — האָבן זיך פלינק אַ שאַר געטאָן צו די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט אין אַ טונקעלן קאָרידאָר.

פון אַ גאַז־רערל, וואָס מען זעט שוין כמעט נישט אין ניו־יאָרקער הייזער, האָט אַ פלעמל זיך געצויגן מיט אַ ציטער. דאָס פלעמל האָט קוים באַלויכטן אַ שטיקל קאָרידאָר, אַ קראַך־פּאָס מיט אַ בלעכענעם שעפער און אַ טיר מיט אַ מזוזה. די מזוזה איז געווען אויסגעבויגן און געשוואָלן פון צופיל גלעטן און קושן.

די דריי אירע, וואָס זיינען געקומען צו ר׳ איטשען, האָבן אויפ־געכאַפּט ווערטער און שטיקלעך רייד, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט תרעומות:

„...טאַטע־פאָטער, דיין פאָלק ישראל גייט אָפּ אין בלוט... דיין פאָלק ישראל גוססט... וואָס שווייגסטו, טאַטע־פאָטער?

— הערסט? — האָט טריוועס אַ נעם געטאָן שטראַלן פאַר אַ האַנט און זאָגן האָט ער געוואָלט — פונקט ווי ביי דיר אין דער דער־ציילונג וועגן געדער רבי.

שטראַל האָט זיך איינגעהערט. זיינע עטוואָס געבויגענע פּלייצעס האָבן זיך מער געבויגן. דער טרויער אין די אויגן איז געוואָרן טיפער, די חושים — וואַכער. ער האָט אָן עפּן געטאָן די טיר.

וואו איז ער?

צווישן ניו־יאָרק און וואַרשע האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן „קפיצת־הדרך". שטח איז איינגעלאָפן און ס׳אַלטע געדער שטיבל פון דער אייזנ־באָס איז גאָר אַריבער אויף הענרי סטריט.

וואו זיינען אָבער די ברענענדיקע ליכט אויף די שטענדערס, אויף די טישן? וואו איז דער צעפלאָמטער אויוון? וואו איז ר׳ איטשע־מאיר מיט זיינע לומדים, די שאַרפע קעפּ און מוח־מענטשן?

קיינער האָט נישט געענטפערט.

אינעם פאַרוואָרלאָזטן שטיבל איז כמעט געווען פינצטער. קאַלט און פינצטער. דער נישט געהייצטער אייזערנער אויוון מיט די אָפענע פייערקעס און מיט די בלעכענע רערן האָט נאָך פאַרגרעסערט די קעלט. בלויז ביים עמוד, וואו אַ יאָרצייט־לעמפּל האָט געברענט, איז אַ שטיקל פלאַץ, גרויס ווי אַ תפיסה־צעל, געווען באַלויכטן.

ר׳ איטשע איז נאָך אַלץ געלעגן מיט צעשפּרייטע הענט אויפן עמוד. אויף די הענט — ס׳פּנים מיט דער צעפלויגענער באָרד. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז מענטשן שטייען הינטער אים.

ר׳ איטשע האָט זיך אַ הייב געטאָן, געשטעלט עטלעכע טריט און איז געבליבן שטיין אין מיטן „שטיבל״ מיט אַ וואַקל. ס׳פּנים איז ביי אים געווען אַן מראה. אין די אויגן, וואָס האָבן געבליקט אין ליידיקן חלל אַריין — צער. און אינגאַנצן האָט ער דערמאָנט איינעם, וואָס קומט אויף פון דער פאַליקע, וויל זיך עפּעס דערמאָנען ביז צו יסורים און קען נישט.

אַזוי זיינען פאַרביי עטלעכע רגעס. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט דערקענט, נישט בלויז שטראַלן און בערגסאָנען — מיט זיי האָט ער זיך שוין געהאָט באַגעגנט אין ניו־יאָרק — נאָר אויך טריוועסן, וועמען ער האָט נישט געהאָט געזען איבער אַ פערטל יאָרהונ־דערט. דאָס האָט אים קריקגעגעבן אַ ביסל קאָליר אין פּנים, דעם פינקל אין די אויגן. ער האָט צעגומען די הענט:

— געסט, געסט... שלום־עליכם, דוד... שלום־עליכם, הערשל... און דו, ישראל? דיך זע איך ס׳ערשטע מאָל אין אַמעריקע — האָט ר׳ איטשע געהאַלטן אַ ווייל טריוועסעס האַנט און אים געקוקט אין די אויגן — כ׳האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט דעם פּלפּול, וואָס דו האָסט געזאָגט צו דיין בר־מצוה. לאָמיר הערן צי דו געדענקסט אים?

טריוועס, וואָס איז געוואוינט געווען טיר און טויער זאָלן זיך פאַר אים ברייט עפענען, האָט זיך פאַרלוירן פון ר׳ איטשעס קוק, פון זיין הלוך. ס׳האָט זיך אים נישט געגלייבט, אַז דאָס איז דער זעלבער ר׳ אי־

טשע, וואס האט נאר וואס געהאט טענות צום רבונו־של־עולם, וואס האט נאר וואס אייגעריסן ווערטן. א נישט זיכערער, ווי ער וואלט געקומען צ׳ ר׳ איטשען אויף א פארהער, האט ער נישט דרייסט א זאג געטאן:

— דאכט זיך פון דער גמרא חולין?

און ווי ער האט ארויסגעזאגט ס׳ווארט „חולין״, האט א פאר־בארגן קעמערל זיך אן עפן געטאן ביי אים אין מוח. ווערטער, לאנג פאר־געסענע, האבן אויפגעטוקט אין זכרון. פון פרייד איז טריוועסן אזש הייס געווארן און ער האט מיטן אנשטעל פון א וואויל בחורל אנגעהויבן מיט א פלפול ניגון:

— האוכל מגיד הנשה...

— געדענקסט, געדענקסט — האט דער פינקל אין ר׳ איטשעס אויגן אויפגעלויכטן — גירסא דינקותא געדענקט זיך.

שטראל און בערגסאן האבן געגאפט.

ר׳ איטשע האט ארויסגערוקט די לאנגע באנק, וואס איז געשטא־נען לעבן דעם פיר עקיקן טיש און געוויזן מיט דער האנט:

— זיצט.

און אז ר׳ איטשע איז געזעסן אין דער מיט און פוןביידע זייטן שטראל און טריוועס, האט מען זיך געכאפט, אז בערגסאן איז נישטא אין שטיבל. צי דערפאר וואס ער האט קיינעם נישט אויסגעפעלט, צי דער־פאר וואס מען איז געוואוינט געווען ער זאל אין מיטן דערינען פאר־שווינדן — קיינער האט זיך נישט נאכגעפרעגט אויף אים.

ר׳ איטשע, וואס איז מיט א קאפ העכער געווען פון ביידע קרובים, האט פריער א קוק געטאן אויף שטראלן, דערנאך אויף טריוועסן, אזא קוק געטאן, ווי ער וואלט זיך געקליבן פרעגן: „וואס וועט איר זאגן גוטס?״ ער האט זיך אבער גארנישט געפרעגט. ס׳פארחושכטע פנים זיינס האט זיך בלויז גענומען לייטערן. ס׳איז געווען קענטיק, אז ר׳ אי־טשע האט שטארק געבענקט נאך א מענטש, אנדערש וואלט ער זיך אזוי נישט דערפרייט מיט די קרובים.

טריוועס האט זיך אנגערופן:

— וואס וועט זיין מיט אונדזערע פוילישע יידן? דער דייטש נעמט ביי זיי צו די הייזער, די געוועלבער, ס׳גאלט. וואס פאר א ווערט

האט שוין דעמאלט ס'נפש? ווייסט איר כאטש, ר' איטשע, אז יעדער פוילישער ייד, דא אין אמעריקע, איז היינט צו טאג אן אבל?

ר' איטשע האט א ווייל געבליקט פאר זיך אין טונקעלן חלל אריין און געשוויגן. דערנאך האט ער געוויזן אויפן יארצייט לעמפל:

— חושך, הא?

ער איז ארויף אויף דער באנק און האט א צי געטאן אן איבער־געריסן שטריקל, וואס איז אראפגעהאנגען פון דער סטעליע. צוויי עלעק־טרישע לעמפלעך האבן זיך אנגעצונדן. ס'איז געווארן ליכטיק אין גרערער שטיבל. אויף פאליצעס, וואס מען האט זיי פריער נישט געהאט געזען, און וואס האבן פארנומען א גאנצע וואנט, זיינען ספרים, מיט געליישטע רוקנס, געשטאנען און געלעגן.

ר' איטשע האט זיך קריקגעזעצט און גערעדט אין חלל אריין:

— אוודאי זיינען מיר אבלים. אבער נישט דערפאר, וואס דער רשע נעמט ביי די פוילישע יידן צו די הייזער, די געוועלבער, ס'געלט. דאס האט מען שוין לאנג ביי אונדז געדארפט צונעמען. ווי זאגט גאט אליין: „ואל זה אביט, אל עני ונכה רוח" — בלויז דער ארעמאן און דער געשלאגענער אין געמיט, בלויז זיי זיינען גאט צום הארצן. און אז דו, ישראל — האט ער זיך א קער געטאן צו טריוועסן — ביסט רייך, מען זאגט ביסט שטארק רייך, וואוינסט אין פאלאצן, האסט די שענסטע מטרוניתות, איז וואס? ס'איז דאך געגנוג, אזא יונגאטש, ווי היטלער, זאל זיך באווייזן און אלץ נעמט זיך וואקלען — מלכים, מלוכות, א פשיטא שוין אזא רייכער ייד ווי ישראל טריוועס — האט עשירות דען א האפט? ס'האט נישט, ישראל. ס'איז בלויז א בלענדעניש, וואס פירט צו זינד און רשעות. ווייסט וואס דער „זוהר" זאגט אויף „ערב־רב"? „ערב־רב" — דאס זיינען רייכע יידן, קרובים למלכות, יידן וואס וואוינען אין פא־לאצן, יידן אן י י ד י ש ק י י ט. און לומדות א ל יי ן איז אויך גאר־נישט. און אז מען איז שוין א „חמור נושא ספרים", איז וואס? און אז מען האט שוין איינגעשלונגען ש"ס, איז וואס? דער עיקר איז גלויבן, דער עיקר איז בטחון, דער עיקר איז יידישקייט. און וואס מיינט איר איז יידישקייט? אט דאס, וואס אוידווינג טריוועס, דער קיניג פון לאמפנ־שירמעס, האט נאך פינף און צוואנציק יאר הפקר לעבן דערפילט א ברי. די פאלאצן זיינען מיטאמאל ענג געווארן, און ער איז געקומען צו זיינס

אַ קרוב, וואָס גייט איבער די הייזער, דאָס אַליין איז שוין אַ ניצוץ פון ייִדישקייט. אָבער בלויז אַ ניצוץ. פון דעם ניצוץ דאַרף ערשט ווערן אַ פייער, וואָס ס'זאָל וואַרעמען, וואָס זאָל געבן כוחות, מען זאָל דערפילן דעם אמת ייִדישן ברען. אַזוינע פייערן האָבן מיר שטענדיק געהאַט. פוי־לישע ייִדן טראָגן נאָך היינט אין זיך ס'קאָצקער פייער. איך, דוד און אַפילו דו, ישראל, צי, ווי דו רופסט זיך דאָרט, אוירווינג — ווען נישט ס'קאָצקער פייער וואָלט איר אַלע היינט דאָ נישט געווען. און וואו איז הערשל? — האָט ר' איטשע זיך אַרומגעקוקט — גייט מן הסתם אין זיין זיידעס, אין ר' יאַנקעלע טעמערלעס, דרכים. דער ר' יאַנקעלע איז אויך געווען פון דעם קאָצקערס תלמידים, פון דער „חבריא קדישא", מיט ווען ר' מענדעלע האָט יעדן טאָג געלערנט אַ שיעור גמרא מיט תוספות און רמב"ם. ביים לערנען האָט מען געפרעגט קשיות. מען האָט אָפּגע־ווענדט און געזאָגט תירוצים. און אַז איינער פון די תלמידים איז געזעסן ביי איין שיעור, ביי אַ צווייטן און נישט געהאַט וואָס צו פרעגן, נישט געהאַט וואָס אָפּצואוווענדן, האָט מען אַזאַ איינעם געהייסן מוחל זיין פר־נעם שיעור. און ווי די „חבריא קדישא"ן כמעט שטענדיק הונגעריקע, ווייל מען האָט אין קאָצק געהונגערט, האָט זיך פאַרטיפט אין לערנען, איז ר' יאַנקעלע טעמערלעס פאַרשוואונדן. און ר' מענדעלעס ווערטער, אָפּגע־האַקטע, שאַרפע, אַרויסגעזאָגט מיט התלהבות, האָבן געקענט רירן אַ שטיין, אַ פּשיטא שוין אַ מענטש. און אַז ר' מענדעלע איז געזעסן מיט די תלמידים, אַריינגערעדט אין זיי אַזוי לאַנג, ביז יעדער איז געוואָרן בטל־במציאות, ערשט דעמאָלט האָט זיך באַוויזן ר' יאַנקעלע טעמערלעס מיט אַ פלאַש אָקעוויט, מיט פרישע אייער־קיכלעך. מען האָט זיך איבער־געכאַפּט די הערצער, מיט אַן עוקץ בראָנפן, מיט אַ שטיקל אייער־קיכל. מען האָט זיך אַרומגעגאַרטלט, ווער מיט אַ שטריק, ווער מיט שטרוי און געלאָזן וויסן דער וועלט — „לה' הארץ ומלואה". אין דעם זכות האָט מען הערשלס זיידע איבערגעלאָזט אין דער „חבריא חדישא".

די אייגענע ווערטער האָבן אַ הייב געטאָן ר' איטשען פון דער באַנק. ס'פנים האָט ביי אים געלויכטן. און נישט בלויז ס'פנים. אויך די באָרד, די ברעמען און דער עיקר — די אויגן. ער האָט גערעדט, גערעדט. שטראַל און טריוועס האָבן איינגעזאַפּט די ווערטער, ווי דורשטיקע — קוואַל וואַסער. זיי האָבן געזען, ווי דער שאָפער, דער קאַרייער, האָט

אַריינגעטראָגן אַן עמער קוילן, ווי ער האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוון, צעלייגט אַ פייער. זיי האָבן געזען, ווי דער איבערגעוואָקסענער בערגסאָן איז אַריינגעקומען מיט אַ פלאַש בראָנפן, מיט אַ שמאַלץ־הערינג און איי־ערקיכלעך. אַזוי פלעגן חסידישע יונגעלייט קומען אין „שטיבל" אַריינ־מיטן שלוש־סעודות. זיי האָבן דאָס אַלץ געזען און נישט געטראַכט דער־פון. די אויגן, די אויערן, אַלע חושים זיינען געווען געווענדט צו ר' אי־טשען. און ר' איטשע האָט גערעדט:

...וויסן דאַרפט איר, אַז דער קאָצקער ברען, ס'קאָצקער פייער איז נישט אַלץ. אין קאָצק איז נאָך עפּעס געווען — א יי ן קעסל, א יי ן בייטל. און אַז מענטשן האָבן איין קעסל און איין בייטל, האָבן זיי אויך א יי ן גאָט. דערפאַר טאַקע איז אין יעדן קאָצקער חסיד געזעסן ד י ג אַ נ צ ע י י ד י ש ע א ו מ ה. מען האָט נישט געציטערט איבער אַ מויער, איבער אַ געוועלב, איבער געלט. דער גריצער רב, ר' פייוול דאַנציקער, דערציילט, אַז בשעת ער איז געווען מיט ר' מענדעלען אין פּשיסכע האָבן ביידע געהונגערט, שטאַרק געהונדערט. פּונקט דעמאָלט, איז אָנגעפאַרן קיין פּשיסכע אונדזער הערשלס עלטער־באָבע, די רייכע טעמרעלע. זאָגט ר' פייוול צו ר' מענדעלען: „כ'קען קריגן געלט פון טעמרעלען". דערויף האָט ר' מענדעלע אַ שפּיי געטאָן מיט אַזאַ רוגזה — „וואָס? געלט?" — אַז ר' פייוול האָט וואָכן־לאַנג נישט געקענט קוקן אויף אַ מטבע.

און אַז מען וואָלט ביי דיר, ישראל — האָט ר' איטשע זיך מיט־אַמאָל צוגעזעצט צו טריוועסן, גאָענט צוגעזעצט — צוגענומען די פאַב־ריקן און די פּאַלאַצן, וואָלסטו דען געוואָרן אָרעמער? הייבט זיך נישט אָן? פון דעם ניצוץ ייד, וואָס היטלערס רשעות האָט אַ וועק געטאָן אין דיר, וואָלט געוואָרן אַ גאַנצער ייד. און אַן אמתער ייד איז אַ צדיק. דען ווער איז אַ צדיק? אַ צדיק איז „עני בגלות" — אַן אָרעמאַן אין גלות, וואָס דאַרף אַפילו קיין טלית נישט, ווייל ער הילט זיך איין אין „ארבע כנפות הארץ". און ס'געבעט פון אַן אָרעמאַן איז די ש כ י נ ה א ל יי ן — „וצלותא דעני איהי שכינתא". איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַרן רשע־מרושע, פאַר היטלערן — האָט ר' איטשע זיך אַ צי געג־טאָן אין זיין גאַנצער הייך — מיר וועלן טאַקע אַרויס פון דער וועלט־שרפה צעמזיקטע, מיר וועלן אַרויס „בשן ועין", דערפאַר געשטאַרקטע,

## אמתע יידן מיט בטחון

ר׳ איטשע האָט גענומען אַן עוקץ בראָנפן. ער האָט פאַרביסן מיט אַ קריש הערינג, מיט אַ שטיקל אייערקיכל. אַלע האָבן אים נאָכגעטאָן. אַפילו דער קאַרייער.

— הער, כען — האָט טריוועס אַ זאָג געטאָן צום שאַפער — וויפל וואָלסטו געגעבן מען זאָל אַרויסטרייבן די יאַפּאַנעזער פון קאָרייע?

— מיין גאַנץ פאַרמעגן, באַלעבאָס.

אַלע האָבן אַנגעקוואָלן.

איצט זיינען שוין אַלע געשטאַנען. ר׳ איטשע אין דער מיט. אַרום אים — שטראָל, טריוועס, בערגסאָן און דער קאַרייער.

ר׳ איטשע האָט גערעדט, לאַנג גערעדט.

פונעם אַנגעהייצטן אויוון מיט די אָפענע פייערקעס האָבן קנוילן ליכט געפלייצט איבערן דיל, אַריבערגעטראָגן דאָ ר׳ איטשען, דאָ די גאַנצע חבריה, אויף דער וואַנט, וואָס איז אַמאָל וויס געווען. צווישן די רייד האָט זיך געהערט ווי דער רעגן קלאַפּט אין די שויבן.

און די אויגן?

די ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס זיינען פול געווען מיט אומרו און חידוש, האָבן זיך אָנגעפילט מיט בטחון, זיך צעשטראַלט, וואָס זיי געפינען זיך אין קאָצק מיט ר׳ מענדעלען, אויף דער אייזן־גאַס מיט ר׳ איטשע־מאירן, אויף הענרי סטריט מיט ר׳ איטשען.

ס ו ף.

# פון זעלבן מחבר:

●

א ראָמאַן פון א פערד־גנב און אנדערע דערציילונגען
אונטערוועלט (דערציילונגען)
היברו (ראָמאַן)
אַליין (ראָמאַן)
לינטשעריי (דערציילונגען)
אין פוילישע וועלדער (ראָמאַן)
1863 (ראָמאַן)
אַרום די חורבות (דערציילונגען)
אויף זייטיקע וועגן (דערציילונגען)
ביאַנקע (דערציילונגען)
די טענצערין (ראָמאַן)
קלאַסנקאַמף (דערציילונגען)
שטעט און מענטשן (דערציילונגען)
מי און פורעם (דערציילונגען)
מלאָווע — ניו־יאָרק (דערציילונגען)
אַ טאָג אין רעגענסבורג און אליהו בחור (ראָמאַן)
מענטשן און חיות (דערציילונגען)
צווישן ימען און לענדער (אַ רייזע קיין ארץ־ישראל)
אויף יענער זייט בריק (דערציילונגען, מלוכה פארלאַג 1929)
פונדקא רטיבתא (דערציילונג)
קוילנגרעבער (דערציילונג)
שרהקע (ראָמאַן, „קינדער־פריינד”, ווארשע, 1939)
בלוט און פייער (דערציילונגען, „קינדער־פריינד”, 1935)
גאָרעק סטריט (דערציילונגען, ווארשע 1936)
דער משפט (דערציילונג)
ראַסע (דערציילונגען)
ווען פוילן איז געפאַלן (דערציילונגען)

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן
דרוקן דעם 30־טן יולי 1945, דורך
דעם פאַרלאַג „יידיש“, אין דער
דרוקעריי „קולטור“, בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir el día 30 de julio de 1945 por Editorial ''Idisch'' en los Tall. Gráf. ''Cultura'' Bs. As.

## אַרויסגעגעבענע ביכער פון פאַרלאַג
## „יידיש":

●

1) אלע ווערק פון י. ל. פּרץ, אין 18 בענדער, געבונדן אין לייוונט.

2) „מיר ווילן לעבן" — ראָמאַן פון יעקב באָטאָשאַנסקי, 520 זייטן.

3) יאָרבוך פון יידישן ישוב אין אַרגענטינע, פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפט־לעבקיים (אין דרוק).